STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00007

ALE SHRIFTEN

Jacob Gordin

Permanent preservation of this book was made possible by
Paul J. Isaac
in honor of
Frederich I. Isaac

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע שריפטען

— פון —

יעקב גארדין

פיערטער באַנד

היברו פּאַבּלישינג קאָמפּאַני
52-50 עלדרידזש סט., ניו־יאָרק.
1910.

Copyright 1910, by The Hebrew Publishing Company.

ALL WRITINGS
of
JACOB GORDIN

Copyright 1910
by the Hebrew Publishing Company.

אינהאלט־פערצייכניס

די גרויסע וועלט־דראַמאַ

די גרויסע וועלט־דראַמאַ 3

דראַמאַ און דראַמאַטורגען

דראַמאַ 53
טהעאַטער ביי די אַלטע גריכען 63
טהעאַטער ביי די רוימער 67
קורצע ביאָגראַפיען 71
מאָליער 84
גאָטהאָלד אפרים לעססינג 98
נאָך וואָס דאַרף מען טהעאַטער? 107
אילוזיאָן און דראַמא 114
דראַמאַ און ראָמאַן 120
קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס קונסט אין אמעריקאַנער גלות 123
זודערמאַן'ס ליכט און שאָטען בעווייזען אין שמעטערלינג־שלאַכט 128
אָסטראָווסקי'ס און קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס נאַציאָנאַלע דראַמאַ 134
גאָרקי'ס „די קינדער פון דער זונן" 139
טשעכאָוו'ס „אָנקעל וואַניאַ" 144
„נאָראַ" און ווי אזוי קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ שפּיעלט זי 149
קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ און בראַוויטש אין איבסען'ס „בוימייסטער" 155
„דאָס לעבען פון אַ מענשען" 161
„גאָט פון נקמה" 167
געדאַנקען וועגען אַ סופליער 172
רעאַליזמוס און ראָמאַנטיזמוס 176
אונזערע קריטיקער 185

פערשיעדענעס.

סנפיר וקשקשת 197
סנפיר וקשקשת (קריטישע עטיודען)........................ 203
וואס איז אַ סטיל?........................... 211
ווער זיינען אונזערע וועג־ווייזער?........................ 215
וואָלטער 227
די געשיכטע פון כריסטענטהום..................... 254
אייניגע בעמערקונגען וועגען יודישען דעבס............ 258
ציוניזמוס און רעוואָלוציאָן....................... 262
נאַציאָנאַליזמוס און אַסימילאַציאָן 267
העברי וואַדסוואָרטה לאָנגפעלאָו..................... 285
וואו ליעגט די שולד?........................... 295
אַלט און נײַ גריבענלאַנד........................ 300

די גרויסע וועלט-דראמא.

די גרויסע וועלט־דראמא.

איינלייטונג.

די וועלט־געשיכטע איז א דראמא. די ענטוויקלונג פונ'ם מענשענ'ס גייסט, זיינע מאטעריעלע ערוועבונגען, זיינע אידעאליסטישע שטרעבונגען, זיין שווערער קאמפף און זיינע ליידען, זיין פראגרעס און שווערע ארבייט, זיינע בלוטיגע מלחמות און צוזאמענשטויסונגען, — דאס אלעס איז א גרויסע שוישפיעל, א וועלט־דראמא.

ווי אזוי געהט די ענטוויקלונג פון שוישפיעל? פריהער קומט די טראגעדי, (גריכענלאנד), נאכהער קאמעדי (רוים) און דראמא (די מאדערנע וועלט). טראגעדי — דאס איז דער בלינדער גלויבען, דער פאטאליזם: דער שיקזאל פון מענשען איז אין די הענד פון די געטער. קאמעדי — דאס איז די ערוואכונג פון דעם קריטישען געדאנק: דער מענש הויבט אן צו לאכען פון דעם, וואס איז פערגעטערט, און שפאטעט פון דעם, וואס האט איהם געשראקען. דראמא — דאס איז טהעטיגקייט און זעלבסט־בעוואוסטהייט: דער מענש נעהמט זיין שיקזאל אין זיינע אייגענע הענד.

אין אנפאנג איז דאס לעבען פון דער מענשהייט א טראגעדי. דער מענש איז הילפלאז, אונטערוואַרפען, אונטערדריקט פון די געהיימע קרעפטע פון דער נאטור, וועלכע ער פערגעטערט. ער איז אבהענגיג פון א מאכט, וועלכע איז אויסער איהם. ער איז אזוי שוואך און דערשראקען, דאס ער האט מורא צו שפיעלען א ראלע אין זיין אייגענעם שוישפיעל. איהם שרעקט דאס, וואס ער קען ניט בעגרייפען, אלעס וואס עס איז אונלאגיש אין זיין לעבען, ערקלערט ער און פערענטפערט מיט'ן ווארט שיקזאל, מזל. ער איז פאססיוו, אין דעם ליגט די טראגעדי.

אָבער דער מענש וואַקסט, זיין בליק ווערט קלאָרער. ער הויבט אָן צו פערשטעהן זיינע אייגענע שוואַכקייטען און די שוואַכקייטען פון זיינע אָטאָריטעטען. אַלעס וואָס איז אונלאָגיש און קאַריקאַטוריש, צווינגט איהם צו לאַכען, נעגען דעם בלינדען מזל טרעט ער ארויס מיט איראָני און נעגען דאָס קאָמישע פון מענשענס לעבען מיט שפּאָט. דער קאָמיזמוס שוואַכט אָב דאָס טראַגישע, די קאָמעדי פיהרט צום סקעפּטיציזמוס.

דאן קומט די העכסטע שטופע פון מענשענ׳ס ענטוויקלונג, — די דראַמא. דער מענש שאַפט אליין זיין היסטאָרישען לעבען, קאָנטראָלירט די אומשטענדע, פאָרשט און בעהעררשט די אויסערע וועלט, די נאַטור. האַנדעלט, טוט, שפּיעלט אליין זיין ראָלע אין זיין שוי־שפּיעל און ליידעט אליין פון די דראַמאַטישע קאָליזיאָנען, צוזאַמענ־שטויסונגען. ער ווערט אַקטיוו. אַקטיוויטעט און זעלבסט־בעוואוסט־הייט — דאָס איז דראַמא.

דאָס אַלגעמיינע היסטאָרישע לעבען פון דער גאַנצער מענשהייט איז טראַגעדי, קאָמעדי, דראַמא!

1.

א קלוגער מענש האָט אמאָל געזאָגט: „די וועלט איז א קאָמעדי פאַר דעם וואָס דענקט און א טראַגעדי פאַר דעם וואָס פיהלט". עס קען זיין, עס איז אַזוי; אָבער מען מוז דערצו נאָך צוגעבען דיעזע בעמער־קונג: פאַר דעם מענשען אָבער, וואָס פיהלט און דענקט צוזאַמען, איז די וועלט א דראַמא. אום איהר זאָלט קענען בעסער פערשטעהן אונזער געדאַנק, מוזען מיר געבען אַם וויינינגסטען א קורצע ערקלערונג וועגען דיעזע דריי פאָרמען פון דער דראַמאַטורגיע. עס איז נויט־ווענדיג צו וויסען, וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען קאָמעדי, טראַ־געדי און דראַמא?

אין א טראַגעדי שפּיעלט די פּערזענליכע איניציאַטיווע פון א מענשען און זיין אייגענער ווילען זעהר א קליינע ראָלע. די טרויעריגע

ענדע פון די געשילדערטע עראייגניסע העגנגען ניט אָב פון די פּערזאָ־נען און ניט פון די אומשטענדען, וועלכע דער מענש בעשאַפט. אַ מאכט וועלכע מען קען ניט בעגרייפען; ערשיינונגען, וועלכע קומען, דוכט זיך, גאָר אָהן אורזאכען; אַ צופעליגער אונגליק, אַ שלים־שלי־מזל ברענגט די טראגישע אויפלעזונג. דער שוואכער מענש דענקט ניט; ער פיהלט נור זיין שוואכקייט און הילפלאָזיגקייט. ער איז צודריקט און צושמעטערט פון אַ דעספּאָטישער קראַפט, וועלכע ער קען ניט קאָנט־ראָלירען און מיט זיין ווילען פערענדערן... אין אַ טראגעדי בענוצט זיך דער דיכטער מיט די פאַטאַלע עלעמענטען פון אונזער לעבען; דאָס הייסט, אַזעלכע ערשיינונגען, וועלכע דער מענש קען ניט ער־קלערען און גלויבט, אַז זיי קומען פון מזל, אָדער פון אַ קאַפּריזנעם מעכטיגען גאָט. דער מענש, וואָס פיהלט נור און דיינקט ניט, רע־כענט דאָס לעבען פאַר אַ טראגעדי.

דאָס לעבען פון מענשען איז, פּונקט ווי אַ „געטטאָ“ אידישע היסטאָרישע אָפּערא, פול מיט אונלאָגישע איבערראַשונגען, לעכער־ליכע ווידערשפּריכע, אונערקלערליכע צוזאַמענשטויסונגען, „אָהן פאַר־וואָס'דיגע“ קאָמישע ערגעבניסע, נאַררישע מנהגים און זיטען, וועל־כע מאכען דעם מענשען פאַר אַ לעכערליכען און שוואַכען שקלאַף. דער געניאַלער מענש אָדער טויגעניכטס, דער דענקער אָדער דער גראָ־בער נארר, — אַלע שפּיעלען אין לעבען, מעהר אָדער ווענינער, אַ קאָמישע ראָלע און זיינען, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, פּערסאָנאַ־זשען אין דיעזער אונגעשיקליכער און אונגעלומפּערטער וועלט־קאָמע־די.

אויב אַ דיכטער קען זיך, אויף די פליגלען פון זיינע געדאנקען, אויפהויבען העכער פון דיעזער קאָמישער זייט פון אונזער מארק־לעבען, אויב ער קען מיט זיין קאַלטען, קריטישען געדאנק, אָהן די מיטווירקונג פון זיינע געפיהלען, אויפפּאַסען און ריכטיג אָבשאַצען די קליינליכקייט און ביליגקייט פון דיעזע קאָמישע ערשיינונגען, — איז פאַר איהם דאָס לעבען פון אַ מענשען אַ לעכערליכע קאָמעדי, אַ קאָמעדי פון טעות'ן און אונלאָגישע צופעלע. ער זעהט דעם גרויסען חכם, וואָס רופט זיך מ ע נ ש אין מאַנטעל פון אַ פּאַיאַץ; ער זעהט דעם קעניג פון אַלע בעשעפעניסע אין אַ מיצעל פון אַ נארר, און פיהרט איהם אין אַזאַ צושטאַנד ארוים פאַר'ן פּובליקום.

אין א קאָמעדי ווערען אילוסטרירט די קליינליכע שטרעבונגען פון דעם מענשען, זיין שוואכקייט, זיין קורצזיכטיגקייט און זיינע וועלט־אנשויאונגען, די אייטעלקייט פון זיינע פערלאנגען, די אָבגע־שמאַקטקייט פון זיינע טראַדיציאָנען. אין א קאָמעדי ווערען געשילדערט די ליידענשאַפטען פונ'ם מענשען, דער קאַמפף פון זיינע אינטערעסען נור פון זייער קאָמישען כאראקטער־אויסדרוק. דער סאַטירישער דיכ־טער זאָגט אונז מיט זיין קאָמעדי: זעהסט, דאָס אַלעס וואָלט געקענט זיין זעהר טרויעריג, ווען עס זאָל ניט זיין אזוי לעכערליך. דער גרויסער פראַנצויזישער דיכטער מאָליער, וועלכער האָט געשריבען נור קאָמע־דיען, רופט זיך ניט אומזיסט דער גאָט פון לאַכען. דער גרויסער דענ־קער און אמת'ער קינסטלער, וואָס בעאָבאַכטעט דאָס לעבען נור מיט זיין קאַלטען זינן, בעטראַכט די וועלט אַלס א קאָמעדי פאר וועלכע דער מענש פערדיענט צו ווערען אָבגעשפּאָטעט און אָבגעלאַכט.

אין א דראמא, פערקעהרט, זיינען ניטאָ קיינע צופעליגע און פאַ־טאַלע ערשיינונגען. יעדע ערגעבנים האָט איהרע געזעצליכע, נאַטיר־ליכע אורזאַכען, יעדע עראייגניס קומט נור ארויס פון געוויסע אומ־שטענדע, וועלכע מוזען עקזיסטירען. אין א דראמא שטאַרבט מען ניט און מען ווערט ניט אונגליקליך אָהן א פאר וואָס, אָדער דורך א נאַררישען צופאַל; די דראַמאַטישע אויפלעזונג וואַקסט נאַטירלי־כערווייזע ביז זי ווערט רייף און יעדע ערשיינונג קען מען גרינדליך ערקלעהרען. די סיטואַציאָן און די אומשטענדען זיינען פּראָדוקטען פון דער האַנדלונג, פון דער אַקטיוויטעט פון די, וואָס נעהמען אנ־טהייל אין דער דראמא. קיין זאך קומט ניט אָהן א פאר וואָס....
דער דיכטער, וואָס שרייבט דראַמען, זאָגט אונז: מען דאַרף ניט נור דענקען, אָדער נור פיהלען — ווילסט דו פערשטעהן דעם מענשען'ס לעבען־וועלט? פיהל און דענק צוזאַמען.

אונזער מענשליכעס לעבען איז א גרויסע דראַמאַטישע ווערק, וואָס ווערט פאר אונז יעדען טאָג געשפּיעלט אויף דער גרויסער וועלט־ביהנע. אין דיעזער סאָציאָלאָגישער דראמא זיינען דאָ ראָלען פאר א פּאָטער־ראַליסט און א „ווילעין", פאר א ליעבהאָבער און אן אינ־טריגאַנט, פאר א כאראקטער קאָמיקער און פאר א סובּרעטין, פאר א קייזערליכען הויף־נארר און פאר א גאַסען־רעזאָנער, פאר דעם קליגס־מען חכם און פאר דעם גרעסטען שוטה, פאר דעם ערעלסטען אידעאַ־

ליסט און פאַר דעם מגושם'דיגען מאַטעריאַליסט, פאַר דעם העלד און פאַר דעם מאַרטירער. עס איז, ווי מען שרייבט אין די אַפּישען, אַ ריע־זען־פּערזאָנאַל... דיעזע גרויסע דראַמאַ האָט זעהר פיעל סצענען, ערשיינונגען, עפעקטען און זי גיט גענוג מאַטעריאַל פאַר יעדען. עס איז דאָ וועגען וואָס צו דענקען און וואָס מיט'ן הארץ צו פיהלען; עס איז דאָ פון וואָס צו לאַכען און וועגען וואָס צו וויינען.

ביי די אַלטע גריכען זיינען געווען צוויי בעריהמטע פילאָזאָפען. איינער האָט זיך גערופען דעמאָקריט דער לאַכעדי־גער, וויל ער האָט געלאַכט פון דער וועלט; דער אַנדערער האָט זיך גערופען היראַקילט דער וויינענדיגער, וויל ער האָט די וועלט בעוויינט. מען זאָגט, אַז דער ערשטער האָט געלאַכט פון נאַראָנים, דער צווייטער האָט בעוויינט שופטען!... אָבער דאָס לעבען בעשטעהט ניט נור פון בעוויינען (טראַגעדי) און אויסלאַכען (קאָמעדי) — דאָס לעבען בעשטעהט הויפּטזעכליך פון טאָן, פון טהעטיגקייט (דראַמאַ). די מענשען־וועלט בעשטעהט ניט נור פון נאַר־ראָנים און שופטען. קלוגהייט און דומהייט, גוטעס און שלעכטעס, ניעדריגעס און ערהאַבענעס זיינען צוזאַמענגעפלאָכטען אין דער מאַ־טעריע, וואָס דאָס לעבען וועבט, און דאָס אַלעס צוזאַמען בעשאַפט די וואונדערבאַרע דראַמאַ פון לעבען.

„גראַה, ליעבער פריינד, איזט אַללע טהעאָרי,
און גרין — דעם לעבענס גאָלדענער בוים...."

דער קאַלטער דענקער און בעאָבאַכטער קלעטערט אַרויף אויף די הויכע שטופען פון אַנאַליז און קריטיק און קוקט פון דאָרט אַראָפּ אויף דער וועלט און דעם מענשענ'ס לעבען, ווי אויף אַ קאָמעדי. ער פעראַכטעט אַביסעל דעם מענשענ'ס קליינליכקייט און צווייפעלט, אויב דערפון, וואָס עס עקזיסטירט אין זיין לעבען, קען עטוואָס בעסערעס אַרויס. דאָס איז סקעפּטיציזם.

דער פיליהענדער מענש שרעקט זיך פאַר די ערשיינונגען, וועלכע פיהרען צו טראַגישע ענדע... ער קען זיך ניט ערקלערען, וואָרום דאַרף מען ליידען און קעמפען, וואָרום ענדיגט זיך דער ספּעקטאַקעל פון לעבען מיט טויט און פערניכטונג, און ער ווערט פערצווייפעלט, דאָס איז פעסימיזם.

דער וואָס דענקט און פיהלט, קען ניט צווייפלען, פעראַכטען

און פערצווייפעלט זיין. איהם שרעקען ניט די ערשיינונגען, ער זוכט צו קעמפפען געגען די אורזאכען, וועלכע בעשאפען זיי, און שטרעבט צו פערענדערען די אומשטענדען, וועלכע רופען זיי ארויס. ער ווייס, דאָס אין דיעזער וועלט־דראמא קומט קיין זאַך ניט דורך א צופאל, און דאָס דער צופאל אליין קומט דורך געוויסע געזעצליכע אורזאכען. א דראמא איז דאָס! דער קאָסמאָס, די אלל־וועלט גיט איהר זיינע דע־קאָראַציאָנען און אויסשטעלונג, די אַלגעמיינע געשיכטע גיט איהר סיוזשעטען, סאָציאָלאָגיע גיט איהר טיפּען און כאראקטערע!...

מערקווירדיג, די פרוי, וועלכע שפּיעלט אזא אונבעדייטענדע ראָ־לע אין אונזערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פערהעלטניסע, פערנעהמט אין דעם דראַמאַטישען עלעמענט פון אונזער היסטאָרישען לעבען אַן אויסער־אָרדענטליכען פּלאַץ. אין דער טהעאַטער־קאָמפּאַני, וואָס שפּיעלט די וועלט־דראַמאַ, איז זי די „לידינג ליידי". ווען דער מענש וויינט און בעקלאָגט זיין לעבען, בעשולדיגט ער אין א גלייכער מאָס די מוטער ערד־ און די מוטער־פרוי. ביידע זיינען שטענדיג געווען די פּאָרשטעהערינס פון דעם שרעקליכען טראַגישען עלעמענט פון לעבען — אונבעשטענדליכקייט און שטערבליכקייט.

די ערד איז געווען דער מקור פון אלע קראַנקהייטען און ליידען. איהר פריהלינג האָט נאָר געוויזען איהר אונבעשטענדליכקייט. די שעהנע בליהענדע טעג פלעגען זיך באַלד פערבייטען אין די טרויע־ריגע קאַלטע טעג פון ווינטער. איהר לעבען און פרוכטבארקייט פלעגען באַלד פערשוואונדען ווערען און אנשטאט זיי פלעגט קומען דער קאַל־טער טויט און פערניכטונג... די פרוי האָט דער מענש באַלד צוגעגלי־כען צו דער ערד. זי האָט ביי דער ערד גענומען די פונקציאָנען פון לעבען און טויט, פון פּראָדוקציאָן און פערניכטונג. אלע מאָראַליס־טען און רעליגיאָנס־לעהרער פון די אַלטע צייטען האָבען גערעכענט די ערד פאַר א טהאָל פון געוויין און טרויער, פאַר א בית־עולם פון פער־ניכטונג און טויט. דער פרוי האָט מען אויך געגעבען דעם זעלבען כיבוד. מען האָט זי גערעכענט פאַר אַן אונווירדיגע כלי, וועלכע איז פול מיט אונשטערבליכקייט... אלע שלעכטע מעלות האָט מען איהר געגעבען, זי איז געווען גיפטיג ווי א שלאַנג און זינדיג ווי א טייוועל. ווען מען איז ניט געבוירען געוואָרען איז ניט געווען קיין טויט!... דער מענש האָט געזעהן, דאָס מיט וועהטאָגען ווערט מען געבוירען און מיט א

פירכטליכע אגאָניע געהט מען אוועק פון דער וועלט. און דיעזע שרעק־ליכע אויפלעזונג פון דער לעבענס־דראַמאַ האָט איהם געשראָקען, גע־מאַכט אונצופריעדען און אונרוהיג.

דער רעליגיעזער געזעצגעבער בודדא האָט געלעבט גליקליך אויף דער וועלט. ער האָט געהאַט פיעל פערגניגען און האָט זיך אַמוזירט, ער האָט זיך ניט געפּלאָגט מיט קיין וועלט־שמערץ און האָט זיך ניט געגריבעלט. ער האָט שוין געהאַט 84 טויזענד ווייבער און האָט פיע־לייכט געקליבען זיך נאָך אַ פּאָאַר טויזענד מאָל חתונה צו האָבען... איין מאָל אָבער האָט ער אונערוואַרטעט בעגעגענט דיעזע פיער פי־גורען: עלטער, קראַנקהייט, אָרימקייט און טויט. ער האָט באַלד פערלאָרען זיין רוהיגקייט און צופריעדענהייט. וואָרום דאַרף מען דיעזע צרות און יסורים? שווינדעלט דער מענש אַליין זיך ניט אָב מיט זיינע פערגניגענס? נאָך וואָס זאָל מען ווייבער נעהמען, אום צו פערמעהרען די, וועלכע ווערען געבוירען צו שטאַרבען? דאָס לעבען איז אַ טראַגעדי און דאָס שטאַרבען איז אַ שרעקליכע אונ־גערעכטע ערשיינונג... דיעזע בעטראַכטונגען האָבען איהם געפיהרט צו דער איבערצייגונג, אַז „דאָס זיין און דאָס ניט־זיין איז דאָסזעל־בע...” בודדא האָט אויסגעפונען אַ מיטעל צו פערזיסען די ביטע־רע טראַגעדי פון לעבען. ער האָט אויסגעטראַכט אַזאַ ליידיגע עוויגקייט, וועלכע ער האָט אָנגערופען „נירוואַנע”, וואָהין אַלעס קעהרט זיך אום נאָכ'ן טויט, וואו קיין „זיין” קען ניט שטאַרבען, ווייל עס ווערט ניט געבוירען, וואו קיין זאַך ווערט ניט פערניכטעט, ווייל עס עקזיסטירט ניט. און וואו אַלעס עקזיסטירט אייביג, ווייל דאָרט איז ניטאָ קיין טויט און פערניכטונג... נאָך דיעזע אידעע איז דאָס לעבען גאָר ניט, און דאָס וואָס קומט נאָכ'ן טויט — אַלעס... דער מענש, וועלכער האָט זיך געשראָקען פאַר'ן לעבען ווי פאַר אַ שרעקליכע טראַגעדי, האָט געוואָלט אָבנאַרען דעם טויט מיט דעם וואָס ער האָט פערניינט דאָס לעבען... דאָס לעבען אָבער איז אונאָב־הענגיג פונ'ם מענשען'ס פעסימיסטישען ניין, עס איז אַ דראַמאַ פול מיט טהעטיגקייט און האַנדלונג.

„דער טויט איז די קיהלע נאַכט,
דאָס לעבען איז דער שווילער טאָג...
עס דונקעלט שוין, מיך שלעפערט —

דער טאָג האָט מיך מיעד געמאַכט.
איבער מיין בעט ערהויבט זיך איין בוים,
דרין זינגט די יונגע נאַכטיגאַל;
זי זינגט פון לויטער ליעבע,
איך הער עס זאָגאַר אין טרוים..."

2.

פראָמעטעאוס דער ליכט ברענגער.

זאָגט פראָמעטעאוס צו יופיטער דעם גאָט:
איך זאָל דיר עהרען? פאַר וואָס?
האָסטו דען די שמערצען געהיילט
א מאָל פון דער ליידענדען?
האָסטו דען די טרערען געשטילט
א מאָל פון דעם געפאַלענעם?
וואָס האָט מיך צום מאַן געבילדעט, אויב ניט
די אַלמעכטיגע צייט
און דער עוויגער שיקזאַל,
וועלכע זיינען מיינע הערען און דיינע"?
(פון געטהע'ס פראָמעטעאוס).

ווען דער מענש האָט נאָך געלעבט אין דער צייט פון זיין קינדהייט, האָט שוין זיין פאַרשענדער געדאַנק געזוכט די אויפקלערונג פון די גרויסע פראַגען פון דער וועלט דראמא, די געהיימניספאָלע און אונפערשטענדליכע פראבלעמען (אויפגאַבען) פון דעם לעבען, דעם מענשענס גייסט איז געווען בעאונרוהיגט מיט די ערשיינונג פון דעם קאָסמאָס (אַלל־וועלט) און פון זיין סאָציאַלען לעבען, וועלכע האָבען ניט געקענט איינשטימען מיט זיינע פאַרשטעלונגען פון גערעכטיגקייט. דאָס גאַנצע מענשען־געשלעכטע האָט געליטען פון אונוויסענהייט און

נויט. די גרויסע מעכטע פון דער נאטור פלעגען אונערוואַרטעט קומען און אונגליקליך מאכען אונשולדיגע מענשען מיט פערצווייפלונג, מיט שרפות, מיט וואולקאנישע אויסברוכען, מיט שטורם־ווינדען א. ז. וו. ארום זיך האָט ער געזעהן, ווי א ברודער שטעהט געגען א ברודער: קין פערגיסט דאָס בלוט פון הבל׳ן.

דאָס בלינדע „מזל" גיט גליק און צופריעדענהייט דעם שלעכטען און אונגערעכטען, און פערקעהרט, דעם גוטען מענשען קומט דוקא אָן צרות און יסורים. ווען מען וויל און מען דאַרף לעבען, קומט פּלוצ־לינג דער טויט, ציהען זיך אָהן א סוף די ביטערע, פינסטערע טעג. פאר וואָס איז דאָס אזוי? ווער האָט עס אזוי איינגעריכטעט? ווער בעשאפט דיעזע דראמאטישע אויסבריכע און צוזאמענשטויסונגען אין מענשען׳ס לעבען? איז דאָס לעבען א דראמא, וואו יעדע ערשיינונג קומט דורך געזעצליכע אורזאכען? אָדער איז עס א שרעק־ליכע טראגעדי, וואו יעדעס אונגליק קומט אָהן א פאר וואָס, דורך פאטאלע, אונאויפקלעהרבארע, דעספּאָטישע מעכטע, וועלכער דער מענש קען ניט פערענדערען און אונטער וועלכע דער מענש דאַרף זיך גאָר אָהן שאלות אונטערווארפען?...

ניט נור דאמאלס אין די אלטע צייטען, זאָנדער יעצט זיינען דאָ זעהר ווייניג מענשען, וועלכע קענען זיך בערוהיגען מיט׳ן ראטה פון א פּאָעט־פילאָזאָף, וועלכער זאָגט:

„בליק אומהער, אָה פריינד, און זעה
זאָרגזאָם, ווי דער חכם זעהט:
וואָס פערגעהען מוז, פערגעהט,
וואָס בעשטעהען קען, בעשטעהט,
וואָס געשעהען וויל, געשעהט..."

אין דער לעבענס־דראמא, ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט, האָט דעם מענשען זעהר געשראָקען דער טויט. אָבער די שטערבליכקייט האָט איהם געגעבען דעם ערשטען אימפּולס, דעם ערשטען שטויס צו דענקען פון אונשטערבליכקייט, געראדע ווי די ענדליכקייט פון אלע זאכען, וואָס ער האָט געקענט אויפפּאַסען מיט זיין אויג, האָט איהם געפיהרט צו דעם פון אונענדליכקייט, די קורצע צייט פון זיין לעבען — צום בעגריף פון עוויגקייט, די אונבעשטענדליכקייט פון דעם מענ־שענס מיינונגען — צום בעגריף פון אזעלכע ווארהייטען, וועלכע

זאָלען זיין אבסאָלוט; דאָס הייסט אזעלכע ווארהייטען, וועלכע זאָלען קענען בלייבען אייביג אונפעראענדערט און ניט אָבהענגיג פון מענשען׳ס ענטוויקלונג און פּראָגרעס, אזעלכע ווארהייטען, וועלכע זאָלען בלייבען זעלבסשטענדיג אָהן דעם מענשען׳ס סוביעקטיווען „איך״...

די פאַנטאזיע און פאָרשטעלונגס־קראַפט פון מענשען זיינען איהם געקומען צו הילפע און האָבען איהם בעשאַפען אזעלכע העכערע וועזענס, וועלכע זיינען אונשטערבליך, אזעלכע העכערע „עטוואָס׳ען״, וועלכע רעגיערען איבער די קרעפטע פון דער אלל־וועלט און האָבען די השגחה אויף דעם מענשען׳ס שיקזאל און אויף די עראייגניסע פון זיין לעבען. געוויס, דיעזע העכערע „עטוואָס׳ען״ האָבען ניט בעלאַנגט צו דעם ריעזען־פערזאָנאל פון דעם וועלט־טהעאַטער און האָבען זיך ניט געקענט ערנידעריגען צו שפּיעלען ראָלען אין דיעזער גרויסער דראַמאַ. זיי זיינען געווען די דירעקטאָרען און מענעדזשערס פון דיעזען קאָלאָסאַלען „שפּיל־הויז״ וועמען זיי האָבען געהאַלטען פאַר א „סטאַר״, האָבען זיי געגעבען גרויסען „מאַרקען״, און די „פּורציעס״, די באַהעלפערס, ווּפיעל זיי האָבען זיך ניט אָנגעשטרענגט צו שפּיעלען, האָבען דאָך געקראָגען א מכה!

דער וואָס פערפאַסט יעצט א דראַמאַ, רופט זיך אווטאָר, און אויב זיין „פּלעי״ געפעלט ניט, הייסט מען איהם באַלד נעהמען דעם וועג. די וואָס האָבען פערפאַסט די גרויסע וועלט־דראַמאַ, זיינען גערעכענט געווען פאַר די העכסטע אויטאָריטעטען, און צו אָנערקענען זייער אונפעהיגקייט און הייסען זיי נעהמען דעם וועג, האָט זיך געפאָדערט פיעל צייט און פיעל קאַמפּף...

פעסטשטעלען די עקזיסטענץ פון אויטאָריטעטען קען מען נאָר מיט דאָגמען. דאָגמאָ איז א מיינונג, וועלכע ווערט מיט דער צייט פערשטיינערט. עס איז א מין אוקאַז מיט דער אונטערשריפט פון אן אָטאָקראַט: „ביט פּאָסעמו״... דאָגמען פערשמידען דעם מענשען׳ס גייסט, ערלויבען איהם צו דענקען נאָר אויף א געוויסען אופן און לאָזען ניט צו קיין שאלות און פאָרשונגען... אָבער ווי באַלד דאָגמען פאַנגען זיך אָן צו קריסטאַליזירען, פאַנגט אָן דעם מענשען׳ס געדאַנק צו אונטערזוכען און צו קריטיזירען. דער געדאַנק שטרעבט זיך צו בעפרייען, און דער מענש טרעט ארויס מיט אן אָפענעם פּראָטעסט. דער פאָרשטעהער פון פרייען געדאַנק זעהט נאָר דעם קאָמישען און לע־

בערליכען אויסדרוק פון די עקזיסטירענדע וועלט־אנשויאונגען און שטרעבונגען און די גאַנצע וועלט בעטראַכט ער אַלס א גראַנדיעזע קאָמעדי, דאָס איז ס ק ע פּ ט י צ י ז מ ו ס.

סקעפּטיציזמוס הייסט: דער מענש איז אין ספקות. ער צווייפעלט, ער גלויבט ניט מעהר אין דעם, וואָס מען האָט פריהער געגלויבט. ער פערשטעהט די אונגרינדליכקייט פון די הערשענדע מיינונגען און פאַנגט אָן צו זוכען ווארהייטען, אבסאָלוטע ווארהייטען. ווען די אַלטע מיינונגען זיינען צושטערט, ווען די אַנערקענטע אויטאָריסטען זיינען אראָפּגעשמיסען פון זייערע טראָנען, און קיינע אבסאָלוטע ווארהייטען זיינען נאָך ניט געפונען: ווען אַלע זיינען נאָך ניט געפונען: ווען אַלע טעמפּלען פון גייסט בלייבען שטעהן לעער און אויף די גרויסע פראַגען פון דער וועלט־דראַמא געפינען זיך ניט קיינע ענטפערען; ווען אַלעס, וואָס איז געוועזען הייליג, איז פערשפּאָטעט און צו חוזק געמאַכט און קיין נייעם הייליגטהום איז נאָך ניט ערפונדען — דאַן פאַנגען אָן די געפיהלען צו רעדען שטאַרקער פון'ם פערשטאַנד, און דער מענש בעטראַכט דאָס לעבען אַלס א טרויעריגע פאַטאַלע, שרעקליכע טראַגעדי — דאָס איז פּ ע ס י מ י ז מ ו ס... צום ביישפּיעל: נאָך דער גריכישער טראַגעדי איז געקומען די רוימישע קאָמעדי און נאָך איהר די פּאַסיוויטעט פון קריסטענטהום. טויזענדער יאָהרען האָבען געדאַרפט אוועק ביז דאָס סאָציאַלע לעבען האָט זיך ענטוויקעלט ביז דער ד ר א מ א.

יעדע היסטאָרישע עפּאָכע פון דעם מענשען'ס גייסטיגע ענטוויקלונג פאַנגט זיך אָן און ענדיגט זיך מיט סקעפּטיציזמוס. פון אָנפאַנג קומט דער סקעפּטיציזמוס פון אונוויסענהייט, וועלכער איז מעהר טראַגיש, ווי קאָמיש. די מאַסען אין יעדע געזעלשאַפט זיינען קאָנסערוואַטיוו און אונענטוויקעלט. די פּאַרטגעשריטענע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפט האָבען שוין לאַנג אָנגענומען און אַנערקענט א גאַנצע רייהע פון נייע מיינונגען, בעשליסע און איינפיהרונגען, און די מאַסען צווייפלען נאָך. לאַנגזאַם ווערען די בעשליסע פאַר אַלע אונצווייפעלהאַפט. עס ארבייט זיך אוים א גאַנצער באַרג פון גייסטיגע געזעצע און סיסטעמען: און אַזוי ווי דער אידישער גאָט האָט אויפגעהויבען דעם באַרג סיני איבער די קעפּ פון אידישען פאָלק און האָט זיי געצוואונגען צו זאָגען: „נעשה ונשמע (מיר וועלען פאָלגען און הערען)", אַזוי

הויבען אויף אַלע אויטאָריטעטען זייער בארג פון דאָגמען און בע־שליסע איבער די קעפּ פון די מאסען. אָבער די מאסע שרייט נאָך „נעשה ונשמע״, און דער פרייער געדאַנק פון מענשען פאַנגט שוין אָן צו רעוואָלטירען. די מאסע דענקט נאָך, אז דאס לעבען איז א טראגעדיע, און די קריטישע אויג קוקט שוין אויפ׳ן לעבען, ווי אויף א קאָמעדיע. עס געשעהט, וואס מיר האָבען פריהער בעמערקט, — דער סקעפּטיציזמוס צושטערט דאס אנערקענטע, די אַלטע אויטאָריטעטען. דאַן קומט א פּעריאָדע פון פּעסימיזמוס. יעדע היסטאָרישע עפּאָכע איז אַן אַקט פון דיעזער גרויסער וועלט־דראַמא אין די אַנטראַקטען הערשט אונאָרדנונג, און א צוזאמענשטויס פון געדאַנקען, אידעען און פאָר־שטעלונגען.

אַלע פעלקער האָבען פּאָעטישע לעגענדען און ערצעהלונגען וועגען טיטאַנען, גרויסע און טאַפּפּערע העלדען, וועלכע האָבען גענומען אויף זיך דעם קאַמפּף געגען די דעספּאָטישע אויטאָריטעטען. דער גייסט פון אַנטאַגאָניזם, פון ווידערשפּרוך און פּראָטעסט, איז פערקערפּערט געוואָרען אין געוויסע מעכטיגע פּערזאָנען, פון וועלכע עס דערצעהלען אונז וואונדערבאַרע און שעהנע פאָלקס־דיכטונגען...

*

* *

ביי די גריכען האָט דער שטרייט פון די שוואַכע שטערבליכע מיט די מעכטיגע אונשטערבליכע געפיהרט דער געטליכע פּראָ־מעטעאוס. ער איז אליין געווען א גאָט און דערפאר זיינען די אויסדריקע פון זיין פּראָטעסט און פון זיין סקעפּטיציזמוס געווען מעכ־טיגער. ער האָט ערקלערט די געטער אַן אָפענעם קאַמפּף און איז ארויס־געטראָטען אַלס פערטהיידיגער און בעשיצער פון די שוואַכע, אָרעמע מענשען וועלכע האָבען געליטען פון דער אונגערעכטיגקייט און דעס־פּאָטישען ווילען פון די געטער. ער איז געווען דער פאָרשטעהער פון פרייען געדאַנק און האָט געוואגט צו פערניינען דאס, וואס אַלע האָבען געהאַלטען הייליג און העכער פון קריטיק.

ביי די אזיאַטען, וועלכע זיינען פיל אָן אָבגעשוואַכט פון די קלימאַטישע און אנדערע פיזישע אומשטענדען, אין וועלכע זיי

לעבען און פון וועלכע זיי ווערען גענייגט מעהר צו פאטאלע אנשויאונ־גען — ביי די אזיאטען האָט דער סקעפּטיציזמוס געפיהרט, ווי מיר האָבען פריהער דערצעהלט וועגען דעם לעהרער ב ו ד ד א, צור זעלבסט-פּערניינונג צו דער נ י ר ו ו א נ ע. ביי די געזונדע און מונטע־רע גריכען איז בעשאַפען געוואָרען אַ מונטערער און געזונטער סקעפּ־טיציזמוס, אַ מעכטיגער און בעדריטענדער פּראָטעסט געגען דעם, וואָס האָט געשיינט אונגערעכט צו זיין, געגען דעם, וואָס מאכט דאָס לעבען פאַר אַ טראַגעדי, די רייכע און פּאָעטישע פאַנטאַזיע פון די גריכען האָט פּראָדוצירט אַ מיטהאָלאָגישען קעמפּפער פּראָמעטעאוס. דיעזע וואונדערבאַר שעהנע און אינהאַלטס־רייכע פאָלקס־לעגענדע וועגען דעם גרויסען געהעכטיגקייטס־קעמפּפער, אין וועלכער עס ווערט אויסגע־דריקט די וועלט־אנשויאונג פון די גריכען און אַ געוויסע ריכטונג פון זייער געדאנק, — דיעזע שעהנע לעגענדע איז דראַמאַטיזירט געוואָרען פון דעם גרויסען גריכישען דיכטער און פילאָזאָף ע ס ח י ל אָ ס.

די מערקווירדיגע דראַמאַ פון עסחילאָס מיט'ן נאָמען „פּראָ־מעטעאוס" איז אַ וועלט־דראַמאַ, ניט נור דערפאַר, ווייל עס איז אַ קלאַ־סישעס זשעניאַלעס ווערק, עס איז אַ וועלט־דראַמאַ, ווייל עס רעפּרע־זענטירט אַ גרויסע היסטאָרישע עפּאָכע פון מענשען'ס לעבען, ווייל אין איהר ווערט מיט העלע פילאָזאָפישע און פּאָעטישע פארבען גע־שילדערט די אייביגע שטרעבונג פון דעם מענשען'ס געדאנק צור פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

פּראָמעטעאוס, דיעזער מעכטיגער טיפּ פון קאַמפּף און פּראָטעסט, האָט בעגייסטערט די גרעסטע דענקער און פּאָעטען פון דער וועלט. פון איהם האָבען גערעדט אַלע די גרויסע מענשען, וועלכע האָבען זיך אינטערעסירט מיט די פּראָבלעמען פון אונזער לעבענס־דראַמאַ.

וועגען איהם האָבען פילאָזאָפירט און געזונגען, אויסער ע ס־ח י ל אָ ' ן, ס אָ ק ר אַ ט ע ס און פּ ל א ט אָ, ז ש י אָ ר ד א נ אָ ב ר ו נ אָ און ק א מ פּ א נ ע ל ל א, ה ע ר ד ע ר און פ י כ־ט ע, ש ע ל ל י און ב אַ י ר אָ ן, ג ע ט ה ע און ה י י נ ע.

אין דער מיטהאָלאָגי, אין דער געטער־געשיכטע פון אַלע פעלקער, אין דער סקאַנדאַנאַווישער „עדדא", אין דער אידישער ביבעל, אין די אַלטע לעגענדען פון גריכענלאַנד, אין דער „זענדאָוועסטא", אין די „וועדא" און „ריגוועדען" פון די אָריענטאַלישע פעלקער, — איבעראַל

האָט דער לעבהאַפּטער געדאַנק פון מענשען געשאַפּען אַ סקעפּטישען
עלעמענט, אַ מאַכט פון אַנאַליז, אַלס אַ געגענזאַץ צו די זעלבסטהער־
שענדע אויטאָריטעטען, צו דאָגמען און טראַדיציאָנען. דער פרייער
גייסט פון דעם אַמאָליגען מענשען האָט זיך ניט אימער אָהן פּראָטעסט
אונטערוואָרפען אונטער דעם יאָך פון שקלאַפעריי, און ער האָט געמור־
מעלט געגען די „אויבערשטע”... איהם האָט געקרענקט, פאַרוואָס זיי־
נע קרעפּטען זיינען בעשרענקט, זיינע שטרעבונגען צום גליק געהינ־
דערט, זיינע ווינשע ניט ערפילט. און דיעזע גייסטיגע ריכטונג זיינע
האָט אימער אויסגעדריקט אַ פאַנטאַסטישער קעמפּפער, אַ גאָט־רעוואָ־
לוציאָנער, אַ העלד, אַ פערניינער און פּראָטעסטאַנט! מיט זייערע לי־
פּען האָט די מענשהייט אויסגעשפּראָכען איהר אונצופריעדענהייט.
פּראָמעטעאוס איז דער ערשטער סקעפּטיקער פונ׳ם אַלטען גריכישען
פאָלק. דאָס איז די ערוואַכונג פון דעם ערשטען געדאַנק צו רופען דעם
מענשען פון זיין פּאַסיווען צושטאַנד צו אַקטיוויטעט.

אָט איז אין קורצען דער אינהאַלט פון דער לעגענדע וועגען פּראָ־
מעטעאוס: דער שטאָלצער און אַלמעכטיגער גריכישער גאָט צ ע
א ו ס, דער אויבער קאָמאַנדיר פון אַלע געטער, האָט מיט פעראַכ־
טונג און גרויזאַמקייט בעהאַנדעלט דאָס מענשען־געשלעכט. די שמער־
צען פונ׳ם מענשען, זיין נויט און ארמוטה האָבען איהם, אַלס העכע־
רען וועזען, ניט אינטערעסירט. זיין הערשענדע מאַכט האָט ניט גע־
וואוסט פון קיין בעשרענקונגען און זיין לוסט האָט ניט געדולדעט קיין
הינדערניסע. ער האָט געוואָרפען דונערען און בליצען אויף די קעפּ
פון אַלע אונגעהאָרכזאַמע. דאָס מענשען־געשלעכט איז געזעסען אין
דער פינסטערניס, אָהן פ י י ע ר און אָהן ל י כ ט, און דארום
האָבען זיי ניט געוואוסט פון קיין אידוסטריע און קיין קונסט. דאָס
ליכט איז געווען אין די הימלען ביי צעאוס׳ן. פּראָמעטעאוס האָט ניט
געקענט פערטראָגען אַזאַ אָרדנונג. ער איז אָפען אויפגעשטאַנען געגען
זיין „אויבער גאָט” און די גאַנצע פמליא של מעלה. ער האָט אַוועקגע־
נומען ביי די הימלען דאָס פייער און האָט איבערגעגעבען צו די ליי־
דענדע מענשען. דאָס הימלישע פייער האָט זיי געגעבען דאָס ליכט פון
וויסענשאַפט און קונסט, האָט געפיהרט צור ענטוויקלונג פון פערשיע־
דענע נוצליכע האַנד־ווערקע און אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען —
אַ שריט פון פאַסיוויטעט צו אַקטיוויטעט, פון טראַגעדי צו דראַמאַ.

פּראָמעטעאוס האָט געאָפּפערט זיין אייגענעם גליק, אום גרינגער צו מאַכען דעם שיקזאַל פון מענשענ'ס לעבען. ער האָט געקעמפּפט פאַר די שוואַכע, ליידענדע מענשען און פאַר די פערוואָרפענע גערעכטיג־קייט.

דער אידישער אַלמעכטיגער גאָט י ה ו ה האָט אויך ניט פערגונען דעם מענשען די פריכטע פון ע ץ ־ ה ד ע ת און ע ץ ה ח י י ם, וועלכע האָבען געוואַקסען אין זיין אייגענעם פּאַרק, אין גן־עדן. דער אידישער פּראָטעסטאַנט איז אַ מין נחש, אַ שלאַנג, אַ שטן, אַן איבעררייידער און פערפיהרער, גאָטס פערזענליכער שונא. יהוה אויף צו להכעיס האָט דיעזער שטן איינגערעדט חוה'ן, דער ערשטער פ ר ו י, דער מוטער פון מענשען־געשלעכט, ארויסצוטרעטען געגען דעם ווילען פונ'ם אַלמעכטיגען און ניט פאָלגען זיינע אונגערעכטע פאַ־דערונגען. ח ו ה האָט געגעסען פון די פערבאָטענע פּירות און האָט נאָך איהר מאַן א ד ם ' ן, אויך געגעבען צו עסען. דערפון איז גע־קומען דער גרויסער „זינדען־פאַל" פון מענשליכען געשלעכט און זיי־נע שרעקליכע רעזולטאַטען — דער טויט... די פרוי איז געווען די מוטער פון מענשען. זי איז געווען די מוטער און אורזאַכע פון טויט. אין דער גרויסער וועלט־דראַמאַ האָט די פרוי געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע, און זי האָט פעראורזאַכט די שרעקליכע אויפלעזונג און ביטערע ענדע. די ערשטע דראַמאַטיסטין פון דער וועלט, ווי איהר זעהט, איז געווען מאַדאַם חוה אדמ'ס... וועגען דיעזער לעגענדע פון זינדען־פאַל, דעם טויט, דעם קאַמפּף פון די געפאַלענע מלאכים מיט יהוה און וועגען דער אויפגאַבע פונ'ם שפּעטערן פּראָטעסטאַנט געגען אַלטע דאָג־מען, י ש ו ע ה נ וצ ר י, און די אַלע קריסטליכע גרויסע וועלט־דראַמען, וועלכע זיינען אויף דיעזער טהעמאַ געשאַפען געוואָרען, ווע־לען מיר רעדען שפּעטער. יעצט קעהרען מיר זיך אום צוריק צו דער גריכישער לעגענדע וועגען פּראָמעטעאוס.

די גריכישע וועלט־דראַמאַ ווערט אויך ניט געשפּיעלט אָהן אַ דראַמאַטיסטין. די „פרוי" האָט דאָ אויך צו שפּיעלען אַ גרויסע און פעראַנטוואָרטליכע ראָלע. ניט פּראָמעטעאוס אליין איז געווען אַ רע־וואָלוציאָנער געגען דעם גרויסען צעאוס. זיינע סקעפּטישע אנשויאונ־גען זיינען אויך איבערגעגאַנגען צו זיינע צוויי ברידער ע פּ י מ ע־ט ע אָ ס און א ט ל א ס. זיי ווערען אויך אויפגעבראַכט אויף דער

אונגערעכטער אויפפיהרונג, פון דעם מלך מלכי המלכים און זיי ווערען אויך רעוואָלוציאָנערען. צעאוס בעשטראָפט דיעזע הימלישע ניהיליסטען גרויזאם, ווי א וואהרער הימעל־צאר... פּראָמעטעאוס ווערט דורך דער געטליכער אדמיניסטראציאָן פערשיקט אויף די וויסטע בערג פון ק א ו ו ק א ז, וואו ער ווערט צוגעשמידט צו א פעלז מיט אייזערנע קייטען און וואו אן אָדלער קומט טאָג־טעגליך און עסט זיין לעבער, וועלכער וואקסט יעדען טאָג אָב צוריק... דער אונגעהאָרכזאמער אַטלאַס ווערט בעשטראָפט דערמיט, וואָס מען ווארפט ארויף אויף זיינע פּלייצעס די הימלען, און ער מוז אייביג האַלטען אויף זיך דעם גאַנצען רקיע השמים. אטלאס האָט געוואגט צו שיקען זיין מורמעל געגען דעם הימעל און זיינע איינוואוינער, און דערפאר מוז ער נעבעך אייביג שטעהן מיט דיעזער שווערער לאַסט אויף די שולטערן... און ווען ער וועט פאַלען אונטער זיין שווערער משא וועט צוזאַמען מיט איהם איינשטירצען די גאַנצע הימלישע געטער־סיסטעמע... וואָס פאר א גרויזאמע שטראָף!... דעם רעוואָלוציאָנער צווינגען אונטערצוהאַלטען דעם טהראָן פונ׳ם מאָנארך!..

פאר דעם דריטען ברודער עפימעטעאס האָבען די געטער אויסגעפונען די ערגסטע שטראָף: זיי האָבען בעשאַפען פון זיינעטוועגען א ווייב... דיעזע פרוי, מיט׳ן נאָמען פ א נ ד א ר א, איז בעשאַפען געוואָרען פון אַלע עלעמענטען פון דער מוטער ערד. און ווייל די דריי ברידער זיינען ארויסגעטרעטען אלס פריינדע און פערטהיידיגער פון דעם מענשענ׳ס געשלעכט, האָט „די פרוי״ פאנדארא זיי געבראַכט אַלע קראנקהייטען, אַלע חולאת׳ן און שמערצען, פון וועלכע מענשען ליידען יעצט. פאנדארא׳ן האָבען מיר צו פערדאנקען, וואָס מיר האָבען אַזוי פיעל דאָקטוירים, דענטיסטען און אפטייקערם...

פּראָמעטעאוס׳ן האָט זעהר געקרענקט, פאר וואָס די געטער אַליין זיינען אונשטערבליך און דעם מענשענ׳ס לעבען איז אזוי קורץ. יעדענפאַלס, אום גרינגער צו מאַכען און צו פערבעסערען דעם מענשענ׳ס לעבען, האָט ער צוזאַמענגעקליבען אַלע קראנקהייטען און וועהטאָגען און האָט זיי פערשפּארט אין א שקאַטולקע, וועלכע ער האָט פערזיגעלט מיט זיין חתימה. די פרוי פאנדארא, וועלכע איז בעשאַפען פון אַלע עלעמענטען דער ערד, האָט זיין זיעגעל אויפגעבראָכען און האָט צוזעעט און צושפּרייט צווישען דעם מענשען־געשלעכט אַלע חולאת׳ן,

אַלע קראַנקהייטען... אַלעס וואָס איז געווען אין דיעזער וואונדער־ליכער שקאַטולקע, איז ארויסגעפלויגען, אויפ'ן דעק איז נאָר געבלי־בען איין זאַך, דאָס איז: די האָפנונג...

אין דער גרויסער דראַמאַ פון עסחילאָס'עס „פּראָמעטעאוס" זויי־נען אין אַ פּאָעטישער און פילאָזאָפישער פאָרם אויסגעדריקט די שטרע־בונגען, די אויפגאַבע און דער קאַמפּף פון דיעזען געטליכען קעמפּפער, דיעזען פאָרשטעהער פון מענשליכען גייסט, וועלכער שטרעבט צו פריי־הייט און וואַרהייט.

פּראָמעטעאוס איז צוגעשמידט צו איינע פון די פעלזען פון די קאַווקאַזער בערג. אָדלערס צועסען יעדען טאָג זיין לעבער, זיינע אינע־ווענינקייטען, גראַדע אַזוי ווי די אינערע וועלט פון יעדען אידעען־קעמפּפער ווערט צוגעסען פון צווייפעל און זעלבסט־אַנאַליז. אָבער דער אינערער קאַמפּף פון יעדען טיטאַן און גרויסען קעמפּפער איז פער־באָרגען פון די ארומיגע, און די קייטען, מיט וועלכע די גאָטהייט שמידט איהם צו די פעלזען פון אַלטע טראַדיציאָנען, קענען ניט פער־שמידען זיין געניאַלען געדאַנק און זיין פרייען גייסט. דער וואהרער קעמפּפער איז און בלייבט דער זשעני פון פּראָטעסט! די געטליכע איי־גענשאַפטען פון צעאוס זיינען: געוואַלד, קייטען, גרויזאַמקייט. די געוועהר פון פּראָמעטעאוס זיינען דער קריטישער געדאַנק און די שטרע־בונג צו דער פרייהייט. צעאוס זיעגט, אָבער פּראָמעטעאוס טריאומ־פירט...

בעדייטענד און אינהאַלטסרייך איז די סצענע אין עסחילאָס דראַ־מאַ, וואו עס ווערט געשילדערט, ווי צום איינגעשמיעדעטען טיטאַן קומט דער רודף שלום'ניק, דער גאָט קראַטאָס, וועלכען צעאוס האָט געשיקט צו מאַכען אַן ענדע פון קריעג. מיט קראַטאָס'ן ערשיינט דער כאָר, וועלכער שטעלט פאָר די עלעמענטען פון דער בעגרענעצטער מיטעלמעסיגקייט און אונווירדיגע פראַקטישע האַלטונג... זיין מעסיג און פראַקטיש — ניט שטרעבען צו קיינע פערענדערונגען און ניט קריגען זיך מיט די אויטאָריטעטען — דאָס פּראָפּאַגאַנדירט שטענדיג דער אונדענקענדער, צופריעדענער רודף שלום'ניק דעם אונרוהיגען קעמפּפער...

אין עסחילאָס דראַמאַס שפּיעלען די ראָלע פון דיעזע פּראַקטישע ראַטהגעבער קראַטאָס און דער כאָר; אין דעם אידישען בוך „איוב"

שפּיעלען דיעזע ראָלע זיינע דריי פריינדע; אין „האמלעט" שפּיעלט דיעזע ראָלע פּאָלאָניוס; אין „פאוסט" — דער פיליסטער וואַגנער. קראָטאָס גיט צו פערשטעהן פּראָמעטעאוס'ן, ווי נאַרריש עס איז צו שטרייטען מיט דעם, ווער עס איז מעכטיגער פון אונז, און ראַטהעט איהם זיך צו ענטזאַגען פון זיינע איבערצייגונגען און מאַכען פריעדען מיט צעאוס'ן. דער כאָר און קראָטאָס ווידערהאָלען איהם די בעקאַנטע פּרינציפּען פון פּאָליציי־מאָראָל: „מיט אַ שטאַרקערען פון דיר פאַנג זיך ניט אָן און מיט אַ רייכערען פערקריעג זיך ניט"...

ניט דער אַלמעכטיגער צעאוס אַליין און ניט זיין שליח מיוחד קענען פערשטעהן, וואָס איז עס פאַר אַ שכל זיך אָנצונעהמען פאַר קליינע אונווירדיגע מענשעלעך און וואָס קען דערפון געווינען דער אונשטערבליכער פּראָמעטעאוס. נאָך וואָס דאַרפען דיעזע שוואַכע ברואים דאָס ליכט פון וויסען און אויפקלערונג? זייער גאַנצעס לעבען איז איין אויגענבליק און אַלע זייערע שטרעבונגען זיינען אַנשטרענגונגען פון מילבען!... און ווען זאָגאַר פּראָמעטעאוס'ן זאָל געלינגען צו פערבעסערען דאָס לעבען פון דיעזע פעראַכטעטע ברואים, וואָס וועט איהם ארויסקומען, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט ער דערביי?... איז כדאי צו ליידען דערפאַר, וואָס דיעזע מילבען, וועלכע רופען זיך מענשען, וועלען האָבען ליכט און פייער?

פּראָמעטעאוס דענקט אָבער ניט פון פּראָפיט און פּערזענליכע אינטערעסען. ער זעהט אונטערדריקטע און וויל זיי בעפרייען. זיי זיינען פרעמדע, זיי זיינען וויים פון דעם געטליכען קעמפּפער, אָבער ער טוט עס ניט צוליעב פריינדשאַפט, ער טוט עס אין נאָמען פון גערעכטיגקייט און פרייהייט. ער זעהט שוואַכע און קומט צו זיי הילפע מיט זיין מאַכט. ער זעהט פּאַסיווע מענשען און וויל זיי מאַכען אַקטיוו. ער אַנערקענט ניט די אויטאָריטעטען, וויל ניט בלינד זיי פאָלגען, צווייפעלט, אויב דאָס, וואָס עקזיסטירט, מוז בלייבען אין אַזאַ מיזעראַבלען צושטאַנד. ער איז בעאונרוהיגט פון די אַלע צרות, וועלכע פאַלען אויף די ליידענדע, הילפלאָזע און אונשולדיגע. ער שטימט ניט איין מיט דער מיינונג פון די „אויבערשטע", אַז פייער און ליכט דאַרפען בלייבען אין די הימלען, ווען דער אָרימער מענש זיצט אין דער קעלט און אין דער פינסטער, און ער רופט צום קאַמפף און פּראָטעסט! זיין סקעפּטיציזמוס שווינט ניט דעם אַלמעכטיגען צעאוס'ן און אַלע

טראַדיציאָנען, אויף וועלכע ער שטיצט זיך. פּראָמעטעאוס וויל בעפרייען דעם פערמידטען געדאַנק און אויפמונטערן דעם דערשראָקענעם מענשליכען גייסט. פון זיין מעכטיגען ספּעקטיציזמוס ציטערט דער טהראָן פון צעאוס, און פאַר די געטער בלייבט וויניג פּלאַץ אין די הימלען. מיט אַ געוואַגטע האַנד האָט ער צו די מענשען דאָס ליכט פון די הימלען אַרונטערגעטראָגען און צו די געטער האָט ער זיך געווענדעט, ווי די פאַנטאַזיע פון גרויסען דיכטער שטעלט עס פאָר מיט דיעזע ווערטער:

„געטער! איך בין קיין גאָט!
אונד בילדע מיר זאָ פיעל איין אלס איינער.
אונענדליך? אַלמעכטיג? —
וואָס קענט איהר?
קענט איהר דען וויטען רוים
מיר באַללען אין מיינע פויסט?
פערמעגט איהר צו שיידען
מיך פון מיר זעלבסט?...״

3.

איוב דער „פיעל־צרה׳דיגער״.

אין דעם גייסטיגען לעבען פון דעם אַלטען אידישען פאָלק האָט זיך אויך אויסגעדריקט אַ ריכטונג פון סקעפּטיציזמוס און אַ פּראָטעסט געגען דעם אַלמעכטיגען וועלט־הערשער און אויטאָריטעט יהוה, וועלכער מאַכט פון׳ם לעבען אַ טראַגעדי. דער אידישער פּראָטעסטאַנט איז ניט דער מעכטיגער קעמפּפער, דער שטאַרקער טיטאַן פּ ר אָ מ ע ט ע א ו ס; נאָר דער דענקענדער און וועלט־שמערץ־לײדענדער, „פיעל־צרה׳דיגער״ א י ו ב.

וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען איוב און פּראָמעטעאוס? דערזעלבער אונטערשיעד, וואָס צווישען דעם גרויסען דיכטער ג ע ט ־

העַ און דעם רוסישען מאַראַליסט ל ע ו ו ט אָ ל ס ט אָ י. געטהע איז אַ נאָכפאָלגער פון פראָמעטעאוס, ער איז אַ קלאַסישער גריך. לעוו טאָלסטאָי איז אַ תלמיד פון דעם פיעל־צרה'דיגען איוב, ער איז אַ כשר'ער איד. געטהע זאָגט צום גריכישען גאָט צ ע א ו ס מיט פראָמעטעאוס'עס מויל:

האָסטו נאָר געוואָלט
איך זאָל דאָס לעבען האַסען,
אין די מדבריות לויפען
ווייל נאָך ניט אַלע
בלומען־טרוימען זיינען צייטיג?
אָט דאָ בלייב איך און בילד מענשען
נאָך מיין געשטאַלט,
דורות, וואָס זאָלען פעהיג זיין
צו ליידען, צו וויינען,
צו געניסען, צו פרעהען זיך
און דיר ניט צו אַכטען,
אזוי ווי איך.

טאָלסטאָי זאָגט צו דער וועלט מיט איוב'ס ווערטער: „והחכמה מאין תבוא? ואיזה מקום בינה? ונעלמה מעין כל חי ומעוף השמים נסתרה..." (פון וואנען נעהמט זיך די חכמה וואו געפינט זיך די ווייזהייט? זי איז פערבאָרגען פון יעדען לעבענדען אויג, זאָגאר די פויגלען אין די הימלען האָבען זי קיין מאָל ניט געזעהן.) לעבען, פרייד, גענוס? דאָס איז אַלעס אונווירדיג. „למה יתן למעל אור וחיים למרי נפש?" — וואָס דארפען ליכט די פערמאַטערטע זעעלען? „השמחים אלי גיל ישישו כי ימצאו קבר" — די וואָס פרעהען זיך שוין יא מיט א שמחה, זיינען נאָך פרעהליכער, ווען זיי געפינען פאר זיך אַ קבר...

די גרויסע לעבענס־דראַמא, וועלכע ווערט יעצט געשפיעלט פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער איז אַ צוזאַמענגעמישטער פראָדוקט, וועלכער איז געשאַפען געוואָרען פון די גריכישע און אידישע ציוויליזאַציאָנען... ביידע ציוויליזאַציאָנען, די אידישע און די גריכישע, זיינען שטענדיג געווען פיינדליך איינע צו דער אַנדערער. זייערע אויפגאַבען זיינען געווען געגענגעזעצט. די גריכישע ציוויליזאַציאָן האָט אַם מייסטען געשטרעבט נאָר צו ערפינדען אַזעלכע איינריכטונגען און

אינסטיטוטען, וועלכע זאָלען פערבעסערען די אומשטענדען פון מענשענ'ס מאַטעריאַלען לעבען. זי האָט געזאָרגט פאַר דעם מענשען'ס וועלט. די אידישע ציוויליזאַציאָן האָט זיך הויפּטזעכליך אינטערעסירט נאָר מיט דער גייסטיגער, אינערליכער וועלט פון מענשען. די דאָמאָלסדיגע ווילדע אייראָפּעער האָבען פון רוים ערהאַלטען בירושה אלעס וואָס דיעזע ביידע ציוויליזאַציאָנען האָבען בעשאַפען... עס איז געווען אַ מיש־מאַש פון אידישע מאָראַל מיט גריכישע פילאָזאָפיע, פון קריסטליכע ענטזאַגונג און זעלבסט־אויפאָפּפערונג מיט דער קלאַסישער שטרעבונג צו שעהנקייט און געגוס... פיעל יאָהרען זיינען שוין פערביי־געגאַנגען, פיעל היסטאָרישע אַקטען פון דער וועלט־דראַמאַ זיינען שוין אָפּגעשפּיעלט געוואָרען, און דיעזע צוויי ריכטונגען זיינען נאָך אַלץ ניט צונויפגעשמאָלצען געוואָרען גענצליך. איז גובר א ד ו ם, דאַן פאַלט י ר ו ש ל י ם... דאָס הייסט, איז ביי די אייראָפּעער פעלקער שטאַרקער די שטרעבונג צום אויסבעסערען די אויסערליכע וועלט פון מענשען, דאַן שטאַרקט זיך די גריכישע ריכטונג. ראַציאָנאַלע מיינונגען הערשען, וויסענשאַפטען ענטוויקלען זיך, די קונסט מאַכט פאָרטשריטע, נייע פּאָליטישע איינריכטונגען בליהען אויף — דאַן זינגט געטהע! פערקעהרט אָבער, שטעהט אויף ירושלים, דאַן פאַלט אדום... די אידישע ריכטונג שפּיעלט דאַן די ערשטע פידעל אין אָרקעסטער. איהר סאָלאָ איז זעהר מינאָר. מען פאַנגט אָן נאָכצודענקען, גריבלען, ליידען פון וועלט־שמערץ... דער מענש קוקט זיך אַרום און זעהט, אַז די אלע חכמות העלפען ניט צו ערקלערען די געהיימניס־פאָלע פּראָבלעמען פון לעבען, די אַלע וויסענשאַפטען און קינסטע מאַכען ניט דעם מענשען ריינער, בעסער און נאָבלער, די אַלע איינריכטונגען און אינסטיטוטען מאַכען ניט דעם מענשען גליקליכער און פערגרינגערען ניט זיינע צרות און זיינע ליידען — דאַן פאַנגט אָן צו פילאָזאָפירען לעוו טאָלסטאָי...

דער גריכישער סקעפּטיקער און גאָט'ס געגנער פּראָמעטעאוס איז אַ מעכטיגער העלד, געשמידט אין קייטען און דאָך פריי, פערמאַטערט פון וועהטאָגען און שמערצען און דאָך שטאַרק, פערזונגליקליכט און דאָך שטאָלץ. איהם האָט בעשאַפען די פאַנטאַזיע פון פאָלק, ביי וועלכע פיזישע ענטוויקלונג און פיזישע שעהנקייט האָבען זיך געשעצט פונקט אזוי וויכטיג ווי וויסענשאַפט און פּאָעזיע. חכמה

און גבורה זיינען געווען ביי זיי גלייך פערגעטערט.

די פאנטאזיע פון אידישען פאלק האט בעשאפען א סקעפטיקער, א מענשען, וועלכער איז בעדעקט מיט קרעץ און וואונדען, א פאטער, ביי וועלכען מען האט געראובט די קינדער, א גרויסען גביר, וועלכען מען האט געמאכט פאר א בעטלער, א געעהרטען מענש, וועלכען מען האט ערניעדריגט און געמאכט צו שאנדע און שפאט...

פאר וואס קומט עס איהם? האט ער עס פערדיענט? ניין! אין הימעל זיצט א מעכטיגער הערשער, וועלכער וויל זיין טרייען קנעכט פרובירען. עס איז א נסיון. איוב האט בעשאטען זיין קאפ מיט אש, האט זיך געזעצט אויף דער ערד און האט מיט געדולד זיינע צרות געטראגען... די פרישע קראפט פון פראמעטעאוס לאזט איהם ניט רוהען; ער שרייט פון די הויכע קאווקאזער בערג, רייסט די קייטען און רופט צום קאמפף. איוב זיצט אויף דער ערד מיט אש אויפ׳ן קאפ, דולדעט און שווייגט. די שעהנקייט און גרויסקייט פון פראמעטעאוס׳עס קראפט בעצויבערט אייך. די געדולדיגקייט פון איוב׳ן צו לוידען און צו ערטראגען צווינגט אייך צו שטוינען... לאכט ניט פון דעם פיעל־צרה׳דיגען איוב, ער איז ניט שוואכער פון דעם טיטאן פראמעטעאוס! דער סקעפטיציזמוס פון דעם גריכישען פרייהייטס־קעמפפער לעבט ביי די ציוויליזירטע פעלקער, אבער אין איין רייהע מיט איהם לעבט אויך דער זעלבסט־אנאליז און דאס רעפלעקטירען פון איוב׳ן. די גריכישע ציוויליזאציאן פראדוצירט א פ א ו ס ט, די אידישע ציוויליזאציאן פראדוצירט א ה א מ ל ע ט. איהר וועט קע־נען בעגרייפען די מאכט פון איוב׳ן, אויב איהר וועט דענקען א ביסעל וועגען דעם שיקזאל פון אידישען פאלק, זיין לאנגע געשיכטע פון דול־דען און פערטראגען. דאס אויסערוועהלטע פאלק טראגט אין זיך די קערנער פון איוב׳ס צרות, און זיין מארטירולאג איז די בעשרייבונג פון אידישען לעבען...

איוב זעהט די אונארדנונג, וועלכע הערשט אין מענשענס לע־בען פיהלט די אונגערעכטיגקייט און צוועקלאזיגקייט פון פיעלע ער־שיינונגען און פאנגט אן צו צווייפלען. פראמעטעאוס איז א גריכישער ריעז, ער רופט ארויס צעאוס׳ען אויף א „פייט“, איוב איז ניט שטארק צו טהאטען, ער דענקט און פיהלט. ער איז בערייט צו אנערקענען יהוה׳ס אויטאריטעט, אויב יהוה וויל אפען מיט איהם דיסקוטירען אייניגע

וויכטיגע פראגען. און איוב, ער וועט זיך האלטען אין דער דעבאטע רוהיג און וועט זיך ניט בייזערן. פראָמעטעאוס גערהט אוועק פון מענ־שענ'ס אינערליכען לעבען צו ערשיינונגען פון קאָסמאָס; ער איז א שטארק ענטוויקעלטע אינדיווידואליטעט און געהט פונ'ם אייגענעם צום אוניווערזום, פונ'ם „איך" צו דער אללוועלט. איוב, פערקעהרט, געהט פון דער אויסערער וועלט צום אינערן „איך", פונ'ם אוניווערזום צו די פראָבלעמען פונ'ם מענשענ'ס לעבען. פראָמעטעאוס, גראדע ווי שפעטער דער געלעהרטער דאָקטאָר פ א ו ס ט, איז בעשעפטיגט מיט דער פראגע: וואָהין פיהרט דאָס שטרעבען? און איז ניט מעגליך צו פערניכטען די אורזאכען, וועלכע הינדערן דעם מענשען, אויב ניט צו זיין אן אונשטערבליכער גאָט, לכל הפחות צו זיין אן „אלל־מענש"... איוב, פערקעהרט, אזוי ווי אויך שפעטער ה א מ ל ע ט, דער בלאַ־סער פרינץ פון דענעמארק, ליידעט פון דער קראנקהייט, וועלכע רופט זיך וועלט־שמערץ און דענקט נור פון די אורזאכען, וועלכע געפינען זיך אין דעם מענשען גופא, און זיינע פסיכישע, גייסטיגע אייגענשאַפ־טען, וועלכע הינדערן איהם זיין אייגענעם „איך" צו בעפריעדיגען, זיין אייגענע זעעלע צו ענטוויקלען, זיין גייסט צו שטעלען העכער פון די נאררישע שטרעבונגען און ווערטהלאָזע ווינשע. אויב עס איז מעגליך צו עררייכען אזא בעפרידיגענדען גייסטיגען צושטאנד, פאר וואָס זאָל דער מענש ניט געפינען מיטלען דערצו? און אויב עס איז אונמעגליך, וואָס־זשע פאר א זינן האָט דאָס לעבען, וואָס פאר א צוועק געבויערען צו ווערען, וואָס פאר א ציעל צו שטאַרבען? וואו איז די קלוגהייט פון דיזע ערשיינונגען און וואו איז די ווארהייט? וואָס קען העלפען די שטרעבונג צו וויסען און וואָס קען נוצען דער פערשטאנד? ווי זאָגט ב א י ר א ן'ס איוב, וועלכער רופט זיך מ א נ פ ר ע ד:

"Sorrow is knowledge : they who know the most
Must mourn the deepest o'er the fatal truth,
The Tree of knowledge is not that of life.
Philosophy and science, and the springs
Of wonder, and the wisdom of the world,
I have essay'd, and in my mind there is
A power to make these subject to itself
But they avail not...

אין אידישער פּראָזא וועט עס הייסען:

„טרויער־שמערץ איז דאָס וויסען. די וואָס וויסען מעהר, מוזען טיעפער טרויערען איבער דיעזע פאטאלע ווארהייט (ווי דער אידישער פילאָזאָף זאָגט. „יוסיף דעת יוסיף מכאוב”). דער ע ץ ה ד ע ת איז ניט דאָס וואָס דער ע ץ ה ח י י ם איז! פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט, די קוועלען פון וואונדער און די חכמה פון דער וועלט, — איך האָב אלעם ערפאָרשט, און אין מיין שכל געפינט זיך די קראַפט צו מאכען די אלע זאכען אונטערטהעניג צו מיר, אָבער... דאָס נוצט ניט!”

אין דער ביבלישער ליטעראטור פון אונזער אידישען פאָלק גע־פינען זיך צוויי ביכער, וועלכע טראָגען אין זעהר א שוואכען גראד די פאָרמען פון דראמאטישע ווערק. דאָס איז ש י ר ה ש י ר י ם און דאָס בוך פון א י ו ב. די ערשטע קען אנערקענט ווערען אלס א פאסטאָראלע פיעסע (א פּאָעזי פון הירטען־לעבען) און איז אנגעשרי־בען מיט זעהר א ליידענשאפטליכע, ברענענדע און העלפארביגע שפראך. אין דער „דראמא איוב”, ווי די אידעע פונ׳ם שטיק פאָרדערט, איז ניטאָ קיין ליידענשאפטליכקייט און קיינע העלע קאָלירען, אָבער עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגען, אז אין דער גאנצער וועלט־ליטעראטור וועט זיך געפינען ניט זעהר פיעל ווערקע, וועלכע זיינען גע־שריעבען אין אזא ערהאבענעם סטיל, מיט אזא שילדערונגס קראַפט און אזוי אויסדרוקספאָל. אין א שעהנע פּאָעטישע פאָרמע ווערען בע־האנדעלט וויכטיגע פילאָזאָפישע אידעען. איהר קענט אָהן צווייפעל איוב׳ס בוך אנידערשטעלען אין איין רייהע מיט ד א נ ט ע ׳ ס „געטליכע קאָמעדי” און מיט דעם „פערלאָרענעם גן־עדן” פון מ י ל ־ ט אָ ן. און אויב איך פערדריסט אמאָל, וואס איהר האָט פארלאָרען צייט צו לערנען די טויטע העברעאישע שפראך, בעדענקט אייך, אז איהר קענט אין אָריגינאל איבערלעזען איוב׳ס בוך און איהר וועט אייך פיהלען בעלאָהנט.

אויב די פּיעסע „איוב” איז ווען עס איז געשפּיעלט געוואָרען פאר׳ן פאָלק, פלעגט געוויס פריהער ערשיינען א העראָלד, אָדער א כאָר, און פלעגט דערצעהלען, ווי איוב, דער גאָטס־פאָרכטיגער און עהרליכער מענש, האָט געלעבט, ווי גליקליך ער איז געווען, ווי גאָט האָט זיך מיט איהם בעריהמט אין ה י מ ע ל אויף דער פערזאמלונג

פון די „בני האלהים״ ; ווי אזוי דער שטן האט אנגעהויבען צו אינטרי־גירען געגען איוב׳ן וועלכער איז פרום און גוט נאר דערפאר, ווייל איהם איז גוט אויפ׳ן הארצען, און ווי אזוי גאט, אום אויסצופרואווען איוב׳ס געדולד, האט ערלויבט דעם שטן אנצושיקען אויף איהם איין צרה נאך דער אנדערער. דאס איז געווען דער פראלאג. דאן פלעגט ארויסגעהן איוב, פלעגט זיך אנידערזעצען אויף דער ערד און בעשיטען דעם קאפ מיט אש... שפעטער פלעגען ערשיינען זיינע דריי פריינדע און צווישען זיי האט זיך געפיהרט א דיסקוסיאן אין דער ארדנונג ווי עס איז געשריבען אין בוך. ביי דער שלוס־סצענע פלעגט ערשיינען י ה ו ה אליין אין שטורם און דונערן, און ער פלעגט דעקלאמירען זיין שטארקען, עפעקטפאלען פערטהיידיגונגס־מאנאלאג.

מיר ווערען בעגייסטערט, ווען מיר שטעלען זיך פאר דאס גראנ־דיאזע בילד, ווי דער פרייהייטס־קעמפפער פ ר א מ א ט ע ו ס, א צוגעשמידעטער צו א פעלז, שרייט דאך צו צעאוס׳ן : „איך זאל דיך עהרען ? פאר וואס ?״ עס איז אבער מעהר צו בעוואונדערען, ווי א איד, א געפלאגטער מיט קרעץ, א שוואכער, א קראנקער, א ניעדערגעשלאגענער, טרעט אפען ארויס אליין געגען דעם אל קנא ונוקם.

צעאוס איז געווען דער אויבערשטער גאט, אבער ניט אין זיינע הענד איז געווען קאנצענטרירט די וועלט־רעגירונג. ער איז נאר גע־ווען דער ערשטער צווישען ג ל י י כ ע. יעדער ים, יעדעס לאנד, יעדער בארג, יעדער וואלד, יעדע שטאט האט זיך געהאט אן אייגענעם גאט, אן אייגענעם הערשער. ער איז ניט געווען אזוי געפעהרליך ; מען האט געקענט שטענדיג רעכענען אויף הילפע פון אנדערע אונצופרידענע געטאלעך. צעאוס אליין איז ניט געווען אזוי שטרענג און אונצוגענגליך. מען האט איהם געקענט אונטערקויפען מיט חניפה, מיט א גוטע פאלש געטער־געטראנק — „נעקטאר״, מיט א זיסען געטער־קוכען — „אמבראזי״. ער האט געפיהלט און געהאט לוסט, ווי א בשר ודם, און ער פלעגט זיך זעהר אפט בענארישען, ווען ער פלעגט דערזעהן א שעהן ווייבעל... און אויסער דעם, פראמעטעאוס אליין איז אויך געווען א גאט און האט בעלאנגט צו „דער משפחה...״

י ה ו ה אבער איז געווען אן איין־איינציגער, „סאמאדערזשאווער״ גאט, א שטרענגער, א שטארקער, אהן געפיהלען, אהן ליידענשאפ־טען, מיט קיין זאך האט מען איהם ניט געקענט אונטערקויפען און מיט

קיין שוחד ניט גוט מאַכען; ער האָט גענומען ראַכע פון יעדען אָהן אַן אויסנאַהמע און האָט רעגיערט איבער דער גאַנצער וועלט אָהן אַ בעגרענצונג. איהם האָט עס געוואַגט איוב צו קריטיקירען און אין דער קלוגהייט פון זיינע איינריכטונגען צו צווייפלען! מען דאַרף ניט קיין בעסערע בעווייזע, ווי שטאַרק עס איז געווען אין דעם מענשען דער גייסט פון סקעפּטיציזמוס.

יהוה שטאַלצירט מיט זיין פיינעם קנעכט איוב, און דער שטן, וועלכער האַלט זעהר ווייניג פון די שוואַכע מענשעלאַך, וואָס שטרעבען צו הויך און טרוימען צו ווערען אונשטערבליך, — דער שטן זאָגט, אַז די פרומקייט און גוטסקייט פון אַ מענשען זיינען ניט שטאַנדהאַפט; זיי דויערען נאָר אַזוי לאַנג ביז די אונצופריעדענהייט קומט. מען רויבט ביי איוב'ן זיין רייכטהום, זיינע קינדער, זיינע פריינד — איוב דולדעט. יהוה טריאומפירט, דער שטן אָבער זאָגט: דער מענש איז אַן עגאָאיסט, ער איז בערייט אַלעס צו פערלירען, נאָר ער אליין זאָל בלייבען גאַנץ. „הנו בידך", ער איז אין דיינע הענד, האָט געענטפער יהוה. דער שטן האָט בעדעקט איוב'ס קערפּער מיט שרעקליכע קרעץ. דער אונגליקליכער איוב האָט זיך געזעצט אויף דער ערד, האָט מיט אַ שערבעל געקראַצט די שרעקליכע וואונדען און האָט דאָך ניט געמורמעלט, זיינע דריי פריינד זיינען געקומען איהם טרייסטען. זיי האָבען אַלע ביטער געוויינט, ווען זיי האָבען זיינע צרות און וועהטאָגען דערזעהן. זיי האָבען צוריסען זייערע קליידער, בעשאָטען זייערע קעפּ מיט אַש און געזעצט זיך לעבען זייער פריינד אויף דער ערד... זיעבען טעג זיינען זיי אַלע געזעסען שטיל, קיינער האָט ניט געוואַגט אויסצוריידען אַ וואָרט: „כי ראו כי גדול הכאב מאוד", ווייל זיי האָבען געזעהן, אַז דער וועהטאָג איז זעהר גרויס. דאַן ערשט האָט איוב אָנגעהויבען צו רעדען.

צו וואָס ווערט דער מענש געבוירען? ער ווערט געבוירען צו ליידען, פּלאַגען זיך און שטאַרבען, ווען דער מענש זאָל ניט געבוירען ווערען, וואָלט ער ניט געשטאָרבען, די פרוי, די מוטער איז שולדיג. און איוב הויבט אָן צו פלוכען די, וועלכע האָבען פעראורזאַכט זיין לעבען: „יאבד יום אולד בו והלילה אמר הרה גבר" — פערלאָרען האָט געזאָלט ווערען דער טאָג, ווען איך האָב בעדאַרפט געבוירען ווערען, פערלאָרען די נאַכט, ווען עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען: ז י איז

שוואנגער פון איהר מאן, „מודע קדמוני ברכים ומה שדים כי אינק?" ווארום האבען מיך העפּארגעבראכט דער מוטער'ס לענדען און ווארום זיינען געווען די בריסט, פון וועלכע איך האב געזויגען? א מענש לעבט, פּלאגט זיך, שטרעבט, טרוימט און וואס בלייבט פון איהם? ער שטארבט, און אזוי ווי א וואלקען גיסט זיך אויס און פערשווינדעט, אזוי וועט ניט אויפשטעהן מעהר דער, וואס געהט אין גרוב, ער וועט זיך קיין מאל ניט אומקעהרען אהיים... די וואסערען פון די מעערען און טייכען וועלען שטירצען און דער מענש וועט ניט ערוואכט ווערען פון טויט און וועט צוריק ניט קומען. קען איך ניט לעבען אייביג — דאן איז מיר אלעס פער'מיאוס'ט. „לאז מיר צורוה, יהוה, ווארום מיינע טעג זיינען אייטעלקייט און גאר ניט!" (מאסתי לא לעולם אחיה חדל ממני כי הבל ימי). אונארדנונג און פינסטערנים הערשען אין דער וועלט; עס איז ניטא קיין קלוגער צוועקמעסיגער געדאנק אין דעם, וואס עס קומט פאר, ניטא קיין גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. דער שטארקער בערויבט דעם שוואכען; דער וואס אקערט און זעעט, עסט ניט קיין ברויט. די רשעים הערשען און אונטערדריקען, די גערעכטע און גוטע מענשען ליידען און פּלאגען זיך זייער לעבען לאנג. ניטא קיין גלייכהייט און קיין פרייהייט אין לעבען. די שקלאפען און די אונטער־דריקטע ווערען נאר פריי דאן, ווען זיי ליגען אין דער ערד; מעכטיגע הערשער און אונטערדריקטע קנעכט זיינען ג ל י י ך נור דארט אין קבר.

מעיר מתים ינאקו ונפש חללים תשוע
ואלוה לא ישים תפלה. —

עס קרעכצען און זיפצען די מענשען פון שטאדט, די אעלע פון די ערמארדעטע שרייט צו די הימלען, און וואס טוט גאט? ער שענדעט ניט דערפאר. מיט א געפיהל פון איראניע און ביטערנים ווענדעט זיך איוב צום רבש"ע און זאגט: — גאט, דו וועכטער פון מענשען! אויב איך האב געזינדיגט, וואס האסט דו דען דערביי פערלארען? און אויב איך בין גוט, וואס קומט דיר ארויס דערפון? איך ווייס, מען קען מיט דיר רעדען. פון טויזענד פראגען ענטפערסט דו ניט אויף איינע. ווער וואגט איהם צו זאגען: „וואס טוסט דו?" אומזיסט פערמעהרט ער מיינע וואונדען. איך וויל צו איהם רעדען און ער שרעקט מיך מיט שטורם און דונער. און פאנגט אייך גאט נאר אן צו פערפאלגען, דאן

פארפאלגען אייך שוין אלע... דוכט זיך, אויב איהר זייט מיר פריינד, זאָלט זשע מיטלייד מיט מיר, ווען גאָט שטראָפט מיך! ... ניין! מען דאַרף מיט איהם, מיט'ן שטארקען און מעכטיגען. אָה, ווען איך זאָל קענען רעדען צו איהם, ווי איך רעד צו איינעם פון אייך, און ער זאָל מיר ענטפערן אויף אלע מיינע פראַגען! אָה, ווען איך זאָל וויסען וואו ער געפינט זיך, ווען איך זאָל איהם נאָר קענען געפינען! צום געריכט וואלט איך איהם געפאָדערט, צו דיסקוסיאָן וואלט איך איהם גערופען. איינער איז ער, און וואָס ער וויל, דאָס טוט ער... זאָל ער אָבער ניט מיט זיין שטארקען כח מיר ענטפערן, זאָל ער זיך פיהרען מיט יושר — ניין! „לא אאמין כי יאזין קולי" — איך גלויב ניט, דאָס ער וועט פערנעהמען מיין שטימע און וועט מיר אלעס פערענטפערן און ערקלערען...

זיינע פריינד, דיעזע אלטמאָדישע פיליסטער, וועלכע ציטערען, ווען זיי הערען פרייע רייד און וועלכע פערטראַגען ניט קיין פראָטעסט און קיין פאָרשונג, דיעזע פערשראָקענע „גוטשטעהענדע בירגער" פער־ענטפערן איוב'ן זיינע גרויסע וועלט־פראַגען מיט קליינע פראַזען ווע־גען פראַקטישע פאַרזיכטיגקייט און געלאַסענהייט. דעם מענשען איז שלעכט? ווער איז שולדיג? דער מענש אליין! אזוי זאָגען איוב'ס פריינד, „כי לא יצא מעפר און ומאדמה לא תצמח עמל". מאַטערנעס און פערברעכען קומט ניט פון זיך אליין; עס וואקסט ניט פון דער ערד. גאָט האָט אלעס איינגעריכטעט גרויסאַרטיג, און דער זינדיגער מענש פערדאַרבט עס אליין. נאָכדענקען און נאָכפאָרשען, גריבלען און זוכען די גרינדליכקייט פון גאָט'ס איינריכטונגען דאַרף דער מענש ניט. „החקר אלוה תמצא אם תכלית שדי תמצא?" — גלויבסט דו מיט פאָרשונג גאָט צו געפינען? קענסט דו געפינען די ענדליכקייט פונ'ם אלמעכטיגען? ווייסט דו וואָס עס טוט זיך העכער פון די הימ־לען? פערשטעהסט דו וואָס עס קומט פאָר אין טיעפען אָבגרונד? ניין! דער מענש, דער זוהן פון דער ערד, איז געבוירען געוואָרען צו ארבייטען און דולדען „ובני רשף יגביהו עוף", און נאָר די הימעלס־קינדער קע־נען זיך אויפהויבען און פליהען הויך...

איוב פרעגט אָבער: „למה יתן לעמל אור וחיים למרי נפש?" — וואָס איז דער ציעל פונ'ם לעבען? נאָך וואָס גיט ער ליכט צו דעם וואָס מוז זיך מאַטערען? נאָך וואָס גיט ער לעבען צו די, וואָס האָבען

פערביטערטע זעעלען? אויף זיין גרויסער סקעפּטישער פראַגע „וואַ־רום" ענטפערען זיי מיט דעם געוועהנליכען „דארום" אָבער ווארום דער דארום? —ניטאָ קיין ענטפער. ניין, איוב וויל פאָרשען, ער וויל זוכען די צוועקמעסיגקייט פון אַלע ערשיינונגען, ער וויל געפינען די גרינדליכקייט פון דעם גרויסען אונטאַלעראַנטען מייסטער'ס איינריכ־טונגען... ער וויל זיין ראַציאָנאַל, ער וויל זיך פערלאָזען נאָר אויף זיין פערשטאַנד... דאָ אָבער קומט די גרעסטע פערצווייפלונג. ער איבער־ציייגט זיך, דאָס עס זיינען דאָ געגענשטענדע, פון וועלכע דעם מענשען'ס געדאַנק שפּרינגט אָב, אַזוי ווי אַ גומענער באַל שפּרינגט אָב פון וואַנד. דעם מענשענ'ס חכמה איז אויך בעגרענעצט, דער שאַרפסטער געדאַנק קען ניט דורכדרינגען די געהיימניספאַלע פּראָבלעמען פון דער גרויסער וועלט־דראַמע, דער גרעסטער זשעני קען ניט אומענדערן די קלענסטע בעוועגונג, פונ'ם לעבען. און איוב פאַנגט אָן צו איראָניזירען איבער דעם מענשענ'ס חכמה און פערשטאַנד:

„והחכמה מאין תמצא ואי זה מקום בינה?
לא ידע אנוש ערכה, לא תמצא בארץ החיים!
תהום אמר לא בי היא, וים אמר אין עמדי",

פון גאָרנישט, ווי קען ערפונדען ווערען די חכמה און וואו איז דער פּלאַץ פונ'ם פערשטאַנד? דער מענש קען ניט בעגרייפען דעם ווערטה פון פערנונפט. עה! זי געפינט זיך גאָר ניט דאָ אין דעם לאַנד פונ'ם לע־בען. דער אָבגרונד זאָגט: די פערנונפט איז ניט אין מיר; דער ים זאָגט: זי איז ביי מיר אויך ניטאָ.

„והחכמה מאין באה ואי זה מקום בינה?
ונעלמה מעיני כל חי ומעוף השמים נסתרה,
אבדון ומות באזנינו שמענו שמעה,
אלהים הבין דרכה והוא ידע מקומה
כי הוא לקצות הארץ יביט, תחת כל השמים יראה;
אז ראה ויספרה הכינה וגם חקרה
— וסור מרע בינה!"

ויאמר לאדם הן יראת ד'היא חכמה.

פון וואַנען קומט די זאָ פיעל געריהמטע חכמה און וואו איז איהר וואָה־נונג? ניט אין ים, ניט אין אָבגרונד, ניט אין דער גאַנצער וועלט גע־פינט מען זי. זאָגאַר אין די הימלען האָבען זי די פויגלען ניט געקענט

אַבזוכען — וואו־זשע איז זי פאַרט? די העלע און דער טויט זיי־נען די איינציגע, וואָס געבען דעם מענשען אַן ענטפער דארויף. זיי זאָגען, זיי האָבען די חכמה אויך ניט געזעהן, זיי האָבען אָבער געהערט פון איהר: גאָט אליין פערשטעהט איהר וועג און נאָר ער ווייס איהר פלאַץ. זי איז, דוכט זיך, ניטאָ אין ערגיץ? ער אָבער קוקט ווייט און זעהט זי דאָך ווייט אין עק וועלט, אונטער די הימלען. ער, א ל ה י ם, האָט זי געזעהן; ער האָט זי איבערגעצעהלט, אַבגעמאָסטען, איינגעריכ־טעט און דורכגעפאָרשט... מענש, ווילסט וויסען, וואָס חכמה איז? דארויף ענטפערט י ה ו ה: מורא האָבען פאַר גאָט — דאָס איז חכמה; זיין פרום — דאָס איז פערנונפט.

וואָס פאַר אַביטערע, שמערצפאָלע איראָניע! נאָך דעם ווי דער דענקענדער און פיהלענדער מענש האָט פיעל געזוכט, געפאָרשט, גע־גריבעלט, געפרעגט, צו קומען ענדליך צו אזא לעבערליכען און קאָמי־שען רעזולטאַט!... די וועלט איז געבויט געוואָרען מיט חכמה, און די חכמה קען מען ערגיץ ניט געפינען. די חכמה איז ניטאָ, גאָט אָבער איז מיט איהר פערזענליך בעקאַנט, און אויב דו ווילסט וויסען וואָס חכמה איז, זאָגט דיר דער הערשער פון דער וועלט: חכמה איז — האָב מורא פאַר מיר און טו וואָס איך הייס!...

א טראַגעדי איז דאָס, וועלכע מוז פאַראַליזירען דעם מענשליכען ווילען, אָדער מוז פיהרען צו אַ קאָמעדי, צו קריטיק און סקעפּטיציז־מוס.

דער גרויסער אידישער גאָט, ווי שטאַרק, מעכטיג און בייז ער איז ניט, איז ער דאָך אַ דעמאָקראַטישער גאָט. איז ניט אזא אריסטאָ־קראַט ווי י ו פ י ט ע ר. אַן איינפאַכעם דעמאָקראַטישעם פאָלק פון לאַנד־ארבייטער שאַפט זיך אַ גאָט, וועלכער איז דעספּאָטיש, מעכ־טיג און קאַפּריזנע, ווי די נאַטור, פון וועלכע דער לאַנד־ארבייטער איז אַבהענגיג, וועלכער איז אָבער דעמאָקראַטיש און איינפאַך. יהוה קומט שמועסען מיט יעדען פאַסטוך, מיט יעדען פישער און בויער, אויב זיי זיינען נאָר אָרענטליכע לייט, און ער קומט אויך פערזענליך צו איוב׳ן פערענטפערען זיך... געוויס, ער דונערט און שטורעמט אביסעל, ווען ער אליין ערשיינט, נאָר עס ווערט שטיל און יהוה דעקלאַמירט אַ גרויסען מאָנאָלאָג, געשריבען אין אַ זעהר ערהאַבענעם סטיל, פול מיט געדאַנקען און פּאָעזיע. איוב הערט איהם אויס געדולדיג און ענטפערט

ווי א קלוגער איד דארף ענטפערן: „אחת דברתי ולא אענה ושתים ולא אוסיף". איוב זאָגט ניט, אז ער נעהמט צוריק זיינע ווערטער און אז ער האָט חרטה. צוויי מאָל איבער׳חזר׳ן די זעלבע זאַך, זאָגט ער, קען מען גאָר ניט דערמיט צוברייננען. איך האָב איין מאָל גערעדט און מעהר וויל איך ניט ענטפערן...

*

* *

מיר האָבען געזעהן, אז די דראַמא „איוב" איז גראָדע אזא וועלט־דראַמא ווי „פראָמעטעאוס". אין דיעזעביידע ווערקע ווערט דראַמא־טיזירט די סקעפּטישע ריכטונג פון מענשע׳ס גייסט און געדאנק. אין דער גריכישער דראַמא ווערט אויסגעשפּראָכען אן אקטיווער סקעפּ־טיציזמוס, וועלכער רופט צום קאַמפף און צו טהעטיגקייט, ווארום אָהן ליידען, אָהן צרות, אָהן אָפּפער קען מען קיין זיעג ניט געווינען. אין דער אידישער דראַמא איז אויסגעדריקט דער פּאַסיווער סקעפּטיציזם. עס ווערט געשילדערט די אָפּאָזיציאָן, וועלכע עקזיסטירט צווישען גייסט און שטאָף, דער צוזאַמענשטויס צווישען פאַקטען און אידעען, דער אַנטאַגאָניזם, וועלכער קומט פאָר צווישען דעם מענשענ׳ס פרייען געדאנק און די אונערקלעהרבארע ערשיינונגען פונ׳ם קאָסמאָס. די גריכישע ריכטונג רופט דעם מענשען צו פּראַקטישע טהעטיגקייט; זי וויל פערניכטען די הינדערניסע פון דער אויסערער וועלט, וועלכע שטערען דעם מענש צו געניסען פונ׳ם גליק. די אידישע ריכטונג צווינגט איהם צו דענקען: איז דאָס לעבען אן אילוזיאָן, א חלום? אלע שטרעבונגען פון מענשען א רעזולטאַטלאָזע ארבייט, זיין קענען און וויסען נאָר אן איינגערעדטע זאַך; זיין האָפנונג צו געפינען גליק אין דער אויסערער וועלט ניט מעהר ווי א טרוים? און דארף דער מענש ניט זוכען זיין טרייסט אין זיך אליין, אין זיין אינערער, גייס־טיגער וועלט?

פיעל פראגען גיט די וועלט־דראַמא, דעם צושויער, וועלכער זיצט אין דעם לעבענס־טהעאַטער. אָבער מיט פראגען קען מען די האנדלונג ניט אָבשטעלען, די ענטוויקלונג פון דער דראַמא געהט פאָרווערטס; דאָס לעבען שטעלט זיך ניט אָפּ, דאָס פּובליקום מעג אפּלאָדירען און

מעג פייפען. די אָבגעשפּיעלטע סצענען געהען אוועק, נייע סצענען קור־
מען פאָר, נייע עראייגניסע, וועלכע שטאַמען ארויס פון די פריהערדיגע,
פלעכטען זיך צונויף און שאַפען אַ נייע האַנדלונג. די אינטריגע פון
דער וועלט־דראַמאַ ווערט פיעלפאַכער און דער סקעפּטישער געדאַנק
פונ'ם מענשען שאַרפער און דורכדרינגענדער...

צוויי אַקטען פון דער וועלט־דראַמאַ האָבען זיך אָבגעשפּיעלט.
דער פאָרהאַנג, וועלכער שטעלט פאָר די היסטאָרישע אַרענע פון דער
וועלט־ביהנע, האָט זיך נאָך אַ מאָל אויפגעהויבען און עס האָבען אָנ־
געפאַנגען פאָרגעשטעלט צו ווערען די דראַמאַטישע פאָלגען, וועלכע האָ־
בען נאַטירליכערווייזע געמוזט פּראָדוצירט ווערען פון די ערשטע צוויי.
עס איז געקומען די היסטאָרישע עפּאָכע, ווען די גריכישע און אידישע
ציוויליזאַציאָנען האָבען זיך צוזאַמענגעפלאָכטען, ווען דאָס היידענטהום
און קריסטענטהום האָבען זיך צוזאַמענגעמישט. ווען פּ ר אָ מ ע ט ע ־
א ו ס מיט א י ו ב האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם און
האָבען זיך פאָרגעשטעלט דער וועלט אין דער פאָרם פון אַ נייעם סקעפּ־
טיקער, אַ נייעם קעמפּפער געגען דאָגמען, אין דער פאָרם פון אַ נייעם
מין לעגענדאַרישען העלד, וועלכען מען האָט גערופען י ע ז ו ס
ק ר י ס ט ו ס.

דיעזער העלד האָט, ווי איוב, געזאָגט: „דאָס זיין און דאָס ניט
זיין איז דאָס זעלבע", און אַזוי ווי פּראָמעטעאוס האָט ער פון די
הימלען געבראַכט דער מענשהייט די ערלעזונג און האָט פאַר דאָס
גליק פון אַנדערע געאָפּפערט זיין אייגענעם לעבען... דער מאָראַלער
און אינטעלעקטועלער צושטאַנד פון דעם מענש'ס גייסט האָט געשאַפען
דאַן אַזאַ גאָט, וועלכער איז געבוירען געוואָרען פון פרייע ליעבע, אין אַ
קאָרעטע צווישען חזרים, וועלכער האָט פערבראַכט זיין לעבען צווישען
געפאַלענע אָפּפער פון דער געזעלשאַפט און איז געהאַנגען געוואָרען
אויף אַ תליה צווישען גנבים מיט אַ קרוין פון שטעכעדיגע דערנער
אויפ'ן קאָפּ... דער גאָט האָט אויסגעדריקט אַ נייע סקעפּטישע ריכ־
טונג פון דער מענשהייט. ער האָט ערניעדריגט די הימלישע אידישע
גאָטהייט דערמיט, וואָס ער האָט זי אַנטראָפּאָמאָרמירט, דאָס הייסט:
איהר געמאַכט בשר־ודם'יש. ער האָט אָבער ערהויבען דעם אינגערען,
דעם „אידישען" דערמיט, וואָס ער האָט איהם פערגעטערט.
ער האָט פערדיענט די „געזעצליכקייט מיט זיין געבוירען

ווערען און מיט זיין לעבען, האָט פערנייינט די פערשטיינערטע דאָגמען מיט זיין לערנען, האָט פערשפּאָטעט די מאכט פון די הערשענדע מיט זיין דערנער־קרוין און האָט געוויזען אַ נייעם ציעל אין לעבען — אַלטרואיזמוס, ליעבע צום אַנדערען.

אין דעם אַקט פון דער וועלט־דראַמאַ איז די קריסטליכע, דאָס הייסט, די אידישע ריכטונג, געווען שטאַרקער פון דער גריכישער, און די פראַגען וועגען מענשענס לעבען און טויט האָבען אַם שטאַרקסטען אינטערעסירט דעם נאָכפאָרשענדען מענשען. מען האָט ווידער אָנגע־פאַנגען צו דענקען וועגען דער אַלטער אורזאַכע פון דעם מענשענ'ס זינדענפאַל: חוה, די מוטער מיט די פריכטע פון עץ הדעת האָט פער־אורזאַכט דעם טויט — ענטזאַגונג פון זיך זעלבסט, ענטזאַגונג פון דער, וועלכע איז פרוי און די אורזאַכע פון געבוירען ווערען, לעבען נאָר צוליעב דעם צווייטען און פערנייינען דאָס אייגענע לעבען — דאָס איז געווען די נאַאיווע קינדישע לעזונג פון דער פּראָבלעמע פון טויט. צוזאַמען מיט דעם גרויסען אונגליק פון דעם מענשענ'ס געשלעכט — דעם זינדענפאַל, האָט אָבער דאָס קריסטענטהום אימער געדענקט פון דעם ערשטען אידישען סקעפּטיקער, פון דעם אַלטען געגנער יהוה'ס, וועלכער האָט בראַוו און אָפען געקעמפּפט מיט זיין אויבערגאָט און וועלכער קעמפּפט נאָך ביז יעצט מיט איהם... דער גרויסער זשעניאַ־לער דיכטער מילטאָן, בעוויינענדיג דעם שעהנעם פּאַראַדיז, וואָס אונזערע אור־עלטערן האָבען פערלאָרען, און בעזינגענדיג די ערלעזונג פון דעם מענשען־געשלעכט, וועלכע איז געקומען דורך יהוה'ס טהראָנ־פאָלגער, קען אויך ניט פערגעסען דעם ערשטען פּראָטעסטאַנט סאַ־טאַן.... יהוה פערטרייבט זיין געגנער פון הימעל און צווינגט דעם צווייפעלענדען און נאָכפאָרשענדען גייסט צו זיצען אין דער פינסטע־רער העלע. סאַטאַן אָבער ווענדעט זיך צו דעם וועלט־טיראַן מיט דיעזע ווערטער פון מילטאָן'ס „פערלאָרענער גן־עדן".

.... Hail, horrors ! hail
Infernal World ! and thou, profoundest Hell,
Receive thy new possessor—one who brings —
A mind not to be changed by place or time ;
The mind is its own place, and in itself

Can make a Heaven of Hell, a Hell of Heaven,
What matter where, if I be still the same
And what I should be, all but less than He
Whom thunder hath made greater ? Here at least
We shall be free ; the Almighty hath not built
Here for his envey, will not drive us hence :
Here we may reign secure ; in my choice,
Better to reign in Hell than serve in Heaven.

„געגריסט זייט, איהר שרעקען! זיי געריסט, דו שאול תחתיה! און דו, טיעפסטע העלע, נעהם אויף דיין נייעם הערשער. דער, וועלכער קומט מיט א שכל, אונפערענדערבאר דורך אָרט און צייט. דער שכל וואָהנט אין זיך אליין, און אין זיך אליין קען ער פערוואנדלען א גן עדן אין א גיהנום און א גיהנום אין א גן־עדן. וואָס מאכט עס אויס וואו איך בין, אז איך בלייב דאָך דערזעלבער? און וואו איך זאָל ניט זיין וועל איך דאָך אימער זיין קלענער פון איהם, וועמען דער דונער האָט געמאכט גרעסער! דאָ אם ווייניגסטענס וועלען מיר זיין פריי. דער אלמעכטיגער האָט דאָ ניט געבויט פאר זיין קנאה און וועט אונז פון דאנען ניט ארויסטרייבען. דאָ זיינען מיר זיכער מיט אונזער הערשאפט און נאָך מיין מיינונג איז בעסער צו רעגיערען אין דער העלע, איידער צו זיין דער דיענער אין הימעל!"

אָבער נאָך לאנג, לאנג בעפאָר מילטאָן האָט שוין פון דעם זעלבען דראמאטישען פּונקט געזונגען א געהיימניספאָלע פּערזאָן מיט א אידישען נאָמען קעדמאָן (קדמון). עס איז געווען א מאָנאך, וועלכער האָט ניט געקענט לעזען און שרייבען און וועלכער האָט דאָך געדיכטעט פיעל עפּישע ליעדער וועגען דעם זינדענפאל פונ'ם מענשענ'ס געשלעכט און וועגען דעם קאמפּף פון די געפאלענע בני אלהים מיט'ן מעכטיגען יהוה.... אויף דער דייטשער פילאָזאָף און קריסטליך־אידישער דיכטער קלאָפּשטאָק, אין זיין גרויסע פּאָעמא „מעססיאס", זייענדיג בעגייסטערט פון דער ערלעזונגס־אידעע פון קריסטענטהום, דערמאָנט אויף דעם פיינד און קעמפּפער פון יהוה, וועלכער איז אונצופריעדען

מיט יהוה'ס געדאַנק צו ברענגען דער מענשהייט די גאולה דורך זיך זעלבסט אין דער געשטאַלט פון משיח'ן. און אויך ביי איהם זאָגט דער סאטאַן צו אַלע זיינע מיטהעלפער, וועלכע ער האָט פערזאַמעלט, אום זיך מיט זיי צו בעראַטהען וועגען דעם משיח, וואָס דענקט יעצט צו פערניכטען דעם טויט אום צו פּאַראַליזירען דאָס, וואָס איהם, דעם שטן, איז געלונגען צו געווינען מיט דעם זינדעפאַל פון דער מוטער דער מענשהייט, חוה: מ א ר י ע זאָל גוט מאַכען, וואָס חוה האָט פערפעהלט? גאָט'ס זוהן זאָל פעררינכטען דאָס, וואָס גאָט אליין האָט ניט געקענט פערענדערען? ניין! זאָגט סאטאַן צו זיינע ברידער:

„געטער, אימער אונבעזיעגט, אונפערשקלאַפּט ווילען מיר בלייבען;
מעג ער אויך זיינע אַלס פערזעהנער צו טויזענדע געגען אונז שיקען,
מעג ער אויך אליין אַלס משיח די ערד בעטרעטען — ווער איז ער דען דער ניי־געבאָרענער י ה ו ה?

עס האָט געדאַרפט נעהמען פיעל צייט, פיעלע היסטאָרישע אַקטען האָבען זיך געדאַרפט אָבשפּיעלען בעפאָר די מענשהייט האָט אָנגעהויבען זוכען די ערלעזונג ניט דורך אַ הימלישען געטליכען ערלעזער, נאָר דורך מענשליכע טהעטיגקייט; זוכען די טראַגעדיע פון לעבען ניט אויפ'ן הימעל, נאָר אויף דער ערד און רעכענען פאַר מיטלען געגען דיעזער טראַגעדיע ניט די זעלבסט־ענטזאַגונג, נאָר, פערקעהרט, די ענטוויקלונג און פערשטאַרקערונג פון דעם „זעלבסט". יאַ, גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכען האָט דער מענש געדאַרפט, אום צו איבערצייגען זיך, אַז די טראַגעדיע פון זיין לעבען ווערט אָבגעשאַפט דורך דראַמאַ. די אידיש־קריסטליכע ציוויליזאַציאָן האָט געפלאַנצט ביי די שטאַרקע יונגע פעלקער געפיהלען פון פּאַסיוויטעט און פעסימיזמוס.

אָבער אין דערזעלבער צייט, אין די קומענדע אַקטען פון דער וועלט־דראַמאַ האָט באַלד דער גייסט פון סקעפּטיציזמוס פריהער שוואַך, נאָכדעם אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און דייטליכער זיך געווענדעט צו די הימלען מיט דערזעלבער פראַגע: ווער איז ער, דער ניי־געבאָרענער יהוה? וואָס האָט ער פערענטפערט און ווען האָט ער ערלעזט?...

פון דעם קבר דער פערגאַנגענהייט האָט איוב ווייעדער גע'טענה'ט: „אם רשעתי אללי לי וצדקתי לא אשא ראש", — האָב איך שלעכטעס

געטאָן, איז מיר וועה, און בין איך געוועזן געראַכט, קען איך אויך דעם קאָפּ ניט אויפהויבען! — עס איז קיין אונטערשיעד... און פּראָמע־טעאוס דראָהעט נאָך אַלץ פון דעם הויכען פעלז, צו וועלכען ער איז צו־געשמידט, און זיין שטימע הילכט ווידער געגען צעאוס׳ן:

האָסט גאָר געוואָלט
איך זאָל דאָס לעבען האַסען,
אין די מדבריות לויפען,
ווייל ניט אַלע
בלומען־טרוימע
זיינען צייטיג?...

.4

האַמלעט דער גריבלער.

„וואָס פאַר איין מייסטערווערק דער מענש איז! ווי עדעל ער איז דורך זיין חכמה! ווי אונבעגרענעצט אין פעהיגקייטען! ווי וואונדערווירדיג און בעדייטענד איז זיין געשטאַלט און בעווע־גונג! אין זיין לעבענסהאַנדעל איז ער גלייך צו אַן ענגעל, און זיין בעגרייפען איז ער עהנליך צו גאָט! ער איז די ציערונג פון דער וועלט, דאָס פאָרבילד פון אַלעס, וואָס עס לעבט! און דאָך, וואָס איז מיר דיעזע קווינטעססענץ פון שטויב?"

האַמלעט.

ווען דאָס גרויסע מייסטערווערק פון וויליאַם שעקספּיר, די וועלט־דראַמא „האַמלעט", איז געוואָרען פּאָפּולער אין דער ציוויליזירטער וועלט, האָט מען אָנגעהויבען צו געברויכען דאָס וואָרט „האַמלעט" אַלס אַ בעצייכונג פון געוויסע אייגענשאַפטען ביי גאַנצע פעלקער און נאַ־ציאָנען. האַמלעט, האָבען אייניגע געזאָגט, דאָס איז גערמאַניא. האַמ־לעט — דאָס איז דאָס פערטראַכטע, גריבלענדע, דייטשע פאָלק. שפּע־טער האָט מען מיט׳ן וואָרט האַמלעט בעצייכענט דאָס רוסישע פאָלק

און אַלע אַנדערע סלאַווישע פעלקער מיט זייער וואַנקענדען גייסט, שוואַכען כאַראַקטער און שוואַכען ווילען. נאָך שפּעטער האָט מען אָנ־געפאַנגען מיט׳ן וואָרט „האַמלעט" בעצייכענען אַלע סקאַנדינאַווישע פעלקער. שעקספּיר׳ס בלאַסער פּרינץ פון דענעמאַרק איז געוואָרען דער פּראָטאָטיפּ פון אַלע גערמאַנישע פעלקער, וועלכע לעבען ווייט אין דער נאָרד, אַרומגערינגעלט פון געהיימניספאַלע מיסטעריען פון דער קאַל־טער נאַטור, מיט איהרע פיאָרדען, הויכע פעלזען, בערג בעדעקט מיט שנעע און וועלדער בעהאַלטען פון זונען ליכט. דער בעריהמטער רו־סישער קריטיקער מיכאַילאָווסקי רופט די אונבעשלאָסענע רוסישע אינ־טעליגענץ מיט׳ן נאָמען: „האַמלעטיזירטע חזירים׳לאַך". מיר אַלע אין אונזער אַלמעכטיגען לעבען רופען אָן מיט׳ן נאָמען האַמלעט יעדען, וואָס גריבעלט און רעפלעקטירט, וואָס דענקט פיעל און טוט ווענינ, וואָס רעדט צו דער זאַך און טוט קיין מאָל ניט צו דער זאַך, וואָס וויל אויסגעפינען פון וואַנען נעהמען זיך די שטערען אין הימעל און ווייסט ניט, ווער האָט איהם געמאַכט זיינע שטיוועל...

עס איז קיין צווייפעל ניט ביי יעדען מענשען בעזונדער און ביי גאַנצע פעלקער צוזאַמען לעבען האַמלעטישע אייגענשאַפטען. שעקס־פּיר האָט אין זיין ווערק פערקערפּערט אַ געוויסען זעעלען־צושטאַנד פון יעדען מענש אַלס אַ אינדיווידואַליטעט, און פון יעדעס פאָלק, אַלס אַ טהייל פון דער גאַנצער מענשהייט. דער גייסט פון צווייפעל און אונ־צופריעדענהייט, דער געדאַנק פון סקעפּטיציזמוס, די שטרעבונג צו ערפינדען דעם תוך פון יעדע זאַך און צו ערקלערען זיך די לאָגישע אור־זאַכע פון יעדע ערשיינונג, — די דאָזיגע אייגענשאַפטען עקזיסטירען ביי די מענשען זינד זיי זיינען געוואָרען מענשען. שעקספּיר האָט מיט די עקס־שטראַהלען פון זיין זשעניע אַראָפּגעפאָטאָגראַפירט און געווי־זען דאָס בילד פון דער בעהאַלטענער, פערבאָרגענער נשמה ניט נאָר פון איין מענשען, — ער האָט אונז געוויזען די נשמה פון דער גאַנצער מענשהייט — און דיעזע פּסיכאָלאָגי פון דער מענשהייט האָט ער אָנ־גערופען מיט׳ן נאָמען האַמלעט. אָבער ניט אין דעם אליין בעשטעהט די גרויסע בעדייטונג פון דיעזען ווערק. „האַמלעט" איז ניט נאָר אַ פּסיכאָלאָגישער שטודיום, עס איז אַ גרויסעס היסטאָרישעס ווערק. עס איז אַ וועלט־דראַמאַ, אין וועלכער מיר געפינען די שילדערונג פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, פון אַלע קריסטליכע פעלקער פון

איירָאפּאַ. אין דיזער וועלט דראַמאַ געפינען מיר די רעזולטאַטען, די דראַמאַטישע פאָלגען פון דעם, וואָס פיעלע, פיעלע יאָהרהונדערטע האָט די אידישע דראַמאַ „איוב" אונטערגעדריקט די גריכישע ריכטונג און האָט רעגיערט איבער דער וועלט אונטער'ן נאָמען קריסטענטהום. אין האַמלעט זעהט איהר דעם זעלען צושטאַנד פון דער גאַנצער קריסט־ליכער וועלט אין דעם מאָמענט, ווען דער צווייפלענדער גייסט ער־וואַכט און דריקט זיך אויס דורך דער בעוועגונג, וועלכע איז בעקאַנט אין דער וועלט געשיכטע אַלס „הומאַניזמוס".

האַמלעט, דאָס איז דאָס 13—14 הונדערט יאָהר אַלטע קריס־טענטהום, אין וועלכען עס ערוואַכען ענדליך הומאַניסטישע געדאַנ־קען און הומאַניסטישע שטרעבונגען. די קריסטליכע וועלט פאַנגט אָן צו צווייפלען אין דער גאַנצער מאָראַלער סיסטעם און אין דער לאָגיק פון אַלעם וואָס עקזיסטירט. ווי מיר האָבען שוין ערקלערט אין אונזע־רע פריהערדיגע קאַפּיטלען, די גריכישע ריכטונג פון מענשענס גע־דאַנק איז אַן אָביעקטיווע, דאָס הייסט, דער מענש אינטערעסירט זיך ווייניגער מיט זיין אינערליכען „איך", נאָר מיט דעם, וואָס איז אויסער איהם, מיט דער וועלט, מיט דער נאַטור, מיט'ן מאַטעריעלען לעבען. די אידישע אָדער קריסטליך־העברעאישע ריכטונג איז אַ סוביעקטיווע. דער מענש דענקט ניט פון דער אויסערער, מאַטעריעלער וועלט און איז, פערקערט, נור בעשעפטיגט מיט זיין איננערליכע, מאָראַלע וועלט. דאָס קריסטענטהום ביז דער צייט פון רענעסאַנס, ביז דער צייט פון בענייאונג און אויפלעבונג, האָט איבערגעלעבט אַ גרויסע היסטאָרישע עפּאָכע פון סוביעקטיווען דענקען און פיהלען. אין האַמלעט ווערט געשילדערט דער קאָנפליקט, דער צוזאַמענשטוים צווישען דער סוביעקטיווער און אָביעקטיווער ריכטונג פון דעם מענשענ'ס דענקען.

האַמלעט, דאָס איז די גרויסע דענקענדע קראַפט, די פילאָזאָפי פון דעם פאַר דער צייט פערעלטערטען קריסטענטהום. האַמלעט, דאָס איז דאָס יונגע קריסטענטהום, וועלכעס וויל שטאַרבען. מען האָט עס געלערנט צו פערזיסען דאָס לעבען און מיט ביטערניס פרעגט עס: זיין, אָדער ניט זיין? דאַן קומט די צייט ווען דאָס קריסטענטהום קעהרט זיך אום אויף אַ קורצע צייט צוריק און זוכט די מיטלען צום לעבען אין דער העלעניש־גריכישער ריכטונג — דאָס איז די צייט פון רענסאַנס, דאָס איז דער אַלטער דאָקטאָר פאוסט, וועלכער וויל ווערען יונג, דאָס

איז דער אַלטער העלעניזמוס וועלכען וויל לעבען. האַמלעט, דאָס סוב־יעקטיווע מיטעל־אַלטערליכע קריסטענטהום, איז אַן עולם־הבא'ניק. פאוסט וועלכער שטרעבט צו זיין אָביעקטיוו איז אַן עולם־הזה'ניק. האַמלעט געפינט אויפ'ן בית עולם די אונווירדיגקייט און אונזיניגקייט פון מענשענס לעבען, פאוסט קריכט אין די קברים פון דער פערשטאָר־בענער קלאַסישער וועלט צו געפינען די שעהנקייט, דעם אידעאַל פון מאַטעריעלען לעבען.

די געשיכטע פון אונזער פראָגרעס, ווי מיר האָבען פריהער בע־מערקט, איז א וועלט־דראַמא אין איהרע פערשיעדענע פאָרמען. פריי־הער האָבען מיר איבערגעלעבט די גריכישע טראַגעדי פון פראָמעטעאוס און נאָכדעם די אידישע טראַגעדי פון איוב... נאָכדעם די קאָמעדי פון דער רוימישער פעריאָדע... דאָס הייסט, די פעריאָדע פון אָבלאַ־בען, פון קריטיקירען, פון גרינג שעצונג פון אויטאָריטעטען, די צייט ווען מען פערלירט דעם גלויבען און מען זוכט בעפריעדיגונגען נאָר אין געפיהל, וואָס רופט זיך פערגניגען. דער מענש זאָגט: איז דאָס לעבען א קאָמעדי? לאָמיר זיך מאַכען לוסטיג און לאַכען. די צוויי אַלטע וויכ־טיגע טראַגעדיעס האָבען זיך צוזאַמענגעפלאָכטען מיט דער גרינגער רוי־מישער קאָמעדי און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען — א היסטאָרי־שע טראַגי־קאָמעדי. דער גרויסער דיכטער און דענקער שעקספיר גיט אונז די טראַגי־קאָמעדי פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט — אַלע שעקספיר'ס ווערקע צוזאַמענגענומען איז א גרויסע טראַגי־קאָמעדיע פון דעם קריסטליכען מענשען. שעקספיר האָט ניט געשריבען קיין דראַ־מאַ, ווייל דאָס לעבען פון דעם קריסט אין זיינע צייטען איז געווען א טראַגי־קאָמעדי — פון דעם מענשענ'ס רעכטע אַלס „איין איינציגער", פון קיין אינדיווידואַליטעט האָט דאַמאַלס ניט געקענט זיין קיין רע־דע. פון דעם וואָס מיר רופען געזעלשאַפט האָט קיינער ניט געוואוסט, ניט נאָר דער בעגריף, נאָר זאָגאַר דאָס וואָרט „געזעלשאַפט" האָט נאָך ניט עקזיסטירט. דער מענש האָט דאַמאַלס ניט געקענט דענקען פון דעם, ער זאָל אַליין זיין דער הערר אָדער אם ווענינגסטען דער קאָנטראָלער פון די אומשטענדען, ער זאָל אַליין קאָנטראָלירען זיין גלויבען, זיין רע־גיערונג, זיין פאַמיליע און אַליין שאַפען זיין גליק. דאָס וואָלט שוין גע־הייסען ריינע דראַמאַ, טהעטיגקייט, אונאַבהענגיגקייט—די פעריאָדע פון דיעזער דראַמאַ איז ערשט געקומען אין הענריך איבסען'ס צייטען.

אין שעקספיר'ם צייטען איז דער מענש געווען דער פּראָדוקט און די אונטערטהעניגע בעשעפענים פון דער קירכע, רעליגיאָן, רעגיערונג. ער איז געווען דער פּראָדוקט פון דער פאַטאַלער טראַגעדי — די אידיש־קריסטליכע וועלט אנשויאונג. זעהר זעלטען האָט זיך אין זיין לעבען געהערט די שטימע פון דער אפּיקורסישער קאָמעדי, די שטימע פון א ראַבעלע, די שטימע פון אַ באָקאַטשיאָ. דער אונטערדריקטער צו־קוועטשטער מענש האָט דאַמאָלס געשפּיעלט אַ קליינע ראָלע. אין זיין העכערע פאָרם איז ער געווען, ווי האַמלעט זאָגט, א בריאה וואָס האָט זיך איינגעשפּארט אין דעם שאָלעכץ פון א נוס, וואו ער האָט זיך גע־רעכענט פאַר דעם קעניג פון אונענדליכקייט... אַ טראַגיש־קאָמישע לאַגע! פון דיעזער טראַגי־קאָמישער לאַגע האָט שעקספּיר געשעפּט אַלע שעהנע ווערקע. ער האָט געשילדערט ניט דעם מענש, נאָר דאָס מענשליכע, ניט די אורזאַכען, נאָר די פאָלגען, ניט דאָס פאָלק, נאָר די מאַסע, ניט דעם „איינעם", נאָר דעם העלד, ניט פּערזענליכקייט, נאָר דעם כאַראַקטער, ניט אַ געוויסע טייל, נאָר דאָס גאַנצע, ניט אַ בע־זונדערע פּראָווינץ פון מענשענ'ס לעבען, נאָר זיין וועלט־אַלל, זיין אוניווערזום!...

ניט אַ קוק אויף דעם אָרעמען האַמלעט, וועלכער רעפּרעזענטירט דאָס פיהלענדע און דענקענדע קריסטענטהום פון זיין צייט. וואָס האָט פון איהם די אידיש־קריסטליכע אידעע פון סוביעקטיווען דענקען גע־מאַכט? ער איז אַ שוואַכלינג, אָהן בעשלאָסענהייט, אָהן איניציאַטיווע, אָהן זעלבסט פערטרויען, אָהן אַ ווילען. זיין היסטאָרישע טראַגעדי האָט ביי איהם געראויבט זיין פיזישע קראַפט, זיין לעבענסלוסט, און האָט פּאַראַליזירט זיין ווילען. העכער טויזענד יאָהר האָט מען איהם גע־לערנט צו פערשטעהן, אַז ער איז געבאָרען געוואָרען פון אַ טפּה סרוחה, אַז ער ליידעט איבער אדם'ס זינדען־פאַל, וועלכער איז געקומען דורך דער פרוי; דאָס מענשענ'ס אירדישעס לעבען איז קיין לעבען ניט — דורכ'ן טויט קריגט ער ערשט זיין לעבען אויף יענער וועלט, וואו קיין מענשליכעס לעבען איז ניטאָ. דעם בעגריף פון ליעבע האָט מען איהם געגעבען אין אַ צווייפאַכער (דואַליסטישער) פאָרם. אויב די ליעבע איז פון גאָט, האָט מען ליעב נאָר יעזוס'ן און די זעעלע. אויב די ליעבע איז פון סאַטאַן, האָט מען ליעב דעם קערפּער, האָט מען ליעב די זינדיגע פרוי. העכער טויזענד יאָהר האָט מען דעם האַמלעט גע־

צוואונגען צו דענקען, אז די העכערע, די ערדלערע אידעע פון לעבען איז אין אסקעטיזם, דאס הייסט, אין דעם, דער מענש זאל קעמפפען מיט זיין אייגענער נאטור, זאל טויטען אין זיך יעדען פערלאנג, זאל פערברייננגען זיין צייט אין תשובה טאן, פאסטען און צרות ליידען... האט איהם דער רבש"ע געשיקט וועניג יסורים, האט ער אליין פאר זיך ערפונדען אלערליי כלי משחית צו פייניגען זיך. ער האט זיך געשמיסען מיט ריטער, מיט דערנער, מיט רימענס, האט זיך אליין געמאטערט און געפלאגט. אין ליידען און אין ביטערע שמערץ האט ער געזוכט די „זיסע" מיסיאן פון זיין לעבען. וואהין זיינע אויגען האבען זיך געווענדעט האט ער נאר געזעהן די אידעע פון זעלבסט ענטזאגונג און אסקעטיזמוס... אום־אונד־אום האט ער געזעהן דעם געקרייציגטען מענשען מיט א קראנץ פון דערנער אויף זיין קאפ און מיט בלוטיגע טרערען אויף זיין געזיכט, וועלכער שטעלט פאר דעם מענשענ'ס ערלעזונג. די גרעסטע קינסטלער האבען ניט געשילדערט די נאטור, ניט געמאלט קיין שעהנע לאנדשאפטען, ניין, זיי האבען איהם געגעבען סטאטוען פון אויסגעמאטערטע הייליגע אסקעטען, האבען איהם געמאהלען מאדאננעס מיט פערקרימטע, אויסגעקרענקטע פנים'ער, אויסגעדארטע פרושים... אין זיין מוזיק האט געהערשט דער טרויעריגער טויטענמארש פון זיין קירכען געזאנג, אין דער ארכיטעקטור האט ער געזעהן דונקעלע געביידען און שרעקנדע סימבאלען. א ביהנע האט ער אין דער קירכע אדער לעבען דער קירכע און זעהן זעהט ער דארט נאר יעזוס'ן, זיין מוטער און זייערע הייליגע מיט זייער לעבען פון תשובה און ענטזאגונג, מיט איין ווארט, ער האט אום־אונד־אום געזעהן נאר דעם אסקעטיזמוס. געוויס, דער נאטירליכער געגענזאץ פון אסקעטיזמוס איז געוועזען דער אפטער אויסברוך פון ווילדע לוסט, דער מבול פון אויסגעלאסענהייט... דער דערשראקענער קריסט האט געוואוסט דערפון, אבער ער האט עס ניט גערעכענט אלס א פראטעסט פון דער נאטור. עס איז געוועזען אנשיקענעס פון סאטאן. ווארום די נאטור, דאס שעהנע, דער גריכישער בעגריף פון לעבען, — דאס אלעס, איז געוועזען פון סאטאן און פאר דעם סאטאן. רוחניות איז געוועזען פאר גאט און פון גאט, גשמיות איז געוועזען פון טייוועל און פאר'ן טייוועל...

עס איז לייכט צו פערשטעהן, ווארום האמלעט איז אזוי שוואך און בלאס, ווי ער ערשיינט פאר אונז אין זיין שווארצען טרויער מאנ־

טעל, אין דעם מאנטעל פון א בעל תשובה און פעסימיסט, אין דעם מאנטעל אין וועלכען די אידיש קריסטליכע סוביעקטיווע אידעע פון לעבען האט איהם געוויקעלט אזוי פיעל יאהרהונדערטע. אין וואס בע־שטעהט די טראגי־קאמעדי פון האמלעט'ס לעבען? איהם שרעקט דער טויטער גייסט פון זיין פאטער, דער שאטען פון דער פערגאנגענהייט, די פאקטען פון דעם אמאליגען לעבען, ווען דער האמלעט־פאטער איז געווען פיזיש רוהיג, שטארק און מעכטיג מיט א פרייען ווילען און האט געפיהרט א זאאלאגישען לעבען אויף דער שוים פון דער נאטור... די פערגאנגענהייט רופט איהם צו טהעטיגקייט. ער אבער איז פאראלי־זירט. די אלטע פערגאנגענהייט איז געשטארבען און דער קריסט האמ־לעט ערפאהרט נאך אמאל די אלטע אידיש־קריסטליכע געשיכטע, אז דער טויט איז פעראורזאכט דורך דעם זינדענפאל פון דער פרוי, דורך דער זינדיגער מוטער געטרודע... שפעטער, ווען דאס לעבען ווערט א דראמא, קומט דער זינדענפאל ניט דורך דער פרוי, נאר דורך דעם מענש. פון שעקספיר'ס געטרודע און פון זיין אפעליא ביז איבסען'ס נארא און העדדא גאבלער האט די מענשהייט געדארפט דורכגעהן א גרויסען היס־טארישען מהלך. אין שעקספיר'ס צייטען זיינען די פרויען געווען אדער העקסען, מכשפות, דעם סאטאנ'ס בעהעלפערס צו פערפיהרען דעם מאנביל'ס כשר'ע נשמה, אדער זיי זיינען געווען פרומע נאנען, לייכטענ־דע שטערען און דופטענדע בלומען. פשוט'ע מענשען האבען די פרויען אנגעפאנגען צו ווערען נאר אין אונזערע צייטען, אין דער מאדערנער דראמא...

„האמלעט" איז דער געגענזאץ פון דראמע, ער איז דער ווידער־שפרוך פון אקטיוויטעט, פון טהעטיגקייט, פון בעשלאסענהייט. ער איז ניט געווען דער הערר פון זיין לעבענס אומשטענדע, פון זיין שיק־זאל. ער איז געווען א פאטאלער פראדוקט פון א פאטאלער היסטארי־שער טראגעדי, א קנעכט פון זיין שיקזאל, ער האט א סך געדענקט און ווענייג געטאן. זיינע שמערצען זיינען געקומען פון דענקען. זאלאנג דער קריסט האט ניט געדענקט, האט ער נאר געגלויבט... און אין גלויבען האט ער געפונען זיין טרויסט און בעפריעדיגונג. ווי ער האט נאר אנגע־הויבען דענקען, האט ער אנגעהויבען צווייפלען, ער איז געווארען א סקעפטיקער און א הומאניסט. דער סקעפטיציזמוס האט טאקע פערגיפ־טעט די זעעלע פון האמלעט, עס האט אבער געעפענט דעם מח פון

פראנציס בעקאָן, וועלכער האָט אין דער זעלבער צייט אָנגעפאנגען צו לערנען, אז דענקען דאַרף מען נאָר פון דער אויסערער וועלט און דאָס דער אָביעקטיווער געדאנק איז דאַן ריכטיג, ווען מיר קענען דעם אָביעקט אליין, דעם גע‏גענשטאנד פון אונזער דענקען אָבמעסטען, אָבוועגען, בע־גרייפען דורך אונזערע מאטעריעלע חושים. האמלעטיזם האָט געמוזט פיהרען צום בעקאָניזם און, אין דעם זינן, זאָגט מען ניט אומזיסט, אז בעקאָן און שעקספיער איז איינע און די זעלבע פּערזאָן . . . דער הומאַ־ניזם פון האמלעט האָט טאקע געפיהרט דערצו, דאָס ער האָט אָנגע־הויבען צו צווייפלען ניט נאָר אין דער זיטליכער וועלט־אָרדנונג פון עקזיסטירענדען מענשען, נאָר אויך אין דער לאָגיק פון דער גאנצער וועלט־סיסטעם. דאָס האָט אָבער געפיהרט צום רענעסאנס, שפּעטער צו דער פילאָזאָפי פון אויפקלערונג און רעוואָלוציאָן!

א לאנגע צייט איז די קריסטליכע וועלט געלעגען אין פינסטערניס, דער געדאנק פון מענשען איז געשלאָפען, דער גייסט איז געווען גע־שמידט אין קעטען פון טויטע דאָגמען, די פּערזענליכקייט פון יעדען „איינציגען" איז געווען אונטערדריקט, זיין ווילען געראובט. דער גאָט פון ליעבע איז געווען אן אל קנא ונוקם . . . ער האָט געהייסען שווייגען, אז ניט האָט ער געהייסען פערברענען און פערניכטען. ער וואָלט שוין ניט אויסגעהערט אזוי גערולדיג, וואָס איוב זאָגט, ווי דער אלטער דע־מאָקראטישער גאָט־פאָטער יהוה האָט געטאָן. די קאטוילישע קירכע האָט פון דעם גאָט דער ליעבע, פון דעם גאָט פון אביונים און געפאלענע, געמאכט אן אריסטאָקראטישען גאָט, א געוואלדיגען מיוחס און אויטאָ־ריטעט, די קירכע און איהר דאָגמע האבען געגצליך דעם מענשען פער־שקלאפּט. דאָס האָט ענדליך געמוזט ארויסרופען א פּראָטעסט און עס האָט געשאפען דעם רעליגיעזען פּראָטעסטאנטיזמוס, די רעפאָרמאַ־ציאָן.

די רעפאָרמאציאָן האָט געבראכט גרויסע נוצען דערמיט, וואָס זי האָט ערניעדריגט דעם פּרעסטיזש פון אלטע אויטאָריטעטען און האָט געוויזען א ביישפּיעל פון פּראָטעסט—זי איז געווען נוצליך אין דעם זינן, דאָס זי האָט געלערנט און פערברייטעט די אונטערוואָרפענע מענשען פון פּראָטעסט איבערגעהן צו רעוואָלוציאָן. אָבער די רעפאָרמאציאָן האָט ניט בעפרייט דעם געדאנק און דעם גייסט פון דעם קריסטליכען מענשען. פערקעהרט, זי האָט נאָך שטארקער געמאכט דעם איינפלוס

פון דער אידישער סוביעקטיווער וועלט־אנשויאונג. די ביבעל איז נאָך געוואָרען א גרעסערער אויטאָריטעט, די דואַליסטישע סיסטעם, אז אויף דער זינדיגער ערד הערשט דער סאטאן צוזאַמען מיט גאָט איז נאָך גע־וואָרען שטארקער, אַלע וועלט־פערגניגענס, יעדע פרייד וואָס איז פער־בונדען מיט גשמיות האָט אויך אין דער פּראָטעסטאַנטישער וועלט גע־הערט צום סאטאן — און וואָס עס בעלאַנגט צום סאטאן, נאַטירליך, בעלאַנגט ניט צו גאָט. די פּראָטעסטאַנטען, מעהר פון אַלע די קווע־קערס, האָבען געהאַסט און פעראכטעט קונסט, טהעאַטער, אירדישע שעהנקייט, ווארום דאָס אַלעס איז געווען דעם סאטאנ׳ס מלאכה. און ווי אזוי האָט דער פּראָטעסטאַנט געקענט צווייפלען אין די עקזיסטענץ פון סאטאן, אז מארטין לוטהער אליין האָט מיט איהם געפיהרט פער־זענליכע דעבאַטען און האָט איין מאָל אויף איהם, אויף דעם „ניט גו־טען" געוואָרפען זיין גרויסען טינטער מיט טינט?

ווי לאַנג די רעאקציאָן און די פינסטערנים זאָלען ניט הערשען, ווי שטארק די דענקענדע קראַפט זאָל ניט זיין אונטערדריקט, אין גאַנצען פערניכטען דעם געדאַנק פון א מענשען איז אונמעגליך, די מענשהייט פערגעסט ניט צו דענקען. דער צווייפלענדער, סקעפּטישער געדאַנק ערוואַכט און דער מענש הויבט צוערשט אָן צו פרעגען: צוליעב וואָס דארף זיין דאָס וואָס עס איז? און אויב עס דארף זיין, מוז עס דען זיין דוקא אזוי ווי עס איז?... שפּעטער קומט דער קרי־טישער געדאַנק און צושטערט אַלעס, וואָס עס דארף ניט זיין, און נאָך שפּעטער קומט דער שאַפענדער גייסט און שאַפט דאָס נייע, וואָס עס דארף זיין... האמלעט — דאָס איז דער ערוואַכטער צווייפלענדער געדאַנק פון דעם אָבגעשוואַכטען קריסטענטהום, דאָס איז איוב, וועל־כער האָט זיך אריינגעקליבען צום קריסט און האָט אזוי פיעל יאָהר געשוויגען, דאָס איז דער „עוויגער יודע", וועלכער האָט אומגעוואַנ־דעלט אין דער קריסטליכער וועלט אין דעם תשובה מאַנטעל פון א מאָנאך, אן אסקעט... האמלעט פערשטעהט זיין אויפגאַבע, אָבער ענטשיידען זי קען ער ניט, ווארום צום קענען דארף מען האָבען ווילען... נאָר דורכ׳ן ווילען קומט מען צו טהאַטען, האמלעט האָט ניט קיין ווילען. די רעפלעקציאָן, דאָס גריבלען פּאראַליזירט זיין ענטשלאָסענהייט. ער האָט נאָר די אידעע פון דער טהאַט, אָבער ניט די טהאַט אליין. דאָס איז דער ערשטער שריט פון סקעפּטישען געדאַנק. האמלעט פאַנגט

אָן צו צווייפלען אין דעם לאָגישען געדאַנק פון אַלע ערשיינונגען. זיין צווייפלען געהט אַזוי ווייט, אַז ער זאָגט: צווייפעל, דאָס די שטערן לייכטען, צווייפעל, דאָס די זונן בעוועגט זיך, צווייפעל אויב די וואַרהייט איז ניט אַ ליגען!... דאָס וואָס האַמלעט זאָגט: צווייפעל דאָס די זונן בעוועגט זיך, צייגט ניט, אַז שעקספּיר האָט דאַמאָלס ניט געוואוסט, אַז די ערד, ניט די זונן בעוועגט זיך. פערקעהרט, ער האָט יא געוואוסט און דאָס פערשטאַרקט נאָך דעם געדאַנק, ווי אונזיכער איז דאָס, וואָס דער מענש רעכענט פאַר אַ וואַרהייט. זיינע געפיהלע זאָגען איהם, אַז די שטערען זיינען פייער, אַז די זונן בעוועגט זיך, איז דאָס דען אין דער ווירקליכקייט אַזוי? און איז דען ניט אַלעס, וואָס ער רעכענט פאַר אַ וואַרהייט, ניט מעהר ווי א טעות, אַ ליגען, אַן איליוזיאָן פון זיינע געפיהלע? ער הויבט אָן צווייפלען אין אַלע געוועהנליכע מיינונגען, אין אַלעס וואָס ער ווייס פון ביכער, אין אַלע זיינע פּערזענליכע בעאָבאַכטונגען. אַזוי ווי איוב זאָגט ער: וואָס צווינגט אונז צו שוויצען, צו קרעכצען און צו שלעפּען אויף זיך דעם שווערען לאַסט פון לעבען? נור דאָס, וואָס מיר האָבען מורא, אַז נאָכ'ן טויט וועט זיין עפּעס דאָרט אין יענעם לאַנד, פון וואַנען קיין וואַנדערער האָט זיך נאָך ניט אומגעקעהרט. דאָס געוויסען מאַכט פון אונז שוועכלינגע און פּייגלינגע, וואָס בלייבט פון מענשען נאָך זיין טויט? אַ מאָנאַט נאָך זיין פאָטער'ס טויט האָבען איהם שוין אַלע פערגעסען, און די זינדיגע פרוי־מוטער האָט שוין חתונה געהאַט. און אַז ווער איז שוין גאָר אַ גרויסער מענש, איז דאָ אַ האָפנונג, אַז ער וועט זיין לעבען איבערלעבען מיט גאַנצע זעקס חדשים! פון דעם אָרעמען יאָריק'ס קאָפּ, וועלכער האָט אַמאָל געזאָגט וויצען און האָט אַלעמען פריילידְ געמאַכט, איז געוואָרען אַן עקעלהאַפטער ביין מיט צוויי לעכער. פון דעם גרויסען אַלעקסאַנדער איז געוואָרען אַש און שטויב, ווי פון יעדען קליינעם מענשעלע, און דער גרויסער מאַכער, וועלכער האָט זיין גאַנצעס לעבען געקויפט לענדער, ליגט אין אַ שמאָלען שטיקעלע ערד — דער קעניג, וואָס איז אָבגעהאָדעוועט און פעט, און דער בעטלער, וואָס איז אויסגעהונגערט און מאָגער, — ביידע זיינען זיי צוויי פערשיעדענע געריכטען ביי איין טיש, צוויי מאכלים פאַר איינע און די זעלבע ווערים...

די גאַנצע וועלט איז אַ תפיסה און יעדער מענש איז אַ געפאַנגענער. קיין פרייהייט איז ניטאָ. די פערהעלטניסע צווישען מענשען זיי־

נען געבויט אויף ליגען און בעטרוג. מען אכטעט דעם, ווער עס האט די מאכט אין האנד. נעכטען האט צופעליגערווייזע א בראוועד עהרליכער מענש געהאט די מאכט אין האנד, האט מען איהם געאכטעט. היינט האט פערנומען זיין פלאץ א פייגלינג, א פערברעכער, א מערדער — גיט מען איהם אב כבוד. קיין גערעכטיגקייט איז אויף דער וועלט ניטא. וויסען? קענען? אה, פריינד האראציא, אויפ'ן הימעל און אויף דר'ערד זיינען דא פיעלע, פיעלע זאכען, וועלכע די פילאזאפי איז ניט אימשטאנדע צו ערקלערען. ליעבע פון א פרוי? גערטרודע האט חתונה מיט אן אנדערן בעפאר זי האט אויסגעטראטען די שיך, אין וועלכע זי איז געגאנגען צו איהר ערשטען מאן'ס לויה. און זי האט איהם דאך אזוי געליעבט. די טוגענד און שעהנקייט פון אפעליא? די שעהנקייט וועט קיין מאל ניט זיין א הילפסמיטעל, צו פערשטארקערען די טוגענד, פערקעהרט, די טוגענד וועט זיין א קופלערין ביי דער שעהנקייט. ניין! האמלעט ראטהעט בעסער אפעליא צו געהן אין מאנאסטיר, איידער זי זאל חתונה האבען און דורך איהר זאלען פערמעהרט ווערען זינדיגע מענשען. פריינדשאפט? וואס איז א פריינד, א מענש וואס מיינט, אז ער קען שפיעלען אויף דיר לייכטער, ווי אויף א פלייט... וואס איז גליק? פארטונא איז א פראסטיטוטקע, וועלכע פערקויפט איהר ליעבע צו דעם, ווער עס איז מעהר אויסגעלאסען און פערדארבען. וואס איז דאס לעבען? צוליעב וואס זאל מען לעבען? וואס איז די גאנצע זיט־ליכע ארדנונג פון דער וועלט? וואס איז די וועלט אליין? וואס איז די גרויסע ליכטיגע זונן, וועלכע פון איהרע שטראהלען ווערען בעשאפען ווערים אין דעם קויט, וואס וואלגערט זיך אויף דר'ערד? בלייבט נאך איין פראגע: וואו איז דאס גלויבען, וועלכעס פערשפרעכט אונז בעפרי־דיגונג נאכ'ן טויט? וואו איז די רעליגיאן, וועלכע האט טויזענדער יאהר־געלערנט האמלעט'ען ניט דענקען פון ראכע און האט געלערנט דעם מענשען פערגעבען, מוחל זיין און די שטראפע, די טהאט ניט נעהמען אויף זיך, נאר איבערגעבען עס צו דער מאכט, וועלכע איז ניט אין דעם מענשען, נאר ווייט אין די הימלען? האמלעט האט אנגע־פאנגען צו דענקען און האט מעהר ניט קיין גלויבען. די קריסטליכע וועלט וויל ניט מעהר קיין בעפרידיגונג אינ'ם טויט, זי וויל אנפאנגען זוכען דאס גליק אינ'ם לעבען, ווי דער אלטער גריך האט געטאן, אינ'ם קאמפף פאר'ם מענשליכע לעבען, ווי פראמעטעאוס האט געטאן. האמ־

לעט וויל ניט איבערגעבען די שטראַף די טהאַט צו דער מאַכט אין הימעל, ער פערשטעהט שוין, אַז דער מענש דאַרף אַליין אויף זיך נעה־מען צו בעשטראָפען, אויסראָטען, פערניכטען דאָס בייזע, דאָס שלעכטע, דאָס אונגערעכטע . . . ער פערשטעהט עס, ער וויל עס, ער קען עס אָבער ניט. דער קאַמפּף פאַר דעם אירדישען לעבען און די טהאַט — דאָס זיינען שפּעטערע אַקטען פון דער גרויסער וועלט דראַמאַ . . .

ווען האַמלעט פאַלט און געזעגענט זיך מיט זיין טרייען פריינד האָראַציאָ, זיינען זיינע לעצטע ווערטער וועגען טויט: „די רוהע איז שווייגען....״

האָראַציאָ בויגט צו זיין קאָפּ צו דעם קערפּער פון דעם גרויסען רוהעלאָזען דענקער און זאָגט:

„וואָס פאַר א נאָבעלעם הארץ איז איצט צובראָכען געוואָרען!
גוטע נאַכט, מיין גוטער, ליעבער פּרינץ! זאָלען שאארען פון ענגעלן
דיר פון רוהע זינגען . . . הא? וואָס הער איך? וואָס פאַר אַ גע־
רויש פון אַ באַראַבאַן?״

יא, דער פאָרהאַנג פאַלט, דאָס נאָבעלע הארץ פונ׳ם גרויסען סקעפּטיקער און צווייפלער איז אנשווייגען געוואָרען. אָבער איהר הערט דעם גערויש פון אַ פּויק? דאָס מאַרשירט אַ נייע טרופּע, וועלכע וועט שפּיעלען אויף דער היסטאָרישער ביהנע אַ נייען טהייל פון דער גרוי־סער וועלט־דראַמאַ, דאָס קומט די נייע צייט, די צייט פון רענעסאַנס, די צייט פון בענייאונג און פון אויפלעבען, דאָס מאַרשירט אַן אַנדערע היס־טאָרישע עפּאָכע, דאָס געהט דער יוגענד־זוכער, דער פערגניגען פער־לאַנגער, דער לעבענס־פאָרשער, דער גרויסער דאָקטאָר פאוסט . . .

דראמא און דראמאטורגען.

דראמא.

1.

דראמא איז א גריכיש ווארט, בעדייטעט האנדלונג, טהאט, ווי מען זאגט אין ענגליש — עקשיאן.

מען האט געפרעגט א געוויסען ליטעראט: וועלכע סארט פון פאעזי איז גרעסער — ראמאן אדער דראמא? דארויף האט ער געענט־פערט: דער גרויסער זשעני שעקספיר וואלט אפשר ניט געקענט מא־כען קיין גוטען ראמאן, אבער די גרויסע קונסט, דראמא, האט געמאכט א גוטען שעקספיר.

א מוזיקער האט געזאגט א מיינונג, אז פון אלע מוזיקאלישע אינ־סטרומענטען איז די מעכטיגסטע און דאנקבארסטע די פיאנא. א וויא־לין, א פלייטע, א קלארנעט געהט אין דער טאנען־וועלט, אין דער וועלט פון קלאנג און הארמאני, אליין, א יחיד, וועלכען מען בעגלייטעט — א פיאנא אבער איז א פעראייניגטע קערפערשאפט, א געמיינשאפטליכע מאכט פון טאנען... דער טאלאנטפאלער פיאניסט בעהערשט א גאנצען מעער פון זיסע, שטארקע און קרעפטיגע טאנען, ער הארמאניזירט, שטעלט צונויף פערשיעדענע קאמבינאציאנען, דריקט אויס אלערליי געפיהלען...

די דראמא, צווישען אלע קונסטען, פערנעהמט אזא פלאץ ווי די פיאנא צווישען מוזיקאלישע אינסטרומענטען. דער דראמאטורג בע־הערשט אלע קונסטען דער וועלט, ער האט אין זיינע הענד א גאנצען מעער פון פערשיעדענע פסיכאלאגישע טאנען, א ים מיט פארבען, א וועלט מיט געפיהלען און געדאנקען, ער דארף נאר מאכען קאמבינא־ציאנען נאך זיין אויסערוועהלונג.

אין מענשענס לעבען איז דא פרייד און טרויער, געלעכטער און

טרערען, גרויסע אנשטרענגונגען און ניעדעריגע פערברעכען, ערהאבע־נע געדאנקען און געמיינע ווינשע, נאָבעלע געפיהלען און שרעקליכע לייַ־דענשאפטען, איידעלע, פאָעטישע ליעבע און ווילדע פערדישע תאוות, גרויסע אידעאַלען, הויכע שטרעבונגען און קליינע טעגליכע זאָרג... דיעזע אַלע פערשיעדענע געפיהלען, ווינשע און שטרעבונגען פּראָדוצי־רען אין מענשענס לעבען פערשיעדענע טהאטען, האנדלונגען, דאָס וואָס מען רופט אין גריכיש „דראמען״...

די סאָציאָלאָגישע געביידע פון מענשענס געזעלשאפטליכען לעבען, די עקאָנאָמישע אומשטענדען, אונטער וועלכע ער לעבט, די פאָרמען פון זיין פאמיליען־לעבען, די ציוויליזאציאָן, פון וועלכע ער נעהרט זיך, דער פערזענליכער קאמפף, וועלכען ער דארף פיהרען פאר זיין דאזיין, די אייגענשאפטען פון דעם מענשענ׳ס נאטור אים אלגעמיין, די נאטיר־ליכע און צופעליגע אומשטענדען, וועלכע רינגלען איהם ארום, די גאנ־צע אויסערע וועלט צוזאמען מיט זיין אייגענע, אינערע וועלט, מיט זיין זעעלע, זיינע נערווען, זיינע פיזיאָלאָגישע פעררייכטונגען, זיינע מעלות און חסרונות וועלכע ער בעקומט בירושה פון זיינע עלטערען — דאָס זיינען די שעפּפער, דער שטאָף און די בעוועגונגס־קרעפטע, וועל־כע רופען ארויס די אָדער יענע טהאטען, די אָדער יענע האנדלונ־גען.

דאָס ווייסע ביינדעלע אין א פּיאנאָ, פון וועלכע עס געהט ארויס א טאָן, ווען מען גיט א קלאפּ מיט׳ן פינגער, רופט זיך קלאוויש; אַלע ביינדלאך צוזאמען רופען זיך קלאוויטור.

א גאמע אָדער א סקאלא (סקייל) רופט זיך א לייטער פון טענער. יעדער טאָן איז א טרעפּ. זיבען אַזעלכע טענער איז א לייטער (א גאמע).

די גאנצע קלאוויטור פון א פּיאנאָ האָט זעקס־זיבען גאמען. די קלאוויטור אָבער פון דער דראמען־קונסט איז אונענדליך, איהרע גאמען פון וועלכע מע קען מאכען קאָמבינאציאָנען זיינען אונצאָהל־באר. עס איז דער גרעסטער לייטער אין דער וועלט, עס איז דער לייַ־טער וועלכע ר׳ יעקב האָט געזעהן אין חלום, עס איז א לייטער וועלכער געהט פון דער ערד ביז די הימלען, עס איז דער לייטער פון מענשענס לעבען, אויף איהם קלעטערען ענגלען און פון איהם שטירצען אראָפּ מענשען און ווערען צושמעטערט!

א גאנצע וועלט מיט ערשיינונגען האָט דער דיכטער צו זיינער

דיענסט ווען ער געהט פערפאַסען אַ דראַמאַ, זיין מאַטעריאַל איז גרויס, זיין פעלד איז אונגעהייער ברייט. איהר זיצט אין טהעאַטער פיער שעה און איהר לעבט אין דער צייט איבער צעהנדליגע יאָהרען; אויף אַ ביהנע פון ד׳ אמות די גרויס זעהט איהר די גרעסטע פעלדער פון שלאַכט און קאַמפף. די דראַמאַטישע קונסט בענוצט זיך מיט אַ גייסטי־גע פאַנאָראַמע, אום דאָס אייך ריכטיג פאָרצושטעלען.

האָט איהר געזעהן אַמאָל אַ פאַנאָראַמע? איהר גיט אַ קוק אין אַ גלעזעל וואָס איז גרויס ווי אַ פייג (וואָס מען עסט) איהר דערזעהט אַ שטאָט, וואָס איז גרויס אַזוי ווי ווילנאַ. אויף אַ קליין שטיקעלע ליי־ווענט מאָלט מען אָב ריכטיג די גאַנצע שטאָט ווילנאַ און דאָס פער־גרעסערונגס גלעזעל שטעלט אייך פאָר אַ כרך אין זיין נאַטירליכער גרויסקייט. אַ דראַמאַטורג קען אין פיער—פינף אַקטען שילדערן ניט נור דאָס גאַנצע לעבען פון איינציגע פערזאָנען, ער קען פאָרשטעלען אַ גרויסע היסטאָרישע עפּאָכע פון אַ גאַנצען פאָלק. די דיכטונגס־קראַפט פון פערפאַסער, די דעקאָראַציאָנען, די נאַטירליכע שפּיעל פון אַקטיאָ־רען מיט דער הילפע פון דעם צושויער׳ס איינבילדונגס־קראַפט און פאַנטאַזיע, דאָס אַלעם צוזאַמען בעשאַפט דער ביהנעס גייסטיגע וואונ־דערבאַרע פאַנאָראַמע, וועלכע ווייזט די ווייטע יאָהרען אין זייער נאַ־טירליכער גרויסקייט.

מען דאַרף זיין אַ בריה פאָרצושטעלען פערשיעדענע האַנדלונגען אין אַ אינטערעסאַנטע און אנגענעהמע פאָרמע, אָבער די גרעסטע קונסט איז צו שילדערן אַ רעאַלען, נאַטורטרייען טיפּ. וויסען די טהאַ־טען פון אַ מענשען איז ניט שווער, קענען און פערשטעהן דעם מענשען אַליין איז ניט זעהר לייכט.

אין אַ דראַמאַטישען ווערק קענען פאָרגעשטעלט ווערען דריי קאַ־טעגאָריען מענשען: טיפּען, כאַראַקטערע, פערזענליכקייטען. אַ טיפּ איז אַזאַ אינדיווידואום, אין וועלכען עס זיינען צוזאַמענגעקליבען און קאָנצענטרירט די אַלע אייגנצעלהייטען און אייגענשאַפטען, וועלכע גע־פינען זיך ביי אַנדערע מענשען פון זיין פאָלק, פון זיין ראַסע און פון זיין צייט אין אַ שוואַכע, קוים בעמערקטע פאָרמע אָדער וועלכע זיינען שוין ביי איהם גאַנץ פערלאָרען געוואָרען. צום ביישפּיעל: אַ טיפּישער איד האָט אַ לאַנגען האָרבאַטען נאָז, שוואַרצע האָאָר, שוואַרצע אויגען, אַ שמאָלע ברוסט און לענגליכען קאָפּ. דערצו האָט ער דיעזע אייגענ־

שאפטען: ער האט פלינקע בעוועגונגען, קאמישע העויות, א שארפען מוח, פעהיגקייטען צו געשעפט, א שטארקען ווילען אויף צו בעהערשען זיך, א נייגונג צו א קהל'ס ארדנונג און א געוואהנהייט צו לעבען חברותא נאר מיט זיין ווייב. עס גיבען אבער אידען וואס האבען שווארצע אויגען און האבען ניט קיין הארבאטע נאז, וואס האבען ליעב ביזנעס און האבען ניט קיין שכל, וואס האבען שווארצע האאר און געלע וואנצעס, וואס האבען פלינקע בעוועגונגען און האבען ניט קיין שטארקען ווילען א. ז. וו.... זיינען זיי דערפאר חלילה, קיין אידען ניט? אידען זיינען זיי; אבער אטיפישער איד, א סוביעקט, אויף וועלכע איהר וועט נאר א קוק טאן, וועט איהר שוין וויסען ווער ער איז, מיט וועמען איהר וועט נאר איין האנדעל טאן, וועט איהר שוין וויסען מיט וועמען איהר האט צו טאן, דאס איז דער איד וועלכער האט אין זיך די אלע, אדער כמעט אלע טיפישע אייגענשאפטען, וועלכע מיר האבען אויבען אויסגערעכענט.

ווען איהר שילדערט א טיפ פון א העלד, פון א אינטריגאנט א. ז. וו. דארף ער פארגעשטעלט ווערען מיט שטארקע, דייטליכע, אויסדריקליכע און געשטאלטליכע ציגע; דארפען אין איהם קאנצענטרירט זיין די אלע אייגענשאפטען, וועלכע זיינען אין ניט טיפישע העלדען און אינטריגאנטען אויסגעדריקט אין א שוואכע, קוים בעמערקבארע פארמע.

יעדער מענש האט א כאראקטער אפילו א כאראקטערלאזער מענש איז אויך א כארקטער, אבער ניט יעדער מענש איז א כאראקטעריסטישער מענש. א כאראקטעריסטישער מענש ווערט אנגערופען אזא סוביעקט, ביי וועלכען אלע אייגענשאפטען זיינען ניט באלאנסירט, ניט גלייכמעסיג... ער האט איין געוואהנהייט, איין משוגעת, איין שטארק אויסגעדריקטע אייגענשאפט, וועלכע פערשטעלט אלע אנדערע... צ. ב. ש. איינער איז א בעריהמטער, ער איז א שטילער מענש א גוטער, אן ארענטליכער, און טהיילט זיך מיט גאר ניט אב פון אלע אנדערע מענשען, ווי אבער ער הויבט נאר אן רעדען פון זיך — וואקסט ער אויס פלוצלונג. ווען ער האט געפרעגט א קשיא, האט דער רב הכולל ניט געקענט ענטפערן; ווען ער האט א זעץ געטהאן א שכור'ען איירישען, איז ער אריבער געפלויגען איבער דער וואָרלד'ס בילדינג, ווען ער האט א קוק געטהאן אויף א שעהנע מאמזעל, איז זי אויפ'ן

אָרט פערצאַפּעלט געוואָרען און האָט גע'חלש'ט... עס זיינען דאָ אַ סך קאָמישע און ערנסטע אייגענשאַפטען, קריינק, משוגעת'ן, פּסיכאָ־פּאַטישע שוואַכקייטען, וועלכע מאַכען אַ מענשען פאַר אַ כאַראַקטער...

אַ פּערזענליכקייט איז אַ געוועהנליכער מאַסען־מענש. ווען איהר שילדערט זיינע האַנדלונגען און טהאַטען, דאַרפט איהר אויך זיין גוט בעקאַנט מיט זיין לעבען, מיט זיינע אומשטענדען, זיין אינטעלעקטועלען פּסיכאָלאָגישען צושטאַנד, אום פאָרצושטעלען איהם ריכטיג און נאַטור טריי. צום ביישפּיעל, אַלע חינעזער ווייזען זיך אונז אויס זעהר עהנליך איינע צו די אַנדערע... ווי איהר וועט נאָר אויסמאָלען אַ מענשען, אַ ניעדריגען, מיט קליינע אויגעלעך, אַ קורצען נאָז, מיט אַ צאָפּ פון הינטען און אין זיינע געוועהנליכע קליידער, וועלכער שטעהט אין אַ לאָנדרי, איז ער אַ חינעזער, אַ חינעזישע פּערזענליכקייט. איהר קענט אָבער ניט פאָרשטעלען אַ געוועהנליכען חינעזער אין אַ סאַראַפאַן פון אַ רוסישע באָבע, וועלכער זאָל זיצען אויף אַ ביימיקעל און זאָל מעביר זיין די סדרה...

ווען די הויפּטזאַך אין אַ דראַמאַטיש ווערק זאָל זיין די האַנדלונג, וואָלט מען ניט נויטיג געדאַרפט קיין שוישפּיעלער. דער אויטאָר אַליין, אָדער אַ געדונגענער בעל קורא וואָלט זיך אַנידער געשטעלט און איבער געלעזט פאַר'ן פּובליקום די גאַנצע וואָס האָט פּאַסירט פון אָנפאַנג ביז'ן אויסלאָז. די הויפּט זאַך אָבער זיינען די טיפּען, כאַראַקטערע און פּערזענליכקייטען, וועלכע ווערען געשילדערט. דער אויטאָר גיט נאָר ווערטער; מען דאַרף האָבען אַ שטימע, זשעסטען העויות, תנועות, מינעס, מאַנערען, בעוועגונגען, צוגעפּאַסטע קליידער, אַ ריכטיגע סיטואַציאָן, אַ וואַהרע אבבילדונג פון די אַלע פאַקטען, ערשיינונגען און אייגצעלהייטען וועלכע האָבען ארויסגערופען די דראַמאַ אין לעבען. דערויף מוז מען האָבען גוט איינגעריכטעטע טהעאַטערע און שוישפּיעלער: ריכטיג פאָרצושטעלען „עקשיאָן” דאַרף מען האָבען אַקטיאָרען.

מיר האָבען אויבען דערמאָנט די אורזאַכען, וועלכע פּראָדוצירען די האַנדלונגען פון מענשען־לעבען און וועלכע מאַכען פון מענשען אַזעלכע טיפּען, כאַראַקטערע און פּערזענליכקייטען, ווי זיי ווערען גענומען פון דעם דיכטער. די נאַטור, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומשטענדען שאַפען פערשיעדענע אינדיווידועלע אייגענשאַפטען, פּסיכאָלאָגישע און פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע (זעעלען־קראַנקע) ערשיינונגען. איינער איז

מעלאנכאָליש, דער אנדערער מאכט אימער שפּאָס; דער סאנגווינער (היציגער) דריקט אוים זיינע ליידענשאפטען אין א שטורם, דער גלאַ־סענער מענש האנדעלט אנדערש; אַן אַלטער מאַן האָט אַן אַנדער שטי־מע און אַן אַנדער גאַנג, אַ יונגער מאַן רעדט און גיהט אום אַנדערש... אַ לייכטזיניגער פּאַט, אַ שטוצער קליידעט זיך אַנדערש, אַ דענקענדער מענש ווידער אַנדערש; אַן אָריגינאַל טראָגט די היטעל אויפ'ן קאָפּ ניט אזוי ווי אַ מענש וואָס וויל ניט ארוים גיהן פון דער רייהע... אַ מענש וואָס איז געוואָהנט צו אונטערדריקען האָט ניט אַזעלכע מאַנערען ווי דער, וואָס איז שטענדיג אונטערדריקט. אַ שוישפּיעלער דאַרף פריהער פון אַלעס בעזיצען בעאָבאַכטונגס־קראַפט און אַ פעהיגקייט צו אימיטי־רען... ער דאַרף בעאָבאַכטען ווי פערשיעדענע טיפען און סוביעקטען פיהרען זיך אויף, רעדען, קליידען זיך, גיהען אום, זשעסטיקולירען, וועלכע מימיק זיי מאַכען, וועלכע פּלאַסטישע בעוועגונג און דאַן דאַרף ער קענען דאָס זעלבע אימיטירען, נאָכמאַכען, נאַטור טריי פאָרשטע־לען, רעאַליזירען.

אָבער דאָס אַלעס אַליין איז נאָך ווייניג. בעאָבאַכטונגס־קראַפט און אימיטאַציאָן זיינען נור מעכאַנישע אָדער טעכנישע מיטווירקער. אום דער שוישפּיעלער זאָל קענען איבערגעבען די אידעע פון אַ דראַמאַ־טישען ווערק, אום ער זאָל קענען ערקלערען אַלעס וואָס דעם דיכטערס ווערטער מיינען, — מוז ער פערשטעהן די בעדייטונג און דעם געדאַנק פון דעם גאַנצען ווערק, אין וועלכען ער נעהמט אַנטהייל, ער מוז פער־שטעהן די פּסיכאָלאָגישע אומשטענדען, וועלכע רופען ארוים די האַנד־לונג, ער מוז קענען די מענשהייט, בעגרייפען דאָס מענשליכע און פער־שטעהן דעם מענשען... ער דאַרף ניט נור זעהן און נאָכמאַכען, ער דאַרף אויך פיהלען און דענקען...

מיט איין וואָרט, טהעאָרעטיש גערעדט דאַרף דער דיכטער קע־נען אויסערוועהלען פון דער גרויסער מענגע פון מענשען'ס האַנדלונ־גען דעם בעסטען מאַטעריאַל און דאַרף הויפּטזעכליך קענען שילדערן טיפּען און כאַראַקטערע. דער שוישפּיעלער דאַרף קענען דיעזע טיפּען ריכטיג אויפפאַסען און רעאַליסטיש פאָרשטעלען. אָבער ווייל פון טהעאָ־ריע ביז פּראַקטיק איז זעהר ווייט און ווייל מענשען טוען זעהר זעל־טען דאָס וואָס זיי דאַרפען, וועלען מיר דערווייל דערפון ניט רעדען

און מיר וועלען אַ ביסעל שמועסען דערפון ווי אַזוי די דראַמאַ איז געוואָרען אַ ליטעראַטור און ווי אַזוי זי האָט זיך ענטוויקעלט ביי פערשיעדענע פעלקער.

.2

אַזוי ווי די טהאַטען און האַנדלונגען פון איינציגען מענשען זיינען אָבהייניג פון זיינע אייגענע פּסיכאָלאָגישע און פיזישע אייגענשאַפטען, אַזוי זיינען אויך די טהאַטען און האַנדלונגען פון אַ גאַנצעס פאָלק אָבהייניג פון דער קאָלעקטיווער פּסיכאָלאָגיע פון גאַנצען פאָלק. די אַנשויאונגען פון פערשיעדענע פעלקער האָבען זיך אויסגעאַרבייט אונטער פערשיעדענע אומשטענדע. דערפאַר האָבען זיך אויך פערשיעדען אויסגעאַרבייט די העכערע פאָרמען פון פּאָעזי ביי פערשיעדענע פעלקער. און דאָס איז די אורזאכע, פאַר וואָס ביי אייניגע פעלקער האָט די דראַמאַטישע פּאָעזי געמאַכט גרויסע פאָרשריטע און ביי אַנדערע פעלקער האָבען זיך אָם העכסטען ענטוויקעלט די אַנדערע פאָרמען פון פּאָעזי.

דער בעוואוסטער היסטאָריקער וועבער זאָגט: דאָס דראַמאַ שפּיעלט אין דער קעניגרייך פון פּאָעזי די זעלבע ראָלע, וועלכע דעמאָקראַטיע שפּיעלט אין דעם לעבען פון אַ פאָלק׳ס רעגיערונג. די ניט דראַמאַטישע פּאָעזי זינגט פון געטער, פון העלדען, פון אויסערוועהלטע בעשעפענישען, אָדער פון די געהיימע אינערליכע געפיהלען פון אַ מענשען. דראַמאַ אָבער שטעלט פאָר דאָס ווירקליכע לעבען, דערצעהלט ניט נור דאָס, וואָס מענשען דאַרפען זיין, נאָר אויך דאָס וואָס זיי זיינען. אָפען, דייטליך און פאַר יעדען פאַרשטענדליך. די פאָרמע פון אַ דראַמאַ איז אַזוי ווי די פאָרמע פון אַ דעמאָקראַטישער רעגיערונג. יעדער שוישפּיעלער, איז אַן אונאַבהענגיגער, פרייער מענש, יעדער טוט זיינס און די טהאַטען פון אַלע פיהרען צו איין גרויסען אַלגעמיינעם ציעל. אין אַטהען, גריכענלאַנד, האָט זיך הויך ענטוויקעלט די דראַמאַטישע פּאָעזי, ווייל דאָרט האָבען געהערשט און געבליהט די פּרינציפּען פון וואַהרען דעמאָקראַטיזמוס.

ביי די אַלטע גריכען האָט דער מענש געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע און זיינע טהאטען זיינען דראַמאטיזירט געוואָרען פון די גרעסטע קינסטלער. די אַלטע גריכישע דראַמא האָט געשילדערט דעם מענשען זיינע ריינע פּאַטריאָטישע געפיהלען, מיט זיינע הויכע שטרעבונגען צו מאַכען גליקליך זיין פאָלק, מיט זיין שטאַרקען ווילען צו זיין פריי און צו קעמפּפען זאָגאַר מיט די געטער פאַר זיין אונאַבהענגיגקייט.

ביי די אידען, עגיפּטער, אַראַבער און אַנדערע אָריענטאַלישע פעלקער, ביי וועלכע דעם מענשענס פערזאָן האָט ניט געשפּיעלט קיין ראָלע, וואו די גאָטהייט האָט דעם מענשען פערניכטעט, זיין פרייען ווילען געראויבט, זיינע שטרעבונגען צו קעמפּפען פאַר עולם הזה געשטעלט ניעדריג און פער׳מיאוס׳ט, — ביי די אַלע פעלקער האָט די דראַמאַטישע ליטעראַטור זיך זעהר וועניג אָדער גאָר ניט ענטוויקעלט. אין אידישען תנ״ך געפינט איהר די שעהנסטע פאָרמען פון פּאָעזי און געפינט זעהר וועניג, וואָס זאָל צייגען, דאָס ביי די אידען האָט עקזיסטירט אויך דראַמא. מיר זאָגען: „זעהר וועניג", וועיל „שיר השירים" און „איוב" בעווייזען דאָך, דאָס גאַנץ פרעמד איז די דראַמא ניט געוועזען אויך דאָרט, וואו עס האָט געהערשט דער שטרענגער „אל שדי", וועלכער האָט ניט ליעב געהאַט קיינע תענוגים, קיינע פערגניגענס און וואו דער מענש איז געוועזען גערעכענט פאַר אַ טפּה סרוחה און אַ חרס הנשבר...

ביי די פעלקער, ביי וועלכע די גאָטהייט איז געוועזען עטוואָס איבער־נאַטירליכעס, האָט ניט געקענט ערשיינען קיין דראַמאַטישע פּאָעזי, דערפאַר וועיל יעדע דראַמא איז געבוירען געוואָרען אויפ׳ן באָדען פון רעליגיאָן. ביי די גריכען זיינען די געטער געוועזען ניט איבער־נאַטירליכע. די קרעפטע און מעכטע וואָס די גריכען האָבען געזעהן אין דער נאַטור, די אייגענשאַפטען וואָס זיי האָבען געזעהן אין דעם מענשען אליין, האָבען זיי צוגעשריעבען זייערע געטער. ווי אַנדערש האָט מען געקענט דיענען דעם גאָט פון פריהלינג, דעם גאָט וועלכער איז געלעגען אַ גאַנצען ווינטער טויט. ווי די נאַטור, און וועלכער האָט ערוואַכט מיט לעבען, ליכט און פרייד, ווי אַנדערש האָט מען געקענט דיענען דיעזען גאָט, ווען ניט מיט געזאַנג, מיט טענץ, מיט פערקליידונגען, מיט ערצעהלונגען פון דעם, וואָס האָט אין דיעזען גאָט׳ס לעבען פּאַסירט?... דאָ פאַנגט זיך אָן די דראַמא. דאָס וואָרט „טראַגעדיע"

נעהמט זיך אייגענטליך פון די ליעדער וועלכע מען פלעגט זינגען צום באָק. אין גריכיש הייסט באָק — טראַגאָס. דעם נאָמען פון וויין פלעגען די גריכען שילדערען אין דער קאָמישער פאָרמע פון א באָק, וועלכער איז בעדעקט מיט בלעטער און בינטלעך פון וויינטרויבען און איהם האָבען זיי געזונגען באָק־ליעדער, „טראַגעדיען”, פון וועלכע שפּעטער האָבען זיך ענטוויקעלט די ערהאבענע וואונדערבארע טראַגעדיען פון די זשעניאַלע גריכישע דיכטער: עסחיל, סאָפאָקל און עווריפּידוס.

די גריכען האָבען געזוכט אין דער דראמא א העכערען עסטעטישען פערגניגען: זיי זיינען געגאַנגען אין טהעאַטער בילדען זיך, זיי האָבען געוואָלט בעוויינען דעם מענשען'ס שיקזאַל, בעוואונדערען זיינע גרויסע טהאַטען, פעראורטהיילען זיינע געמיינע האַנדלונגען, בעקאַנט ווערען מיט זיינע ערהאבענע אידעאַלען. ניט דאָס האָט געזוכט אין טהעאַטער דער רוימער. דער רוימער איז געווען עגאָאיסטיש און גראָב, ער האָט געזוכט תענוג אין צינישען זינן פון'ם וואָרט, ער האָט געזוכט פערגניגענס, וועלכע זאָלען וועקען אין איהם ווילדע תאוות. ניט קיין דראַמא האָט דער רוימער געדארפט, ער האָט גאָר געפאָדערט „שאָום”, (שויען). עסען און שויען! האָט געשריען דער הונגעריגער און פערדאָרבענער לומפּען־פּראָלעטאַריער פון דעם אויסגעלאַסענעם רוים. שויען און צינישען פערגניגען האָט געזוכט דער אריסטאָקראַטישער רוימער, וועלכער האָט בעטריבען די גאַנצע וועלט נור אין דעם נאָמען פון זיינע אייגענע בויך־ אינטערעסען. דעם ערשטען פּלאַטץ ביי די רוימער האָט פערנומען דער צירקוס, וואו געפאַנגענע און שקלאַפען האָבען איינע די אַנדערע געהרג'עט אָדער וואו זיי האָבען געקעמפּפט מיט בלוט־דורשטיגע, הונגעריגע לייבען און לעמפּערטען. די דראַמען, וועלכע פּלעגען יא געשפּיעלט ווערען, האָבען געדארפט האָבען א רייכע „איבערראַשענדע” אויסשטאַטונג, זיינען געווען פול מיט צינישען רעאַליזמוס, האָבען אָם מייסטען גאָר ניט געגעבען דעם גייסט און האָבען זעהר פיעל געגעבען די אויגען און די אויערען.

די גריכישע ציוויליזאַציאָן האָט ניט געקענט אויפהויבען דעם דעמאָראַליזירטען און פערדאָרבענעם רוימער, די גריכישע דראמא מיט איהר עסטעטישען כאַראַקטער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין א צינישען געמיינעם פערגניגען, נון האָט זיך אריינגעמישט די אידישע ציוויליזאַציאָן. עס איז געקומען א אידעל, ישוע בן יוסף, וועלכער

האָט געהייסען פערשליסען אַלע טהעאַטערע, פערניכטען אַלע דראַמאַ־טישע ווערק, פערגעסען יעדען עסטעטישען פערגניגען, אַ אידעל, וועל־כער האָט בעפוילען אויפּאָפּפערן דעם מענשען אים נאָמען פון גאָט, וועלכער האָט פערשפּאָטעט און פער׳מיאוס׳ט אַלע שטרעבונגען פון דעם, וואָס איז ניט מעהר ווי אַ טפה סרוחה, אַ חרס הנשבר. דער קריסט איז געקומען און די ענטוויקלונג פון דער דראַמאַטישע ליטעראַטור איז אויף הונדערטע יאָהרען אָבגעשטעלט געוואָרען.

טעהאטער ביי די אַלטע גריכען.

פון אַלע אַלטע פעלקער זיינען די גריכען די איינציגע, וועלכע האָבען געשאַפען אַ נאַציאָנאַלען טהעאַטער און האָבען אונז געגעבען די ערשטע פאָרמען פון אַ וואהרער דראַמאַ. דאָס טהעאַטער איז ביי זיי, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער, געשאַפען געוואָרען אויף אַ רעליגיעזען באָדען. ביי קיין פאָלק אָבער האָט זיך דראַמאַטישע פאָעזי און די טהעאַטראַלע טעכניק ניט ענטוויקעלט ביז אַזאַ הויכע שטופע, ווי ביי די גריכען.

זיי האָבען ניט געהאַט, ווי מיר יעצט; גרויסע, איינגע געביידעס מיט שמאָלע סיטס און מיט שעהנע געמאָלטע דעקאָראַציאָנען. צום ביישפיעל, דאָס טהעאַטער און דער שטאָדט אַטהענאַ איז געווען אויף דער פרייער לופט, אונטער'ן בלויען הימעל. ניט ווייט האָט מען געזעהן דאָס אמת'ע מעער און מען האָט געהערט דאָס רוישען פון זיינע וועלען. לעבען באַרג אויף אַ שעהנעם טאָל איז געווען דאָס, וואָס מיר רופען ביהנע. אויפ'ן באַרג אין אַ האַלבען צירקעל זיינען פון שטיין געווען אויסגעטעסעט סיטס, וועלכע זיינען געגאַנגען העכער און העכער ווי טעראַסען. אין דעם טהעאַטער פון אַטהענא זיינען געווען דרייסיג טויזענד סיטס. פאָרשטעלונגען פלעגען געגעבען ווערען נור אין אַ געוויסע צייט אין יאָהר. אין דער צייט ווען מען פלעגט שפּיעלען טהעאַטער, פלעגט זיין אַ יום טוב אין שטאָדט. אַלע קראָמען און אַלע שאַפּס פלעגען ווערען געשלאָסען. פון פריזאָן פלעגט מען ארויסלאָזען אַלע געפאַנגענע און מען האָט אין דעם טאָג קיינעם ניט געטאָרט אַרעסטירען. יעדער בירגער, וועלכער האָט ניט געקענט בעצאָהלען פאַר זיין סיט צוויי אָבאָלען, האָט געהאַט אַ רעכט צו נעהמען דאָס געלד פון דער רעגיערונגס קאַסע. גאַנץ פריה מיט זונענאויפגאַנג פלעגט זיך די גאַנצע בעפעלקערונג אויפכאַפּען, אָנטאָן זיך אין די שעהנסטע קליידער און

איילען זיך אין טהעאטער מיט פרייליכע געשרייען און געלעכטער. אוי־סער עטליכע רייהען סיטס פון פאָרענט, זיינע די אַלע סיטס ניט געווען נומערירט און יעדער האָט געזוכט צו פערכאַפּען אַ בעסערען פּלאַץ. אייניגע פלעגען ברענגען מיט זיך קרוגען מיט וויין, פרוכטען און עסענ־ווארג, ווייל זעהר אָפט פלעגט מען בלייבען זיצען אין טהעאטער אַ גאַנ־צען טאָג. ווען עס פלעגט קומען אַ בעליעבטע פּערזאָן, פלעגען אַלע אויפשטעהן, שרייען הורראַ און אַפּלאָדירען. רייכע בירגער פלעגען קו־מען מיט זייערע דיענער, וועלכע פלעגען ברענגען קישענס, ווארום עס איז ניט געווען זעהר בעקוועם צו זיצען אויף אַ הארטען שטיינערנעם סיט אונטער דער זונן וועלכע פלעגט אויף צו להכעיס גוט צו־באַקען. אַז אַלע פלעגען זיך שוין פערזאַמלען, דאַן פלעגען קומען די אַרכאָנען, די פאָרשטעהער פון שטאָט, די אַמבאַסאַדאָרען פון פרעמדע לענדער און גאָר שפּעטער פלעגט קומען דער פּריסטער. דאַן פלעגט ווערען שטיל און דאָס שטיק פלעגט זיך אָנפאַנגען.

„טהעאטער״ נעהמט זיך פון דעם גריכישען וואָרט טהעאטראָן. מיט דעם וואָרט האָט מען בעצייכענט די אַלע צושויער, וועלכע פלעגען קומען זעהן דאָס שטיק. טהעאטראָן איז דאָס זעלבע וואָס מיר רופען יעצט אַן אודיטאָריום. אָרקעסטרא האָט אין גריכען טהעאטער גאָר גע־האַט אַן אַנדער בעדייטונג. אָרקעסטרא הייסט טאַנצען. דער פּלאַץ, וואו די טענצער און דער כאָר פלעגען טאַנצען, האָט זיך גערופען אָרקעסטרא. אין מיטען פון דעם פּלאַץ איז שטענדיג געשטאַנען אַן אַל־טאַר, אויף וועלכען מען פלעגט ברענגען אָפּפער צום גאָט דיאָניסוס. אַרום דעם אַלטאַר, פלעגען שטעהן די שוישפּיעלער, דער כאָר און די סטאַטיסטען. אָרקעסטרא איז געווען דאָס, וואָס מיר רופען יעצט ביהנע, סטיידזש. דאָס וואָס מיר רופען יעצט סצענע האָט אויך דאַמאָלס געהאַט אַן אַנדער בעדייטונג. סקענע אין גריכיש הייסט אַ שטיבעל, אַ גע־צעלט, וואו די אַקטיאָרען פלעגען זיך געפינען איידער זיי פלעגען דאַר־פען ארויסגעהן.

אַ לעגענדע דערצעהלט, אַז דער ערשטער גריכישער פּערפאָרמער פון שוישפּיעלען איז געווען אַ געוויסער טהעספּיס, וועלכער האָט אליין געפיהרט אַ וועגעלע מיט מאַסקען; ער פלעגט אליין פּערפאָרמען זיינע פּיעסען, אליין אָנטאָן אַ מאַסקע און שטעהענדיג אויף זיין וואָגען, פלעגט ער דעקלאַמירען אָדער דערצעהלען זיין ראָלע. ער האָט געהאַט

פיעלע מאסקען, וועלכע האָבען זיך געפּאסט צום כאַראַקטער, וועלכען ער האָט פאָרגעשטעלט. פון אָנפאַנג האָט דאָס פאָלק דיעזע פאָרשטע־לונגען מיט מאסקען און מיט „עקשענס" ניט געקענט ליידען, ווייל אַלע שוישפּיעלען האָבען געטראָגען אַ רעליגיעזען כאַראַקטער און אַלע פּערזאָנען, וועלכע פלעגען פאָרגעשטעלט ווערען, זיינען געוועזען אָדער געטער, אָדער האַלבע געטער. מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ פּראָפאַנאַציאָן און אַ בעלעדיגונג. עס איז דיזעלבע זאַך ווי אַ בעל קורא, ווען ער לעזט פון חומש, ווען ער לעזט פון אברהמ'ן, זאָל ער אָנטאָן אַ מאַסקע פון אַ גרויען גרייז, און זאָל רעדען מיט אַ דונערענדע שטימע, ווען ער לעזט פון לוט'ן זאָל ער אָנטאָן אַ מאַסקע מיט אַ רויטע נאָז און זאָל רעדען ווי אַ מענש, וואָס איז בגילופ'ן... שפּעטער אָבער האָט זיך דאָס פאָלק צוגעוואָהנט צו פערשטעהען, אַז פּאָעזי און דראַמע קע־נען ניט ערניעדריגען קיינע געגענשטענדע פון רעליגיאָן.

די גרויסע קלאַסישע טראַגעדיען פון וועלכע מיר ווייסען גענוי, זיינען די וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אין פינפטען יאָהר־הונ־דערט פאַר כריסטוסען. עס איז דאַן איינגעפיהרט געוואָרען מען זאָל שפּיעלען דריי שטיק, וועלכע זאָלען זיין בעגרינדעט אויף איין לעגענדע וואָס דערצעהלט פון געטער. די דאָזיגע טראַגעדיען פלעגען זיך רופען טרילאָגיען. פערענדיגען פלעגט מען די דריי קורצע טראַגעדיען מיט אַ קליינער סאַטירישער פּיעסע, אַ מין וואָדעוויל, און דיעזע גאַנצע פאָרשטעלונג פלעגט זיך רופען טעטראַלאָגיע. אָפט פלעגט מען שפּיע־לען אין איין טאָג צוויי טעטראַלאָגיען פון צוויי בעזונדערע דיכטער, וועלכע פלעגען זוכען די עהרע געקרוינט צו ווערען מיט אַ לאָרבער קראַנץ און צו קריגען דעם טיטעל „טשעמפּיאָן". ביי אַזאַ געלעגענהייט פלעגען אויסערוועהלט ווערען זיעבען בעריהמטע בירגער, וועלכע פלע־גען זיין די ריכטער, אָבער דאָס פאָלק, די צושויער אליין פלעגען אויך ניט בלייבען פּאַסיוו. האָט זיי דאָס שטיק געפעלען, פלעגען זיי אויס־דריקען זייער צופריעדענהייט מיט יובעל־געשרייען און מיט שטירמי־שע אַפּלאָדיסמענטען; פערקעהרט, זיינען זיי ניט געוועזען צופריעדען, האָבען זיי געפייפט, געטיוקעט, ניט געלאָזט שפּיעלען, און אויפ'ן דיכ־טער געוואָרפען איילבערטען, פייגען, גאַנץ אָפט זאָגאַר שטיינער.

פון אָנפאַנג פלעגט דער כאָר שפּיעלען די הויפּט ראָלע אין שטיק, ווייל דער אַקטיאָר האָט געהאַט זעהר וועניג צו „עקטען" און דער כאָר

האָט דערצעהלט דעם גאַנצען אינהאַלט. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען צו שרייבען אַזעלכע שטיק, אין וועלכע אַקטיאָרען זאָלען האָבען מעהר האַנדלונגען און דער כאָר וועניגער צו דערצעהלען, נאָך שפּעטער האָבען די גריכען אָנגעהויבען צו שרייבען אַזעלכע שטיק, אין וועלכע דער כאָר האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט'ן אינהאַלט פון דער פּיעסע: צווישען איין טהייל און דער אַנדערער פון דער טרילאָגיע, דאָס פּובליקום זאָל האָבען געדולד צו וואַרטען און די אַקטאָירען זאָלען האָבען צייט איבערצוטאָן זיך, פלעגט דער כאָר זינגען און טאַנצען, אַזוי ווי ביי אונז יעצט שפּיעלט מוזיק צווישען די אַקטען.

זעהר ווייט פאָראויס איז אַוועקגעגאַנגען דער היינטיגער טהעאַטער. מען קען אָבער קיין מאָל ניט פערשטעהן גוט די געגענוואַרט, אויב מען לערענט ניט די פערגאַנגענהייט.

טהעאַטער בײַ די רוימער.

בײַ די גריכען איז דאָס טהעאַטער געשטאַנען הויך; זייער טראַגעדי איז געװען בעלעהרענד און ערהאַבען, זייער קאָמעדי שאַרף און סאַטיריש. דאָס טהעאַטער בײַ די גריכען איז געװען אַ נאַציאָנאַלער פּראָדוקט, װעלכער איז געשאַפען געװאָרען פון די גייסטיגע אייגענשאַפען און דעם נאַטירליכען לעבען פון דעם גריכישען פאָלק. דאָס טהעאַטער בײַ די אַלטע רוימער איז ניט געװען קיין אָריגינעלע שאַפונג פון פאָלק, זיי האָבען ניט געהאַט קיין נאַציאָנאַלען טהעאַטער, זיי האָבען נור אימיטירט, נאָכגעמאַכט די אַלטע גריכען, װעלכע זיי האָבען בעזיעגט און בײַ װעלכע זיי האָבען געראַבט אויך זייער ציװיליזאַציאָן. דאָס טהעאַטער איז אין רוים קיין מאָל ניט געשטאַנען הויך, די רוימישע טראַגעדי האָט קיין בעדייטונג ניט. בעריהמט זיינען זיי די רוימער נור דורך זייער קאָמעדי, אָבער דיעזע בעריהמהייט איז אויך מעהר אַ טרויעריגע.

די קאָמעדי פון די רוימער איז אויך ניט קיין אָריגינעלע. אין גריכענלאַנד זיינען בעריהמט געװען צװיי זשעניאַלע קאָמעדיען־דיכטער, אַריסטאָפאַנעס אין די פריהערדיגע צייטען און מענאַנדער אין די שפּעטערדיגע יאָהרען. מיר װייסען, אַז אין די ערשטע צייטען פונ׳ם קריסטענטום זיינען פיעלע קלאַסישע װערקע פערניכטעט געװאָרען פון די פאַנאַטישע קריסטען און די מענשהייט האָט צוליעב דעם פערלאָרען פיעלע גרויסע װערקע פון קונסט, ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. פיעלע פון אַריסטאָפאַנעס קאָמעדיען זיינען דאָך פערבליבען, װייל די כריסטליכע גלחים איז זעהר געפעלען געװאָרען, װאָס ער לאַכט אָב פון די געטער. מענאַנדערס װערקע, װעלכע, װי מען גלויבט, זיינען געװען נאָך זשעניאַלער פון אַריסטאָפאַנעס, זיינען דורך װעלכע עס איז אונבעקאַנטע אורזאַכע אין גאַנצען פערלאָרען געגאַנגען און, אויב מיר װיי־

סען פון זיי, איז דאָס הויפּטזעכליך נור ווייל די רוימישע שרייבער האָבען אדאַפּטירט און בעאַרבייטעט פיעלע פון מענאַדערס קאָמעדיען. דורך דעם האָבען זיך בעריהמט געמאַכט צוויי רוימישע קאָמעדיען־שרייבער פּלאַוטוס און טערענץ. דיעזע צוויי שרייבער זיינען די איינציגע רוימישע דראַמענדיכטער וועלכע האָבען אירגענד וועלכע בעדייטונג אין דער געשיכטע פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור.

די רוימער, אַזוי ווי אונזער בורזשואַזנע געזעלשאַפט, האָבען ניט געדולדעט קיין דראַמאַ מיט אַ גרויסען פּאָעטישען און פילאָזאָפישען אינהאַלט. זיי האָבען געוואָלט אין טהעאַטער נור אַמוזירען זיך. מיט דער דראַמאַ האָט זיך ביי זיי געטראָפען דאָס זעלבע, ווי מיט עסען. זיי זיינען געווען גרויסע פרעסער. אַז דער מאָגען איז אָבער געווען ביי זיי איבערגעלאָדען, האָבען זיי אויסגעטראַכט פיעלע שאַרפע אויפרייצענדע געריכטען אום ארויסצורופען אַ געמאַכטען אַפּעטיט, און אַז דאָס פלעגט ניט העלפען, פלעגען זיי ביים טיש אריינשטעקען אַ פינגער אין מויל און עסען ווייטער... אַזוי איז געווען אויך מיט זייערע פאָרשטעלונגען. זיי האָבען געוואָלט אַ „שאָו", אַ ספּעקטאַקעל, וואָס זאָל רייצען זייערע ניעדריגע אינסטינקטען, זייער לוסט, זייער תאוה... וואָס שטומפּיגער זייערע נערווען זיינען געוואָרען, האָט מען זיי געדאַרפט געבען אַלץ אויפרייצענדע און שאַרפערע שוישפּיעלען, ביז עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבען גענעסען גייסטיגע שפּייז דאָרט וואו מען האָט געבראָכען... עס איז ניט געווען קיין מיאוסקייט, קיין אויסגעלאַסענהייט, קיין חוצפּה, קיין געמיינע בעוועגונג, קיין ניבול פּה וואָס איז ניט ערלויבט געווען אויף דער אָפענער סצענע. אויף דער ביהנע האָבען די רוימער געפאָדערט נור בלוט און זנות. זיי פלעגען קומען אין אַ ווילדע בעגייסטערונג, ווען זיי פלעגען זעהן ווי איין גלאַדיאַטאָר מאָרדעט דעם צווייטען, ווי ווילדע טיגערען רייסען לעבעדיגע מענשען; אַזוי אויך פלעגען זיי בעגייסטערט ווערען פון טענץ, וועלכע זיינען געווען טויזענד מאָל געמיינער פון דעם היינטיגען קאַנקאַן. נאַקעטע און האַלב נאַקעטע פרויען און מענער פלעגען פאָרשטעלען עפּיזאָדען פון דער גריכישער מיטהאָלאָגיע, פון דעם לעבען פון די געטער אַם מיינסטען אַזעלכע עפּיזאָדען, וועלכע שטעלען פאָר לוסט און אויסגעלאַסענהייט.

אין דיעזער הינזיכט זיינען די רוימער געווען גרויסע רעאַליסטען.

זיי האָבען פאָרגעשטעלט גאַנץ אָפען, ווי דער גאָט וואולקאַן כאַפּט זיין ווייב די געטין ווענוס מיט דעם סאָלדאַטסקען גאָט מארס, אָדער ווי דער גרויסער גאָט יופּיטער אליין פערשטעלט זיך פאַר אַ שוואַם און זינדיגט מיט לעדא, ווען זי באָדט זיך אין טייך. אַן אַקטיאָר וואָס האָט געשפּיעלט די ראָלע פון הערקולעס, אַז ער האָט געדאַרפט ווייזען, ווי ער ברענט זיינע הענד אין פייער, האָט טאַקע געמוזט זיינע הענד ברענען אין פייער. דער אַקטיאָר איז געווען אַ שקלאַף און זיינע צוברענטע הענד האָבען קיינעם ניט געקימערט. ווען עס פלעגט פאָרגעשטעלט ווערען אַז מעדעא ערמאָרדעט איהרע קינדער, פלעגט זי טאַקע ערמאָרדען צוויי לעבעדיגע קינדער, וועלכע זיינען געווען די קינדער פון שקלאַפען.

די וואָס האָבען פערפאַסט שוישפּיעלע און קאָמעדיען האָבען זיך גערעכענט זעהר ניעדריג. זיי זיינען געווען אַם מייסטען שקלאַפען. נאָך ניעדריגער האָבען זיך גערעכענט ביי די רוימער אַקטיאָרען און אַקטריסעס. געזעצליך זיינען זיי געווען פערגליכען מיט אַלע פערברעכער און אויסוואָרפען פון דער געזעלשאַפט, און ווען, צום ביישפּיעל, זאָגאַר אַ פּראָסטער סאָלדאַט זאָל זיך געווען ערלויבען איין מאָל ארויסצוטרעטען אויף דער ביהנע, האָט איהם דערפאַר געקומט אַ שטראָפע פון טויט.

די איינריכטונגען פונ'ם טהעאַטער אליין זיינען שוין ביי די רוימער אויך געווען אַזוי איינפאַך און דעמאָקראַטיש, ווי ביי די גריכען. מען האָט פערשווענדעט גרויסע פערמעגענס אויף לוקסוס, אויף טייערע דעקאָראַציאָנען, אויף צאַצקעס, אויף פּראָצעסיאָנען. אין טהעאַטער גופא זיינען די זיצע געווען איינגעטיילט געגען די פּרינציפּען פון גלייכהייט, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין גריכענלאַנד. אין די ערשטע רייהען פלעגען זיצען די סענאַטאָרען, נאָך זיי די ריטטער, יעדער נאָך זיין ראַנג. די ערגסטע זיצע האָט געהאַט דער עולם.

די רוימער האָבען בעוויזען אונזער היינטיגער געזעלשאַפט דעם ערשטען ביישפּיעל, וואָס עס ווערט פון טהעאַטער און פון דער דראַמא, ווען דאָס טהעאַטער איז ניט קיין טעהאַטער פון פאָלק און ווען די דראַמא איז ניט קיין דראַמא פאַר'ן פאָלק. גראַדע ווי אונזערע היינטיגע פערגעניגען־זוכער, האָבען זיי ניט געוואָלט זעהן אויף דער ביהנע די רעאַלע ווירקליכקייט, וועלכע לערנט צו פערשטעהן דאָס לעבען; זיי

האָבען געפאָדערט א פאנאטישען ליגען, פערמאסקירט מיט גלענצענדע צאצקעס, וועלכער גיט אָבער א מעגליכקייט צו זעהן דעם רעאליסטישען קערפער פון שעהנע סטאטיסטקעס, צו זעהן ציניש׳ע בעוועגונגען, אויס־געלאסענע טענץ און צו הערען זאכען, וועלכע רעדען ניט צום קאָפּ און צום געדאנק, אָבער וועלכע וועקען די לוסט און די ניעדריגסטע אינס־טינקטען.

אונזער היינטיגע דראמא האָט פיעל געלערענט פון די רויִ־מער...



קורצע ביאגראפיען.

א.

עסחילעס.

עסחילעס, סאפאקלעס און עווריפידעס זיינען די דריי גרויסע און וועלט בעריהמטע טראגעדיען־דיכטער פון פארצייטיגען גריכענלאנד. פון די דריי איז עסחילעס דער ערשטער און דער עלטסטער. ער איז געבוירען געווארען אין א קליין שטעטעל ניט ווייט פון אטהענא, וועלכע איז געוועזען דער צענטער פון גריכישער קולטור. אלס יונגלינג האט ער געארבייט אין א וויינגארטען און דער פראכט און די שעהנקייט פון וויינטרויבען האבען איהם אזוי בעגייסטערט, דאס ער האט פערפאסט פאעמען צו עהרען דעם גאט דיאניסיוס (אדער באקכוס), דעם גאט פון וויין און לוסטיגקייט. ער איז געבוירען געווארען 525 יאהר בעפאר קריסטוס. ער און בעזאנדערס איינער פון זיינע צוויי ברידער האבען זיך בעריהמט געמאכט מיט דעם, וואס זיי האבען ביידע אנטהייל גענומען אין דער מלחמה וואס גריכענלאנד האט געפיהרט געגען די פערזישע קעניגע דאריוס און קסערקס. אויף זיין מצבה האבען שפעטער די גריכען אויפגעשריבען ניט דאס, וואס עסחילעס איז געוועזען דער גרויסער דיכטער, נאר דאס, וואס ער איז געוועזען א בראווער קריעגסמאן און איז געפאלען בעשיצען, זיין פאטערלאנד.

די מלחמה, וואס פערזיען האט געפיהרט געגען גריכענלאנד האט געדראהעט דער גאנצער ציוויליזאציאן פון אייראפא. און עסחילעס איז געווים געגאנגען אין קריעג ניט אלס פראסטער סאלדאט, נאר אלס דענקער, וועלכער האט געקענט בערעכענען די וויכטיגקייט פון דעם קאמפף. ער איז אויך געגאנגען אלס פאעט, וועלכער געהט

לערנען פּראַקטיש די מענשען און די וועלט. די מלחמה האָט איהם נאָכדעם געגעבען מאַטעריאַל פאַר איינע פון זיינע טרילאָגיען „פּערסאַ".

מע ווייסט ניט גענוי, וויפיעל פּיעסען עסחילעס האָט פערפאַסט, ווייל די גרעסטע טהייל פון זיי איז פערלאָרען געגאַנגען. איינינע פאָרשער בעהויפּטען, אַז ער האָט פערפאַסט 82 טראַגעדיען, פון וועלכע אונז זיינען נור בעקאַנט זייערע נעמען. פון עסחילעסען איז איבערגעבליבען דער ליטעראַטור נור זיעבען טראַגעדיען. פון זיי איז די מעהר בעוואוסטע „פּראָמעטעאוס דער געבונדענער". עס איז געווים אַ טהייל פון אַ טרילאָגי „פּראָמעטעאַ", וועלכע איז בעשטאַנען פון דריי פּיעסען: פּראַמעטעאוס דער פייער־ברענגער, פּראַמעטעאוס דער געבונדענער, און פּראַמעטעאוס דער בעפרייטער. אַלע זיינע ווערקע זיינען פול מיט אמת'ע ערהאַבענע פּאָעזי און פערפאָלגען אַ מאָראַלע טענדענץ צו לערנען און מאַכען איידעלער דעם צושויער. פון אַלע זיינע טראַגעדיען, און אַם מייסטען פון „פּראָמעטעאוס", זעהט מען, אַז ער איז געווען ניט נור אַ פּאָעט, נאָר אויך אַ גרויסער דענקער און אַ פילאָזאָף.

ביז עסחילעסען האָט אַ גריכישע טראַגעדי געהאַט נור איין אַקטיאָר, ער האָט איינגעפיהרט צוויי אַקטיאָרען. ער האָט געשאַפען דעם דיאַלאָג אין דער דראַמאַ, ער האָט פערבעסערט די כאָרען, האָט ערפונדען נייע מעכאַניזמוסען, האָט איינגעפיהרט נייע קאָסטיומען און מאַסקען, האָט אַליין געמאָהלען דעקאָראַציאָנען, האָט פערפאַסט מוזיק פאַר דעם כאָר און נייע טענץ פאַר די טענצער און דערצו פלעגט ער אַליין שפּיעלען די וויכטיגסטע ראָלען אין זיינע שטיק. דרייצעהן מאָל האָט ער געוואונען די פּרייזען אַלס ערשטער דראַמאַטישער שרייבער און איז געווען געקרוינט מיט לאָרבער קראַנצען, ביז סאָפאָקלעס האָט ביי איהם אָבגענומען די פאַלע פון ערשטען גריכישען דראַמען דיכטער. אונצופריעדען מיט זיינע מיטבירגער האָט ער פערלאָזען אַטהענא און איז אוועק קיין סיציליען. איינינע בעהויפּטען, אַז ער איז אוועק פון אַטהענא ניט ווייל דער ערפאָלג פון סאָפאָקלעס האָט איהם פערטריבען, נור גאָר דורך אַן אַנדער אורזאַכע. אין איינע פון זיינע טראַגעדיען האָט ער אַ ביסעל אויסגעזאָגט וועגען די הייליגע געהיימניסע פון רעליגיאָן, וועגען די זאָ־גענאַנטע מיסטעריען. די גריכען פלעגען ערלויבען אין טהעאַטער מאַכען חוזק פון די געטער, אָבער ענטדעקען די מיסטע־

ריען פון זייער נאַציאָנאַלער רעליגיאָן האָבען זיי געהאַלטען פאַר א שרעקליכען פערברעכען. דאָס פאָלק האָט שיער ניט געטויטעט עסחי־לוסען אין טהעאַטער. ער האָט זיך נאָר געראַטעוועט דערמיט, וואָס ער איז ארויפגעלאָפען אויפ'ן אַלטאר פון גאָט דיאָניסיוס. שפּעטער האָט איהם דער העכערער טריבונאַל פון אטהענא — דער אַרעאָפּאגוס ער־קלערט פאַר א משוגענעם און מען האָט איהם בעפרייט. און דאָס האָט איהם, לויט די מיינונג פון מאַנכע, געצוואונגען צו פערלאָזען זיין פאָ־טערלאַנד.

אָבער שפּעטער נאָך זיין טויט, האָבען די אטהענער אנערקענט זיין ג ר ו י ס ק י י ט. פאַר זיינע טראַגעדיען האָט מען געמאַכט אַן אויסנאַהמע און מע האָט זיי ערלויבט צו שפּיעלען נאָך זיין טויט, אָבוואָהל עס איז געווען א געזעץ אָדער א מנהג צו שפּיעלען פּיעסען, נור פון די אויטאָרען וואָס האָבען נאָך געלעבט. פאַר די אויפפיהרונג פון זיינע טראַגעדיען האָט די רעגיערונג אסיגנירט א געוויסע סומע און פלעגט געבען איהרע מענשען פאַר'ן כאָר. נאָך איינע פון די גרויסע רעדעס פון דעם בעריהמטען גריכישען געזעצגעבער ליקורגוס האָט מען לעבען טהעאַטער אין אטהענא אנידער־געשטעלט עסחילעסעס א גרויסע סטאַטוע פון בראָנז. לעבען איהם זיי־נען געשטאַנען די סטאַטועס פון סאָפאָקלעס און עוריפּידעס.

ער איז געשטאָרבען אין דעם יאָהר 456 בעפאָר קריסטוס. וועגען זיין טויט עקזיסטירט די פאָלגענדע לעגענדע. ער האָט געהאַט זעהר א גרויסען שטערן. אַן אדלער איז געפלויגען מיט א טשערעפּאַכע אין מויל און דערזעהענדיג עסחילעסעס שטערען, האָט ער געמיינט עס איז א שטיין און האָט אויף איהם א וואָרף געטאָן די טשערעפּאַכע, אום זי צוברעכען. דאָס האָט געטויטעט דעם גרויסען דיכטער פון די ערשטע זיעבען גרויסע גריכישע טראַגעדיען.

ב.

ס א פ א ק ל ע ס.

סאָפאָקלעס איז דער צווייטער גרויסער גריכישער טראַגעדיען־

דיכטער. זיין פאָרגענגער עסחילעס איז געווען א שלימזל׳דיגער מענש, געווען א קבצן, האָט געליטען און האָט פאַר זיין לעבען אין זיין היימאָט־שטאָדט אַטהענא ניט גענאָסען זיין פערדיענטע פערעהרונג און אכטונג. סאָפאָקלעס איז געווען א גליקליכער מענש, ער האָט זיך אָבגעלעבט אַלע זיינע יאָהרען אין וואוילטאָג אין כבוד און אין נחת. דאָס איז די אור־זאכע פאַר וואָס סאָפאָקלעס איז אין זיינע ווערקע רוהיגער, געלאסע־נער און מילדער. ער רעוואָלטירט ניט און שטורמט ניט. ער שילדערט אין זיינע טראַגעדיען קאַלטבלוטיג, ווי אזוי דער בלינדער שיקזאַל מאַכט קליין דעם גרויסען מענשען.

סאָפאָקלעס איז געבוירען געוואָרען ביי רייכע און אריסטאָקראַ־טישע עלטערען און איז אויך אליין געווען אין זיין פערזענליכען לעבען מעהר אריסטאָקראַט, מעהר ארטיסט, איידער מענש און פילאָזאָף. ער איז געבוירען געוואָרען אין דעם יאָהר 495 פאַר קריסטוס׳ן און איז געשטאָרבען, ווען ער איז געווען א זקן פון נייננציג יאָהר. ער האָט געקראָגען א שעהנע בילדונג, ווי די זיטען פון די אַלטע אטהענער האָ־בען עס געפאָדערט. ער האָט געלערנט פילאָזאָפי, גימנאסטיק און מוזיק. ער האָט געשפּיעלט אויף דער לירע און געזונגען ווי א גרויסער ארטיסט און פלעגט האָבען א גרויסען ערפאָלג ווען ער פלעגט אַלס אַקטיאָר און זינגער אליין ארויסטרעטען אין זיינע טראַגעדיען. ווען ער איז געווען 27 יאָהר אַלט האָט ער געוואונען זיין ערשטען פּאָעטענ־קאַמפּף געגען דעם אַלטען עסחילעס און איז געווען געקרוינט מיט דעם דיכטער פּרייז. נאָכדעם האָט ער צוואנציג מאָל געוואונען דעם ערשטען פּרייז און זעהר פיעל מאָל דעם צווייטען.

זיין ערשטער זיעג און זיין ערשטער פּרייז איז איהם אָנגעקומען ניט מיט א געוועהנליכען וועג. שטענדיג ווען צווישען צוויי טראַגעדים־טען פלעגט פּאָרקומען א צוויי־קאמפּף פלעגט דער ארחאָן, דער עלצטער פון שטאָדט, אויסקלייבען דורכ׳ן גורל ריכטער פון צווישען די צושויער. אין דעם טאָג אָבער, איז געווען אין אטהענא א גרויסער פּאַטריאָטישער פעסט האָט דער ארחאָן בעשטימט אָהן גורל צעהן גענעראַלען, זיי זאָ־לען זיין די ריכטער. זיי האָבען סאָפאָקלעס׳ן אָנערקענט אַלס זיעגער. מען קען ניט פערגלייכען די היינטיגע גענעראַלען מיט די גענעראַלען פון גריכענלאַנד, און עס איז זעהר שווער צו זאָגען, צו זיינען זיי גע־ווען קאָמפּעטענטע אונפּאַרטייאישע ריכטער צי ניין. סאָפאָקלעס אליין

איז אויך שפּעטער געווען איין אַטהענישער גענעראַל, אַבוואָהל ער איז געווען מעהר גענעראַל צו האַלטען מלחמה מיט שעהנע פרויען און עס איז אַ סברה, אַז דער שעהנער, רייכער, געאַכטעטער דיכטער איז שטענ־דיג געווען דער זיעגער איבער זיי.

ער האָט אויפגעשריעבען פון הונדערט און דריי און צוואַנציג ביז הונדערט און דרייסיג פּיעסען, איבערגעבליבען זיינען אין דער לי־טעראַטור פון איהם נאָר 7 גאַנצע טראַגעדיען. די איבעריגע זיינען בע־קאַנט אָדער דורך זייערע נעמען, וועלכע ווערען דערמאָנט פון אַנדערע קלאַסיקער, אָדער פון אייניגע שטיקלעך סצענען וואָס זיינען גאַנץ גע־בליבען. ער האָט ווייטער ענטוויקעלט די דראַמאַטישע קונסט, פּאַרטזע־צענדיג די אַרבייט פון עסחילעסען. ער האָט איינגעפיהרט נאָך אַ דריי־טען אַקטיאָר און האָט ערפונדען נייע מעכאַנישע און סצענישע פּער־בעסערונגען. אין זיינע טראַגעדיען איז ניטאָ די מאַכט און קראַפט פון עסחילעסען; ער האָט אָבער מעהר, מעהר קונסט, מעהר פּאָעזיע. עס־חילעס איז געווען אַ גרויסע שטיק ווילדער גראַניט; סאָפאָקלעס אַן אָבגעטעסעטער שטיק שעהנער מאַרמאָר. עסחילעס איז אפשר געווען מעהר זשעני; סאָפאָקלעס איז געווען מעהר אַרטיסט. זיין אויפגאַבע איז געווען צו שילדערען מענשען ניט ווי זיי זיינען, נאָר ווי זיי האָבען געדאַרפט צו זיין.

ער אַליין האָט געפיהרט אַ לעבען פון אַן אַרטיסט און אויף דער עלטער האָט ער אָנגעהויבען צו פערשווענדען פיעל געלד. זיין זוהן האָט דערלאַנגט אויף איהם אין געריכט און האָט געוואָלט איבערצייגען, אַז דער אַלטער סאָפאָקלעס איז ניט ביים זינען. די לעגענדע דערצעהלט, אַז ווען סאָפאָקלעס איז ערשיענען פאַר'ן ריכטער, האָט ער איהם ציי־טירט אַ פּלאַץ פון זיין טראַגעדי „עדיפּוס אין קאָללאָנעס" און האָט געפרעגט: זיינען דאָס די געדאַנקען פון אַ משוגענעם? דער ריכטער האָט ניט געוואָגט צו אַנערקענען איהם אַלס וואהנזיניגען.

זיין מעהר בעדייטענדעס ווערק איז „קעניג עדיפּוס", ביידע טהיי־לען. מיט אַ מייסטערהאַפטער האַנד שילדערט ער דאָ די איראָני פונ'ם שיקזאַל און טראַגעדי פונ'ם מענשענ'ס לעבען. דער קלוגער מענש, וועלכער געפינט דעם רעטעניש פון אַ ספינקס, ווייסט ניט די געהיימ־ניסע פון זיין אייגענער געבורט. דער מעכטיגער קעניג — אַ שוואַכער בלינדער מענש; דער וואָס האָט ערשט בעפוילען, איז פון אַלעמען

געיאָגט... אין די זעלבע טראגעדיען גיט אונז סאָפאָקלעס דעם הער־ליכען געשטאַלט פון אנטיגאנע. (סאָפאָקלעס האָט זיך איבערהויפּט בעריהמט געמאַכט מיט זיינע מערקווירדיגע פרויען־טיפּען). דיעזע נאָ־בעלע אנטיגאנע קען גערעכענט ווערען אַלס פּראָטאָ־טיפּ פון שעקספּירס קארדעליע און פון פיעלע אַנדערע שעקספּירס גרויסע פרויען־טיפּען. שילדערענדיג דעם טיפּ פון אַנטיגאָנע, האָט סאָפאָקלעס בעוויזען, אַז ער האָט נאָך אַ סך פריהער פון די קריסטען בעגריפען און פערשטאַ־נען אַזאַ ליעבע, וועלכע פיהרט צו זעלבסט־ענטזאַגונג און זעלבסט־אויפאָפּפערונג. אנטיגאנע זאָגט: ניט מיט־צוהאַסען בין איך דאָ, ניין! איך בין דאָ נאָר מיט־צו ליעבען!

ווענען סאָפאָקלעסעס טויט דערצעהלט אַ לעגענדע, אַז ער האָט זיך דערוואָרגען מיט אַ וויינטרויב, וועלכען איהם האָט געגעבען אַ בע־ריהמטער אַקטיאָר אַלס אַ מתנה. אָבער עס איז ניט מעהר וויא לע־גענדע. עס קען ניט זיין, אַז נאָך אין יענע אַלטע גוטע צייטען האָט זיך אַ דיכטער שוין געקענט דערווערגען מיט דער מתנה פון אַן אַקטיאָר...

נאָך סאָפאָקלעססעס טויט האָבען די גריכען זעהר געעהרט זיין אַנדענקען. זיי האָבען איהם גערעכענט פאַר אַ הייליגען און פלעגען אין זיין נאָמען ברענגען קרבנות.

ג.

עווריפּידעס.

דער דריטער גריכישער טראגעדיען־דיכטער איז דער וועלט בע־ריהמטער עווריפּידעס. אַנדערע שטעלען איהם העכער פון די ערשטע צוויי, עסחילעס און סאָפאָקלעס; אַנדערע, פאַרקעהרט, שטעלען איהם נידריגער פון זיי. עס קען זיין, אַז אין אַ געוויסען זינן זיינען ביידע מיינונגען ריכטיג. עווריפּידעס האָט געלעבט אין אַזאַ צייט ווען גריי־כענלאַנד האָט אָנגעהויבען פאַלען, ווען די גריכישע געזעלשאַפט און דער גריכישער „איינציגער" האָבען זיך שוין אָנגעהויבען דעגענע־רירען... דאָס הייסט, ווען פערדאָרבענהייט, גייסטיגע און פיזישע

שוואַכקייט, אונצופריעדענהייט און פעסימיזמוס האָבען פערנומען דעם פּלאַץ פון דער אַמאָליגער לעבענס־לוסט, העלדענטהום, ענערגיע און יוגענדליכע קראַפט. אין די ווערק פון עווריפּידעס האָט זיך אָבגע־שפּיגעלט זיין עפּאָכע, זיין היסטאָרישע צייט. עסחילעס און סאָפאָקלעס האָבען געשריבען פון ערהאַבענע געגענשטענדע מיט אַן ערהאַבענער פּאָ־עטישער שפּראַך. זיי האָבען געשילדערט גרויסע געטער און בראַווע העלדען. עווריפּידעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ניעדריגער. אין זיינע ווערק איז ניטאָ אַזוי פיעל קונסט און שעהנע פּאָעזי. זיינע געטער קענען ניט זיין קיין מוסטער פון מאָראַל און גרויסע טהאַטען. ער איז אַ גרויסער אַפּיקורס און רעדט פון די געטער מיט אַ ציניזשער פרעכהייט. ער איז אַ דעמאָקראַט און שילדערט די קעניגע אַלס איינפאַכע דעספּאָטען און טיראַנען. אין די טראַגעדיען פון עסחילעס און סאָפאָקלעס ווערט גע־שילדערט דאָס, וואָס איז העכער פון׳ם מענשען, דער אידעאַל ווי אַ מענש דאַרף זיין, עווריפּידעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיינע מיט־מענשען און שילדערט זיי אַזוי ווי זיי זיינען.

עווריפּידעס איז געבוירען געוואָרען אין דעם יאָהר 480 פאָר קריסטוס. אָבוואָהל פיעלע זאָגען אַז ער קומט ארויס פון זעהר אַ ניעדריגע אָבשטאַמונג, און זיין געגנער און פיינד דער גרויסער קאָמעדיען־דיכטער אריסטאָפאַנעס לאַכט זעהר אָב פון זיינע עלטערען, מוז מען דאָך צוגעבען, אַז זיינע עלטערען זיינען געווען וואָהלהאַבענדע מענ־שען. אָרימע לייט וואָלטען ניט געבען זייער זוהן אַזאַ גלענצענדע ער־ציהונג. מען דערצעהלט אַז איידער עווריפּידעס איז געבוירען געוואָרען, האָט דער אָראַקעל נביאות געזאָגט, אַז ביי זיי וועט געבוירען ווערען אַ זוהן, וועלכער וועט זיין אַ „טשעמפּיאָן", זיי האָבען געמיינט, אַז דאָס מיינט, ער וועט זיין דער ערשטער „פייטער", דער ערשטער אַט־לעט און האָבען געלעגט פיעל וויכטיגקייט אויף זיין אַטלעטישע ער־ציהונג. ער איז ווירקליך געווען אַ שטאַרקער אַטלעט און האָט נאָך אַלס זעהר יונגער מאַן צוויי מאָל בעזיעגט זיינע אַטלעטישע געגנער. אָבער ניט אויפ׳ן אַטלעטישען פעלד איז איהם בעשערט געווען צו זיין אַ „טשעמפּיאָן". ער האָט אליין פיעל מאָל בעזיעגט זיינע געגנער אויפ׳ן פעלד פון פּאָעזי און דראַמאַ און שפּעטער איז ער אַנערקענט געוואָרען פון די רוימער און נאָך שפּעטער פון דער גאַנצער ציווילי־זירטער וועלט אַלס „טשעמפּיאָן" און גרעסטער דראַמאַטישער דיכ־

טער... עווריפידעס האָט אָבער געקראַגען ניט נאָר אַן אַטלעטישע ער־ציהונג, ער האָט שטודירט פילאָזאָפי ביי די גרעסטע פילאָזאָפען פון זיין צייט, האָט געקענט מוזיק און איז געווען זעהר אַ טיכטיגער מאהלער. ער אליין איז געווען אַ גרויסער דענקער און פילאָזאָף און איז זיין לעבען לאַנג געווען איינער פון די אינטימסטע פריינד פון דעם גרויסען סאקראטעס.

זיין ערשטע טעטראלאָגי האָט ער אויפגעשריבען ווען ער איז געווען פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט. זיין ערשטען פּרייז אָבער האָט ער ערהאַלטען ווען ער איז געווען 43 יאָהר אַלט. נאָכדעם האָט ער נאָך דריי מאָל געזיעגט איבער זיינע קאָנקורענטען. אין גאַנצען האָט ער אויפגעשריעבען 78, אַנדערע זאָגען 92 טראַגעדיעס. פון זיי זיינען אי־בערגעבליבען 18 גאַנצע ווערקע: 15 טראַגעדיען, צוויי טראַגי־קאָמע־דיען און איין סאַטירישע דראַמא. ער איז געווען פּונקט דער היפּך פון סאָפאָקלעס'ן. ער האָט זיך ניט געמישט אין פּאָליטיק, האָט ניט גע־פיהרט קיין לוסטיגעס לעבען, האָט ניט פערבראַכט אין דער וועלט, ער איז אַם מייסטען געזעסען איבער ביכער און האָט געלערנט. אין זיין פאַמיליען־לעבען איז ער געווען זעהר אונגליקליך. ער האָט צוויי מאָל געהייראַט און זיינע ביידע פרויען זיינען איהם ניט ווערט געווען. ווייל מען האָט איהם אין דער שטאָט אַטהענא פערפאָלגט, ווייל די רעגירענדע קלאַסען האָבען איהם גערעכענט פאַר אַ געפעהרליכען אפּיקורס, וועלכער דענקט אַזוי ווי סאקראטעס, און ווייל אריסטאָפאַנעס האָט איהם זעהר פערשפּאָטעט אין זיינע קאָמעדיען, האָט ער אַלס אַל־טער מאַן פערלאָזט אַטהענא. די לעצטע צייט האָט ער געלעבט אין מאַקעדאָניע, וואו דער קעניג ארחעלוס האָט איהם זעהר פריינדליך אויפ־גענומען. ער איז געשטאָרבען, ווען ער איז געווען 71 יאָהר אַלט.

דער גרויסער פילאָזאָף אריסטאָטעל האָט זעהר הויך געשטעלט עווריפּידעס'ן. ער האָט איהם אָנגערופען „דער טראַגישער טראַגיקער". ער האָט דערמיט געוויס געוואָלט בעצייכענען דאָס, וואָס מיר רופען אָן מיט'ן וואָרט „פעסימיסט". עווריפּידעס האָט געלעבט אין אַ טרויע־ריגער צייט און האָט אַם מייסטען געזעהן נור דאָס טרויעריגע אינ'ם מענשענ'ס לעבען... זיין געדאַנק איז געווען: „דאָס וואָס לעבט, לעבט ניט" און אַז „אונזער לעבען איז דאָס שטאַרבען". זיין פעסימיזמוס איז אָבער ניט געווען די פערצווייפלונג פון אַ מענשען, וועלכער גלויבט, אַז

דאָס לעבען איז אַ טראַגעדי... אַז אַלעס הענגט אָב פונ'ם שיקזאַל, פונ'ם מזל, פון דעם וואָס איז בעשלאָסען געוואָרען אין די הימלען. ער האָט זעהר וועניג געהאַלטען פון די מאַכט פון די געטער. ער האָט פערשטאַנען אַז די דראַמאַ פונ'ם מענשענס לעבען קומט פון דעם מענשענס טהאַטען. עווריפּידעס איז געווען דער העגריך איבסען פון די אַלטע צייטען. ער האָט זיך אויסגעשפּראָכען געגען אַלע הערשענדע שטיצען פון דער אַלטער געזעלשאַפט... אין אונזערע צייטען וואָלט מען איהם אָנגערופען סקעפּטיקער, אַנאַרכיסט, אינדיווידואַליסט... ער האָט דער ערשטער פון דער געטליכער טראַגעדיע געמאַכט אַ מענשליכע דראַמאַ. מען האָט זעהר געלאַכט פון איהם, וואָס ער האָט זיך ערלויבט ארויסצופיהרען אויף דער ביהנע געוועהנליכע בשר ודם'ניקעס, קבצנים און בעטלער... אויף די ברעטער, אויף וועלכע פריהער האָבען געשפּאַצירט געטער און טיטאַנען, האָט עווריפּידעס ארויסגעפיהרט קליינע, געוועהנליכע, מיזעראַבעלע, אונגליקליכע מענשען... ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט פערשטאַנען, אַז מען דאַרף שילדערען ניט נור די טהאַטען און געדאַנקען פון די העלדען, נאָר אויך זייער פּסיכאָלאָגישען צושטאַנד, זייערע געפיהלע, די ווירקונג פון זייער זעעלע. ער איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט אין דער טראַגעדי אריינגעפיהרט אַ קאָמישען עלעמענט, אָבוואָהל דאָס איז געווען געגען די אַלטע טראַדיציאָנען, און ער האָט אליין אויפגעשריבען פיעלע טראַגי־קאָמעדיען. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבען שרייבען פּראָלאָגען צו זיינע שטיק. אנשטאַט כאָרען אָדער גאַנצע הקדמות־פּיעסען, פלעגט דער פּראָלאָג ערקלערען, ווער וועט פאָרקומען און וואָס איז דער געדאַנק פון דער טראַגעדי. לעססינג האָט זעהר אַ הויכע מיינונג וועגען זיינע פּראָלאָגען און זאָגט, אַז דאָס אליין גיט איהם שוין אַ רעכט גערעכענט צו ווערען אַלס מייסטער דער טראַגעדי. קיינער פון די דריי גריכישע טראַגעדיען־דיכטער האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסען איינפלוס ווי עווריפּידעס. איהם האָבען אימיטירט די שפּעטערע גריכישע שרייבער, שפּעטער די רוימישע, און נאָך שפּעטער אַלע גרויסע אייראָפּעאישע פּאָעטען און דיכטער. שיללער זאָגאַר האָט איהם גערעכענט אַלס אַ מאָדעל פון קלאַסישע ליטעראַטור. עווריפּידעס איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געצייגט אַז די עלעמענטען פון דראַמאַ זיינען מענשליכע געפיהלע, ליידענשאַפטען, ראַכע און קנאה. אין דער

צייט ווען עסחילעס האט קיין מאל ניט געשילדערט „א פערליעבטעס ווייב", האט עווריפידעס אין אלע זיינע פיעסען געשילדערט די מאכט פון דער ליעבע, די פאלגען פון אייפערזוכט, די רעזולטאטען פון גע־שלעכטליכע פערהעלטניסע. ער האט א רעכט גערופען צו ווערען דער אור־אור־פאטער פון דער רעאליסטישער דראמא. עווריפידעס איז געווען אויך דער ערשטער, וואס האט אריינגעפיהרט אין זיינע פיעסען גרויסע פילאזאפישע ערקלערונגען און טיעפזינניגע לאנגע מאנאלאגען.

ער איז געשטארבען, ווען ער איז געווען 71 יאהר אלט. ווייט פון זיין היימאטה, אין דער פרעמדער, צווישען פרעמדע מענשען. די לעגענדע דערצעהלט, אז עווריפידעסעס טויט איז געקומען דערפון, וואס די הינט פון דעם טיראן ארחעלאוס האבען איהם צוריסען אויף שטיקער... עס איז נור א לעגענדע, אבער זי האט א גרויסע בעדייטונג... פיעלע שרייבער, וועלכע קומען מיט אריגינעלע געדאנקען און מיט נייע פאר־מען פון קונסט, ווערען צוריסען פון הינט...

ד.

אריסטאפאנעס.

אין דעם זעלבען לאנד, ביי דעם זעלבען פאלק, וואו עס האט זיך ענטוויקעלט די טראגעדי, האט זיך אויך ענטוויקעלט די העכערע פארם פון קאמעדי. אריסטאפאנעס איז דער גרעסטער קאמעדיענ־דיכטער פון פארצייטיגען גריכענלאנד. אזוי ווי מיט א בייטש האט זיין שארפע סאטירע, זיין אבלאכען, געשמיסען אלעס פאלשעס, אונ־נאטירליכעס, לעכערליכעס אין דעם לעבען פון זיין פאלק. זיין וויטץ האט קיינעם ניט געשוינט, עס האט געמעגט זיין א גאט, א מעכטיגער הערשער, א שטאאטסמאן, א פילאזאף, א געלערנטער מענש, א רייכער גביר, א בעריהמטער פאעט. ער איז געשטאנען פאר די רעכטע פון פאלק און האט געפאדערט, די געזעלשאפט זאל זיך אומקעהרען צוריק צו די איינפאכע דעמאקראטישע פארמען פון לעבען. ער האט געלאכט ניט ווי א בדחן, ער האט געלאכט פון דער געזעלשאפט ווי א דענקער. זיין

שמייכעל איז געווען דער קריטישער שמייכעל פון א סקעפּטיקער. אין זיינע קאָמעדיען איז שטענדיג געווען פערבאָרגען א הויכער סימבאָלי־שער געדאַנק... ער האָט געלאַכט פון א פערזאָן און האָט געהאַט אין זינען די מענשען.

אריסטאָפאַנעס איז געבוירען געוואָרען אין׳ם יאָהר 444 פאר קריסטוס׳ן און איז געשטאָרבען 338 פאר קריסטוס׳ן... דאָס הייסט ער האָט געלעבט ביי א 56 יאָהר. ריכטיג ווייס מען ניט דעם יאָהר, ווען ער איז געבוירען געוואָרען און ווען געשטאָרבען. ער האָט אויפגע־שריעבען 44 קאָמעדיען, פון וועלכע עס זיינען פערבליבען אין דער ליטעראַטור עלף. זיין ערשטע קאָמעדי האָט ער אויפגעשריבען, ווען ער איז אַלט געווען זיעבצעהן יאָהר און פאר פיעלע פון זיינע ווערקע האָט ער געקראָגען די ערשטע פרייזען. ער אליין האָט גערעכענט פאר זיין מייסטערווערק זיין בעריהמטע קאָמעדי „די וואָלקענס”. דער הויפּט העלד פון דיעזער קאָמעדי איז דער גרויסער פילאָזאָף סאָקראַטעס... אין דיעזער קאָמעדי לאַכט ער פון דעם זאָרט בילדונג, וועלכע לערנט דעם מענשען צו דראַפּען זיך אין די וואָלקענס, קריכען אין דער הויך און איגנאָרירען דאָס איינפאַכע לעבען מיט זיינע ערשיינונגען. אין גריכענלאַנד האָבען זיך דאַמאָלס פערמעהרט די זאָגענאַנטע סאָפיסטען, מענשען וועלכע האָבען ניט געהאַט קיינע פּראַקטישע ניצליכע אויפ־גאַבען אין לעבען און האָבען זיך נור בעשעפטיגט מיט דעם, וואָס זיי האָבען געשאַרפט די מוחות מיט פּלפּול, מיט חריפות. אריסטאָפאַנעס האָט געמיינט, אַז עס איז נויטיגער צו טאָן עטוואָס פּראַקטישעס, ניצליכעס, איידער צו פילאָזאָפירען, און דארום האָט ער גענומען דעם גרעסטען פילאָזאָף פון זיין צייט, דעם גרויסען סאָקראַטעס און האָט אין זיין פערזאָן אָבגעלאַכט פון דער גאַנצער סיסטעם פון בילדונג.

סאָקראַטעס אליין איז געגאַנגען אין טהעאַטער זעהן זיך אין „די וואָלקענס” און, ווי מען זעהט ארויס פון פּלאַטאָ׳ס אייניגע בעמערקונ־גען, האָט דאָס ניט געשאַדעט דעם גרויסען פילאָזאָף און דעם גרויסען קאָמעדיען־דיכטער צו בלייבען גוטע פריינד. אריסטאָפאַנעס האָט איי־ניגע מאָל אין זיינע קאָמעדיען אויך אָבגעלאַכט פון פּלאַטאָ און פון זיי־נע טהעאָריען... ער האָט זאָגאַר געשריבען א פּאַראָדיע אויף פּלאַטאָ׳ס אוטאָפּיסטישע „רעפּובליק”, און פון דעסטוועגען האָט דאָס ניט גע־שטערט פּלאַטאָ׳ן צו בלייבען א פערעהרער פון אריסטאָפאַנעס׳עס

זשעני, — און מען זאָגט זאָגאר, אז ווען פּלאַטאָ פלעגט זיך לעגען שלאָפען זיינען אונטער זיין קישען געלגען די קאָמעדיען פון אריסטאָפאנעס. מעהר פון אַלע האָט אריסטאָפאנעס אָבגעלאַכט פון דעם בעוואוסטען טראַגעדיען־דיכטער עווריפּידעס. ער האָט אָבגעלאַכט פון זיינע רעפאָרמען, פון זיינע נייע טהעאָריען, פון זיין איינזאַמען לעבען, פון זיין ווייבער־האַס... פון די אַלע פּערזאָנען איז ניט געווען געפעהרליך צו שרייבען סאַטירען. אריסטאָפאנעס האָט גאַנץ דייטליך קריטיקירט די געטער און האָט אָבגעלאַכט פון דעם ראַבע־דורשטיגען און מעכטיגען דעמאַגאָג אָזן הערשער קלעאָן, פון וועמעס פעל ער לעגט פאָר אין איינע פון זיינע קאָמעדיען צו מאַכען פּאָראָשוועס...

זיין בעסטעס ווערק איז די קאָמעדי „די פויגלאך"; עס איז אַ גרויס סימבאָליש ווערק. צוויי מענשען רעדען איין די פויגלעך צו בויען אַ נייע שטאָדט אין דער לופטען, אום די געטער זאָלען צו זיי ניט קענען צוקומען... געוויס, ווי מען האָט געקענט ערווארטען, פלעגט די עלסטע פון די פויגלען עסען צום „סאַפּער" קלענערע פויגלעך... און אויסער דעם, די געטער האָבען דאָך געקראָגען אַ וועג צו דער נייער קאָממונע... זיי האָבען איינגעליעבט איינעם פון די צוויי איניציאַטאָרס אין יופּיטער'ס שעהנע טאָכטער און פון דער נייער קאָמונע איז געוואָרען אַ תל. אין דער קאָמעדי „פּלוטוס" פיהרט אריסטאָפאַנעס דורך אַן עקאָנאָמישען סימבאָל דער גאָט פון רייכקייט איז בלינד, דערפאר איז ניטאָ קיין גערעכטיגקייט אין דעם צוטהיילען פון אייגענטהום. עס געפינט זיך אַ כוואַט, וועלכער מאַכט דעם גאָט פון רייכטהום זעהענדיג און ער קוקט זיך ארום, וואָס פאַר אַן אונרעכט עס האָט געהערשט ביז יעצט... ער צוטהיילט דאָס רייכקייט צו די, וועלכע פערדיענען עס... אין אַנדערע ווערקע בעריהרט אריסטאָפאנעס די פרויען־פראַגע. ער לאַכט פון זייערע שוואַכקייטען און קעמפּפט פאַר זייערע רעכטע.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ איבערצוגעבען דעם אינהאַלט און די בעדייטונג פון יעדער קאָמעדי, וואָס איז געשריבען געוואָרען פון אריסטאָפאנעס'ען. מיר ווילען דאָ נור באַמערקען, דאָס דיעזער זשעניאַלער קריטיקער און אָבלאַכער איז אויך געווען אַ גרויסער פּאָעט. די גרעסטע פילאָזאָפען פון זיין צייט האָבען אַנערקענט, אַז אין זיין קאָמעדי איז דאָ אַזוי פיעל שעהנקייט, ערהאַבענקייט און פּאָעזי ווי אין דער אַלטער

טראַגעדי... אין יעדע פון אריסטאָפּאַנעס'עס קאָמעדיען געפינט זיך שעהנע, לירישע פּאָעזי, ווי צום ביישפּיעל דאָס געטליכע ליעד, דער פויגלען כאָהר אין דער קאָמעדי מיט דעם זעלבען נאָמען, אָדער דער כאָר פון די „זשאַבעס" אין דער קאָמעדי, מיט דעם נאָמען.

איינער פון די גרעסטע פילאָזאָפען דער וועלט, פּלאַטא, האָט ניט אומזיסט וועגען איהם געזאָגט: „די שעהנע גראַציען האָבען געזוכט אַ וואָהנונג און האָבען זיך בעזעצט אין דער זעעלע פון אריסטאָפאַ־נעס..."

מאָליער.

עס זיינען דאָ פערשיעדענע זשעניאַלע דיכטער, וועלכע האָבען זיך בעריהמט געמאכט מיט זייערע ווערקע. אייניגע האָבען בעטראכט דעם מענשען אַלס אַ מעכטיגען גאָט, אַלס אַ דענקענדען העכערען געשעפּ, אַלס אַ געוואַגטען קעמפּפער; אַנדערע האָבען דעם זעלבען גאָט־מענש בעטראכט אַלס אַ קליינע שוואכע בריאה׳לע, מיט נארישע ליידענשאַפּ־טען, מיט קינדישע שטרעבונגען, מיט קליינליכע זאָרג, מיט אַ שווערען קאַמפּף פאַר זיין דאַ־זיין.

מאָליער געהערט צו די אַנדערע. ער האָט ניט געשילדערט קיין מענשליכע געטער, וועלכע דונערן פון די הימלען; ער האָט ניט ארויסגעפיהרט קיין דענקער, וועלכע פרעגען: „זיין אָדער ניט זיין?״ ער האָט ניט גענומען קיין אויסערוועהלטע נאַטורען, וועלכע קעמפּפען פאַר גרויסע אידעאַלען. ער האָט גענומען מענשען, געוועהנליכע בעקאַנ־טע מענשען, ווי זיי שטעהען און געהען, ווי זיי האַנדלען און פיהרען זיך אויף, ווי זיי דענקען און בעגעהען דומהייטען, ווי זיי לאַכען און וויינען, ווי זיי לעבען און ווי זיי פערשטעהען דאָס לעבען.

מאכען זיך בעריהמט מיט ווערק, וועלכע בעהאַנדלען געוועהנליכע קליינע מענשעלעך איז זעהר שווער. ווען אַ געניאַלער דיכטער מאָהלט גרויסע טיטאַנען, גבורים, קעמפּפער, דאַן גיט ער זיי גרויסע געדאַנקען, מעכטיגע ווערטער, אויסעראָרדענטליכע טהאַטען. ער רינגעלט זיי ארום מיט אַ איבעראַשענדער אויסשטאַטונג. אין אַזעלכע ווערק איז אויף יע־דען טריט דאָ עטוואָס בעזאָנדערעס. די הימלען ציטערן, די ערד פלאַ־טינרט, גרויסע פעלזען שטירצען, ימים רוישען, ערהאַבענע געדאַנקען שיינען און גלאַנצען. אין ווערקע אָבער וואו עס שילדערט זיך דאָס גע־וועהנליכע וואָכעדיגע לעבען פון מענשען, קענט איהר זעהן נאָר דעם שמוציגען מארק פון דעם מענשענס טהעטיגקייט, איהר קענט זעהן

דונקעלע, בלייבע בילדער. איהר קענט זעהן די אומוואַנדלונגען, וועלכע ווייזען זיך אויס פאַר גרויסע דענקער אַזוי קליינליך, אונבעדייטענד, אָדער וועלכע שפּיעלען דאָך אַזא גרויסע ראָלע אינ׳ם מענשענס לעבען. מאָליער האָט גענומען דיעזע קליינע סיוזשעטען פון מענשענ׳ס לעבען, ער האָט גענומען דיעזע געוועהנליכע טהעמאַן און האָט זיך דאָך אַנידער־געשטעלט מיט זיי אין דער ערשטער רייהע מיט די גרעסטע דיכטער פון דער וועלט!

מאָליער איז געבוירען אין פּאַריז אין 1620 יאָהר. זיין פּאָטער איז געווען אַ האָף קאָמערדינער און ער אליין איז אויך געווען אַ קאָ־מערדינער ביי לואיס דעם 14טען. ער איז געווען אַ קאָמערדינער און האָט זיך בעקענט מיט דעם לעבען פון די העכערע קלאַסען, ער האָט געזעהן וועלכע שמוץ ליגט פערבאָרגען אונטער דעם גלאַנץ פון זייער רייכטהום און כלומרשטיגע בילדונג, וועלכע לערע קעפּ זיי האָבען אונ־טער די שעהנע פּאַריקען מיט די לאַנגע לאָקענעס — דאָס איז איהם צוניצגעקומען פאַר זיינע ווערק. ער האָט אומגעוואַנדערט מיט אַ טרופּע אַקטיאָרען איבער אַלע שטעדט און דערפער, האָט אליין געשפּיעלט אַלס אַקטיאָר אין באַלאַגאַנעס — און האָט זיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַלע קלאַסען מענשען, האָט געלערנט פערשיעדענע טיפּען, האָט שטו־דירט דאָס לעבען פונ׳ם מענשען אויף אַ פּראַקטישען וועג — דיעזע מענשען האָט ער געשילדערט אין זיינע קאָמעדיען. מאָליער האָט גע־ענדיגט אַ יעזואיטישע קאָלעגיום, האָט געלערענט די אַלטע קלאַסישע שפּראַכען, האָט זיך בעקאַנט געמאַכט מיט די ווערק פון די גרויסע גרי־כישע דיכטער און האָט נאָכדעם געשריבען זיינע קאָמעדיען, ווי דער גרויסער גריכישער קאָמעדיען־פערפאַסער אריסטאָפאַנעס האָט געשרי־בען, מיט דער זעלבער ריכטונג, און מיט דעם שטייגער; ער האָט גע־שריבען מיט רעאַליסטישע וואַרהייט און פּסיכאָלאָגישע קענטניס.

מאָליער האָט געשריעבען נור קאָמעדיעס. מע מעג זאָגען, דאָס ער איז געווען דער גאָט פון לאַכען. צוזאַמען מיט איהם האָבען געלאַכט די געבילדעטע מענשען פון גאַנץ אייראָפּאַ, צוזאַמען מיט איהם לאַכט יעצט די גאַנצע געבילדעטע וועלט.

מאָליער האָט געשריבען נור קאָמעדיען. עס זיינען דאָ מענשען וועלכע רעכענען זיך פאַר סעריעזע, ערנסטע קריטיקער און וועלכע זו־כען אין יעדע דראַמאַטישען ווערק נאָר צופּעגדע סצענען, מיט טרערען,

מיט זיפצען, מיט געוויין. אזעלכע קריטיקער זיינען זעהר אונצופריע־דען מיט קאָמעדיען — זיי פערשטעהען ניט, וועלכע נוצען קען ברייננגען א ווערק, וואָס צווינגט דעם צושויער צו לאַכען. זיי צוליעב רעכענען מיר פאַר נייטיג צו ציטירען די ווערטער פון דעם בעריהמטען דיכטער און קריטיקער לעססינג: „די קאָמעדי וויל דורך לאַכען בעסערן, אָבער ניט חלילה דורך פערלאַכען. „ווען מיר זעהען אויף דער ביהנע די לעכער־ליכע אייגענשאַפטען פון דעם מענשענס נאַטור און זיינע שוואַכקייטען, הויבען מיר אָן צו פערשטעהן די מענשען, וואָס ארום אונז, מיר לערנען זיך בעאָבאַכטען און זעהן דאָס קאָמישע און לעכערליכע אינ׳ם לעבען. די גאַנצע מאָראַל מיט מוסר זאָגען און מגידות האָט ניט אזא קרעפטיגען, ווירקזאַמען מיטעל, ווי דאָס „לעכערליכע". פון די ווער־טער אליין קען מען שוין זעהן, אז אויף דער ביהנע איז דאָס לעכערליכע ניט ווייניגער נוצליך אַלס דאָס וויינערליכע. און עס איז לייכט צו פערשטעהן, ווי אזוי מאָליער האָט מיט זיינע קאָמעדיען ערוואָרבען זיך אזא נאָמען, ווי שעקספּיר מיט זיינע דראַמען.

מאָליער איז געבוירען געוואָרען פיער יאָהר נאָך שעקספּירס טויט. די דראַמאַטישע ליטעראַטור האָט געהאַט אַן אוצר מיט געניאַלע ווערק, געשריבען פון אזא זשעניאַלען דיכטער, ווי וויליאַם שעקספּיר, און דאָך האָט מען געשפּיעלט אין אַלע טהעאַטערע אונזיניגע טינגעל־טאַנגעל שטיק. אין גאַנץ אייראָפּאַ איז דער טהעאַטער געשטאַנען זעהר ניעדריג. איטאַליענישע קאָמעדיאַנטען האָבען געררייזט איבער דער וועלט מיט פּאַיאַציִשע דראַמען. דאָס קאָמעשיע אין יעדער פּיעסע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס אין יעדען אַקט פלעגט ערשיינען א מין בדחן א פּאַיאַץ, וועלכער פלעגט זיך רופען ארלעקין אָדער פּאַנטשנעיללי. ער האָט געמוזט מאַכען דעם עולם פריילי. זיינע ווערטער האָבען זיך גאָר ניט געקלעפּט צום אינהאַלט פון דער פּיעסע, זיין פּאַיאַצקער קאָס־טיום האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט דער היסטאָרישע עפּאָכע, וועלכע איז געוועזן געשילדערט אין דער פּיעסע. ער פלעגט ערשיינען מיט גלעקליך, מיט רויטע שמאַטעס, פלעגט רעדען ניבול פּה, ברעכען זיך, שפּרינגען ווי א באָק, קרימען זיך, קוליען זיך... האָט ער זיך ארויסגעקוליעט פון דער ביהנע, האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען „דאָס ערנסטע"!..."

עס איז וואהר, אז אין דער צייט פון מאָליערן האָבען געשריבען

„קלאַסישע" דראַמען די צוויי בעריהמטע פראַנצויזישע דיכטער: קאָר־נעל און ראַסין. זיי האָבען געשריעבען קלאַסיש, ווייל זיי זיינען געגאַנגען מיט די רעגלען און געזעצע פון די אַלטע גריכישע דיכטער. אין זייערע דראַמאַ האָבען געמוזט זיין דריי איינהייטען: די איינהייט פון פּלאַץ, די איינהייט פון צייט און די איינהייט פון האַנד־לונג. זיי האָבען גערעכענט אַז עס איז אַ ערניעדרונג פאַר דער הויכער פּאָעזי צו דראַמאַטיזירען געוועהנליכע קרעמער, הענדלער, אָדער אפילו האָפּלייטע, דערפאַר האָבען זיי גענומען טהעמאַן פון דער היס־טאָריע; זייערע העלדען זיינען אַלע געווען פּאַטריאָטען, זייערע פּערזאָ־נען האָבען גערעדט מיט קאַלטע, אויסגעשניצטע אויסגעטאָקטע מליצה. עס זיינען אָבער אין זייערע פּיעסען ניט געווען קיין לעבעדיגע טיפּען, קיין וואַרהייט, קיין לעבען...

מאָליער איז געקומען און האָט געזאָגט, אַז די אַלע רעגעלען מיט די דריי איינהייטען, מיט די הויכע מליצות האָבען ניט קיין ווערט. ער איז ניט געפאָהרען עבער לים זוכען העלדען פאַר זיינע קאָמעדיען, ער האָט זיי גענומען, וואו ער האָט זיי בעגעגענט. אַלע זיינען געווען פאַר איהם גוט: דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, קרעמער, פּראַצענטניקעס, האָפּסלייטע, מאַנאַכען, געלעהרטע פרויען, בויערן. ניט קיין העלדען האָט ער געזוכט — ער האָט געפּאָדערט מענשען, און לעבעדיגע מענ־שען האָט ער געשילדערט און געמאָלט אין זיינע מייסטערווערקע. ער האָט פערטריבען פון דער ביהנע די פּאַיאַצען מיט די פּאַנטשינעלען, וועלכע האָבען געדאַרפט קיצלען דאָס פּובליקום מיט אויסגעטראַכטע, פאַלשע, ציניזשע וויצען, ער האָט גענומען דאָס קאָמישע וואָס געפינט זיך אין ווירקליכען לעבען און האָט עס אַזוי לעבענסטריי פאַרגעשטעלט, דאָס יעדער האָט געמוזט לאַכען מיט אַ נאַטירליכען און געזונטען גע־לעכטער.

העכער דרייסיג מערקווירדיגע ווערקע האָט פערפאַסט מאָליער אָבער נאָר איניגע פון זיי וועלען מיר דאָ בעשפּרעכען. מיר געפינען פאַר נויטהיג בעקאַנט צו מאַכען דעם לעזער מיט דיעזע זיינע וועלט בעריהמטע ווערקע: „דאָן זשואַן", „טאַרטיוף" און „מיזאַנטראָפּ". איז ניט דערפאַר ווייל דיעזע ווערקע זיינען די בעסטע—דאָס ערשטענס, ווייל דיעזע דריי קאָמעדיען זיינען מעהר בעקאַנט און צווייטענס, ווייל די פראַגען, וועלכע מאָליער בעריהרט אין דיעזע ווערקע, זיינען

אַלגעמיינע פראַגען און האָבען אַ אינטערעס פאַר יעדער צייט און פאַר יעדען מענשען.

אין די צייטען פון מאָליער זיינען נאָך ניט בעקאַנט געווען אַזעלכע פערזענליכקייטען, אַזעלכע מעכטיגע מענשען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע זאָלען קעמפפען ווי העלדען פאַר זייערע רעכטע, פאַר זייער פרייהייט און זייער פאָליטישע גלייכהייט — עס איז נאָך געווען פאַר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. פון אַזעלכע קעמפפער, וועלכע זאָלען קעמפפען פאַר דער מענשהייט, פאַר סאָציאַלע אידעאַלען, פאַר עקאָנאָמישע גלייכהייט האָט נאָך דאַמאָלס אפילו קיין רייד ניט געקענט זיין. דערפאַר האָט מאָליער געשילדערט, די געוועהנליכע מענשען, וועלכע האָבען געלעבט אַרום איהם, און האָט געמאָהלט אַזעלכע פראַנצויזישע טיפּען, וועלכע זיין צייט האָט פּראָדוצירט. דאָך גיבען אויך ביי איהם אַזעלכע טיפּען, וועלכע דאַרפען אַנערקענט ווערען אַלס אַל־מענשליכע טיפּען. זיין „דאָן זשואַן" איז אַזאַ אַל מענשליכער טיפּ ווי שעקספּירס „האַמלעט" און געטהע׳ס „פאוסט". געוויס, דאָן זשואַן איז ניט קיין געלערטער דאָקטאָר פאוסט, וועלכער האָט זיך ערשט אויף די אַלטע יאָהרען אַרומגעקוקט אַז ער האָט נאָך ניט געלעבט און האָט געוואָלט דאָך נאָך האָבען דעם פערגניגען פון לעבען. ער איז אויך ניט דער צו־וועהטיגטער יונגער האַמלעט, וועלכער פילאָזאָפירט אין דער געגענוואַרט פון דער שעהנע אָפעליע פונ׳ם טויט און פון דעם, וואָס אין מענשענס לעבען איז אַלעס הבל הבלים, הכל הבל.

דאָן זשואַן איז אַ פּראָדוקט פון אומשטענדע וועלכע מאַכען פון אַ מענש פונקט ניט דאָס, וואָס ער קען זיין. ער איז אַ קינד פון זיין געזעלשאַפט; אַ דורכגעטריבענער יונג, אַ פייערדיגער חברה־מאַן, אַ קלוגער אפּיקורס, אַ פרייער פויגעל. ער איז פול מיט לעבען, מיט ענערגיע און קראַפט. ער האָט נאָבעלע געפיהלען און ווייס אָבער ניט פון קיינע אָרענטליכע פרינציפּען; ער איז קלוג און פערברייננגט די צייט אין נאַרישקייטען; ער איז בראַוו ווי אַ העלד, האָט ענערגי און בעשלאָסענהייט, איז שטאַרק און מעכטיג און פערשווענדעט זיין קערפּערליכען און גייסטיגען רייכטהום אונניצליך, ווייל ער האָט ניט קיין אידעאַלען, פאַר וועלכע ער זאָל קעמפפען; האָט קיין גלויבען ניט פאַר וועלכען ער זאָל שטאַרבען; האָט קיין ציעלען ניט צו וועלכע ער זאָל שטרעבען.

ער פיהרט אַן אונזיניג אונגיצליך לעבען, הרג'עט אָפּ זיינע טעג און יאָהרען, ברענט אַ וועלט.

דאָן זשואַן האָט נור איין צוועק, איין שטרעבונג, איין פליכט — ער וויל און מוז לעבען אַ גוטען טאָג. ער פערפיהרט פרויען דוצען וויין, דועלירט מיט יעדען, וועך עס הינדערט איהם פון צו געהן מיט'ן וועג פון תענוגים; הרג'עט מענשען לאַבענדיג; שטעלט אויס זיין ברוסט געגען דעם פיינד'ס שווערט און זינגט אַ ליעדעלע. ער ווערט בעגייסטערט פון פרויען שעהנקייט, ווי אַן ארטיסט, און צוברעכט זייערע הערצער ווי אַ גזלן. דאָן זשואַן שפּאָטעט פון גאָט, פון גלויבען, פון יעדע קירכען אָרגאַניזאציאָן, פון פרומקייט, פון די הייליגע געזעצע, פון יעדע רעגיערענדע מאַכט. זיין דיענער, דער אַלטער סאַנגאַרעללא, איז אַן אדוואָקאַט פאַר גאָט, זיין הייליגע קירכע און פאַר די הייליגע געזעצע אויף וועלכע די געזעלשאַפט איז געגרינדעט. מאָליער האָט גע־וואוסט, דאָס די יעזואיטען און פרומע גלחים וועלען איהם ניט פער־געסען, וואָס ער פיהרט ארויס אזא אפּיקורסישען טיפּ מיט אַזעלכע פרייע מיינונגען, האָט ער אַנטקעגען דאָן זשואַן אַנידער געשטעלט דעם גלויביגען סאַנגאַרעללא. עס האָט איהם אָבער ניט געהאָלפען, די פרומע צבוע'קעס האָבען איהם פערפאָלגט ניט נאָר ביים לעבען, נאָר אפילו נאָך זיין טויט.

— איך מוז אייך מאַכען אייניגע בעמערקונגען, — זאָגט דער דיענער סאַנגאַרעללא צו זיין הערר דאָן זשואַן, — מען מוז אייך טאדלען פאַר אייער אויפפיהרונג. נו, וואו איז דאָס געזעהן געוואָרען אין דער וועלט, אַ מענש זאָל יעדען חודש שטעלען אַ חופּה מיט אַן אַנדער ווייב?

— זאָג אליין, — ענטפערט איהם דאָן זשואַן, — גיבט עס דען אויף דער וועלט עטוואָס בעסערעס?

— יאַ, איך פערשטעה, עס איז זעהר אַנגענעהם און אינטערע־סאַנט; איך וואָלט זיך אַליין אויך ניט אָבגעזאָגט פון אזא פערגניגען, ווען דאָס וואָלט ניט געווען אַן עבירה. געוואַלד! ווי קען מען מאַכען שפּאַס פון אַ חופּה? עס איז דאָך איינע פון די וויכטיגסטע רעליגיעזע איינריכטונגען. אַ קלייניגקייט, קדושין? אַ חופּה?... איהר הויבט זיך אָן מיט אַ גאָט?...

— אַך, יאַ מיט גאָט? נו מיט איהם וועל איך שוין דורכקומען...

מיר וועלען שוין מיט איהם איינפערשטאנדען זיין. מיר וועלען זיך ניט קריגען.

דער גלויביגער, פרומער גאָט'ס אדוואָקאט, סאגנערעללא, וואָלט אויך יעדער מאָנאט פערפיהרט און אונגליקליך געמאכט אונבעשיצטע פרויען, ווען עס זאָל נאָר ניט זיין געגען גאָט. דאָן זשואן אָבער זאָגט: ווי באלד עס איז נאָר א גאָט זאַך, וועלען מיר שוין מיט איהם ווי עס איז איינפערשטאנדען ווערען.

א צווייטען מאָל געהט סאגנארעללא נאָך ווייטער, ער ווענדעט זיך צו זיין הערר מיט א פשוטע שאלה:

— ערלויבט מיר צו פרעגען, מיין הערר, איז דאָס וואהר, אז איהר גלויבט ניט אין גאָט?

— ער האָט געפונען פון וואָס צו רעדען — ענטפערט דאָן זשואן.

— איך פערשטעה, דאָס הייסט איהר גלויבט ניט. אָבער ווען איהר גלויבט ניט אין גאָט, גלויבט איהר דאָך לכל הפחות אז עס איז דאָ א גיהנום?

— עט!

— וואָס? אָבער אין שדים, און אין עולם הבא מוזט איהר דאָך גלויבען!

— חא! חא! חא! לאכט איהם אויס דאָן זשואן.

דער גלויביגער סאגנארעללא פערלירט ענדליך זיין געדולד.

— סטייטש, אין קיין זאַך אין דער וועלט ניט גלויבען! אין עט־וואָס גלויבט איהר דאָך?

— איך? סאגנארעללא, איך גלויב נאָר, אז צוויי מאָל צוויי איז פיער!...

צוויי מאָל צוויי איז פיער! ניט אומזיסט ווערט יעדער דיינקענ־דער מענש ענטציקט פון דיעזער קורצער און איינפאכער פראזע, ניט אומזיסט האָט מען דיעזע פראזע אזוי פיעל מאָל ווידערהאָלט. מיט דיזע איינינע ווערטער ווערט אויסגעדריקט א גאנצע סיסטעם פון מענש־ליכען דענקען, א גאנצע ריכטונג פונ'ם מענשענס געדאנקען. ניט דאָ איז דער פלאַץ צו רעדען דערפון, אויף וויפיעל דעם מענשענס פער־שטאנד קען בעפריעדיגט ווערען מיט אזעלכע עלעמענטארישע אקסיאָ־מען, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער. אָבער דיעזע פראזע איז מערקוויר־דיג דערמיט, וואָס זי איבערצייגט, דאָס ניט נאָר אין דער וויסענשאַפט־

ליכער וועלט, וואו עס האָט שוין דאַמאָלס געמאַכט אַ רעש פּרענסיס בייקאָן, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז דער מענש זאָל ניט גלויבען אין קיינע אילוזיאָנען און אין די אַלע זאַכען, וועלכע מען קען ניט איבער־ציילען, איבעררעכענען, אַנאַליזירען און צושניידען מיט אַן אַנאַטאָמי־שען מעסער, — דאָס איז ניט נאָר אין דער וויסענשאַפטליכער ליטע־ראַטור, נאָר אויך דיינקענדע דיכטער האָבען שוין דאַן מיט זייער פערשטאַנד אויסגעפונען, אַז דעם מענשענס שכל דאַרף ניט גלויבען אין גייסטיגע אויטאָריטעטען, און אַז געוויס איז נאָר דאָס, וואָס מען קען בעגרייפען מיט די חושים, וואָס איז אַזוי איינפאַך און וואהר, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער.

דיעזע פראַזע איז אויך מערקווירדיג דערמיט, וואָס זי איז אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט אויסגעשפּראָכען געוואָרען מיט עטליכע הונ־דערט יאָהר צוריק, ווען מע פלעגט נאָך אונגלויביגע פאַר זייער אפּיקורס'עס פעראורטהיילען צום טויט, און, ווען די איבערצייגונג, אַז שדים מיט שוואַרצע ניט־דאָ־גערדאַכטען עקזיסטירען, איז געוועזען נאָך אַזוי שטאַרק, דאָס מע האָט מכשפים און מכשפות געברענט אויפ'ן פייער. אין אַזאַ צייט צו וואַגען אַרויסטרעטען מיט אַן ערקלערונג, אַז גלויבען קען מען נאָר אין דעם, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער, האָט געהייסען אויפרייצען געגען זיך אַלע סאַנגאַרעללאָס פון דער פאַנאַטי־שער וועלט.

מיר מוזען זיך ווידער אומקעהרען צו אונזער העלד, צום אפּיקורס, דעם אויסגעלאַסענעם חברה מאַן און קלוגען יונג — דאָן זשואַן. ווען ער דערזעהט, אַז איהם שטעהט פאָר שווער צו בעצאָהלען פאַר אַלע זיינע מעשים, פאַר אַלע זיינע שטיפערייען און זינד, געפינט ער ניט קיין אַנדער מיטעל ווי צו בעשיטצען זיך ווי מיט דער מאַסקע פון פרומקייט. מען קען ניט זיין פריי, זאָגט ער, ביז וואַנען מע מאַכט זיך ניט בלומרשט פאַר אַ שקלאַף. זיין אַ צבויעק — הייסט געניסען פאָל־קאָמענע פרייהייט. עס האָט קיין זינן ניט, זאָגט דאָן זשואַן, אָפען צו טאָן, וואָס מען פערלאַנגט און פערטיידיגען די טהאַטען דערמיט, וואָס דער שכל הישר רעדט פאַר זיי. ניין! דאָס איז וועניג, דערפאַר וועלען אייך מענשען פערפאָלגען. אָבער זיין אַ פערמאַסקירטער, פערטיידיגען זיך מיט גאָט'ס אויטאָריטעט איז זעהר גרינג און בעקוועם. מענשען וועלען אייך ניט מוחל זיין אייער קלענסטען פעהלער, אויב איהר באַ־

געהט איהם אין אייער אייגענעם נאָמען, זיי וועלען אָבער אייך פער־ציהען די גרעסטע שוויינעריי, די שרעקליכסטע אונרעכט אויב איהר טוט זיי אין דעם נאָמען פון אייער גאָט. זינדיגען אָפען טאָר מען ניט, זאָגט דאָן זשואַן, דערפון בעלעדיגען זיך די מענשען, אָבער ווען איהר זינדיגט אַזוי, אַז מענשען זאָלען וויסען און ניט זעהן, זייט איהר א פיינער מענש...

דער זינדיגער בעל טענה און אפיקורס ווערט זעהר שרעקליך בעשטראָפט: צו דעם מאטעריאַליסט, וואָס גלויבט נאָר, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער, קומט צו געהן א שטיינערנער גייסט און שלעפּט איהם אריין אין שאול תחתיה אריין.

איהר מיינט געוויס, מאָליער האָט געוואָלט ווייזען מיט אַזאַ ענדע אַז ער האַלט מיט די פרומע סאגנארעללאס? עס הויבט זיך ניט אָן. די ענדע ווייזט, ווי גוט דער זשעניאַלער דיכטער האָט פערשטאַנען די פאַלשע צבועקעס. ווען דער רשע, דער זינדיגער אפיקורס, דער מענש, וואָס האָט אזוי פרעך גערעדט געגען סאגנארעללאס גאָט, — ווען דאָן זשואַן פאַלט אריין אין גרוב פון דער טהעאַטער ביהנע, ווערט סאגנא־רעללא ניט דערפרייט מיט דעם; ער ווערט ניט איבערראשט, וואָס גאָט איז פטור געוואָרען פון אַזאַ געפעהרליכען שונא. ער פערגעסט אויף גאָט, אויפ׳ן גיהנום, אויף אַלע הימלישע זאכען און געדענקט נור איין זאך: פון דאָן זשואַנען קומט איהם עטליכע גראָשען.

„מיינע שכירות! מיינע שכירות!" שרייט סאגנארעללא, ווי א פערוווירטער. „זעהט, מיט דאָן זשואַנ׳ס ענדע האָט זיך גאָט בעפריע־דיגט און זיין צאָרן געשטילט. עס איז גענומען געוואָרען נקמה פאַר די פערשפּאָטעטע געזעצע, עס איז גענומען געוואָרען ראַכע פאַר די פער־פיהרטע מאַמזעלען און ווייבלעך און בעליידיגטע מענער; אַלע זיינען יעצט צופריעדען געשטעלט, נאָר איך, נאָר איך, וועה איז מיר! נאָר איך בין געבליבען מיט א נאָז! געוואַלד! מיינע שכירות! מיינע שכירות! מיין געלד!"

די פּאָר גראָשען זיינען ביי די סאגנארעללאס טייערער פון דעם טריאומף פון די הימלען. זיי זיינען בערייט אָנצונעהמען זיך פאַר גאָט, אויב דאָס קאָסט זיי קיין געלד ניט...

טארטויף איז א טיפּ פונקט דער היפּך פון דאָן זשואַן, — דאָס איז אייגענטליך דער פערמאַסקירטער, פאַלשער „וצדקתך", פון וועלכען

דאַן זשואַן האָט געגעבען אזא דייטליכע בעשרייבונג און וועלכער טוט שלעכטס זיינע מיט־מענשען טויזענדער מאָל מעהר פון צוואַנציג דאָן־זשואַנען, נאָר וועלכער פערקריעגט זיך ניט מיט גאָט. ער רעדט שטיל און זאַנפט, גלאָצט מיט די אויגען צו די הימלען. ער איז זיס און ווייך, ליִיג איהם צו אַ מכה... די שכינה רוהט אויף איהם און פערדעקט די עקעלהאַפטע העסליכקייט פון זיין כאַראַקטער. ער איז אַ גרויסער בעל תאוה און דאַווענט אַ סך; אַ ניעדריגער געמיינער עגאָאיסט און רעדט נאָר פריינדליך. ער וואָלט אריינגעכאַפּט די גאַנצע וועלט און מאַכט זיך, אַז ער דאַרף קיין זאַך ניט. ער וואַגט ניט צו האָבען זיין אייגענע מיינונג, דערפאַר זיינען פאַר איהם אַלע מיינונגען גוט. ער וואַגט ניט חלילה אימיצען צו רעדען אַנקעגען דערפאַר זיינען איהם אַלע גוטע פריינד.

אונטער זיין מאַסקע פון גאָטפאָרכטיגקייט איז בעהאַלטען אַ בלוט־דורשטיגע בריאה. ער איז אַן אונערזעטליכער וואָלף, וועלכער טראָגט די יאַרמולקע פון אַ צדיק. מיט זיין צבוע'יאַצקע גוטקייט גנב'עט ער זיך אריין אין אַ פיינע פאַמיליע, געווינט דעם צוטרוי פון דעם פאַמיליען־פאָטער, פּלאַנעוועט ווי אזוי צו בערויבען דעם פערמעגען פון זיין פריינד און בעשיצער, וואַרפט אויגלעך אויף זיין שעהנע ווייבעל און שדכנ'ט זיך צו זיין טאָכטער. מיט זיינע תפילות און תחינות, מיט דעם, וואָס ער פאַסט אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג און שלאָגט זיך אַלע ווייִלע אשמנו, מיט דעם אַלעם הרגעט ער ניט אָפּ אין זיך די גשמיות'דיגע תאוות, — ער פערבאָרגט זיי נאָר. מיט די ליפּען קלאָגט ער און זאָגט „על חטא" און מיט'ן גאַנצען קערפּער, מיט אַלע זיינע געדאַנקען דענקט ער נאָר פון ניעדריגע חטאים און מיאוסע זינד.

אזוי שילדערט מאָליער די ערשטע ערשיינונג פון דיעזען העלד. טאַרטיוף שטעהט ביי דער טהיר און רעדט מיט זיין דיענער, גאַנץ נאַטירליך, פון זעהר געוועהנליכע זאכען. ער דערהערט אָבער אַ שאָרעך אונטער דער טהיר און ציהט שוין אויף זיך אַרויף די צבוע'יאַצקע מאַסקע. ער רעדט שוין מיט אַן אַנדער טאָן און פון אַנדערע זאכען.

— יאָ, לאָרענץ, זאָגט ער מיט אַ זיסע פרומקייט, ווּעסט נעהמען מיין תשובה־מאַנטעל און די רצועה מיט וועלכע איך שלאָג זיך מלקות און ווּעסט עס פערשפּאַרען אין שאַפע. און פאַרגעס ניט בעטען גאָט, ער זאָל דיר שיקען גוטע געדאַנקען... יאָ, און אפשר פרעגט אימיצער

אויף מיר, זאָג, אַז איך בין געגאַנגען קלייבען נדבות פאַר די אונגליקלי־
כע, וואָס זיצען אין תפיסה (דאָ געהט אריין אַ יונגע דיענסט מיידעל),
וואָס פערלאַנגט איהר? (טארטיוף איז מיט יעדען העפליך).

זי: איך האָב געוואָלט...

טארטיוף: (ער כאַפּט ארויס פון קעשענע אַ נאָז טיכעל) אך!
גאָט אין הימעל! איך בעט אייך, איידער איהר וועט רעדען, נעהמט
דיעזע טיכעלע.

זי: טיכעלע! נאָך וואָס?

טארטיוף: איך בעט אייך, דעקט צו אייער האלז... אָט דאָ
ניעדריגער... אַזאַ זאַך איז אַ סכנה פאַר דעם מענשען'ס זעעלע און
רופט ארויס זינדיגע געדאַנקען.

דער גראָבער עגאָיסט, וועלכער צורייצט זיין אויסגעלאַסענע פאַנ־
טאַזי אין דער צייט פון זיינע שטילע און לאַנגע תפילות, דער גע־
מיינער בעל תאוה, וועלכע אַנערקענט ניט דאָס די סימפּאַטי צווישען
מאַנספּערזאָנען און פרוי קען געבויט ווערען אויף ריינע פּאָעטישע גע־
פיהלען, אויף ערנסטע און איידעלע געדאַנקען; דער אויסגעלאַסענער
צדיק, וועלכער דענקט, דאָס אַלעס פרויען און מענער וואָלטען גע־
זינדיגט, ווען עס זאָל זיך מאַכען אַ גוטע געלעגנהייט, — טארטיוף
דענקט דאָס אויפוועקען אין אַ פרוי זינדיגע געדאַנקען קען מען נאָר
דערמיט, וואָס מען רעדט מיט אַ זיסע פרומקייט פון זינדיגע זאַכען.
ווען ער בלייבט אליין מיט זיין פריינדס פרוי, זאָגט ער איהר, דאָס איהר
שעהנקייט בעגייסטערט איהם און צווינגט איהם צו דענקען פון דעם
גרויסען בורא, יתברך, וועלכער קען בעשאַפען אַזאַ רייצענדע פרוי;
ער ערקלערט, דאָס זינדיגען איז ניט אַגרויסע עולה, ווי באַלד מע פער־
געסט נאָר ניט אין גאָט, וועלכער קען מוחל זיין, ווען מען טוט
תשובה.

ווען ענדליך פון טארטויפען ווערט אראָפּגעריסען זיין העסליכע
מאַסקע און ער דערזעהט, אַז די גאָטפאָרכטיגקייט און די פרומקייט
וועלען שוין ניט העלפען, דאַן צייגט ער מיט אַ ציניש פרעכהייט, ווער
ער איז. ער הערט אויף צו רעדען שטיל און זיס און ווייזט די געמיינהיי־
טען און ניעדערטרעכטיגקייט פון זיין כאַראַקטער... זיינע ליפּען
דערמאָנען נאָך גאָט, נאָר איהר זעהט, דאָס דער מענש האָט נור איין
גאָט און דאָס איז זיין עגאָאיסטישער „איך”; ער האָט נור איין רעלי־

גיאָן און דאָס איז זיין ליעבע צו זיך אליין. טארטיוף'ס גאָט איז טאר־טיוף — אליין!... דער טיפּ פון די טארטיופען, די פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסען, וועלכע קומען פאָר אין דעם מענשען, זיינע שטרעבונגען זיינען געשילדערט מיט א מייסטערהאפטער האנד. איהר זעהט אויך און פערשטעהט פאר וואָס די טארטיופען פערדיענען אויף דער וועלט כבוד, אכטונג און צוטרויען... דער סעקרעט, מיט וועלכען די טאר־טיופען בעזיעגען די וועלט בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי מאַכען זיך, אז זיי זיינען בערייט פאָר אלע אין דער ערד זיך צו לייגען און אין דער ווירקליכקייט האָבען זיי אלעמען אין דער ערד... טארטיוף קריעגט זיך ניט מיט קיינעם, דערפאר בעזיעגט ער די גאנצע וועלט.

„מיזאנטראָפּ” איז דאָס דריטע ווערק, פון מאָליער פון וועלכען מיר וועלען זיך ערלויבען צו זאָגען א פּאָר ווערטער. דער נאָמען „מיזאנ־טראָפּ” כאראקטעריזירט ניט ריכטיג דעם כאראקטער פון דעם הויפּט טיפּ. די בעדייטונג פון מיזאנטראָפּ איז: א מענשען־פיינד. דער הויפּט העלד פון שטיק איז אין דער ווירקליכקייט א מענעשן־פריינד, נאָר די וועלט רעכענט איהם פאר א פיינד, ווייל ער האסט און פעראכטעט די אלע מנהגים און פאלשע מיינונגען, דורך וועלכע דעם מענשענס לע־בען ווערט געפיהרט. מאָליער האָט אויפגעמאָהלט אין דיעזען ווערק ניט א בייזען, שלעכטען מענשען, א ניט־פערגינער און א מעלאנכאָליק — ניין! און אין אונזער צייט, וואָלט מען דעם העלד געווים אן אנדער נאָמען געגעבען. אייניגע וואָלטען איהם גערופען „אונרוהיגער מענש”, אנדערע וואָלטען געזאָגט, „ער האָט ניט קיין פּראקטישע געלאסענ־הייט”, אנדערע ווידער וואָלטען איהם אָנגערופען מיט'ן שרעקליכען נאָמען: „אידעאליסט”.

דער „מיזאנטראָפּ” איז א טיפּ, וואָס קען ניט געהן מיט ארומיגע וועגען, ער געהט שטענדיג און ביי אלע אומשטענדען גלייך. ער קען ניט דערלאָזען אין לעבען קיינע קאָמפּראָמיסען, קיין פּאָליטיק פון אביסעל אהער און אביסעל אהין. ער האסט יעדען, וואָס זיצט אויף צוויי שטוה־לען, — יעדען, וואָס פיהרט זיך אזוי, אז אי גאָט זאָל זיין צופריעדען, אי דער רוח זאָל ניט ברוגז ווערען. אין ליעבע, אין פריינדשאַפט, אין שרייבען, אין רעדען פאָדערט ער, אז דער מענש זאָל אויפריכטיג און אָפען זאָגען נאָר דאָס, וואָס ער דענקט און פיהלט, ניט קוקענדיג אויף קיינע אומשטענדען און קיין פּאָליטיק. געפעלט דיר ניט אימיצער, נאָך

וואס דארפסט דו דעם גוטען שמייכעלע אויף די ליפען און די זיסע ווערטער: „אך! עס פרייט מיך זעהר”? ניין! שנייד דעם אמת און זאג איהם: געה צו אלע שווארצע יאהר!... חנפענען זיך און זוכען יענער זאל אנערקענען דיינע מעלות — דארף מען ניט. די וועלט מוז אליין אנערקענען דיינע גוטע אייגענשאפטען. דאס וואס דיר קומט נאך דער גערעכטיגקייט, דארפסט דו ניט בעטען, דו דארפסט עס פאַדערען!...

דער „מיזאנטראפ” האסט ניט די מענשען, ער האסט זייער פאלשקייט. ער ערלויבט ניט צו מאסקירען די ריכטיגע געפיהלען מיט די מנהגים פון דעם אויסגעטראכטען דרך ארץ. ער פאדערט אז די מענשען זאלען זאגען די ווארהייט אויפריכטיג און אפען. זעלבסט־פערשטענדליך, קיינער האט אזא מענשען ניט געליעבט, אלע האבען פון איהם געוויכט, און אפילו איין זעלע האט איהם ניט פערשטאנען. אן עלענדער, א פעריאגטער, א טרויעריגער און צובראכענער פער־לאזט ער די „געזעלשאפט” און געהט זוכען אין דער וועלט אזא שטילען, רוהיגען ווינקעלע, וואו מען קען זיין אונגעשטערט אן ארענטליכער מענש און פריי ארויסזאגען די ווארהייט.

ארעמער מיזאנטראפ, וואו אין דער וועלט וועט ער געפינען אזא ווינקעלע?...

מאליער האט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען ניט פערלאזען די ביהנע. ער איז געווען געפעהרליך קראנק, ווען ער האט אויפגעטראטען אין דער הויפט ראלע פון זיין בעריהמטער קאמעדיע „דער איינגעביל־דעטער קראנקער”, — א קאמעדיע, וועלכע דער בעריהמטער דייטשער דיכטער געטהע שטעלט אין איין רייהע מיט די גרעסטע מייסטער־ווערקע פון דער וועלט. אין דער צייט פון שפיעלען איז מאליער געפא־לען אויף דער ביהנע. — ער איז געפאלען ווי א בראוועד גענעראל אויף זיין שלאכטפעלד. די אלע טארטיופען און צבוע'יאקעס פון פאריז האבען זיך זעהר דערפרייט מיט זייער שונא'ס טויט, מיט דעם טויט פון דעם געפעהרליכען אפיקורס, וועלכער האט ארויסגעפיהרט אויף דער ביהנע אזעלכע טיפען, ווי „דאן זשואן” און „טארטיופ”. דער ארחיבישאף פון פאריז האט פערבאטען צו בעערדיגען מאליערן אין געהייליגטער

ערד נאָך די דינים פון דער קאַטוילישער קירכע און זיין קערפּער איז לאַנג געלעגען ניט בעערדיגט. ווען לואי דער 14טער האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געפרעגט: „ביז וועלכער טיעפקייט דערלאַנגט די הייליגע ערד, וואו מע דאַרף בעגראָבען א גאָטספאַרכטיגען קריסט?"

— ביז די טיעפקייט פון דריי פוס — האָט מען איהם געענטפערט...

— ווען אזוי, גראָבט אויס א קבר אין דער טיעפקייט פון פינף פוס, וואו די ערד איז שוין ניט הייליג און די קירכע וועט ניט בעלעדיגט ווערען.

אָבער ווי טיעף מען האָט איהם ניט בעערדיגט — זיין זשעני האָט מען ניט בעגראָבען. די צבועיאַקעס האָבען איהם ערניעדריגט און די גאַנצע וועלט האָט איהם געקרוינט מיט קראַנצען פון רוהם און אכטונג. די וואָס האָבען איהם מקבר געווען האָבען איהם ניט אָפּגעגעבען קיין כבוד און איצט פערעהרט איהם די גאַנצע מענשהייט. מען האָט איהם בעגראָבען, ווי אַן אונבעוואוסטען שוישפּיעלער, און ער האָט אויפגעלעבט אין דער ליטעראַטור פון דער וועלט, אלס גרויסער דענקער און זשעניאַלער דיכטער. אזעלכע מענשען ווי מאָליער שטאַרבען ניט — זיי זיינען אונשטערבליך. זיי לעבען און וועלען לעבען, זאָ לאַנג עס לעבט דער מענש, זאָ לאַנג עס לעבט דעם מענשענס געדאַנק...

גאָטהאָלד אפרים לעססינג.

1.

ער איז געווען אַ זשעני.

עס זיינען דאָ פיעלע זשעניאַלע מענשען, וועלכע האָבען זיך בע־ריהמער און אונשטערבליך געמאַכט אין וועלכען עס איז דאָ אָב־טהיילונגען פון וויסענשאַפט, ליטעראַטור און קונסט. לעססינג איז אַ זשעני, וועלכער האָט מיט זיין שאַרפע אויג אומגעפאַסט אַלע אָבטהיי־לונגען פון דעם מענשענס וויסען, דענקען און פיהלען. זיין אָפענער מח האָט אַלעס בעגריפען, זיין שכל הישר האָט אַלעס ריכטיג פערשטאַ־נען, זיין גוטעס הארץ האָט שטענדיג די ווירקליכקייט געפיהלט. זיין קריטישער בליק האָט אַלעס ריכטיג אויפגעפאַסט. ער איז געווען ווי ביי זיך אין דער היים אין אַלע קרייזען פון דעם מענשענס וויסען און קענען, ער האָט געהאַט די שליסלען צום קדשי קדשים פון דער מענש־הייט — צו דער וואַרהייט. פאַר איהם זיינען געווען אָפען אַלע אוצרות פונ׳ם מענשענ׳ס גייסטיגע רייכטהום. ער איז געווען אַ גרויסער דענקער, אַ וואַהרער פּאָעט, אַ געשיקטער מאַטעמאַטיקער, אַ געלערנ־טער קלאַסיקער, דער גרעסטער קענער פון קונסט, דער בעסטער מבין אויף מוזיק. זיין שאַרפער זינן און זיין עסטעטישער געשמאַק: האָ־בען איהם געמאַכט פאַר דעם גאָטהאָלד אפרים לעססינג, וועלכער האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער וועלט. ער איז געווען אַ גאָט אין דענ־קען און פיהלען, און דער העכסטער אידעאַל פון אַ מענש איז׳ם לעבען און קעמפּפען. אַזוי ווי די וואַרהייט איז קלאָר, איינפאַך און אויפריכ־טיג, אַזוי איז געווען זיין לעבען. ער איז געווען איינפאַך, דעמאָקראַטיש, אויפריכטיג, ער האָט ניט געוואוסט פון ראַסען־האַס, פון קלאַסען־אונטערשיעד, פון רעליגיעזע פּראָרטיילע. זיין אונרוהיגער, אייביג־

רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט איהם זיין גאַנצען לעבען־לאַנג געטריבען פון איין אָרט צום אַנדערען און וואָהין ער איז געקומען איז ער געווען אַ מענש צווישען מענשען. אין לייפּציג האָט ער מיט שוישפּיעלער גע־לעבט ווי אַ קאַמעראַד און האָט צוזאַמען מיט זיי געאַרבייט פאַר דער ביהנע, אין ברעסלאו האָט איהם דער שיקזאַל אריין געוואָרפען צווי־שען סאָלדאַטען — ער האָט אין דעם סאָלדאַט געלערענט דעם מענשען און אין מענשען דעם סאָלדאַט. אין בערלין איז ער געווען דער גרעסטער מקורב מיט אידען און האָט זיך אויף אייביג בעפריינדעט מיט דעם בעריהמטען פילאָזאָף, מאָזעס מענדעלזאָהן.

ער האָט געשטודירט פילאָזאָפי און איז געווען אַ הייסער טהעאַט־ראַל, האָט געלערענט מאַטעמאַטיק און איז געווען אַ נאָבלער ליעבהאָ־בער פון פּאָעזי, ער איז געווען דער גרעסטער קענער פון דער קלאַסי־שער ליטעראַטור און איז געווען דער גרעסטער לערער פון וואָהרען רעאַ־ליזמוס. מיט איין וואָרט, לעסינג איז געווען אַ דענקער, אַ פילאָזאָף, אַ פּאָעט, אַ סאַטיריק, אַ פייערדיגער פּאָלעמיסט, אַ הייסער קעמפפער פאַר דער וואַרהייט אָבער דאָס איז נאָך וועניג, ער איז אַנערקענט, אַלס איינער פון די גרעסטע עסטעטיקער און גרעסטע קריטיקער פון דער וועלט.

הענריך היינע זאָגט, דאָס זייט מאַרטין לוטער האָט דייטשלאַנד קיין גרעסערען און בעסערען מאַן ניט הערפאָר געבראַכט, אַלס גאָט־האָלד אפרים לעסינג. „לוטהער האָט בעפרייעט דעם צווייטען טעס־טאַמענט, לעססינג איז געקומען קעמפּפען פאַר די בעפרייאונג פונ׳ם דריטען טעסטאַמענט״.

אין דייטשלאַנד און אין גאַנץ אייראָפּא איז געווען אַ וועלט פון תהו ובהו. אַ פינסטערנים האָט געהערשט על פּני תהום.... דער פּעאָדאַליזמוס איז נאָך ניט געשטאָרבען, די בורזשואזי האָט געהאַל־טען ביים געבוירען ווערען. פריידענקער האָבען שוין געלאַכט פון די אַלטע גלויבונגען, און די גלחים זיינען נאָך געווען שטאַרק און מעכטיג... קינדער פון גייסט״ האָבען שוין געשטאַמעלט די ווערטער: „גלייכ־הייט, ברידערליכקייט״ און אין אַלע קרייזען האָט געהערשט טיראַ־ניי, פאַנאַטיזמוס, פערפאָלגונג, מענשען־פרעסעריי, אידען־העצעריי... אין דער דייטשער ליטעראַטור האָט געהערשט פאַלשער קלאַסיציזמוס, אין פילאָזאָפי האָט געהערשט סכאָלאַסטיק (פּוסטע חריפות מיט פּלפּול),

אויף דער ביהנע זיינען געשפּיעלט געוואָרען פראַנצויזישע און איטאַ־ליענישע טראַגעדיען, וועלכע זיינען געווען „פערדייטשט" נאָך דערמיט, וואָס אַנשטאַט דעם איטאַליענישען אַקראָבאַט און פּאַיאַץ „פּאָלינטשי־נעל" אָדער דעם פראַנצויזישען גאַיער „אַרלעקין", — איז געווען אין יעדער פּיעסע אַ „האַנזוואורשט"... אין פּאָעזי האָט געהערשט די פּראָ־זע, ניט די שעהנקייט און דער געדאַנק. — מיט איין וואָרט, עס איז געווען תהו ובהו און דער רוח אלהים, דער גייסט פון לעססינג האָט ארויסגעשוועבט איבערן אָבגרונד און ער האָט געזאָגט: יהי אור! און עס איז געוואָרען ליכטיג... ער האָט מיט'ן שארפען מעסער פון אַנאַ־ליז צושניטען און ערקלערט אַלעם פאַלשעם און אונאַטירליכעם. ער האָט מיט זיין קריטישען שאַרף־זינן געלערענט, ווי מען דאַרף פער־שטעהן ליטעראַטור און קונסט. ער האָט בעפרייט די דראַמאַ, געמאַכט פון טהעאַטער אַ ווירקליכען טעמפּעל דער קונסט, פון פּאָעזי געשאַפען אַ הימלישע ליעד... ער האָט געקעמפט מיט די גוים, געשטריטען פאַר דער וואַרהייט, געהאַלטען אַ בלוטיגע מלחמה פאַר דער בעפריי־אונג. פון מענשענס גייסט, פערטהיידיגט די אידען ווי אַ טאַפּפערער קריעגער, פּאָלעמיזירט מיט אַלע אבסקוראַנטען (בעשיצער פון רעאַק־ציאָן) מיט די פּיילען פון זיין וויץ און שאַרף זינן... ער האָט אין דייטשלאַנד בעשאַפען די גינסטיגע אומשטענדע, וועלכע האָבען פּראָ־דוצירט זיינע דריי נאָכפאָלגער: געטהע, שיללער און קאַנט!...

ער איז געווען אַ זשעני, ער איז געווען איינער פון די גרעסטע קעמפּפער דער פרייהייט!... מיט זיין מעכטיגע האַנד האָט ער אראָפּ־געוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון אַלע געטער און האָט אויף קיין מזבח ניט געוואָלט מקריב זיין זיינע קרבנות.

2.

נאָטהאָלד אפרים לעססינג איז געבוירען געוואָרען אין 1729 יאָהר. זיין פאָטער איז געווען אַ פּאַסטאָר אין אַ קליין דייטשיסע שטעדטעל און ער האָט געוואָלט, זיין זוהן, וועלכער האָט פון קינדהייט

אָן געוויזען גרויסע חריפות אין לערנען, זאָל אויך זיין אַ קריסטליכער גייסטליכער. אין דער שולע, וואו לעססינג האָט געלערנט, איז ער גע־ווען געדעכנט פאַר'ן בעסטען תלמיד. קיינער האָט ניט געקענט אַזוי מאַטעמאַטיק און גריכיש מיט לאַטיין. ער איז געווען אַ שטיפער, אָבער זיינע לערער און חברים האָבען איהם ליעב געהאַט, פאַר זיין סימפּאַטי־שען גוטען כאַראַקטער, אויפריכטיגקייט און ליעבע צו דער וואַר־הייט... לעססינג האָט שפּעטער אויך געקענט זאָגען, דאָס ער האָט געגנער, אָבער עס איז ניטאָ קיין מענש, וועלכער זאָל ניט אַנערקענען, דאָס ער פערדיענט אַכטונג און ליעבע.

דער פאָטער האָט געוואָלט, לעססינג זאָל לערנען אין אוניווערזי־טעט „טהעאָלאָגיע" (געטליכע תורה), לעססינג האָט געלערנט מאַטע־מאַטיק, האָט געשטודירט שפּעטער מעדיצין און, אַנשטאָט צו ווערען אַ גייסטליכער פּרעדיגער, איז ער געוואָרען אַ פּרעדיגער פון גייסט.... ער האָט זיין לעבען לאַנג געפּרעדיגט, ווי אַזוי דער מענש זאָל בעפרייען זיין גייסט פון די אַלע קייטען, אין וועלכע די קירכע און די ליטעראַטור האָבען איהם פערשמיעדט.

קוים האָט ער אריינגעטראָטען אין דעם לייפּציגער אוניווערזיטעט, האָט ער שוין פערגעססען די טהעאָלאָגיע, די פילאָזאָפיע פון דער „דריי איינינגע" גאָטהייט, די קאָמעדיע פון אמונה, און האָט זיך מיט זיין לייב און לעבען אָפּגעגעבען דעם דייטשען טהעאַטער. מיט פייער פון אַן אמת'ן רעפאָרמאַטאָר, מיט דער איבערגעבענהייט פון אַ ריכטיגען קעמפפער, האָט ער זיך גענומען רעפאָרמירען די דייטשע ביהנע, קעמפ־פען געגען אַלעס וואָס עס איז פאַלש און אונעסטעטיש... ער איז געווען 17 יאָהר אַלט, ווען ער האָט אויפגעשריבען זיין שוישפּיעל „די אידען" אין וועלכע ער האָט בעוויזען, ווי דום און אונמענשליך זיינען די יעניגע, וועלכע האָבען קיין טאָלעראַנץ, קיין געזונטען פערשטאַנד צו פערניכטען ראַססען־האַס, וועלכער עס בליהעט נור אויף פאָראור־טיילע.

שפּעטער האָט לעססינג זעהר פיעל מיהע, צייט און טאַלענט געווידמעט דעם דייטשען טהעאַטער... אין האַמבורג איז געגרינדעט געוואָרען אַ פאָלקס טהעאַטער, וועלכעס האָט געדאַרפט זיין אַ מאָדעל פון אַ וואָהרען טהעאַטער... לעססינג האָט דאַמאָלס געשריבען זיינע בעריהמטע בריעף איבער דראַמאַטורגי, וועלכע זיינען אַנערקענט

אלס מייסטער ווערקע פון וואהרע קריטיק, — אלס די בעסטע לערער, מיט וועמעס הילפע מע קען שטודירען און פערשטעהן די דראמאטישע קונסט. מיט דיעזע בריעף האט ער ערוואָרבען דעם נאָמען פון דעם גרעסטען קריטיקער פון דער וועלט...

דער אידישער היסטאָריקער גרעץ שטעלט לעססינג העכער פון דעם בערימטען פראנצויזישען שרייבער וואָלטער, וועלכער האט געלעבט מיט לעסינגען אין איין צייט. מע דארף ניט מיינען, אז דער היסטאָ־ ריקער איז פארטייאיש דערפאר, ווייל דער זשעניע וואָלטער איז געוועז א געמיינער אנטיסעמיט, א מין פראנצויזישער אהלווארט, און לעססינג איז געוועז א אידען־פריינד. אזא מיינונג האט גרינדליכערע ערקלערונ־ גען. וואָלטער און לעססנג האבען געהאט איינע און די זעלבע מיססיאָן, איינע און די זעלבע אויפגאבע: — אראָפּוואַרפען פון די הויכע פיע־ דעסטאלען די אלטע, הילצערנע געטער און ארויפפיהרען אויפ'ן טראָ דעם גייסט פון פרייהייט און ראציאָנאליזמוס (שכל הישר). אלס צערשטערער שטעהט וואָלטער העכער. ער איז געוועזן דער גרעס סאטיריקער פון דער גאנצער וועלט און לעססינג איז נאָר דער גר טער סאטיריקער פון דייטשלאנד. אָבער וואָלטער איז נור געוועזן גר מיט זיין פערלאכען, אפלאכען, פערמיאוסען... ער האט אָבער נ געקענט אזוי ריכטיג קריטיקירען און אנאליזירען ווי לעססינג. וואָלט האט נור צושטערט, לעססינג האט אין דער זעלבער צייט אויך גע בויט... וואָלטער איז געוועזן א שטאָלצער אריסטאָקראט פון געדאַ קען, לעססינג איז געוועזן א דענקער פון דער דעמאָקראטי. וואָלט האט געמאכט חוזק פון אלעס וואָס האט זיך גערעכענט הייליג, לעסס האט מיט ארגומענטען און וויץ געוויזען, איבערצייגט דאָס היי איז נאָר דאָס, וואָס איז וואהר... וואָלטער האט געמאכט שפּאָס פ רעליגיאָן. לעסינג האט גערעדט ערנסט... ער האט פון טהעאטע געוואָלט מאכען א טעמפּעל און פון דראמאטישע פּאָעזי א רעליגיאָן... וואָלטער האט געמיינט, אז מע דארף נאָר ריכטיג פילאָזאָפירען, וועט מען שוין אפשאפען אלעס פוילעס און בייזעס, און די הומאניטעט (מענשענליעבע) וועט טריומפירען... לעססינג האט געמיינט, דאָ די הומאניטעט מוז פריהער טריומפירען, אום די מענשען זאלען ריכט פילאָזאָפירען... וואָלטער איז געוועזן א גרויסער דיכטער און דענקער, אָבער זעהר א קליינער און ניעדריגער מענש, לעססינג איז געוועזן א

גרויסער דיכטער, אַ גרויסער דענקער און אַ גרויסער מענש! דאָס איז געווען די אורזאַכע, פאַר וואָס לעסינג אַליין האָט געקוקט אויף דעם קאָלאָסאַל־גרויסען וואָלטער פון אויבען אַראָפּ... וואָלטער איז געווען רייך ווי קרח, מעכטיג ווי אַ קייזער, בערימט און געאַכטעט ווי אַ גאָט און דער קבצן לעסינג האָט דאָך געמוזט איינבויגען דעם קאָפּ, ער זאָל דעם גרויסען גיגאַנט דערזעהן, אַזאַ ליליפּוטאַנישער מענשעל איז דער גרויסער פראַנצויז געווען. אין זיינע בריעף איבער דראַמאַטורגיע („האַמבורגישע דראַמאַטורגיע") ווייזט לעסינג גאַנץ אָפען ווי אין מאַנכע הינזיכטען איז וואָלטער געווען אַ פּשוט׳ער שאַרלאַטאַן... און ער זאָגט: „וועה איז דעם, וועלכער לעזט איבערהויפּט וואָלטער׳ס ווערק אָהן דעם סקעפּטיציזמוס (געפיהל פון ספיקות) מיט וועלכען אַ טהייל פון זיינע ווערק זיינען געשריבען". וואָלטער איז געווען אַ גוּ־טער פריינד מיט דער גרויסער יעקאַטערינאַ, מיט דעם גרויסען פרידריך און לעסינג איז געווען אַ גוטער פריינד מיט׳ן דענקענדען אידעלע, מיט דעם ענו משה מענדעלזאָהן.

דער היסטאָריקער גרעץ דערצעהלט, דאָס לעסינג מיט מענדעל־זאָהנען האָבען זיך צום ערשטען מאָל בעגעגענט ביי אַ שאָך־ברעט. דיביידע קעניגע פון דענקען האָבען זיך געטראָפען ביי דעם קעניגליכען אַמיוזמענט און זיינען שוין ביז זייער טויט געבליבען טרייע, איבערגע־בענע פריינד. אין זיין אונשטערבליכעס ווערק „נאַטהאַן דער ווייזע", האָט לעסינג פערקערפּערט דעם **אידעאַלען** בילד פון זיין אידישען פריינד... לעסינג האָט אָנגעפאַנגען זיין דראַמאַטישע קאַ־ריערע מיט דער פּיעסע „די אידען" און האָט געענדיגט מיט דער גרויִ־סער דראַמאַטישער פּאָעמאַ „נאַטהאַן דער ווייזע"... דער רייפער און פאָלקאָם ענטוויקעלטער דענקער האָט בעשטעטיגט דאָס, וואָס דער איידעלער יונגלינג האָט אַ מאָל געזאָגט...

ניט נאָר זיין ליעבע און פריינדשאַפט צו מענדעלזאָהנען, אַנדערע, וויכטיגערע אומשטענדען האָבען ארויסגערופען די ערשיי־נונג פון זיין „נאַטהאַן דער ווייזע"... לעסינג האָט געוויס ניט גע־קענט איגנאָרירען אַזאַ ערשיינונג, ווי רעליגיאָן, אַזאַ ערשיינונג, וועל־בע, ווי ער אַליין זאָגט אין איינע פון זיינע פראַגמענטען, „קניפּט צו־נויף און צושניידעט פעלקער און לאָזט פערוויסטען גאַנצע וועלטען, וויל שוואַרצע (ניט אייראָפּייער) גריסען גאָט און ניט אַ הילצערנעם

קרייץ"... ער האָט פּערעפענטליכט אַ ווערק אין וועלכען ער האָט זיך ערלויבט אַביסעל צו קריטיקירען די קירכע און פון יעזוס אליין רעדען ווי פון אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט געוואָלט בעפרייען די אידען פון די רוימער און אליין ווערען קעניג... נאָך זיין מיינונג, האָבען די אידען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר די מעכטיגע רוימער, איהם איבערגעבען צו פּילאַטוסען, וועלכער האָט איהם געקרייצט, ווי אַ גע־וועהנליכען מיאַטעזשניק. ווען יעזוס'עס פריינד און אָנהענגער האָבען דערזעהן, דאָס ער איז ניט געוואָרען דער קעניג פון יהודה, האָבען זיי איהם געמאַכט פאַר'ן קעניג פון דער וועלט...

די גלחים האָבען ערקלערט אַ מלחמה נעגען דעם געפעהרליכען אפּיקורוס... אַ געוויסער האָף־פּאַסטאָר גאָיעצע האָט געגען איהם ארויסגעלאָזט אַ ווערק, וועלכע איז געווען פול מיט שימפּפערייען. כל זמן מען האָט לעססינגען ערלויבט, האָט ער פּאָלעמיזירט מיט זיינע פיינד און האָט זיי געשניטען מיט דעם מעסער פון זיין שאַרפזין און געשאָסען מיט די פיילען פון זיין הומאָר און וויץ. אין איינע פון זיינע ענטפערען זאָגט ער צו דעם גייסטליכען גאָיעצע: „אָ, די אַמאָליגע גליקליכע צייטען! ווען די גייסטליכקייט איז פאַר אונז געווען אַלעס און אַלעס, ווען מען האָט פאַר אונז געדענקט און פאַר אונז געגעסען!.. ווילט איהר דיעזע צייטען צוריק אומקעהרען?"... אָבער מען האָט לעססינגען פערבאָטען צו פּאָלעמיזירען מיט גייסטליכע און פון רעלי־גיאָן צושרייבען... דאַן האָט ער זיך אומגעקעהרט אין זיין בעליעבטען טעמפּעל — אין טהעאַטער — און האָט מיט אַ דראַמאַטיש ווערק גע־ענטפערט בעסער, דייטליכער און איבערצייגענדער, ווי אונזיניג עס זיינען אַלע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּאַראורטיילע.

לעססינג האָט רייך געמאַכט די ליטעראַטור פון דער וועלט מיט פיעלע ווערקע. ער האָט געשריבען פאַבעלען, פּאָעזיע, דראַמען, (זיין בעריהמטעסטע פּיעסע איז („מינא פאָן בארנהעלם"), קריטיקען, גע־שיכטליכע פאָרשונגען, פילאָזאָפישע טראַקטאַטען, טהעאָלאָגישע אונ־טערזוכונגען. זיין גרעסטעס ווערק, וואו זיין זשעני, זיין שאַרף זינן, עסטעטישער געשמאַק און פילאָזאָפישע טיעפקייט האָבען זיך אויסגע־דריקט אין זייער פולער מאַכט איז זיין „לאַקאָאָן..." דיעזעס ווערק וועט בלייבען אַ געזעצגעבער, מורה דרך, און ערקלערער פון דעם, וואָס איז עסטעטיק, שעהנקייט, פאָלקאָמענהייט פון געדאַנק און אידעע אין

פּאָעזי און קונסט, — ביז מענשען וועלען ניט פערלירען די פעהיגקייט צו דענקען, פיהלען און ענטציקט ווערען פון דעם, וואָס עס איז אין דער ווירקליכקייט שעהן, וואהר און פאָלקאָמען...

3.

גאָטהאָלד אפרים לעססינג איז געשטאָרבען אין 1781 יאָהר. ניט נור זיינע פיינדע, זיינע גוטע פריינד, זיינע קרובים, ברידער און פערוואנדטע האָבען נור דאמאָלס דערפיהלט ווי גרויס ער איז געווען, ווען דאָס ליכט פון זיין זשעני איז אויסגעלאָשען געוואָרען... זייערע אויגען האָבען זיך ערשט דאַן געעפענט, ווען זיינע זיינען צוגעשלאָסען געוואָרען. ער איז געווען גליקליך דערמיט, וואָס ער האָט געקעמפפט פאר פרעמדעס גליק, פאר אַלעמענס בעפרייאונג, ער האָט אָבער ניט געוואוסט פון קיין פרייד און פון קיין גליק אין זיין אייגענעם לעבען.

„דאָס א מאַן, ווי לעססינג, האָט ניעמאלס געקענט גליקליך זיין, זאָגט היינע, וועט איהר לייכט בעגרייפען. ווען ער וואָלט אפילו די וואהרהייט ניט אזוי געליעבט, — ווען ער וואָלט די וואהרהייט מיט זיין גוטען ווילען שטענדיג און איבעראל ניט געזאָגט און געלערענט, — וואָלט ער דאָך געמוזט אונגליקליך זיין, דען ער איז געווען א זשעני. ווען דער זשעני געפינט ניט פון אויסען א בייזען ווילען, געפינט ער אין זיך איננעוועניג זיין פיינד, וועלכער וועט איהם ברענגען אונגליק און עלענד... דערפאר איז די געשיכטע פון גרויסע מענער שטענדיג א מארטיר־לעגענדע, ווען זיי ליידען ניט פאָר דער גרויסער מענשהייט, דאַן ליידען זיי פאר זייער אייגענע גרויסקייט, פאר דעם גרויסען אָרט פון זייער „זיין"...

„עס איז הערצרייסענד, זאָגט ווייטער היינע, צו לעזען אין לעססינגס ביאָגראפי, ווי דער שיקזאל האָט איהם עטוואָגט צו האָבען אפילו א קליינע פרייד. אפילו פון ליעבע און פאמיליען לעבען איז איהם ניט בעשידען געווען צו געניסען... איין מאָל אויף זיינע עלטערע יאָהרען האָט איהם דאָס גליק אויף איין אויגענבליק געגעבען א האָפנונג גליק־

ליך צו זיין. ער האָט חתונה געהאַט — זיין פרוי איז געווען ליעבענס־ווירדיג. זי האָט אָבער געבוירען א קינד... די מוטער איז געשטאָרבען און דאָס קינד באַלד נאָך איהר. לעססינג אליין אין א וויציגען בריעף צו זיינעם א פריינד שרייבט־אַזוי וועגען דעם: „איך האָב פערלאָרען מיין זוהן! אך, ער האָט געהאַט אזוי פיעל פערשטאַנד! איז דאָס ניט פערשטאַנד, וואָס מען האָט איהם מיט געוואַלט, מיט א צוואַנג געדארפט שלעפען אויף דער וועלט? איז דאָס ניט פערשטאַנד, וואָס ער האָט דאָ אפילו איין מינוט ניט געוואָלט פערזאַמען?"

לעססינג איז געשטאָרבען אין 1781טען יאָהר און אין דעמזעלבען יאָהר איז ערשינען קאַנט'ס „די קריטיק דער ריינען פערנונפט". לעססינג האָט פאַרבערייטעט פון דער זייט רהיין דעם באָדען פאַר די רעוואָלוציאָן פון גייסט, און פון יענער זייט רהיין האָט שוין געשטורעמט די מאַטעריעלע רעוואָלוציאָן.

נאָך וואָס דאַרף מען טהעאַטער?

אויף דיעזער פראַגע ענטפערט די מאַיאָריטעט, די גרעסטע טהייל פון די טהעאַטער בעזוכער: טהעאַטער עקזיסטירט נור צו אַמוזירען זיך, צו האָבען אַ לייכטען און גרינגען צום פערדייהען מאַטעריאַל, וועלכער שאַפט נור פערגעניגען און פרייד. אין טהעאַטער דאַרפען די אָנגעשטרענגטע נערווען זיך אויסרוהען, דער קאָפּ דאַרף ניט האָבען קיין ארבייט. מען דאַרף ניט געהן אין טהעאַטער, זאָגען זיי, וויינען דאָרטען און גיסען טרערען צוליעב פרעמדע אויסגעטראַכטע צרות? מיר האָבען גענוג צרות און „טראָבעל" אין דער היים. אין טהעאַטער ווילען מיר לוסטיג זיין און וואָס מעהר לאַכען, ווארום אין אונזער ווירק־ליכען לעבען האָבען מיר זעהר וועניג געלעגענהייטען צו לאַכען און זיין פריילּיך.

וואָס דאַרף דאָס טהעאַטער געבען דיעזער מאַיאָריטעט? אַ ליע־דעל, אַ קופּלעטעל, אַ צווייִדייטיגען וויץ, אַ טענצעל, אַ „שאָו" פאַר'ן אויג, אַ „מאַטש", אַ פּראָצעסיאָן, שעהנע קליידער, טייערע סצענע־רים. דער אינהאַלט, די אידעע איז ניט וויכטיג, — דער אינהאַלט מעג זיין אינהאַלטסלאָז און זינן־לאָז. זאָגאַר די העכערע, די אַלער גרעסטע קלאַסע פון דיעזען זאָרט טהעאַטער־בעזוכער, וועלכע זוכען, כלומרשט, אין די פּיעסען עפּעס אַ ליטעראַרישען ווערטה, זיי זאָגען אויך, אַז אַ שוישפּיעל דאַרף ניט האָבען קיין הויכע פּאָעזיע און חלילה, קיין פּי־לאָזאָפי. די אויפגאַבע פון טהעאַטער, זאָגען זיי, איז ניט צו מאַכען פון די צושויער דענקער און פּאָעטען. מיר געהן אין טהעאַטער ניט צו נעהמען „לעסאָנס", מיר געהן האָבען „אַ גוד טיים".

עס איז וואהר, אַז טהעאַטער איז געשאַפען צו ליעב פערגעניגען, יעדע קונסט עקזיסטירט צו ליעב פערגעניגען, ליטעראַטור עקזיסטירט צו ליעב פערגעניגען. ווען מען לערענט פון אַ בוך די „רולס" פון אַ גראַמאַטיק, אָדער מען חזר'ט איין די פאָרמולען פון געאָמעטריע, אָדער

פון בעמיע, פיזיקע, טוט מען דאס צוליעב א פראקטישען צוועק. א בוך אבער, וואס איז ניט א „טעקסט בוך", לעזט מען פון פערגעניגען וועגען. אויב מען האט ניט קיין פערגעניגען פונ'ם לעזען, דארף מען עס ניט לעזען. עס איז אבער פאראנען פערשיעדענע ביכער און פערשיעדענע לעזער. אנדערע לעזען ביליגע „דעטעקטיוו סטאריעס" און „דיים נאוועלס" און האבען דערפון א גרויסען פערגעניגען. זיי לעזען דיעזע ביכער אין די „קארס" מיט התמדה, שלאפען ניט מאנכעס מאל גאנצע נעכט, אום צו וויסען די ענדע פון דער געשיכטע. עס זיינען אבער פאראנען אזעלכע מענשען, וואס זיי עקעלט ווען זיי נעהמען אזא ביכעל אין האנד, — זיי האבען פערגעניגען פון א ראמאן וואס איז געשריבען פון דיקענס, פון טאלסטאי, פון זאלא, פון טורגעניעוו. אנדערע ווידער, האבען פערגעניגען ווען זיי לעזען קאנט'ס אדער שאפענהאוער'ס פילאזאפישע ווערקע. אלזא, א פנים עס איז דא אן אונטערשיעד פון א פערגעניגען צו א פערגעניגען? די זעלבע זאך אויך אין מוזיק. פיעלע האבען פערגעניגען פון „רעג סאנגס", אנדערע האבען פערגעניגען פון סימפאניעס, אראטאריעס און קאנטאטעס. אין דער מאלער קונסט אויך דאסזעלבע: פיעלע ווערען ענטציקט פון א דריי-סענטיגער „פיקטשור" מיט א רויטען גענעראל אויף א ווייסען פערד און האבען קיין פערגעניגען ניט, ווען זיי זעהען א בילד פון מורילא אדער רובענס. וואס האבען געדארפט טאן די גרויסע דיכטער, די זשעניאלע קאמפאזיטארס, די בעריהמטע קינסטלער? שרייבען „דעטעקטיוו סטאריעס", קאמפאנירען „רעג סאנגס" און מאלען ביליגע „פיקטשורס", ווייל דאס שאפט פערגעניגען דער מאיאריטעט? אדער פערפאסען גרויסע פאעמען, קאמפאנירען גרויסע סימפאניען, מאהלען געטליכע בילדער מיט'ן צוועק צו ענטוויקלען דעם גייסט פון דער מאיאריטעט, פערעדלען זייער געשמאק, מאכען העכער זייערע פאדערונגען און בעדירפניסע און מאכען נאבלער, פיינער און מאראלישער דאס, וואס עס ווערט בעצייכענט מיטן ווארט „פערגעניגען"? די אלטע רוסישע פריצים האבען געהאט פערגעניגען דערפון, וואס פאר'ן שלאף פלעגען שקלאפען שטונדען לאנג שטעהן און קיצלען זיי די פיאטעס. אויב, למשל, די דאזיגע פערגעניגענס-זוכער האבען ניט געקענט פערשטעהן, וואס פאר א פערגעניגען קען מען האבען, קוקענדיג פאר'ן שלאף אויפ'ן שעהנעם בלויען הימעל מיט די זילבערנע שטערן און דענקענדיג וועגען דעם גרויסען אוניווער-

זום, ווארום פון דעם קיצעלט ניט אין די פּיאַטעס, — איז דען דער־פאר דער הימעל מיט די שטערן אזא זאַך, וואָס האָט ניט געדאַרפט בע־שאַפען ווערען?

א קליינע קעצעלע אז זי שפּיעלט זיך מיט א „באָל", האָט זי געוויס פערגעניגען דערפון, אָבער אין דער זעלבער צייט פערפאָלגט זי א גרויסען נוצליכען צוועק, — זי ענטוויקעלט אין זיך די פעהיג־קייטען און פאַרבערייטעט זיך צום קאַמפף פאר דאָס דאזיין. דורכ'ן שפּיעלען לערענט זי זיך ווי צו לעבען. דיעזע אייגענשאַפט האָט די נאַטור געגעבען יעדע בעשעפענים. און דער מענש וואָס מיינט ערנסט, אז אין זיין שפּיעלען דאַרף ניט זיין עטוואָס בעלערענדעס, ווידער־שפּרעכט זיין אייגענע לעבעדיגע נאַטור און דענקט ניט זאָגאר אַזוי פיעל, ווי א קליינע קעצעלע. די גרעסטע אויפגאַבע פון דער פּעדאַגאָגיע, איז צו פעראייניגען דאָס לערנען מיט'ן פערגעניגען און דאָס פערגעניגען מיט'ן לערנען. מען לערענט היינט ניט מיט געוואַלד, מיט פערשרעקען, מיט שלאָגען מיט א גמרא איבער'ן קאָפּ. מען זעהט דעם תלמיד צו פער־אינטערעסירען און שאַפען איהם פערגעניגען מיט די נייע ערפאהרונ־גען און קענטניסע וועלכע ער קריגט. פערקעהרט, יעדען קינדער־שפּיעל, יעדען „געים" זעהט מען צו מאַכען זינפאָל און קאָמפּליצירט, אום ביים פערגעניגען פון שפּיעלען זאָלען זיך ביים קינד ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען און זיין מוח זאָל ווערען שאַרפער. און עלטערע מענשען וועלכע געהען אין טהעאַטער זעהן די נאָבעלסטע שפּיעל וואָס עס גיבט אין דער וועלט, די שפּיעל וואָס איז בעגרינדעט אויף דער העכס־טער פאָרם פון פּאָעזי, די שפּיעל וואָס רופט זיך דראַמאַ, זיי זאָלען קענען פאָדערען, אז אין דער שפּיעל זאָל גאָר נישט זיין קיין בעלע־רענדעס, קיין געדאַנק, קיין אידעע, קיין העכערער צוועק, עס זאָל זיי נאָר קיצלען די פּיאַטעס?

די מענשען, וואָס ענטזאַגען זיך צו זעהן א שטאַרקע דראַמאַ, ווייל זיי האָבען מורא, אפשר וועלען זיי מוזען וויינען, — די דאָזיגע מענשען קען מען פערגלייכען מיט דעם, וואָס האָט מורא צו געהן שלאָפען אין בעט, אפשר וועט זיך איהם חלומ'ן אין שלאָף אז זיין טאַטע איז געשטאָרבען און ער וועט וויינען אין שלאָף. עס זיינען דאָ צווייערליי טרערען. איינע טרערען קומען פון יסורים, פון צרות, פון שמערצען. אַזעלכע טרערען זיינען ביטערע טרערען, זיי דאַרפען אויס־

געראָט ווערען פון דעם מענשענס לעבען. עס זיינען אָבער דאָ אנדערע, זיסע, טייערע טרערען. א מוטער הערט ווי איהר קינד זאָגט א דרשה און וויינט; מען הערט פון גרויסע טהאטען און מען איז געריהרט; מען בעשליסט זיך צו ברענגען א גרויסען אָפּפער צוליעב דער מענשהייט און טרערען גיסען זיך פון פרייד; מען וויינט ווען מען לעזט אָדער מען זעהט א פּאָעטישע סצענע. דאָס זיינען גוטע, לייכטע טרעהרען. ווען איהר לעזט א גוטען בוך, אָדער זעהט אַן אמת'ע דראמא און איהר וויינט, ווייל איהר לעבט איבער אין אייער איללויזיאָן דאָס לעבען פון אַן אנדער מענשען, גיעסט איהר טרערען ווייל פאר אייערע אויגען האָט זיך געעפענט די זעעלע פון אייער מיטמענש און איהר וויינט מיט טרערען פון מיטלייד און סימפּאטי. אזעלכע טרערען זיינען דאָס גרעס־טע פערגעניגען, אזעלכע טרערען זיינען איינע פון די שעהנסטע ער־שיינונגען אינ'ם מענשענס נאטור. עס זאָלען זיין אזעלכע טרערען, וואל־טען די מענשען ניט געהאט קיין רעכט צו לעבען אויף דער וועלט!

אנדערע מענשען ווידער ווילען ניט, אז דאָס טהעאטער זאָל פאר־שטעלען די רעאלע ווירקליכקייט, דעם אלטעגליכען לעבען. זיי ווילען זעהן אויף דער ביהנע נור יום טוב. אנשטאט דער רעאלער ווירקליכקייט ווילען זיי זעהן א שעהנע אויסגעטראכטע בבא־מעשה; זיי ווילען בעסער זעהן א בעגילדעטען ליגען, איידער די אָפענע ריכטיגע ווארהייט. פאר די דאָזיגע מענשען וועט זעהר פּאסענד זיין צו דערצעהלען דיעזען אנעקדאָט: א סוחר איז אוועקגעפאָהרען אין דער „קאָנטרי אויף פלע־זשור" און האָט אָנגעזאָגט זיין זוהן, ער זאָל איהם שרייבען אלעס וואָס עס קומט פאר אין דער היים און אין געשעפט, כדי אין דער צייט פון „פּלעזשור" זאָל ער זיך פון דעסטוועגען קענען פאַרבערייטען און זאָל ויסען אלעס, וואָס ער וועט האָבען צו טאָן. אין די ערשטע בריעף האָט דער זוהן געשריבען דעם אמת: די סחורה וואָס זיי האָבען איז אלט און ארויס פון דער מאָדע, מען דאַרף נייע ווארע. די משרתים זיינען גנבים און פאלשע מענשען, די מאמע האָט צייהנוועהטאָג, די שוועס־טער פיהרט זיך אויף ניט גוט, און אזוי ווייטער. דער טאטע איז בייז געוואָרען און האָט געשריבען דעם זוהן: איך וויל טאקע זאָלסט מיר שרייבען, ווארום אז ניט, וועל איך ניט וויסען וואָס אין דער היים טוט זיך, אָבער נאָך וואָס שרייבסט דו מיר דעם אמת? פיהרסט דאָך מיר אי־בער דעם גאנצען פערגעניגען.

די דראַמאַ, די ליטעראַטור, יעדע קונסט דאַרף נור דערצעהלען דעם ריכטיגען אמת. די וועהטאָגען, די שווערע פּראָבלעמען, די אונגליקען וואָס עקזיסטירען אין דער געזעלשאַפט און צווינגען אייך אויך צו ליידען, וועלען ניט פערניכטעט ווערען דורך דעם וואָס איהר וועט אייך לאָזען נאַררען דורך זיסע ליגען. עס איז ניטאָ קיין גרעסערער פערגעניגען ווי צו ערפאַהרען די וואַרהייט. איהר קענט זיין פאַרבערייטעט צום לעבען און געניסען די פרייד פון לעבען נור דאַן, ווען מען וועט אייך בעווייזען אז אייער אַלטע סחורה, די אַלטע מיינונגען אייערע טויגען ניט מעהר, אז די משרתים און פיהרער אייערע זיינען גנבים און פאַלשע מענשען, אז די מאַמע אייערע איז קראַנק און די שוועסטער געהט אויף א שלעכטען וועג... וואָס קענט איהר לערנען און וואָס קענט איהר וויסען, אויב די וואַרהייט איז פון אייך פערלייקענט און פערבאָרגען?

די האַלב-געבילדעטע, ניט דענקענדע בורזשואַזע אינטעליגענץ האָט זעהר מורא פאַר פיעסען מיט פילאָזאָפי און אידעען. זיי וויסען ניט אז אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור וועלען בלייבען אונשטערבליך נור די פיעסען, וועלכע זיינען פול מיט אידעען און פילאָזאָפי. „האַמלעט" וועט קיין מאָל ניט שטאַרבען, „פאַוסט" וועט ניט אַראָפּגענומען ווערען פון דער ביהנע, „נאַטהאַן דער וויזע" איז אַלס א דראַמאַטיש ווערק זעהר שוואַך, און דאָך וועט „נאַטהאַן דער וויזע" אייביג לעבען, ווייל עס איז א ווערק פול מיט פילאָזאָפי און אידעען. נור די האַלב געבילדעטע אינטעליגענץ האָט ניט קיין געדולד צו זעהן אַן ערנסט טיעפזיניג ווערק; די העכערע, אמת'ע אינטעליגענץ און דאָס פּראָסטע פאָלק האָבען ליעב פילאָזאָפי, געדאַנקען, אידעען, פּאָעזיען...

דער בורזשואַזנער האַלב געבילדעטער און איינגעבילדעטער צושויער געהט אוועק פון טהעאַטער און פערגעסט שוין וואָס ער האָט געזעהן און געהערט; דאָס פּראָסטע פאָלק האָט ליעב עטוואָס צו ברענגען אהיים פון טהעאַטער... עס ציהט איהם צו זעהן א שטיק, וועלכע צווינגט איהם נאָכצודענקען און נאָכצוקלערען. א גוטע טענדענץ, א פילאָזאָפישער אפאָריזם, א פּאָעטישע בילד רופען ארויס זיין אויפריכטיגע ענטציקונג.

אז די דאָזיגע חברה, וואָס האָט מורא פאַר א פיעסע מיט געדאַנקען, ווידערשפּרעכט זיך אַליין, קען מען זעהן פון דעם פאַקט: למשל,

מען שפּיעלט אַ פּיעסע, וואָס געפעלט זיי שטאַרק און אַמוזירט זיי. זאָלען אָבער קומען די פּיעסע זעהן זייערע גייסטליכע, די „רעבאַים", די פּריסטערס, דאָס הייסט, די מענשען וועלכע נאָך זייער מיינונג נאָך דאַרפען זיין מאָראַלישער פון אַנדערע און פיהרען זיך אַנשטענדיגער, — וועלען זיי פיהלען און זאָגען, אַז די דאָזיגע מענשען האָבען זיך ערניעדריגט. פאַר וואָס? ווייל זיי אַליין, די דאָזיגע עולען, אויב זיי פערשטעהען ניט, פיהלען זיי דאָך אינסטינקטיוו, אַז דאָס איז אַ נאַר־רישע שפּיעל, וועלכע מוז אַן אַנשטענדיגען מענשען ערניעדריגען. ווען אָבער די גייסטליכע וועלען זעהן „פאַוסט" אָדער „האַמלעט" אָדער אַזאַ אָפּערא ווי „פּאַרסיוואַל", וועלען זיי ניט האָבען דאַגעגען, ווייל די דאָזיגע ווערקע זיינען ווערקע פון אמת'ע קונסט... אַלעס וואָס עס ווערט געשפּיעלט אין טהעאַטער דאַרף זיין אויף אַזוי פיעל ערהאַ־בען און אויך אַזוי פיעל וואַהרע קונסט, אַז ניט נאָר די וואָס מוזען שפּיעלען אַ ראָלע פון העכערע ברואים, נאָר ווירקליך גרויסע און ענט־וויקעלטע מענשען זאָלען זיך פיהלען אין טהעאַטער ניט ערניעדריגט, נאָר דערהויבען!...

די מענשען, וואָס האַנדלען אַ גאַנצען טאָג, די מענשען, וואָס בעשעפטיגען זיך אין זייערע „אָפּיסעס" אַ גאַנצען טאָג און די וואָס אַרבייטען אַ גאַנצען טאָג, וועלען זיך אָברוהען און זייערע נערוון וועלען פערשטאַרקט ווערען, אויב אין טהעאַטער וועט מען זיי געבען מאַטע־ריאַל צו דענקען און צו פיהלען. דאָס טהעאַטער איז אַ גרויסע סאָציאַלע פאָלקס שולע. אַהער דאַרפען קומען מענשען לערנען און שטודירען אָהן ביכער דאָס, וואָס זיי האָבען אַליין קיין צייט ניט אָדער קיין מעג־ליכקייט ניט צו לערנען. אין טהעאַטער דאַרף מען קומען לערנען דאָס לעבען פון דער געזעלשאַפט, פאַמיליע און אינדיווידואום, דאָרטען בע־קענען זיך מיט דער בעדייטונג פון סאָציאַלע ערשיינונגען און מיט דער ערקלערונג פון די פּראָבלעמען פון לעבען. דאָס טהעאַטער איז געשאַפען דאַרויף אַז אַ גרויסע מאַסע מענשען זאָל דאָרט ערציהען זייערע גע־פיהלען, האַרמאָניזירען זייערע בעגריפע, סאָציאַליזירען זייערע פאָר־שטעלונגען וועגען גערעכטיגקייט און אונגערעכטיגקייט... אין טהעאַ־

טער קריגען מענשען פון פערשיעדנע קלאַסען איינע און דיזעלבע „סאַגדזשעסטשענס” און ווערען פעראייניגט דורך איינע און דיזעלבע אידעאַלען. ערפילען דיעזע אויפגאַבע קען די דראַמע נור דאַן, ווען זי שילדערט די וואַרהייט פון לעבען, די וואַרהייט פון דער נאַטור...

זעהן און פערשטעהן די וואַרהייט — דאָס איז דאָס גרעסטע פערגעניגען פון אַ מענשען. דאָס טהעאַטער איז געשאַפען דיעזען פערגעניגען צו געבען.



אילוזיאָן און דראַמאַ.

אילוזיאָן איז אַ אויסגעטראַכטע ווירקליכקייט. עס איז ניט די זאַך ווי זי איז, נאָר ווי זי שטעלט זיך פאָר מיט דער הילפע פון אונזער כח הדמיון. עס איז ניט די וואַרהייט אליין, עס איז די פאַראויס בעשטימטע און אזוי צו זאָגען, על פי תנאי אָנגענומענע אָבבילדונג פון דער וואַרהייט. עס איז, פשוט גערעדט, אַ ליגען וועלכער דערמאָנט דעם אמת.

פאַר דעם מענשען איז די ווירקליכקייט אליין ניט גענינגענד, ער דאַרף האָבען אַזעלכע געפיהלען, און איינדריקע, וועלכע זאָלען איהם העלפען די ניט ווירקליכקייט פערווירקליכען. אָהן אַזעלכע ליגען קען דער מענש לעבען. די וועלט אונזערע רופט זיך ניט אומזיסט עולם השקר. נור דאַן ווען מיר לעבען ניט, זיינען מיר אין עולם האמת... אין קבר גיבט עס קיינע אילוזיאָנען... דוד המלך האָט ניט אומזיסט געזאָגט צו גאָט: „וואָס וועט דיר ארויסקומען פון מיין טויט? קען מען דען רעדען וועגען דיין וואַרהייט אין גרוב?" נור דאָ אויפ'ן עולם השקר קען עקזיסטירען רעליגיאָן, גלויבען, איינגעבילדעטע וואַרהייטען, ווייל דער מענש קען ניט לעבען מיט דער אמת'ער ווירקליכקייט אליין: ער מוז האָבען ליגען, אילוזיאָנען...

דער ליגען איז פיעל עלטער פונ'ם אמת. די וואַרהייט ערפאַהרט מען נאָר דורך די פאָרשטעלונגען, וואָס מען האָט וועגען איהר. די ווירקליכקייט אליין איז קיין מאָל ניט געוועזען פאַר דעם מענשען אזוי אינטערעסאַנט, ווי דאָס וואָס האָט געדאַרפט די ווירקליכקייט פאָרשטעלען. דאָס לעבען פון די געטער אין די הימלען איז געוועזען מעהר בעקאַנט און דייטליכער בעשריבען, ווי דאָס לעבען פון דעם רעאַלען מענשען, דאָס אויסגעטראַכטע איז געוועזען שטאַרקער פון דאָס עקזיסטירענדע, פיקציאָן (פיקשין) האָט מעהר געווירקט ווי די פאַקטען פון

דער ווירקליכקייט. די אונגליקען און צרות, וואָס די העלדען פון אַן אויסגעטראַכטען ראָמאַן טראָגען איבער, רופען ארויס מעהר טרערען און מעהר מיטלייד, אלס די ווירקליכע צרות און אונגליקען פון אונזערע מיטמענשען. ווען אייערער א בעקאַנטער דערצעהלט אייך א וויץ פון זיך אליין, איז עס ניט אזוי אינטערעסאַנט, ווי א וויץ פון א פיקטיווען מענשען, פון א לעגענדארישען מאָטקע כאבאד, אָדער הערשעל אסטראָפאָליער...

דער ליגנער, וועלכער דערצעהלט אונשולדיגע ליגען, ניט ווייל ער וויל אייך בעטריגען, נאָר ווייל ער וויל מיט זיין איינבילדונגס קראַפט שאַפען עטוואָס, וואָס זאָל זיין „אינהאלטסרייכער" און אינטערעסאַנטער פון דער אָרעמער ווירקליכקייט, — דער דאָזיגער ליגנער איז אזא נאַטירליכער פּראָדוקט פון אונזער מענשליכען לעבען, גראדע ווי דער וואָס דערצעהלט די ריינע ווארהייט. דער ליגנער איז א ראָמאַנטיקער. ער איז דער פאָטער פון ראָמאַנטישע ליטעראַטור. די ווירקליכקייט איז אם מייסטען זעהר וואָכעדיג, מאָנאָטאָן, גרויזאַם, געוואלדיג שטארק פאר דעם מענשענס קרעפטע, און נאָר אין פיקציאָן, אין דער פאָרשטעלונג קען דער מענש א ל ע ס צופאסען צו זיין ווילען, אלע הינדערניסע אויפרוימען, די אייזערנע אומשטענדען אומבייטען, ניט אין דער „געבילדעטער", פאקטישער ווירקליכקייט, נאָר אין דער איינגעבילדעטער מענשליכער פאַנטאַזי האָבען דעם מענשענס שטרעבונגען די פולע, אונבעגרענעצטע, פאָלקאָמענע פרייהייט.

דער מענש האָט שטענדיג געהאַט פערגניגען פון זיין נייגונג יענעם אָבצונארען (אָפיציעל טוט מען עס דעם ערשטען אפּריל), מיסטיפיצירען, נאָכאהמען, אימיטירען די ווירקליכקייט, מאכען זיך פאר אַן אלטען, פאר א הינקעדיגען, פאר זעהר א דיקען, פאר א שיכורען, פערמאסקירען זיך, אום פאָרצושטעלען עטוואָס אנדערש פון דעם, וואָס ער איז אין דער ווירקליכקייט. אַן אמת'ער הינקעדיגער, אָדער א דיקער מענש, אָדער אַן אלטער האָט דעם מענשען ניט אזוי אינטערעסירט, ווי דער פאָרגעשטעלטער... פון דער נייגונג נאָכצואהמען, פאָרצושטעלען די ווירקליכקייט מיט דער הילפע פונ'ם כח הדמיון, אימיטירען דעם אמת, עטוואָס אויסדריקען דורך א פרעמדע מאסקע, — פון דעם האָט זיך ענטוויקעלט דער ספעקטאקעל, דאָס טהעאַטער, די דראַמא. אָהן אילוזיאָן וואָלט קיין טהעאַטער און קיין דראָמאַ ניט געשאַפען

געוואָרען. ניט אומזיסט זיינען די דראמא און די רעליגיאָן אזוי נאָ־הענט פערבונדען איינע מיט דער אנדערע...

וואס אָרעמער דעם מענשעס ווירקליכקייט איז, וואָס שווערער עס איז דער דרוק פונ׳ם פאַקטישען רעאַלען לעבען, דאָס שטארקער איז זיין נייגונג צו אילוזיאָנען. דער ערניעדריגטער און פערהונגערטער פראָלעטאריאט פון דעם אַלטען רוים האָט געהאַט נור איין פאָדערונג: גיט אונז א שטיקעל ברויט צו שטילען דעם הונגער און גיט אונז ספּעק־טאַקלען צו ערוויטערען זיך פון דער ווירקליכקייט. די כינעזער, וועלכע לעבען אין ענגשאפט און אָרעמקייט, אָהן מענשליכע רעכטע און אָהן אינדיווידועלע פרייהייט, — די כינעזער טרינקען אָפּיום, אום זיי זאָ־לען מיט דער הילפע פון דעם גיפט קענען אוועקגעהן פון דער שרעקלי־כער ווירקליכקייט אין דער שעהנער וועלט פון געטליכע אילוזיאָנען. דער שוואכער רוסישער מוזשיק טרינקט אזוי פיעל שנאפס, ווייל די וואָדקא הויבט איהם אויף פון זיין שמוציגע אָרעמע ווירקליכקייט אין א ראָמאנטישער וועלט פון שעהנע טהאָלען און גרויסע פעלדער אין א ספּעי־רע פון גרויסע העלדען און גרויסע גבורים... די ארבייטער אין שמור־ציגע צוריסענע בלוזען מיט ניט אָבגעוואשענע פנים׳ער, וועלכע האָ־בען א גאנצען טאָג בערג אויף זיך איבערגעשלעפּט שטעהן ביי נאכט אין א ביער סאַלון פרייליכע, צוהיצטע, לעבהאפטע... ווייל דער אלקאָ־האָל און דער רויך פון טאבאק מאכען פונ׳ם סאַלון א טעמפּעל פון אי־לוזיאָנען. מיט דער הילפע פון נארקאטישע מיטלען זוכען אויך די רייכע קלאסען צו פערגעסען די גרויזאמע, מאָנאָטאָנע ווירקליכקייט. אין ענגלאנד און אין אמעריקא ביי דעם פּראַקטישען אנגלאָ־זאקס בליהט נאָר די ראָמאנטישע נאָוועלע און ראָמאנטישע דראמע, ווייל ער וויל דעם פאקטישען אמת פערזיסען מיט א ראָמאנטישען ליגען. אין דער העלע וואו מען רויכערט אָפּיום, אין שענקהויז, אין דער קירכע און אין די טעמפּלען דער קונסט זוכט דער מענש דורך אילוזיאָנען צו זעהן די ווירקליכקייט ניט אזוי ווי זי איז... די גאס אליין איז ניט אינטערעסאנט, זי איז אָבער זעהר אינטערעסאנט, ווען מען קוקט אויף איהר דורך א פּאנאָראמא... פיעל מאָל האָבען מיר געהערט די פראגע: פאר וואס האָט דער איד מעהר פון אנדערע פעלקער אזוי ליעב דאָס טהעאטער, די פאָרשטעלונג?

ביטערער און שווערער פון אַלע ווירקליכקייטען איז געווען דאָס

ווירקליכע לעבען פונ'ם אידישען פאָלק, די פאַקטען פון זיין היסטאָרי־שען לעבען זיינען געווען צו רעאַליסטיש, דער אמת צו ביטער. אָהן אילוזיאָנען וואָלט עס אפילו דער איד ניט איבערגעטראָגען. דעם איד צו הילפע איז געקומען דער חסידיזמוס, וועלכער האָט איהם בעטרונ־קען און בערוישט געראַדע ווי דעם בינעזער דער אָפּיום. דער חסידיזמוס האָט דעם אידען געפיהרט פון זיין אָרימער וועלט, פון דעם שרעקליכען עולם התחתון אין די גרויסע עולמות העליונים, אין די ליכטיגע שטראַה־לענדע וועלטען, וואו עס שטעהען פּאַלאַסטען פון סאפיר און קריסטאַל און וואו שאארען פון מלאכים זינגען שירה... אָפּיום אָבער פיהרט פון אילוזיאָנען צו האַליוצינאציען. און, איך מיין, עס איז ריכטיג צו זאָגען, אַז צו האַליוציאַנאַציען האָט אויך געפיהרט דעם אידען דער חסידיזמוס...

אן אילוזיאָן העלפט דעם מענשען פון דער ניט־ווירקליכקייט מאַכען אַ ווירקליכקייט. האַליוצינאַציאָן, פערקערט, מאַכט פון דער ווירק־ליכקייט אַ אונווירקליכקייט. האַליוצינאַציען פערקריפּלען די ווירק־ליכקייט, רופען ארויס אונמעגליכע ערשיינונגען, רופען ארויס ערשיי־נונגען, וועלכע נאָר אַ קראַנקער מוח קען שאַפען. אילוזיאָנען ברענגען דעם מענשען פערגניגען, פרייד, טרויסט. האַליוצינאַציען שרעקען דעם מענשענ'ס פאַנטאַזי, מאַכען איהם קראַנק און הילפלאָז. די דראַמאַ איז די ספערע פון ריינע אילוזיאָנען, און דער איד האָט זיך דערפאַר מיט אַזאַ ענטוזיאַזם אַ וואָרף געטאָן אין טהעאַטער, אין דער וועלט פון פאַרשטעלונגען. די אמת'ע, גוטע, געזונטע דראַמאַ וועט געבען דעם אידען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט אין חסידיזמוס...

וואָס ניעדריגער און ניט ענטוויקעלטער דער מענש איז, דאָס איינפאַכער און נאַאיווער זיינען זיינע אילוזיאָנען. אַ קינד מאַכט זיך אַ גאַנצע ווירקליכע וועלט פון אַ שטעקען, אַ בעזעם מיט אַ ביינקעל. די אילוזיאָנס־קראַפט פערוואַנדעלט פון זיינ'עט וועגען דעם שטעקען אין אַ פערדיל, דעם בעזעם אין אַ דאָקטאָר, דעם ביינקעל אין אַ גרויסע פעסטונג. די האַנדלונג אָבער וואָס קומט פאָר צווישען דעם קינד און די געגענשטענדע איז אַזוי אמת ווי די ווירקליכקייט אליין. זעלבסט־פערשטענדליך, די ווירקליכקייט, וועלכע קען בעאָבאַכטעט ווערען און אויפגעפּאַסט ווערען דורך דעם קינד'ס בעגריעפע אין זיין קינדי־שע וועלט. אויב ביליגע מעלאָדראַמען און נאַאיווע, קינדירשע מעשות

געבען איצט דעם פאָלק מעהר אילוזיאָנען, איז דאָס דערפאַר ווייל דעם פאָלקס בעאָבאַכטונגען זיינען נאָך בעגרענעצט און זיינע בעגריפּע זיינען נאָך קינדיש. אָבער ווי ענטוויקעלט און אינטעליגענט מען זאָל ניט זיין, פערשטעהן קונסט בכלל און דראמאָ בפרט קען מען נאָר מיט דער הילפע פון אילוזיאָן.

עס איז אַ דומהייט צו דענקען, אַז אויף דער ביהנע קען און דאַרף אַלעס פאָרגעשטעלט ווערען פּונקט ווי אין רעאַלען לעבען. ווי רעאַליס־טיש די דראמאַ זאָל ניט זיין, עס וואָלט געווען ניט אינטערעסאַנט און עס וואָלט קיין פערגניגען געשאַפט, ווען די פּערזאָנען זאָלען רעדען און האַנדלען פּונקט ווי אין לעבען. ניט דאָס לעבען אַליין גיט דער קינסטלער, נאָר אַ בילד פונ׳ם לעבען. שטעלט אייך פאָר, אַז אויף אַ שטיקעל לייוונד פון דריי ארשין איז אויסגעמאָהלט דער אָקעאַן, שיפען, די גאַנצע לבנה מיט טויזענדע שטערען... עס איז רעאַליסטיש, עס איז ריכטיג. אָבער איז דאָס די ווירקליכקייט אַליין? אויף דער ביהנע קומט פאַר ניט דאָס לעבען אַליין, נאָר אַ „שפּיעל" פונ׳ם לעבען. ווי רעאַליסטיש די מענשען זאָלען ניט האַנדלען זייער חתונה אויף דער ביהנע קען ניט דויערען אַזוי לאַנג ווי אין דער ווירקליכקייט, זיי קע־נען ניט עסען אויף דער ביהנע ווי ביי זיך אין דער היים און זיי דאַרפען ניט רעדען פּונקט ווי אין לעבען... ווארום זיי שטעלען פאָר ניט דאָס לעבען, נאָר די אָבבילדונג פונ׳ם לעבען. און ווי אַ קליין שטיקע־לע לייוונד קען אייך געבען די אילוזיאָן פון אַן אָקעאַן, לבנה, שיפען, שטערען, נאָר מיט דער הילפע פון געדיכטע פאַרבען און אַ פערגרעסער־טע פּערספּעקטיווע, אַזוי קענט איהר אויף דער ביהנע קריגען די אי־לוזיאָן פון דער ווירקליכקייט נאָר מיט דער הילפע פון קינסטלערישע שילדערונג, אויסדרוקספאָלע מאָנאָלאָגען און אין קורצען מאַסשטאַב גענומענע, גרויסע סיטואַציאָנען. ווי רעאַליסטיש די פּיעסע זאָל ניט זיין, עס איז אַ ליגען ווען דער אַקטיאָר לאַכט, עס איז אַ ליגען ווען ער וויינט. עס איז אַ ליגען ווען ער בעגעהט זעלבסטמאָרד, עס איז אַ ליגען ווען ער ערמאָרדעט דעם צווייטען. ווי רעאַליסטיש די אויסשטאַ־טונג און די דעקאָראַציאָנען זאָלען ניט זיין, די בוימער שטעהען אונ־בעוועגט, ווען עס רוישט דער שטורם ווינד ; די הויכע בערג זיינען פּלאַ־כע שטיקער פּאַפּיער ווען דער מענש קלעטערט אויף זיי, די לבנה איז אַ בלאַסער שטיקעל לייוונד, ווען די עלעקטרישע לאמפּע העלפט איהר

ניט מיט איהרע שטראַהלען. עס איז א ליגען, א פיקציאָן, נאָר ווייל מיט דער הילפע פון אונזער כח הדמיון פערוואנדלען מיר דאָס אין א ווירקליכקייט, דערפאר שאַפט אונז דאָס אזא פערגניגען. דאָס לעבען אליין איז וואָכעדיג און געמיין, עס ווערט אינטערעסאַנט, ווען מיר נעהמען א בילד פונ'ם לעבען, בעקליידען עס מיט די יום־טוב'דיגע פארבען און העלע קאָלירען פון אונזער פאַנטאַזי, און בעציהרען עס מיט דער קרוין פון דער אידעע. קונסט און דראַמאַ מאָהלען ניט דאָס לעבען, זיי גיבען נור בילדער פונ'ם לעבען. אין דעם לעבען קענען מיר ניט זעהן קיין איינונג, קיין האַרמאָני, קיין פאָלקאָמענע שעהנהייט, — דיעזע איינהייט, דיעזע האַרמאָני און שעהנהייט גיט אונז איבער דער קינסטלער. מיר עמפּפינדען דאָס דורך דער אילוזיאָן, דאָס בעאיינפלוסט אונז, און מאַכט אויך אונזער לעבען, די ווירקליכקייט שעהנער, נאָבלער, און פאָלקאָמענער. דאָס איז די אויפגאַבע פון וואהרע קונסט.

געבען אין דער דראַמאַ אָדער אין קונסט, ניט א בילד פונ'ם לעבען, נאָר דאָס לעבען אליין, — וואָלט געהייסען מאַכען פון דער ביהנע און פון אַלע קונסטען א יאַטקע מיט א פיש־מארק. צונעהמען די אילוזיאָן פון דער דראַמאַ, וואָלט געווען דיזעלבע זאַך, ווי צונעמען ביי די צושויער די אויגען. די קונסט, צו וועלכער מען דאַרף ניט די איינבילדונגס קראַפט, איז קיין קונסט ניט...

דראַמאַ און ראָמאַן.

דער ראָמאַן און די דראַמאַ האָבען צווישען זיך פיעל עהנליכעס און פיעלע פערשיעדענהייטען. דאָס ענגלישע וואָרט „פיקשיאָן", מיט וועלכען עס ווערט בעצייכענט אַלעס, וואָס עס ווערט געשריבען אין ראָמאַן־פאָרמע, — דאָס וואָרט האָט זיך מעהר געפּאַסט אין די פריהערדיגע צייטען, ווען דער ראָמאַן איז געווען אַ פיקציאָן, אַ אויסגעטראַכטע געשיכטע, אַ מעשה, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען נור אין דער פאַנטאַזיע פון דעם מענשען און מיט דער קראַפט פון זיין פאָרשטעלונג (אימאַזשינעישען). איצטיגע ראָמאַנען, די בעסטע, זיינען ניט מעהר אַ פיקציאָן, עס איז די וואַרהייט, די קולטור געשיכטע פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען. אויסגעטראַכט זיינען נור די נעמען און די קאָמבינאַציאָן, דער צוזאַמענהאַנג, די האַנדלונג.

צו ליטעראַטור געהערט אַלעס, וואָס איז געשריבען אין אַ שעהנע פאָרם פון קונסט. אַלע ביכער פון וויסענשאַפט, פון ספּעציעלע געגענשטענדען, לער־ביכער און אַזוי ווייטער, געהערען ניט צו דער ליטעראַטור. די יעצטיגע ראָמאַנען געהערען ניט צו דער וויסענשאַפט, צום ביישפּיעל צו דער וועלט־געשיכטע אָדער סאָציאָלאָגיע דערפאַר, ווייל זיי זיינען געשריבען געוואָרען אין דער פאָרם פון פּאָעזיע. אַלעס וואָס איז געשריבען געוואָרען אין אַ פּאָעטישע פאָרם, עפּאָס, ליריק, דראַמאַ — דאָס אַלעס איז ליטעראַטור. די ראָמאַנען, אָבוואָהל זיי זיינען געשריבען געוואָרען אין פּראָזאַ, זיינען זיי דאָך פּאָעטיש, אויף וויפיעל זיי האָבען אין זיך טרייהייט, שעהנקייט און קונסט.

די ענטוויקלונג פון דער דראַמאַ איז ניט געגאַנגען, ווי די ענטוויקלונג פונ'ם ראָמאַן. אין דער צייט, ווען קיין ראָמאַן איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, איז שוין די דראַמאַ, ווי צום ביישפּיעל, די גריכישע טראַגעדיע, געשטאַנען אויף זעהר אַ הויכע שטופע. די אַלטע טראַגע־

די איז געוועזן הויכע פּאָעזי און פילאָזאָפיע. פּאָעזי און פילאָזאָ־פיע ענטוויקלען זיך ביי אַלע פעלקער פריהער פאר די געשיכטע און פאר פּראָזע. אין די אַלטע צייטען האָט זיך די געוועהנליכע שפּראַך, די פּראָזע געדעכנעט זעהר ניעדריג. אַלעס וואָס דער מענש האָט גע־שטעלט הויך, האָט ער בעשריבען אין אַ פּאָעטישע פאָרם. ביי אַלטע פעלקער זיינען זאָגאר זייערע געזעצע און די רעגולאַציאָנען פונ׳ם גע־וועהנליכען לעבען געשריבען אין פּאָעטישע פאָרם, אין אַ ריטהום.

ביי די אַלטע גריכען איז קיין ראָמאַן גאָר ניט געוועזן. ביי די רוימער האָט זיך דער ראָמאַן אָנגעהויבען צו ענטוויקלען. אין די ע־שמ׳ע צייט פון דער כריסטליכער ערא איז ראָמאַן — געוועזן געשיכטע. דאָס הייסט, דאָס וואָס די פאַנטאַזי פונ׳ם כריסט האָט געשאַפען און דאָס, וואָס ער האָט ערפאַהרען פון דער פערגאַנגענהייט האָט ער צוזאַמענגעבונדען און האָט געמאַכט דערפון וואונדערבאַרע צויבער און וואונדער געשיכטען, וועלכע זיינען נאָכדעם פיעל צייט גערעכענט געוואָרען אַלס היסטאָרישע פאַקטען. ווען אַ פאָלק איז ניט ענטוויקעלט איז זיין היסטאָרי אַ „פיקשיאָן", אַ ראָמאַן. ווען דאָס פאָלק ענטווי־קעלט זיך און ווערט ציוויליזירט, איז זיין ראָמאַן אַ טהייל פון דער וועלט־געשיכטע. די דראַמאַן פון באַלזאַק, די ראָמאַנען פון זאָלאַ, פון טאָלסטאָי, פון טעקעריי, פון הענרי דזשיימס זיינען קאַפּיטלעך פון דער געשיכטע פון דער מענשהייט.

דער ראָמאַן האָט יעצט פערשיעדענע פאָרמען: ראָמאַן, ערצעה־לונג, סקיצע און ז. וו. דער אונטערשיעד צווישען ראָמאַן און ערצעהלונג איז דער: אין אַ ראָמאַן געהט דייטליך בעשריעבען די ענטוויקלונג פון דער אינטריגע, אַן ערצעהלונג ווערען די דעטאַלען, די איינצעל־הייטען איגנאָרירט און עס ווערען נור געשילדערט די הויפּט־מאָמענטען פון דער פּאַסירונג. אַלע פאָרמען פון ראָמאַן ווערען אָנגערופען בעלעט־ריסטיק, דאָס הייסט, בעלל לעטערס, שעהנע ווערטער, שעהנע ליטעראַ־טור.

אַזוי ווי ראָמאַנען זיינען דאָ סאָציאַלע, היסטאָרישע, פּראָבלע־מאַטישע, סאַטירישע, אַזוי זיינען אויך דאָ דראַמען, וועלכע זיינען אָדער סאָציאַלע, אָדער היסטאָרישע, פּראָבלעמאַטישע און סאַטירישע. ראָמאַנען קענען זיין קלאַסישע, ראָמאַנטישע, סימבאָלישע און רעאַליס־טישע, דאָס זעלבע אויך דראַמען. די ענטוויקלונג פון דער דראַמא איז

געגאנגען פונקט פערקעהרט געגען דעם ראָמאַן. דער ראָמאַן איז געווען ניעדריג ווען די טראגעדי האָט געבליהעט. ביסלעכווייז האָט זיך דער ראָמאַן אויפגעהויבען העכער פאַר דער דראמא. יא, מען מוז צוגעבען אַז דער מאָדערנער ראָמאַן שטעהט העכער פאַר דער מאָדערנער דראמא. די דראמא פערקעהרט, איז געגאנגען אראָפּ, אַלעס ניעדריגער און ניעדריגער, ביז זי האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אַלע איבעריגע פאָרמען פון ליטעראטור און צוזאמען מיט זיי האָט זי זיך אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען און צו געהן העכער און העכער. אין אונזער צייט ווערט די דראמא אַם מייסטען געשריבען אין פּראָזע. די אַלטע דראמא האָט געוואָלט דעם מענשען פּאָעטיזירען, שטעלען איהם אַ מאָדעל, אַ מוסטער פון אַ העכערען וועזען, פון אַ געטליכען מענשען, פון אַ מענשען, וואָס עקזיסטירט נאָר אין דער וועלט פון פּאָעזי און פילאָזאָפי, און פון אַזאַ געגענשטאנד האָט די דראמא גערעדט מיט אַ שעהנע פערהייליגטע ריטהמוס שפּראַכע. די היינטיגע דראמא וויל די פּאָעזי פערמענשלען... דאָס הייסט צייגען, אַז די פּאָעזי פון דעם מענשען איז אַזוי איינפאַך, ווי דער מענש אליין, ווי די נאַטור אליין. די היינטיגע דראמא גלויבט ניט ווי אַמאָל. אַז פּאָעזי איז נאָר אינ׳ם ריטהמוס, אין דער שעהנקייט, אין דער פאָרם פון אַ געגענשטאנד, — די היינטיגע דראמא זאָגט, אַז די שעהנע אידעע שאַפט איהר שעהנע פאָרם, און דאָס די ערהאבענע וואַרהייט, ווי פּראָזאַאיש זי זאָל ניט זיין אויסגעשפּראָכען, האָט איהר ריטהמוס און איהר פּאָעזי... דערפאר ווערען די היינטיגע בעסטע דראמען אַם מייסטען געשריבען אין פּראָזע.

קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס קונסט אין אַמעריקאַנער גלות.

„עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען איך האָב געהאַט אַ וואַהרען עסטעטישען גענוס, עס זיינען געווען אויגענבליקען, ווען איך בין געווען גערירט ביז טרערען. עס זיינען געווען סצענען, וואו איך האָב געזעהן דעם אויסדרוק פון ווירקליך גרויסע דראַמאַטישע קונסט און האָב געפיהלט די גרעסטע בעפריעדיגונג, דאָך די פאָרשטעלונגען, אין גאַנצען גענומען האָבען אויף מיר ניט געמאַכט דעם געוואַלטיגען איינדרוק, וועלכער רופט ארויס בעגייסטערונג און ענטהוזיאַזמוס, וועלכער הויבט אונז אויף אויף אַ געוויסער מאָראַלער הויכקייט און גיט אונז אַ גרויסע גייסטיגע פרייד און אַ פאָלקאָמענע צופריעדענהייט און בעפריעדיגונג. איך געה פון טהעאַטער מיט אַ טרויעריגען געפיהל און איך ווייס ניט, פאַר וואָס איז דאָס?"

מיט דיעזע ווערטער האָט זיך צו מיר געווענדעט אַן אַמעריקאַנער אינטעליגענטער יונגער־מאַן, וועלכער פערשטעהט גאַנץ גוט רוסיש, אָבוואָהל ער איז געקומען קיין אַמעריקאַ אַלס קינד און אויסגעוואַקסען און ערצויגען איז ער געוואָרען אויפ'ן אַמעריקאַנער שטייגער. איך בין געשטאַנען, געוואַרט אויף אַ „קאַר" און האָב געשוויגען. מיר איז אויך געווען אומעטיג אויפ'ן האַרצען. מיך האָט געדריקט אַ סענטימענטאַלער געפיהל, וועלכער האָט גאָר ניט געהאַט צו טהאָן מיט'ן טהעאַטער, מיט קונסט, מיט זודערמאַן'ס דראַמאַ, מיט קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס שפּיעלען, — איך האָב געדענקט פון קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אַליין אַלס מענש. אין דער היים האָט זי פערדיענט ליעבע און אַכטונג. זי האָט פיעלע פריינדע און פערעהרער. זי שפּיעלט אין אַן אייגענעם טהעאַטער פאַר אייגענע מענשען. דאָס טהעאַטער דאָרט איז איהר היים. פונ'ם

לעצטען ארבייטער אויף דער ביהנע ביז דעם גרעסטען ארטיסט — אלע זיינען איהרע פריינדע.

דאס טהעאטער איז פול פאר איהר מיטווארעמע סימפאטי, פריינד־ליכקייט און פערעהרונג. דא אבער בעגעגענען זי די פרעמדע „סטיידזש הענד" מיט א קאלטען סארקאסטישען שמייכעלע, ווארום אז זי האט ניט קיין מאטעריעלען ערפאלג, פערדיענט זי דאך געוויס ניט קיין כבוד... די ביהנע איז ניט היימליך, ניט געמיטליך, ניט איינגעשטעלט נאך איהר געשמאק און געוואהנהייט, די ווענד פון טהעאטער זיינען דונקעל און ניט גאסטפריינדליך און אין הויז איז קאלט, לעער און שטיל... די עטליכע פרעמדע, וועלכע זיינען שוין יא דא, זיינען אזוי ניט עמפפינדליך און ניט רעספאנסיוו, ווי די לע־דיגע שטוהלען... און זי, וועלכע איז אין דער היים א פערצויגענער ליעבלינג, געהט ארוים שפיעלען אין אזא קאלטע פרעמדע אטמאספע־רע... ארעמע, גרויסע קאמיסארזשעווסקאיא! איצט, ווען דיר איז אביסעל בעקאנט דער ביטערער גלות־געפיהל, גיב א טראכט מיט א געפיהל פון סימפאטי וועגען די הונדערטער־טויזענדער אונגליקליכע, וועלכע זיינען, ניט מיט זייער גוטען ווילען, ווי דו נאר מיט געוואלד פערוואָרפען געווארען אין א פרעמד לאנד, וועלכע זיינען געקומען אהער ניט זוכען רוהם און לארבער קראנצען, נאר זוכען א ווינקעלע, וואו אנידערצולעגען זייער עלענדען קאפ און וואו צו געפינען א שטיקע־לע ברויט. דו האסט א היים, וואהין דו וועסט זיך גיך אומקעהרען אין פריעדען און אלעם פערגעסען... קאמיסארזשעווסקאיא, מיר האבען ניט וואהין אומצוקעהרען זיך און מיר ווייסען ניט, ווען וועלען מיר דאס אלעם פערגעסען. — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

עס איז ניט שווער צו ערקלערען, פאר וואס דער אמעריקאנער אינטעליגענטער יונגער מאן האט ניט ארויסגעטראגען פון טהעאטער קיין פאלקאמענע צופריעדענהייט און בעפריעדיגונג. ערשטענס, די דראמא אליין. זודערמאן איז אפילו אין זיינע בעסערע ערפאלגרייכערע יאהרען געוועזען מעהר טהעאטראלישער שרייבער, אלס ביהנען־דיכטער. ער איז דער דייטשער סארדו. געוויס, א דייטש ווען ער איז אפילו א סארדו, איז ער דאך ניט אזוי לייכטזיניג און ווערטלאז ווי א פראנ־צויזישער פיעסען־פאבריקאנט. אין אמעריקא, אדער ענגלאנד וואלט

אזא שרייבער ווי זודערמאַן געווען איינער פון די גרעסטע. אין דייטש־לאַנד וועט ער קיין מאָל ניט שטעהן אין איין רייהע מיט די גרויסע דראַ־מאַטישע דיכטער. „יאָהאַנעספייער" גיט ניט אפילו דאָס, וואָס מע קען ערוואַרטען פון זודערמאַן. די טהעמא וואָלט אַן אמת'ען דיכטער און פּאָעט געגעבען אַ מערקווירדיגען מאַטעריאַל... „יאָהאַנעספייער" צינדט אָן אין די אַלטע גערמאַנען דעם אמאָליגען שטאַרקען גייסט... די זומער נאַטור, די ערוואַכענדע ליידענשאַפט, דער מוטה און די פרייהייטס ליעבע פון די אַמאָליגע געזונטע געצענדיענער, וועלכע רייַסען זיך ארויס פון אונטער דער משא פון קריסטליכער מאָראַל, צוברע־כען די קייטען פון דעם אסקעטישען קריסטליכען גאָט און רופען צוריק צו די מעכטיגע געטער פון וואַלאַהאַלע, צו די שעהנע וואַלקירען, צו לעבענסלוסט און ליעבעס פרייד!.. ביי זודערמאַן גיט דער „יאָהאַנעס־פייער" אַ שוואַכען גלימער און ווערט פערלאָשען אין דער פינסטערער נאַכט... אַ שטיקעלע פונק ליידענשאַפט־פייער און דאַן לאַנגע קאַל־טע רעדעס...

ניט דורך האַנדלונג, נאָר דורך לאַנגע ערצעהלונגען פיהרט ער אונז אריין אינ'ם לעבען פון די העלדען... דער יונגער פּאַסטאָר דאַרף בלומרשט מאַטעריאַל פאר אַ פּרעדיגט, דערפאר קומט ער נאָך ביי־אָגראַפישע פאַקטען צו די העלדען אליין און זיי דערצעהלען איהם וואָס זיי ווייסען פון זיך. דערווייל בעקענען מיר זיך אויך מיט זיי. די העלדען אליין זיינען אַזעלכע קליינע, בלאַסע מענשעלעך, אָהן אי־דעאַלען, אָהן שטרעבונגען, אָהן מעלות, אָהן חסרונות. זיי קריגען זיך און שרייען און איהר זעהט, אַז זייער גאַנצע מחלוקה איז ניט ווערט קיין צובראָכענעם פּפעניג. זיי זאָגען אפילו אליין פון זיך: מיר זיי־נען שטאַרק און געבאָרען צו הערשען! אָבער אין וואָס בעשטעהט די שטאַרקייט פון דיעזע בלאַסע קליינבירגער און ועמען געהען זיי בע־הערשען, אויסער זייערע געהאַרכזאַמע הויז־פרויען, ווייסט איהר ניט. די „מוטער", אַ וואַגאַבונד, שכור'טע און אַ גנב'טע און די טאָכטער, „די הונגעריגע יתומה", וועלכע דאַרף, זאָ צו זאָגען, זיין אַ וויסענ־שאַפטליכע איבערצייגונג וועגען די געזעצע פון ערבליכקייט, — דאָס אַלעס איז אַזוי שוואַך און מעלאָדראַמאַטיש, אַז איהר הויבט אָן צווייפּ־לען, אַז דאָס האָט האָט געשריבען דערזעלבער ביהנען־קעננער, וועלכער האָט פערפאַסט „די עהרע" און „די היימאַטה"... געוויס, עס זיינען דאָ אין

דער דראמא אייניגע שעהנע מאָמענטען, אָבער זיי ווערן פערזונקען אין א תהום פון חסרונות. קיין פאָלקאָמענע צופריעדענהייט און בעפריעדי־גונג קען אזא דראמא אן אינטעליגענטען מענשען געוויס ניט געבען פאר די אמעריקאנער צושויער און קריטיקער דארף אזא דראמא זיין, אויב ניט אזוי אינטערעסאנט ווי די „מעררי ווידאָו", דאך פיעל אינ־טערעסאנטער און דאנקבארער פון איבסענ'ס „נאָרא"...

אויף דער אמעריקאנער ביהנע איז זעהר שווער צו זיעגען, אויב מען קומט ניט אלס א פערטיגער און אנערקענטער זיעגער... די רו־סישע און דייטשע ביהנע פון דער צייט פון די נייינציגער אן, זעהט צו רעפראָדוצירען די אומגעבונג, די איינצעלהייטען פונ'ם געשילדערטען לעבען. דאָס איז אָבער ניט די הויפטזאכע. דער עיקר איז די אטמאָספע־רע, דאָס וואָס איז אין דער הויך איבער דער סביבה... די אמעריקאנער ביהנע שטרעבט ניט אין דער הויך, זי שאפט ניט קיין גייסטיגע אט־מאָספערע, — די דראמא גיט איהר דאָס ניט. איהר גאנצע ענערגיע, איהרע צאָהלרייכע מיטלען, איהר שארפע ערפינדליכקייט גיט זי אָב דער אומגעבונג. דאָס מעבעל, די דעקאָראציאָנען, דאָס ליכט, די קליי־דער, דאָס אויסזעהן, אלעס, וואָס רעדט צום אויג און ניט צום שכל, דאָס אלעס דארף זיין פאָלקאָמען ריכטיג, רייך און גלענצענד, דארף איבערראשען מיט'ן טייערקייט. אָריגינעלע קליידער פון רייכען שטאָף, א שעהנער וואוקס, גראציעזע בעוועגונגען, גרויסע אויגען, א זיסע שטי־מע, — מיט איין וואָרט אלע אויסערע מיטלען זיינען געבראכט אויף דער ביהנע אום צו בעזיעגען די געפיהלען פונ'ם צושויער, איידער זיין לאנגזאם ארבייטענדער שכל וועט אנהויבען צו פאָדערען פאר זיך אויף עטוואָס. וואָס קען אזא מין פובליקום געבען אזא ארטיסטין ווי קאָמי־סארזשעווסקאיא, וועלכע האָט ניט קיין גראציעזע בעוועגונגען, טראָגט ניט קיין שעהנע קליידער, האָט ניט קיין הויכען וואוקס, מאכט ניט קיין פוילע שטיק מיט איהרע אויגען? וואָלט זי כאָטש געשריען, גע־בראָכען טישען, געוויזען פיזישע קראפט, געריסען קוליסען, געקראָגען היסטעריקע — וויל זי דאָס אויך ניט. זי איז שטיל און געלאסען, מאכט אפילו ניט קיין עפעקטנע פויזע איידער דער, פאָרהאנג פאלט, רעדט ווי א פשוטער מענש אויף דער ביהנע און „שפיעלט ניט קיין ראָלע" אפילו אויף איין אויגענבליק. געוויס, מיט איהר גרויסען טאלענט רופט זי דאָך ארויס דעם שכל פונ'ם לעטארגישען שלאָף אין געוויסע מאָ־

מענטען, אָבער געבען דעם היגען צושויער אַ פולע בעפריעדיגונג מיט אַזאַ רעאַלע, איינפאַכע נאַטירליכקייט קען זי ניט...

קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס שטימע איז אויסדרוקספאָל, אָבער ניט זיס... איידער מע געוועהנט זיך צו צו דער שטימע קלינגט זי ניט אַנגענעהם. (אַם ווענינסטען, אַזאַ איינדרוק האָט איהר שטימע געמאַכט אויף מיר.) אָבער איצט, ווען איך הער זי ניט, און זעה זי נור פאַר מיינע אויגען... איצט זעה איך אַ לעבעדיגען מענשען פאַר זיך. איך זעה די ליידען און די שטרעבונגען פון דער אָרעמער יתומה, איך זעה בענ־קעניש נאָך מוטער־ליעבע און וואַרעמע פריינדשאַפט... איך זעה, ווי דיעזע שווייגענדע, שטילע, הונגעריגע יתומה, קען ניט נאָר שווער אַרבייטען, דולדען און ערטראַגען, נאָר אויך ליעבען היים, ליעבען לייי־דענשאַפטליך, שטאַרק, אויפאָפפערענד. ווער האָט מיר געגעבען דעם טיפ? ווער האָט מיר געוויזען אַלע געהיימניסע פון איהר זעעלע, דער־צעהלט די פערבאָרגענע געדאַנקען פון איהר קאָפּ, ענטדעקט די בע־האַלטענע געפיהלען פון איהר הארצען? קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ!...

דער יונגערמאַן, וואָס האָט געשפּיעלט דעם יונגען פּאַסטאָר איז זעהר און זעהר אַ סימפּאַטישער אַקטיאָר. און דער קאָמיקער וואָס האָט ניט געהאַט קיין קאָמישע ראָלע וואָלט געמעגט האָבען מעהר וואָס צו שפּיעלען. (איך געדענק ניט זייערע נעמען און די פּראָגראַם האָב איך פערלאָרען.) די איבריגע האָבען זייערע ראָלען ניט איבערגעפיהרט.

מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז די שוישפּיעלער זיינען אויך מענ־שען. די קעלט פון טהעאַטער ווירקט אויף זייערע נערווען, אויף זייער פּסיחיקע... מע דאַרף זעהן אַן אַרטיסט ווען ער שפּיעלט מיט פולען מוטה און פערלאַנג... ווער ווייסט, וואָס די קריטיקער וואָלטען גע־זאָגט, ווען זיי וואָלטען געזעהן קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ שפּיעלען ביי אַנ־דערע אומשטענדען?

זודערמאַן׳ס ליכט און שאטען בעוויזען אין שמעטערלינג־שלאכט.

(קאַמיסאַרזשעווסקאַיאַ׳ס מיסטיציזמוס און רעאַליזמוס.)

די שטערען פון זודערמאַנ׳ס רוהם און ערפאָלג, וועלכער איז פריי־הער געגאַנגען אַלץ העכער און העכער, — דער דאָזיגער שטערן האָט אָנגעהויבען אַראָפּצולאָזען זיך און פאַלען זינד ער האָט אויפגעשריבען זיין „שמעטטערלינגס־שלאכט״... צוריק אין דער הויך איז שוין זיין שטערן קיין מאָל ניט געגאַנגען. דעם זעקסטען אָקטאָבער 1894 האָט מען זיין „שמעטטערלינגס־שלאכט״ צום ערשטען מאָל געשפּיעלט אין בערלין, אין לעססינגס־טהעאַטער. נאָך יעדען אַקט האָט מען דעם פערפאַסער בעגעגענט מיט ווילדע געשרייען, מיט אַ צישעריי און פייפעריי. דער מענש, וועלכער איז ערשט נעכטען געווען דער אָבגאָט פון די מאַסען, דער ערפאָלגרייכסטער דראַמאַטורג פון דייטשלאַנד, איז פּלוצלונג אַראָבגעוואָרפען געוואָרען פונ׳ם אַלטאַר און איז בעשימפּט און ערניעדריגט געוואָרען אין דעם זעלבען טעמפּעל, וואו ער איז אַמאָל געוועזן אַן אָבגאָט צווישען געטער... קיין גאָט איז ער קיין מאָל ניט געווען, ער איז געווען אַן אָבגאָט.

פאַר וואָס האָט די פּיעסע געליטען אַזאַ שרעקליכען דורכפאַל? זי איז ניט שלעכט. דער אויטאָר גיט אונז אַ ריכטיגען בילד פונ׳ם קליינבירגעליכען לעבען: די קאָנוועזציאָנאַלע ליגען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע פערשקלאַפען און ערניעדריגען דעם מענשען מעהר ווי זיין עקאָנאָמישע אַבהענגיגקייט און שרעקליכען נויט. די אַלמנה, אַ מוטער פון אַ יחוס־פאַמיליע ליידעט אַלע צרות און זלזולים, אום נאָר אָבצוהיטען די אויסערע אַנשטענדיגקייט און דעם יחוס־פּלאַץ אין דער זאַ־

גענאַנטער געזעלשאַפט. מע הונגערט און צווישען ליט ערשיינט מען געקליידעט ווי עס געהער צו זיין, — מע קנייפּט די באַק אין דער היים, די פאַרב זאָל שטעהן אויפ׳ן גאַס, — מען האָט ניט וואָס צו עסען און דאָך זעהט מען, אַז ביי די אַלע דריי מאַמזעלען זאָלען די הענטעלעך זיין ווייך און פּוכקע, — מען זאָל זיי חלילה ניט פעררעכענ׳ען פאַר איינפאַכע אַרבייטערינען. די איינציגע זאָרג, דער איינציגער אידעאַל, די וויכטיגסטע שטרעבונג איז די דריי מיידלעך „אנשטענדיג״ חתונה צו מאַכען. ניט דאָס גליק און ניט די ליעבע שפּיעלען דאָ אַ ראָלע, נאָר די מיטלען, וועלכע מען קען דורך אַ שידוך קריגען, אום צו שיינען אין דער געזעלשאַפט און צו לעבען אַ גוטען טאָג. שעהנע קליידער, באַל־מאַסקאַראַדען, שאַמפּאַניער — אַלעס וואָס די רייכע האָבען, — דאָס אַלעס דאַרף די מאַמזעל קריגען דורך דער חתונה מיט דער הילפע פון איהר שעהנעם קערפּער, וועלכער ווערט זעהר אויפמערקזאַם קול־טיווירט. געוויס, צוזאַמען מיט די מיטלען, ליידער, קריגט מען אויך אַן אונגעליעבטען מאַן, אַן אַלטען אָבגעלעבטען גראַף, אָדער אַזוי אַ מענשען צו וועלכען מען קען ניט האָבען קיין אַכטונג. דאָס איז אָבער ניט וויכטיג. אַלס אַ געליעבטען קען מען האָבען אַ געזונדען קאָמ־מיוואָיאַזשער, אַ פּריקאַשציק מיט פּערגרייזעלטע וואָנצעס, ביי וועל־כען עס זיינען אַטראָפירט און אָבגעשטאָרבען אַלע מאָראַלע געפיהלע און עס לעבט נאָר אַ ברוטאַלער אינסטינקט פון לעבענס־לוסט. די אָרעמע און אייביג פּערזאָרגטע מוטער מאַכט פון איהר היים אַ שולע פון חתן־פאַנגעריי. די דריי טעכטער מוזען שטודירען ווי אַזוי צו האַלטען זיך פאַר דער וועלט אַנשטענדיג, ווי אַזוי צו געפעלען, ווי אַזוי צו מאַכען חן־דלעך, ווען צו פערשעמען זיך און אָראָפּלאָזען די אויגלעך — אַלעס איז פערמאַסקירט פון דרויסען און אינוועניג הערשט ליגען און בעטרוג, אַ גייסט פון פערדאָרבענהייט און אַ שטרעבונג צו אַ לייכטען לעבען און צו אויסגעלאַסענהייט. אין שטוב פייפט דער דלות. די קליינע פּענסיאָן פון דער פרוי אינספעקטאָרין איז ווענינ אויף וואַסער צום ברויט און די גאַנצע משפחה עקספּלאָ־אַטירט דאָס אינגערע מיידעל, אַ קינד נאָך, וועלכע האָט אַ פּאַטישען טאַלענט צו מאָהלען, און וועלכע אַרבייט שווער צו פערדיענען עטלי־כע מאַרק אַ וואָך. זי מאָהלט שמעטערלינגע אויף די פעכער. וואָס דער רייכער קויפמאַן ווינקעלמאַן פערקויפט און ווערט אָהן איהר ווילען

ארייננעצויגען אלס א קופלערין, אלס מיטהעלפערין אין די מיאוס'ע ליעבעס־אפערן פון איהרע עלטערע שוועסטער...

דער ערשטער חסרון פון דער פיעסע איז איהר נאמען. זי רופט זיך „שמעטטערלינגס־שלאכט" געוויס ניט נאר דערפאר, ווייל מען מאהלט דא אויף פעכער שמעטטערלינגע. אויך ניט דערפאר, ווייל אין דריטען אקט קנעפלען די מיידלעך צו צו זייערע קליידער פאפירענע פליגלען פון „שמעטטערלינגע". זודערמאן האט מיט'ן נאמען געוואלט סימבאליזירען די פרויען־פראבלעמע, די דאזיגע סאציאלע פערהעלט־ניסע, וועלכע פערוואנדלען די פרוי אין א שמעטטערלינג... א שעה־נער שוואכער שמעטטערלינג, וועלכער ווערט געגען זיין ווילען צוגעצוי־גען צום פייער פון דער לעבענ־פרייד, און ווערט פערברענט. זודערמאן איז אבער שטענדיג געווען צו שוואך און צו פייג, צו שאפען עטוואס גרויסעס אין דער ספערא פון פראבלעמען. ער האט ניט קיין מוטה און קיין קוראזש אויסצושפרעכען א זעלבסטשטענדיגע מיינונג. איהם פעהלט דערצו אן אויסגעארבייטע און פעסט־בעשטימטע וועלט־אנשוי־אונג. אנשטאט א סימבאל, אנשטאט א פראבלעמע, אנשטאט אן אור־ניווערזאלע אידעע, גיט ער א ריכטיגעס פאטאגראפישעס בילד פון א קליינבירגליכען ווינקעל־לעבען. ער מאהלט אונז ניט דעם גרויסען, שרעקליכען פייער פון מאמאן, וועלכער ציהט צו זיך די קרבנות; ער שילדערט ניט די אלגעמיינע אורזאכען, וועלכע מאכען די פרוי פאר א שמעטטערלינג. ער דערצעהלט אונז נאר א גאנץ ריכטיגע געשיכטע פון עטליכע דייטשע מיידלעך, וועלכע מאכען הכנות צו ווערען שמעט־טערלינגע. עס איז א געשיכטע פון א ווינקעל און די פיעסע האט גע־דארפט גערופען ווערען „דאס ווינקעל־לעבען", ווי זיין שפעטערע פיע־סע „דאס גליק אין ווינקעל". איך מיין, צו אלע זודערמאנ'ס ווערקע פאסט דאס ווארט ווינקעל. „די עהרע" אין א ווינקעל. „די היימאטה" אין א ווינקעל... „דער סדום און עמורה" פון א ווינקעל. אין א ווינ־קעל, וואלט זודערמאן געווען און געבליבען גרויס, פאר גרויסע פראב־לעמען אבער איז ער צו קליין.

זודערמאן האט אליין ערגעץ אין א רעדע אנערקענט אלס זיינע לעהרער, אלס די לייטענדע גייסטער פון דער מאדערנער ליטעראר־י־שער וועלט, די דריי טיטאנען: איבסען, טאלסטאי און עמיל זאלא. אבער וואס פאר אן אויבערפלעכליכען איינדרוק די דאזיגע לייטענדע

גייסטער האָבען אויף זיין טאַלענט געמאַכט! זודערמאַן האָט גע־מיינט, ער וועט זיך אָפּצאָמען פון דער וועלט ערגיץ אין א „ווינקעל״. פערביי איהם וועט דורכגעהן דארווין מיט זיין גרויסער עוואָלוציאָנס סיסטעמע, לאמבראזא מיט זיין איבערטריבענע טהעאָרי פון ערליכ־קייט, קארל מארקס מיט זיינע הויכע געדאנקען פון א סאָציאַלען מענ־שען, שטירנער מיט זיינע מערקווירדיגע טענות פאַר דעם איינצעלנעם, ניטצשע מיט זיין פילאָזאָפישער פּאָעטיזירונג פון דעם איבערמענשען, — און ער וועט זיך רוהיג מאַהלען דעם ווינקעל־מענשען פון דעם שטאנדפונקט פון א ווינקעל־מענשען! דאָס האָט איהם אראָבגעוואָרפען א סך ניעדריגער, ווי ער האָט פערדיענט.

וואָס איז די „שמעטטערלינגס־שלאַכט״ א דראַמאַ אָדער אַ קאָמעדי? קיין קאָמעדי איז דאָס ניט, ווייל עס שטעלט ניט פאר די בעהאַנדעלטע ערשיינונגען אין זייער קאָמישען כאראקטער. דער מאטעריאל איז צו דראמאטיש, צו ערנסט. עס איז אויך ניט קיין דראמא, ווייל זודער־מאַן האָט ניט געוואָלט, אָדער ניט געקענט געבען אונז די טיעפע, שווי־דערהאפטע דראמא פון דעם לעבען, וואָס ער שילדערט. א יונגע, בע־גאַבטע מיידעל ראָזי לעבט אין דער אטמאָספערע פון ליגען און פער־דאָרבענהייט, מע מאַכט זי פאַר א קופּלערין אין ליגנערין, מע לערענט זי זיין פאַלש און שיכור'ן... זי דארף זי מוז פאַלען, צוברעכען ווע־רען, געבראכט ווערען אַלס א קרבן, פערברענט ווערען אַלס א שעהנער שוואַכער שמעטטערלינג... דאַ אליין איז שוין דאַ א דראַמאַ. אָבער דער קליינבירגער און זיטליכער בורזשוא זודערמאַן לאָזט ניט די שעה־נע ראָזי פאַלען. די פיליסטערישע מאָראַל און די הויכע טוגענד זיגען, און ראָזי וועט אי״ה גליקליך חתונה האָבען... האָט שוין ראָזי יאַ געדאַרפט געראַטעוועט ווערען, האָט געדאַרפט זיעגען איהר גרויסער אי־דעאל, איהר פּאָעטישער גייסט, איהר ערנסטע שטרעבונג צו עטוואָס הויכעס און גרויסעס; די אַלע קליינליכע, נארישע, קאָמישע מענשעלעך וואָלטען געבליבען מיט א נאָז און מיר וואָלטען געהאַט א גוטע קאָמעדי, א שארפע סאַטירע... דאָס האָט זודערמאַן ניט ענטוויקעלט און ניט פאָרגעשטעלט. די טראגי־קאָמישע מוטער מיט איהרע ליגען און בע־טרוג, ווערט אויך צום סוף א סימפּאַטישע, ערנסטע, מאָראַלישע פער־זאָן. זי ענדיגט מיט א טיראַדע וועגען דעם, ווי טייער עס קאָסט א פונט פלייש און ווי פיעל מע דארף בעצאָהלען פאַר א פונט מאַרגאַ־

רין־פוטער... יא, פוטער פון מארגארין, ווי טייער עס זאָל ניט קאָס־טען און ווי גוט עס זאָל ניט שמעקען, וועט קיין מאָל ניט זיין אזוי גוט ווי אמת'ע נאַטירליכע פוטער. מאראנארין בלייבט שטענדיג מאר־גארין...

איך האָב קיין מאָל ניט געזעהן אזא מין שפּיעלען, ווי קאָמיסאַר־זשעווסקאַיאַ'ס. אין גאַנצען רעאַליסטיש איז עס ניט, ראָמאַנטיש איז עס אויך ניט. און איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר ווען איך בין נעכטען געזעסען אין טהעאַטער און געזעהן פאַר זיך קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אין דער ראָלע פון ראָזי, איז מיר פּלוצלונג געקומען אויף מיינע געדאַנקען מעטערלינק, דער מערקווירדיגער פּאָעט און טיעפער סימפּאַטישער דענקער. איז דאָס שפּיעלען פון דיזער געניאַלער פרוי נור רעאַליס־טיש? ניין! עס האָט אין זיך עטוואָס אונערקלערליכעס, געהיימניספאָלעס מיסטישעס... שפּיעלט זי נאָר מיט איהר הארץ און געפיהלען? ניין, איהר שפּיעלען איז פול מיט שכל און טיעפען דענקען. און דאָך איז אויף יעדען געשטאַלט וואָס זי שטעלט פאַר אויסגעגאָסען אזוי פיעל פּאָעזי און ראָמאַנטישע שעהנקייט... איז ניט קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אין דער שוישפּיעל־קונסט וואָס מעטערלינק אין דער פילאָזאָפי און פּאָעזי?... יעדע זאַך איז ביי איהם אויסגעטראַכט פון קאָפּ און רעדט דאָך אזוי שטארק צום הארצען... ער איז קורץ, לאַקאָניש, דער ענדיגט ניט, דער רעדט ניט, מאַכט ניט קיין פּויזען, רייסט איבער, זאָגט ניט דייטליך וואָס ער וויל, איגנאָרירט אַלע עפעקטען און דאָך ווען איהר לעזט איבער זיין גאַנצעס ווערק, וואָס פאַר אַ טיעפען איינדרוק מאַכט עס אויף אייך, וועלכע סימפּאַטישע געפיהלע רופט עס ביי אייך ארויס, ווי שטארק איהר זייט געריהרט, וואָס פאַר אַ ריינעם עסטעטישען פער־גענינגען זיין ווערק פערשאַפט אייך. קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ דעררעדט ניט, דערענדיגט ניט, רייסט איבער, דערשפּיעלט ניט, לאָזט ניט צו קיי־נע עפעקטען און גיט אייך דעם זעלבען ריינעם הויכען פערגניגען, און ווירקט אויף אייער זעעלע און אויף אייער הארץ, פּונקט ווי מע־טערלינק מיט זיינע פילאָזאָפישע און פּאָעטישע ווערקע... די שעהנע הערליכע געשטאַלט פון דעם ליעבען קינד, ראָזי, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען פון קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ, איז אַ בילד, וועלכעס קען געשאַ־

פען ווערען פון א מעטערלינק, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אויסגע־
וואקסען אויף דעם באָדען, וועלכען עס האָבען בעארבייט טאָלסטאָי
און טורגעניעוו...

אלס וואהרע ארטיסטען, פון וועלכע אונזערע אידישע שוישפּיע־
לער האָבען געקענט פיעל לערנען, האָבען געשפּיעלט הערר בראוויטש
אין דער ראָלע פונ'ם קאָמיוואיאזשער ריטשארד קעסלער און הערר
נעלידאָוו אין דער ראָלע פונ'ם אלטען ווינקעלמאן. איהר האָט געזעהן
פאר זיך צוויי נאטור־טרייע כאראקטערע אויסגענומען געוואָרען פונ'ם
לעבען. זעהר גוט זיינען אויך געווען הערר זאקושניאק, און אויך מאַדאַם
נארבעקאָווא אין דער פעראנטוואָרטליכער ראָלע פון דער מוטער. הערר
אָרלאָוו, אין דער קליינער ראָלע פון דעם לערער קאמינסקי, מאדאם
שילאווסקי און מאדאם טורקאלעווסקי האָבען געשפּיעלט זייערע ראָלען
נאטירליך און גוט. דעם הערר פּעאנא זעהן מיר צום צווייטען מאָל
אין דער ראָלע פון א ליעבהאָבער. און אויב ער בעפריעדיגט אונז ניט
אין גאנצען, — ווייסען מיר דאָך ניט צו איז דאָס זיין שולד, אָדער די
שולד פונ'ם אויטאָר. ער זעהט זיך אויס צו זיין א סימפּאטישער שוי־
שפּיעלער און מיר וועלען ווארטען מיט אונזער אורטהייל. די פּיעסע
איז געגאנגען מיט זעהר א גוטען אנסאמבעל.

אסטראָווסקי׳ס און קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ׳ס נאַציאָנאַלע דראַמאַ.

אין קיין לאנד ביי קיין פאָלק שטעהט די שוישפּיעל־קונסט ניט אזוי הויך, ווי ביי די דייטשען און ביי די רוסען. מיר ווייסען, אז שוישפּיעלער ענטוויקלען זיך און שטייגען הויך, ווען די דראמאטישע ליטעראטור פון זייער מוטער־שפּראך גיט זיי דעם מאטעריאל און די מעגליכקייט דערצו. די דראמע אין דייטשלאנד איז יעצט די רייכסטע אין דער וועלט. די דייטשען האָבען פערשיעדענע ריכטונגען אין דער דראמאטישער ליטעראטור און שאפען פערשיעדענע טאלענטען אין דער קונסט פון שוישפּיעל. דייטשלאנד האָט א נאציאָנאלע דראמאטישע ליטעראטור. זי האָט ניט נאָר איהרע אייגענע פּסיחאָלאָגישע און סאָציאלע פּיעסען, — זי האָט גרויסע היסטאָרישע און נאציאָנאלע ווערקע, — דאָס ענטוויקעלט די דייטשע שוישפּיעל־קונסט און שאפט א דייטשע שולע אין שפּיעלען.

די רוסישע דראמאטישע ליטעראטור האָט נאָך דערווייל גאָר ניט גרויסעס געשאפען. די רוסען האָבען גאָר נישט וואָס צו געבען דעם אינטערנאציאָנאלען וועלט־טהעאטער; אפילו פאר זיך, עכט רוסישעס, נאציאָנאלעס האָבען זיי ווייניג וואָס געשאפען. גאָגאָלס א פּיעסע, גריבאָיעדאָוו׳ס א פּיעסע, אָסטראָווסקי׳ס עטליכע פּיעסען און אפשר אווערקיעוו׳ס א פּיעסקע — דאָס איז אלעס וואָס די רוסישע נאציאָנאלע דראמע האָט. אָסטראָווסקי מיט זיין מעסיגען טאלענט, מיט זיינע פּיעלע פּיעסען געשריבענע כמעט אויף איינעם און דעם זעלבען מאָטיוו, — אָסטראָווסקי רעכענט זיך נאָך אלץ פאר דעם גרעסטען רוסישען דראמאטורג. עס האָבען געשריבען פּיעסען די גרויסע רוסישע נאָוועליסטען און פּאָעטען, — פּושקין און לערמאָנטאָוו, פּיסעמסקי און טאָלס־

טאָי, טשעכאָוו און גאָרקי. די דאָזיגע פּיעסען האָבען אַ געוויסע בע־דייטונג, מאַנכע פון זיי זיינען זעהר דאַנקבאַר פאַר דער ביהנע. קיין נאַציאָנאַלע רוסישע דראַמאַ האָבען זיי אָבער ניט געשאַפען און קיין גרויסעס, וועלכעס זאָל האָבען אַ הויכען אינטערנאַציאָנאַלען ווערט האָבען זיי דערווייל נאָך ניט פאָרגעבראַכט.

אָבער, אויב רוסלאַנד גיט גאָרנישט, אָדער זעהר ווענינ דער אינ־טערנאַציאָנאַלער דראַמאַטישער ליטעראַטור, נעהמט זי דערפאַר אַלעס וואָס עס איז נאָר דאָ גוטעס, אָריגינעלעס, שעהנעס, נייעס ביי דער אינטערנאַציאָנאַלער דראַמע. דייטשלאַנד, ניט אַכטענדיג אויף איהר אייגענער רייכקייט, לאָזט ניט דורך קיין איין נייעס דראַמאַטישעס ווערק וואָס האָט אַ ליטעראַרישען ווערטה (איבסען׳ן האָט דייטשלאַנד געמאַכט בעוואוסט און פּאָפּולער), ווייל אין דייטשלאַנד איז זעהר אַ גרויסע פאָדערונג אויף דראַמאַטישע ליטעראַטור. רוסלאַנד בעפריע־דיגט זיך דערווייל, אָם מייסטען, מיט פרעמדס. אין רוסלאַנד אָבער האָבען די גרויסע נאָוועליסטען און די גרויסע קריטיקער ענטוויקעלט ביי׳ם אינטעליגענטען פּובליקום אַ הויכען עסטעטישען געשמאַק, און דאָס רוסישע טהעאַטער איז געצוואונגען צו נעהמען פאַר דער רוסישער ביהנע דאָס בעסטע וואָס פרעמדע דראַמאַטורגען שאַפען. אין אַמעריקאַ אָדער ענגלאַנד אינטערעסירען זיך מיט נייע פּיעסען, פונ׳ם אינטער־נאַציאָנאַלען מאַרק נור די „מענעדזשערס״, וועלכע זוכען נייע צוג־שטיקע צו מאַכען געשעפטען. אין רוסלאַנד, כמעט ווי אין דייטשלאַנד, האָט מען אין זינען די מיינונג פון דעם אקאַדעמישען פּובליקום, די הויכע פאָדערונגען פון דער אינטעליגענץ, די אויפקלערענדע בעדיי־טונג און ליטעראַרישען אינטערעס פון נייע דראַמאַטישע ווערק. אין רוסלאַנד האָט זיך די שוישפּיעל־קונסט אַזוי הויך ענטוויקעלט, ווייל זיי רעפּראָדוצירען דאָרטען אַלעס, וואָס די ציוויליזירטע וועלט פּראָדו־צירט פאַר דער ביהנע. דער רוסישער שוישפּיעלער האָט זיך אויסגע־לערענט צו זיין רעאַליסטיש און נאַטור טריי ניט נאָר ווען ער שפּיעלט אַ רוסישע פּיעסע פון אַ רוסישען דיכטער, נאָר אויך דאַן ווען ער געהט פאָרשטעלען דאָס לעבען פון די נאָרוועגער אין איבסען׳ס פּיעסען, דאָס לעבען פון די דייטשען אין הויפּטמאַן׳ס אָדער שניצלער׳ס דראַמען, דאָס לעבען פון איטאַליענער אין ד׳אַנונציאַ׳ס ווערק. דוזע איז נאָר אַ איטאַליענישע שוישפּיעלערין, בערנאַרדט נאָר אַ פראַנצויזישע, ווערא

קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט ניט קיין היים, אַזוי ווי דער גייסט פון פריי־הייט האָט אין רוסלאַנד קיין היים ניט. קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס גרויסע קונסט בעלאַנגט דער שוישפּיעל־קונסט פון דער וועלט. ווען זי שפּיעלט נאָראַ'ן איז זי אַ נאָרוועגישע פרוי, ווען זי שטעלט פאָר דעם שמעט־טערלינג ראָזי איז זי אַ דייטשעס קינד און, געוויס, ווען זי שפּיעלט „דיקאַרקאַ", איז זי אַ קינד פון איהר פאָלק.

מען קען ניט זאָגען, אַז „דיקאַרקאַ" איז אַ שלעכטע פּיעסע. עס איז אַ נאַאיווע קינדישע אַרבייט. ווען אַזאַ ווערק זאָל זיין פערפאַסט פון אַ 19־יעהריגען יונגען מאַן, וואָלט מען געקענט האָפען, אַז פון איהם וועט זיך ענטוויקלען מיט דער צייט אַ טאַלאַנטפאָלער שרייבער; אַז אָבער די פּיעסע איז געשריבען געוואָרען פון אָסטראָווסקי'ן אויף דער עלטער און נאָך מיט דער הילפע פון סאָלאָוויעוו'ן — זעהט מען אין דעם דאָס אָבשטאַרבען, דעם אַראָבפאַל פון אַ טאַלאַנט. נאָך אין די זעכציגער און זיעבציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהר־הונדערט האָבען זיך די רוסי־שע שרייבער אויסגעוויזען נאַאיוו, ווען זיי האָבען געמיינט, אַז די גאולה פון רוסלאַנד וועט קומען, ווען דער שלאָפענדער אידעאַליסטישער, פּאַראַזיטען־לעבען פיהרענדער רוסישער פּריצים־קלאַס וועט פערוואַנ־דעלט ווערען אין אַ פּראַקטישען מאַטעריאַליסטיש געזאָנענעם קלאַס. זיי האָבען געמיינט, אַז רוסלאַנד פעהלט נור איין זאַך: דער געשעפטס־פעהיגער „שטאָלץ" זאָל פערנעמען דעם פּלאַץ פון דעם פוילען „אָבלאָ־מאָוו"... דער עקספּלאָטאַטאָר, דער קאַפּיטאַליסט, דער „טשומאַזי", דער קולאַק האָט ניט געבראַכט רוסלאַנד די גאולה. ער איז נאָר געווען דער שליח פון „קאַפּיטאַל", וועלכער איז געגאַנגען אָבשאַפען די אַלטע ווירטשאַפט... די פּאַראַזיטען זיינען געבליבען, זיי האָבען נאָר אָנגע־נומען אַ נייע פאָרמע. שטעלט איך פאָר, ווי קאָמיש עס זעהען יעצט אויס „העלדען", וועלכע האַקען אויס וועלדער און לאַכען פון פאָעזי; „שטאַרקע" מענשען, וועלכע פערשטעהען גוט געשעפט; אַ פּראָגרע־סיווע פרוי וועלכע וויל זעלבסשטענדיג פיהרען אַ מילך־„פאַרם" און האָט ניט קיין שכל צו בעפרייען זיך פון איהר מאַן, דעם טויגעניכטס און אַלטען דאָן זשואַן. פערקערט, זי בעט אליין אַ יונגע שעהנע מיידעל, זי זאָל איהר העלפען פערהאַלטען דעם מאַן אין דער היים. און דער מאַן אליין, אַ בלאַסער שאָטען פון דעם אַמאָליגען „רודין", מיט בלאַ־סערע פראַזען און בלאַסערע אידעאַלען. ווי קאָמיש־נאַריש זיי ווייזען

אוים און ווי נאַאיוו איז דער דיכטער, וועלכער מיינט, אַז ער האַלט דעם דופק פון דער היסטאָרישער צייט, ווען ער מאָהלט דעם שאָטען פון מתים. די דיקאַרקע אַליין, די ווילדע דאָס נאַטור־קינד וואָלט געקענט זיין אַן אינטערעסאַנטער כאַראַקטער, ווען זי וואָלט געווען געשטעלט אין אַן אַנדער סיטואַציאָן. ווי זי איז, איז זי פּשוט אַן אַפּעטיטנע מיי־דעל צווישען מענשען, וועלכע האָבען אַ פערדאָרבענעם אַפּעטיט...

און דאָך זיצט איהר אין טהעאַטער און קוקט אויף דעם וואָס אויף דער ביהנע קומט פאָר מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, ווייל אויב אייך אינטערעסירט ווענעיג, וואָס ווערט געשפּיעלט זייט איהר אָבער געשפּאַנט צו זעהן, ווי עס ווערט געשפּיעלט. אונזערע רוסישע געסט טראָגען אייך מיט זייער קונסט אַריבער קיין רוסלאַנד. איהר זעהט דאָס שלאָפענדע לאַנד, איהר זעהט דעם רוסישען מענשען... לעבעדיג, בולט, נאַטירליך. ווען איך שרייב יעצט דיעזע ציילען, זעה איך פאַר מיינע אויגען קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס „דיקאַרקאַ". איהר הילוך אויף די קנאָפּעל פון איהרע שיך, איהרע קאַרעלען אין מויל, איהרע בעוועגונגען, איהר בליק, אָט נאַאיוו און פאָרשענד, אָט פרעך און שניידענד, אָט קינדיש אונשולדיג, אָט אויסגעלאַסען פרעך. איהר קלינגענדער, הילכיגער, געזונטער געלעכטער, איהר ליידענשאַפטליכע היגעבונג און שטיפענדע נאַכאַהמונג און איבערקרימעריי! און אויך אין אַזאַ „ווילדע" ראָלע זיין אַזוי געלאַסען, פאָרזיכטיג, צוריקגעהאַל־טען! ניט איבערשפּיעלען, ווען יעדער מאָמענט גיט דיר די געלעגענ־הייט דערצו; ניט אַרויס אויף אַ האָאָר פון די גרענצען, זאָגאַר דאַן ווען, דער אויטאָר הייסט דיר זיין „ווילד". האָבען אַזוי פיעל טאַקט און אַזוי פיעל מאָל אין שפּיעלען אַזאַ פערפיהרישע ראָלע — דאָס הייסט זיין אַן אמת'ער גרויסער קינסטלער. די וואָהרע קונסט ווערט געבאָרען אין דער זעלע פונ'ם קינסטלער. מאַדאַם קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט אין איהר שפּיעלען אַ בעשטימטע נאָבעלע אידעע, און די פאָרמע מיט וועלכען זי בעקליידעט איהר אידעע איז שטענדיג אַזוי נאָ־בעל און ריין ווי די אידעע אַליין.

דאָס שפּיעלען פון הערר בראַוויטש איז אויך געווען אויסגעהאַלטען און אַרטיסטיש. דער טויטער אָבגעשטאָרבענער רוסישער באָן וויוואַן און ליבעראַלער אידעאַליסט, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען מיט שילער'ן און געענדיגט מיט שאָפּענהויער'ן — דער דאָזיגער רוסישער „מת" איז

געשטאנען פאר אייך א לעבעדיגער. דער גאנצער ספעקטאקעל איז געוועזן א וואהרער געגוס פאר יעדען קונסט ליעבער. דער גאנצער אנסאמבל, אויסער דער גיאנע, האט געשילדערט פאר אייך דאס ריכטיגע לעבען. ביי דעם פאמיעשציק, וואס איז שטענדיג אויף דער זונן, איז דער גאנצער פנים רויט, פערברענט און נאר די האלז לעבען קאלנער וויים... ווער פון אונזערע שוישפיעלער וואלט זיך אבגעגעבען מיט אזא קלייניגקייט? אין דעם אבער בעשטעהט די גרויסקייט פון די רוסישע ארטיסטען: יעדע קלייניגקייט, וועלכע איז נויטווענדיג צו דער וואהרהייט, איז אזוי וויכטיג, ווי דאס גרויסע; יעדע דעטאל, יעדע איינצעלהייט, ווי דאס אלגעמיינע, דאס גאנצע. דערפון קומט ארויס דאס בילד אזוי ריכטיג און גרויס. אונזערע פריינדע, די אידישע שוישפיעלער, דארפען ניט דורכלאזען קיין איין פארשטעלונג פון אונזערע רוסישע גאסטראליארען. זיי דארפען זיך שעצען גליקליך, וואס זיי האבען א מעגליכקייט צו לערנען זיך. אמעריקא איז ניט די מדינה פאר א קינסטלער צו לערנען...

גאָרקי'ס „די קינדער פון זונן".

— און —

קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס און בראַוויטש'עס שפּיעלען אין איהר.

מיר זיינען ווידער אין רוסלאַנד. נעכטען זיינען מיר געווען אין אָסטראָווסקי'ס רוסלאַנד, היינט זיינען מיר אין מאַקסים גאָרקי'ס רוסלאַנד. וואָס פאַר אַ געוואַלדיגער אונטערשיעד צווישען די צוויי „רוסלאַנדיעס"! ניט לאַנג נאָך, אין גאַנצען מיט אַ דריי־פיער צעהנדליג יאָהר צוריק האָט געלעבט און געבליהט אָסטראָווסקי'ס רוסלאַנד, — אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע דענקענדע און גריבלענדע „אינטעליגענציע", מיט אַמעכטיגען סימפּאַטישען „נאַראָד". די אינטעליגענציע, די ליבעראַלען, די אידעאַליסטען האָבען גערעדט, געטרוימט, געהאַמלעטיזירט, געגעסען אומזיסט ברויט, פערשווענדעט גרויסע פערמעגענס אין פּאַריז, געהערט העגעל'ס מעטאַפיזישע לעקציעס אין דייטשלאַנד, און דאָס עהרליכע, געזונטע, פרומע פאָלק האָט פלייסיג געדאַווענט צו'ם פּראַוואָסלאַוונעם אָדער סעקטאַנסטקען גאָט, האָט שווער געאַרבייט, און האָט געטרוימט אין דער שטיל, ווי אַזוי צו קריגען וואָס מעהר לאַנד און, אפשר אַביסעל פרייהייט אויך. גאָרקי'ס רוסלאַנד איז ניט מעהר נאַאיוו, טרוימעריש, סימפּאַטיש און אידעאַליסטיש. זיין אינטעליגענציע איז פול מיט קאַריעריסטען, וועלכע אונטערדריקען און זויגען אויס דאָס פאָלק, אָדער געלערענטע און קינסטלער, וועלכע טוען גרויסע פּראַקטישע אַרבייט און געהען אויף דעם שעהנעם שיף „פּראָגרעס" פון דער קריסטליכער קאַלטער דונקעלער וועלט צו דער מעכטיגער, שטראַהלענדער זונן. זיי געהען ניט אַכטענדיג זאָגאַר אויף דעם שטורם פון רעוואָלוציאָן, ניט קימערענדיג זיך, וואָס אונטער זיי ליגען גרויסע מאַסען אין שמוץ און פינסטערניש. אָדער זיין אינטע־

ליגענציע זיינען צובראָכענע מענשען, ארויסגעוואָרפענע, היסטערישע, מעלאַנכאָלישע, וועלכע זיינען צוריבען און צוקוועטשט פון די שרעקליכע אומשטענדען און צוואוועהטאָגט פון די צרות, פון דעם שרעקליכען אונ־רעכט, וואָס זיי זעהען ארום זיך. און דאָס פאָלק, דער נאראָד? גאָר־קי'ס נאראָד זיינען ניט די שטילע אידעאַליזירטע פרומע סימפאַטישע מוזשיקעס. דאָס זיינען מענשען, וועלכע האָבען שוין לאַנג פערלאָרען דעם צלם אלקים... דאָס זיינען ווילדע חיות, פערזויפטע חוליגאַנעס, געזונקענע בריאות אָהן גלויבען, אָהן מאָראַל, אָהן האָפנונגען, אָהן אַ פונק מענשליכקייט. די נאאיווע, אידעאַליזירטע „ראָסיא" פון אָסט־ראָווסקי איז פערשוואונדען, איהר פּלאַץ האָט פערנומען די אמת'ע, ווירקליכע אַביסעל קעמפּפענדע און פיעל בעקעמפּפטע „ראָסיא"!... דאָס איז דער אונטערשיעד פון אָסטראָווסקי'ס „דיקארקאַ" און מאַקסים גאָרקי'ס „קינדער פון דער זונן".

אַלס אַ דראַמאַטישעס ווערק איז דאָס נאָך שוואַכער געבויט ווי די „דיקארקאַ", עס האָט ווענינער גאַנצקייט און איינהייט. ביי אָסט־ראָווסקי'ן קומען אריין און געהען די פּערזאָנען אזוי ווי די טעכניק פון דער ביהנע פאָדערט. ביי גאָרקי'ן איז ניטאָ קיין איינהייט אין דער האַנדלונג. זיינע העלדען, נעבעך, געהען אויף דער ביהנע אַ צעהן מייל צופוס אומזיסט און אומנישט, פּונקט ווי די קעמפּפענדע אויפ'ן פעלד פון קאַמפּף. זיין גאַנצעס ווערק בעשטעהט פון צוטהיילטע, צוריסענע בילדער, וועלכע האָבען ניט צווישען זיך קיין אויסערן פער־באַנד. אָבער דיעזע בילדער זיינען פערבונדען מיט איין אידעע — צייגען דאָס ריכטיגע לעבען. אָסטראָווסקי גיט אַ גאַנצעס בילד, אָבער געמאָהלען איז דאָס מיט וואַסער־פּארב. גאָרקי גיט אַ סעריע פון „סקע־טשעס" געמאָהלט ניט נאָר מיט אויל־פּארב, נאָר מיט בלוט און טרערען. אָסטראָווסקי האָט געגעבען דעם צושויער אַ שיטערע קינדישע קאַשע פון מאַנגע גרויפּען. גאָרקי גיט אייך הארטע שפּייז, ווי פאַר ערוואַקסענע מענשען. אין גאָרקי'ס צייטען רעדט דער רוסע אויך שעהן, (שעהן רע־דען וועט דער רוסע קיין מאָל ניט אויפהערען), אָבער זיין רוסאַק דענקט ערנסט און פיהלט טיעף, אויב ער ליגט נאָר ניט אין זומפּף, פערשטיקט פון אונוויסענהייט און שמוץ. גאָרקי איז אפשר ניט קיין דראַמאַטורג, אָבער וויפיעל דראַמאַטישע קראַפט צייגט ער ארויס אין געוויסע מאָ־מענטען, וויפיעל העלע פּארב, וויפיעל פּאָעזי, און וויפיעל וואַרהייט

ער זאָגט וועגען דעם היינטיגען סאָציאַלען רוסישען מענשען! וויפיעל לעבעדיגע טיפּען! וויפיעל פּאָעטישע שעהנקייט!... גאָרקי'ס ווערק איז ניט געשריבען געוואָרען גלאַט אַזוי פון פערגניגען וועגען. עס איז געשריבען געוואָרען צו וועקען דעם פערשלאָפענעם געדאַנק, צו וואָרנען דעם גלייכגילטיגען „קינד פון דער זון". אָסטראָווסקי שילדערט אונז אַ דיקאָרקע, אַ ווילדע, וועלכע איז נאַאיוו און סימפּאַטיש, אַ נאַטור קינד מיט געזונטע אינסטינקטען און אַ נאַטירליכען שכל הישר. גאָרקי גיט אונז אַ בילד פון אַנדערע, ניט אידיאַליזירטע, ניט „זשאַן זשאַק רוססאָפיצירטע" פּרימיטיווע מענשען,—נאָר ווילדע „באָרוועסע" בלוט־דורשטיגע מיטגליעדער פון אונזער געזעלשאַפט, וועלכע זיינען אָבגע־טיילט פון אונז מיט אַן אָבגרונד, וועלכע זיינען אויפגערייצט און פער־הונגערט, וועלכע זיינען געבליבען פון יענער זייט גרויסע ציוויליזאַ־ציאָן, וועלכע פיהלען צו די „אינטעליגענטען" אַ בלינדען צאָרן און אַ שע־שרעקליכען האַס, וועלכע פערשטעהען ניט אונזערע אידעאַלען און שע־צען ניט זאָגאַר אונזערע קולטורעלע און אויפקלעהרענדע ארבייט, און וועלכע דראָהען אין זייער בלינדען האַס אומצואוואַרפען און פערניכטען אַלעס, וואָס די קינדער פון דער זונן האָבען יאָהרהונדערטע לאַנג געבויט און געשאַפען!...

ווער זיינען זיי„ די קינדער פון דער זונן"? אַ סימפּאַטישער ערנ־סטער געלערטער, וועלכער איז מיט ליעב און לעבען איבערגעגעבען דער ריינער וויסענשאַפט. אין דער צייט ווען ער מאַכט קליינע עקספּער־רימענטען, דענקט ער פון גרויסע אידעאַלען, — ווען זיין וויסענשאַפט וועט ענטדעקען די געהיימע געזעצע פון לעבען, דורך זיין בעמיע וועט געשאַפען ווערען אַ גרויסע עקאָנאָמישע רעוואָלוציאָן. ער איז דעמאָקראַ־טיש געזאָננען, האַלט זיך ברידערליך מיט די ניעדריגערע קלאַסען און פיהרט זיך אַלס אַן עהרליכער מאַן. פאַר וואָס זאָלען איהם די „באָר־וועסע", די געפאַלענע האַסען? וואָס האָבען זיי צו איהם? זיין פרוי, אַ קלוגע אינטעליגענטע פרוי, וועלכע וויל ניט זיין קיין „פּופּע" אין הויז, געראָדע ווי נאָראַ, וועלכע פאָדערט אויפמערקזאַמקייט צו זיך און געוויסע רעכטע... זי וויל שעהן לעבען, ליעבען און געליעבט זיין. זי פאָדערט פאַר זיך וואָס מעהר זונענשטראַהלען. מיט זיי צוזאַמען לעבט אַ קינסטלער, וועלכער פערגעטערט דאָס שעהנע, וועלכער איז ענטציקט פון די גרויסע ערפינדונגען פון דער מענשהייט אין די ספּע־

רען פון געדאנקען און קונסט. ער האָט די ניעדריגערע קלאַסען קיין שלעכטעס ניט געטהאָן און אויב זיי זיינען געבליבען ווייט צוריק — קען מען דאָך ניט צוליעב זיי אומקעהרען צוריק דעם וואָגען פון פראָג־רעס... זיי, „די קינדער פון דער זונן", דענקען פון גרויסע ערפינדונגען, פון העכערען עסטעטישען פערגניגען, פון ראָמאַנטישע ליעבע, פון אַ שעהנע פּאָעטישע רייזע אויפ'ן שטורמענדען אָקעאַן. פון לעבען פון דער אסקעטישער קריסטליכער לבנה. צו דער העלענישער, גריכישער זונן, צום העליאָס. און אין דערזעלבער צייט נעבען זיי, מיט אַ האַנד צו דער לאַנגען, שיכור'ט יעגאר מיט זיין פריינד, וועלכער שפּאַצירט סאַנ־סאַפּאַגע, אָהן שיך. ער שלאָגט זאַגאר זיין ווייב, גלויבט אז די „קינדער פון דער זונן" ברענגען חאָלעריע, שלאָגט די דאָקטוירים, וועלכע קומען צו זיי מיט הילפע און האסט יעדען, וואָס טראָגט דעם נאָמען אינטעליגענט. די „קינדער פון דער זונן" רעדען פון הויכע גע־געשטאַנדען און אַרום זיי, אַנשטאָט ראָמאַנטישע ליעבע, אַנשטאָט פּי־לאָזאָפישע געדאַנקען און הערליכע געזעצע פון דער העכערער ווארהייט, הערשט אונוויסענהייט, אַרמוטה, פּראָסטיטוציאָן, רציחה, שרעקליכער אונרעכט, שמוץ, באַרבאַרישע ווילדהייט, גרויזאַמקייט, אבערגלויבען און הונגער...

צווישען די קינדער פון דער זונן און די באָרוועסע קינדער פון זומפּף וואַנדערען אום ווי שאָטענס די אונגליקליכע אָפּפער פון דיעזע שרעק־ליכע קאָנטראַסטען. אַ ארויסגעוואָרפענער, קלוגער און פעהיגער אינ־טעליגענט, וועלכער געפינט ניט קיין צוועק אין לעבען און ענדיגט מיט זעלבסטמאָרד און אַן עדעלעס מעדכען, מיט אַ פיהלענדעס הארץ, וועל־כע זעהט דעם שרעקליכען אונרעכט... זי האָט אריינגעקוקט אין דעם פינסטערען זומפּף און האָט געזעהן, וואָס דאָרט קומט פאָר... זי זעהט דעם אונגליק וועלכער דראָהט די „קינדער פון דער זונן", זי פיהלט דעם גרויסען אונרעכט, וועלכעס איז געטאָן געוואָרען צו די ניעדריגע קלאַ־סען, איהר זעעלע ליידעט... די קומענדע פינסטערע ווילדע צושטע־רונג שרעקט זי און נאָך מעהר שרעקט זי די גלייכגילטיגקייט פון די „קינדער פון דער זונן"... אין אַזאַ צייט פון עלענד און שרעק וויל זי ניט דענקען פון פערזענליכען גליק, פון מוטער פריידע און ליעבע — זי ווערט צודראָשען אונטער די שווערע רעדער פון דער אונבארמהער־ציגער ווירקליכקייט...

די ראָלע פון דיעזער צודראָשענער, צובראָכענער אינטעליגענטין שפּיעלט קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ. אַ קליינע ראָלע, וועלכע קיין אמערי־קאַנער „סטאַר" וואָלט ניט געוואָלט שפּיעלען. זי אָבער, אַלס וואהרע קינסטלערין, פאָדערט ניט קיין סך... אין איהרע ראָלען שפּיעלט ניט קיין ראָלע די קוואַנטיטעט, נאָר די קוואַליטעט... זי ווייס געוויס, אַז די מאַסען דאַרף מען נעהמען מיט מאַסענהאַפטעס. זי שפּיעלט אָבער צוליעב דער וואהרער קונסט און פאַר די, וועלכע קענען די וואהרע קונסט שעצען. ווי וואהר, ווי לעבעדיג, ווי טיעף, ווי ריכטיג זי האָט פאַר אונז פאָרגעשטעלט דאָס ליידענדע, פיהלענדע און דערשראָקענע מיידעל, — דאָס פערוואונדעטע און פון הימעל אַראָפּגעוואָרפענע „קינד פון דער זונן"...

אַלס גרויסער, וואהרער קינסטלער איז פאַר אונז ערשיענען הערר בראַוויטש אין דער ראָליע פון פּראָטאַסאָוו. דיעזעלבע ראָלע אין אַנ־דערע הענד וואָלט געוויס געבליבען אונבעמערקט, בלאַס, אונדאַנקבאַר, אָבער, אידישע שוישפּיעלער, געהט זעהן וואָס בראַוויטש האָט פון איהר געמאַכט!... איהר האָט געזעהן אַ רוסישען געלערטען, אַ נאַאיווען ניט פּראַקטישען צוטראַגענעם מענשען. די ברילען, די קאַלאָשען, דער גאַנג, דאָס רעדען, דער האַלטען זיך, די אויפפאַסונג פון דער אַרומיגער וועלט, די פערהעלטניסע צו מענשען, די ליעבע, די פריינדשאַפט, די איבערגעבענהייט צו זיין בעמיע, די עקספּערימענטען — אַלעס האָט געשפּריצט מיט אמת'ן לעבען, מיט וואַרהייט, מיט הויכע קונסט!... עס האָט מיר זעהר לייד געטאָן, וואָס פּונקט צו דער פאָרשטעלונג זיינען געקומען וועניג אידישע אַקטיאָרען.

ניט נאָר קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ און בראַוויטש — אַלע האָבען גע־לעבט אויף דער ביהנע, אַלע האָבען פאָרגעשטעלט דאָס לעבען, אַלע בעזונדער האָבען געמאָהלען בילדער פון לעבען און אַלע צוזאַמען האָבען דאָס לעבען רעפּראָדוצירט. די פאָרשטעלונג האָט געגעבען יעדען אַ הויכען גענוס.

טשעכאָוו׳ס „אַנקעל וואַניאַ“.

— און —

קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ׳ס און בראַוויטש׳עס פאָרשטעלונג.

„דער מענש איז בעשענקט מיט שכל און א שאַפענדע קראַפט, ער זאָל פערגנעהמען און פערגרעסערען דאָס, וואָס די נאַטור האָט איהם גע־געבען. אָבער ביז יעצט האָט דער מענש ניט געשאַפען, ער האָט נאָר פערניכטעט...“ אזוי זאָגט דאָקטאָר אסטראוו, איינער פון טשעכאָוו׳ס העלדען. דער מענש בויט ניט, ער צושטערט, ער צושטערט די פעל־דער און וועלדער אַרום זיך, ער פערניכטעט זיינע מיט־מענשען, ער מאַכט חרוב די גנעזעלשאַפט אַרום זיך, ער מאַכט א תל פון זיך אליין, פון זיינע מענשליכע געפיהלען, פון זיינע פעהיגקייטען, פון זיין פער־זענליכקייט, פון זיין אייגענעם געזונד זאָגאַר. און צוליעב וואָס לעבט ער? וואָהין שטרעבט ער? וועלכע ציעלען אין לעבען האָט ער, וועלכע אויפגאַבען? וואָס ערוואַרטעט ער אין דער צוקונפט? דערויף קריגט איהר ניט קיין ענטפער אין טשעכאָוו׳ס ווערק, ווייל דערויף האָט ניט געגעבען קיין ענטפער דאָס רוסישע לעבען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. איהר זעהט די ליידענדע, צושטערטע, זיך אליין פערצעהרענדע, אין פעסימיסטישע געדאַנקען פערזונקענע, אין ווילענלאָזיגקייט אַראָבגע־לאָזענע „ראָסיאַ“ פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען׳ס צייטען. א טרויע־ריגעס בילד! קיין ליכט, קיין פרייד, קיין האָפנונג, קיין צוועק! מענ־שען געהען אום ווי שאָטענס. זיי האָבען געדאַנקען און וואָגען ניט צו דענקען. זיי האָבען טאַלענטען, און פערשיכור׳ן זיי... זי רעפלעקטירט, שיכור׳ט און ליידעט אין דער שטיל די אונטערדריקטע, פונ׳ם אמת׳ן מענשליכען לעבען אָבגעריסענע „ראָסיאַ“!... א שרעקליכע שטילע דראַמאַ! מענשען לעבען אין אַן ערשטיקענדער אטמאָספערע, און די הימלען אַרום, זיי זיינען בעדעקט מיט פינסטערע וואָלקענס!

אַלס אַ קאָנטראַסט צו איהם נעהמט דעם אַלטען געלעהרטען פּראָ־פעסאָר. ער האָט שוין פון זיך זעהר שטאַרק און שעצט זיך זעהר טייער. אַ קאַריעריסט און אַ עגאָאיסט. ער איז דער פאָרשטעהער פון אַלכסנדר דעם דריטענס אַ פּראָפעסאָר. ער שרייבט פינף און צוואַנציג יאָהר און וואָס ער האָט אויפגעשריעבען האָט קיין בעדייטונג ניט. ער רעדט וועגען קונסט און ליטעראַטור צעהנדליגע יאָהר און האָט נאָך ניט אויסגעדריקט קיין איין פרייען געדאַנק, קיין איין אָריגינעלעם וואָרט. ער קייט איבער איינע און דיזעלבע שטרוי, נעהמט מיט חוצפּה, איז געליעבט און געאַכטעט, ווייל ער האָט ערפאָלג. און אָט דער טוי־געניכטס, דער פּאַראַזיט, קוקט אויף אַלע מענשען פון אויבען אַראָפּ, ער רעדט צו זיי מיט דעם טאָן פון אַן אויטאָריטעט און ראָט זיי צו טאָן עטוואָס! יע, דער מענש דאַרף טאָן עטוואָס, טענה'ט ער, און אַליין האָט ער גאָר נישט געטאָן אין זיין לעבען, איז אַ פערצוויגענער שוועכ־לינג, אַ ווילענלאָזער און כאַראַקטערלאָזער מענש, וועלכער שטעלט זיין פּערזענליכע צופריעדענהייט העכער פון אַלע אינטערעסען פון דער וועלט... דאָס איז דער, וועלכער בילדעט די יוגענד.

דיאַדיא וואַניאַ, אַ סימפּאַטישער מענש, וועלכער לעבט צוליעב אַנדערע, אַרבייט צוליעב אַנדערע, אָפּפערט זיין פּערזענליכעם גליק צו־ליב אַנדערע... ער האָט געאַרבייט פאַר'ן פּראָפעסאָר וועןן ער האָט איהם געאַכטעט, ער אַרבייט פאַר'ן פּראָפעסאָר, ווען ער זעהט און פערשטעהט ווי קליינליך דער „געלעהרטער" מענש איז, ווי אונזיניג און אונניצליך דעם פּראָפעסאָר'ס געלעהרזאַמקייט איז... אַ ליעבענ־דער, אַ גוטמוטהיגער, און עהרליכער און אויפריכטיגער מיט אַ גוטע זעעלע... צו זיעבען און פערציעג יאָהר ערוועקט זיך אין איהם אַ געפיהל פון ליעבע צו אַ פרוי, וועלכע האָט צו איהם קיין סימפּאַטי ניט, אין דער עלטער פון זיעבען און פערציג יאָהר דערמאָנט ער זיך פּלוצלונג, אַז ער האָט נאָך ניט געלעבט פאַר זיך, האָט ניט געהאַט קיין גליק, קיין פרייד... און ער וויל זיין גליקליך... ער האָט אָבער ניט קיין ענערגי, קיין ענטשלאָסענהייט, קיין מאַכט, קיין ווילען, ווי זיין גליק צו עראָבערן, — קיין סטראַטעגישע קענטניסע ווי אַזוי צו בעז־זיגען, — און ער הויבט אָן שיכור'ן, פּלוכען זיין שיקזאַל, וויינען ווי אַ קינד און טענה'ן ווי אַ אידענע צו תחינות... אַרויסרייסען זיך פון דעם תהום אין וועלכע ער איז פערזונקען האָט ער ניט קיין קראַפט,

און ער בלייבט זיצען אויף זיין אלטען פלאטץ צוזאמענגעבויגען איבער די חשבונות פונ׳ם פראפעסאר... זא לאנג ער וועט לעבען, וועט ער ארבייטען פאר אן אנדערן. פאר איהם אליין איז קיין גליק ניטא.

קיין גליק איז אויך ניטא פאר דעם אָרעמען, ניעדערגעשלאָגענעם טעלעגין. א קליינער מענשעלע, אָהן פּרעטענזיעס, אָהן א קלענסטען בעגעהר צו האָבען אירגענד וועלכע רעכטע. מע רופט איהם וואפּליא, ווייל זיין גאנצער פּנים איז צוגראָבען, פון פּאָקען. ער שפּיעלט זיך אויף דער גיטארע, ווייל זיין נשמה האָט ליעב מוזיק. זיין נשמה האָט אויך ליעב די נאטור, די בלומען, די פויגעלעך, די שעהנע בוימער... א קינד וואָס איז שוין 50 יאָהר אלט... ער ווייסט זעהר וועניג, נאָך וואָס לעבט ער און צוליעב וועמען לעבט ער. אָבער אזעלכע קשיות פרעגט ער זיך גאָר ניט... זיין ווייב איז אוועק מיט א פרעמדען — לעבט ער אליין ביי פרעמדע מענשען... זיין ווייב איז געבליבען מיט קינדער, — ווייל איהר געליעבטער האָט זי מיט די קינדער אוועקגע־וואָרפען, — האָט וואפּליא אָבגעגעבען זיין ווייב מיט איהרע קינדער זיין גאנצע פערמעגען, און איצט איז ער א בעטלער... עסט פרעמד ברויט, שפּיעלט אויף דער גיטארע, דענקט ניט, האָט ניט קיין געדאנק צו לעבען אנדערש און עס וועט איהם קיין מאָל ניט איינפאלען צו פּראָטעסטירען געגען אזא אָרדנונג. פּראָטעסטירען? געגען וועמען? איז דען ניט אלעס גוט איינגעאָרדענט אויף דיעזער גוטער וועלט?

אזוי ווי די מענער אזוי זיינען אויך ווילענלאָז און שוואך די פרויען. זיי פיהרען א צוועקלאָזען לעבען און האָבען ניט קיין ענטשלאָ־סענהייט ארויסצורייסען ביים שיקזאל זייער אייגענעם גליק... די אלטע מאדאם לעזט שוין פופציג יאָהר ביכער וועגען פרויען עמאנ־ציפּאציאָן און האָט נאָך א פינגער אָן א פינגער ניט א קלאפּ געטאָן צו בעפרייען די פערשקלאפּטע פרוי. די שעהנע פּראָפעסאָרשע, וועלכע רעדט אזוי שעהן פון ערהאבענע זאכען, וועלכע האסט איהר אלטען אָבגעלעבטען און אויסגעוועבטען מאן, האָט מורא פאר איהרע אייגע־נע אויפריכטיגע אמת׳ע געפיהלע פון ליעבע, שרעקט זיך פאר איהר אייגענעם גליק, האָט ניט קיין ענטשלאָסענהייט צו פערלאָזען דעם גע־האסטען מאן און געהן קעמפּפען פאר איהר צוקונפט מיט דעם מאן, וועלכע זי ליעבט און אכטעט... זי ווייסט אליין ניט וואָס צו פאָדערן פון דער וועלט און איז מיט דער וועלט אונצופריעדען. די יונגע סאָניא,

איז אַ סימפּאַטיש, עהרליך מיידעל, מיט אַ גוט האַרץ און ריינע זעעלע, — זי ליעבט און לעבט, און דענקט און קעמפּפט אום צו בלייבען אַ דיענסט פאַר איהר פאַטער דעם פּראָפעסאָר און צו פערברענגען איהר לעבען אָהן האָפנונגען אויף אַ פּערזענליכען גליק, אָהן פּראָטעסט, אָהן שטרעבונגען. וואָהין איהר וואַרפט אייער בליק, זעהט איהר קראַנקע, שוואַכע, ווילענלאָזע, אונגליקליכע, פערקריפּעלטע, צודריקטע מענ־שען... קיין זאַך פערבינדעט זיי ניט, קיין אידעע פעראייניגט זיי ניט, קיין געפיהל קען זיי ניט האַלטען צוזאַמען. זיי צושיידען זיך איינער פונ'ם אַנדערען, געהען אוועק צו וואַנדערען צוועקלאָז אליין איבער דער וויסטענים פונ'ם רוסישען לעבען. די גוטע עהרליכע סאָניא בלייבט מיט איהר אונגליקליכען אָנקעל וואַניא. זי לעגט אַרויף איהרע צאַרטע הענד אויף זיינע פערוויינטע אויגען און זאָגט טרויעריג: „וואָס קענען מיר טאָן, אָנקעל וואַניא? אַ ברירה האָבען מיר? מיר מוזען לעבען! מיר וועלען פערברענגען אַ לאַנגע רייהע פון טעג, פון אונענדליכע נעכט. מיר וועלען געדולדיג אַריבערטראָגען אַלע נסיונות, מיר וועלען שווער אַרבייטען פאַר אַנדערע, ניט וויסענדיג פון קיין רוהע ניט איצט, ניט אין אונזער טיעפער עלטער. און אַז מיר וועלען שטאַרבען, גוטער, ליעבער אָנקעל, וועלען מיר דאָרטען האָבען אַ שעהנעם, ליכטיגעם, פריעדליכעם לעבען... דאָרט וועלען מיר האָבען פרייד און רוהע. איך גלויב, אָנקעל! איך גלויב היים און ליידענשאַפטליך"... אין גלוי־בען זוכט סאָניע, ווי אַלע פאַסיווע ליידענדע, איהר טרויסט. דיאַדיא וואַניא הערט זיך צו צו איהרע זיסע רייד און וויינט מיט ביטערע טרערען און דער אָרעמער טעלעגין שפּיעלט אין דער וויים שטיל אויף זיין גיטאַרע אַ טרויעריגעם ליעד... שפּיעלט ער דאָס אַ הימן דער גלייכגילטיגטער נאַטור, אָדער ער דריקט אויס אָהן ווערטער זיינע איי־גענע פערבאָרגענע שמערצען און טיעפען עלענד?...

דער צושויער הערט צוזאַמען מיט אָנקעל וואַניא ווי סאָניא קאָמי־סאַרזשעווסקאַיא דריקט אויס איהר טיעפען שמערץ און הייליגען, רע־ליגיעזען, אויפריכטיגען טרויסט און האָפנונגען, און צוזאַמען מיט אָנ־קעל וואַניא־בראַוויטשין וויינט ער מיט אמת'ע טרעהרען... ווען

קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס שטימע האָט ניט גערירט, ווען זי האָט אייך דערצײלט פֿון סאָניאַס לײדען, און ווער עס האָט ניט געוויינט צוזאַמען מיט בראַוויטשען, — דער וועט קיין מאָל ניט פֿערשטעהן וואָס אמת'ע קונסט איז און וועט קיין מאָל ניט קענען אָבשעצען די לייסטונג פֿון אמת'ע גרויסע אַרטיסטען! און ניט נאָר די געטליכע קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ, און ניט נאָר דער גרויסער אַרטיסט בראַוויטש, — אַלע זיינען געווען ערהאַבען. עס איז געווען אַ סימפּאָני געשפּיעלט פֿון קינסטלער... זאַקושניאַק'ען האָבען מיר נאָך קיין מאָל ניט געזעהן אַזוי גוט ווי אין דער ראָלע פֿונ'ם דאָקטאָר אָסטראָוו. גרוזינסקי איז געווען אַ לעבעדיגער טעלעגין. מאַדאַם שילאָווסקי איז געווען אַן אויסגעצייכענטע פּראָפֿעסאָרשע און הערר נעלידאָוו דער ריכטיגער פּראָפֿעסאָר. עס איז ניטאָ גענוג ווערטער אויסצודריקען די דאַנקבאַרקייט, וואָס די אַלע אַרטיסטען צוזאַמען האָבען פֿערדיענט מיט זייער לייסטונג... קיין העכערען גענוס קען קיין טהעאַטער ניט געבען... און ווער עס האָט קיין שכל ניט און וויל ניט, ווען ער האָט אַזאַ געלעגענהייט געהן זעהן אַזעלכע פֿאָרשטעלונגען, — דער מעג קייען שטרוי...

נאָראַ און ווי אזוי קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ שפּיעלט זי.

דער נס, דער וואונדער איז ניט געשעהן! די יונגע צאַרטע, צום קאַמפּף נאָך ניט פאָרבערייטעטע פרוי פערלאָזט שפּעט אין דער נאַכט איהר שעהנעם קאָמפאָרטאַבעלעם הויז, איהר מאַן, איהרע דריי ליעבע קינדער, און געהט וואַנדערען אליין אין דער גרויסער, קאַלטער, פרעמדער וועלט. זי געזעגענט זיך ניט מיט איהרע קינדער, זי אַכטעט ניט דעם מאַנ'ס געזעצליכע רעכטע, זי ווערט ניט גערירט פון זיין בעטען און פון זיינע טרערען. זי געהט פאָרט. די טהיר גיט אַ קלאַפּ און נאָראַ פערשווינדעט אין דער פינסטערער געהיימניספאָלער נאַכט.

וואו איז דער שכל? וואו איז די לאָגיק, דער פּראַקטישער חשבון, די געפיהלע פון גערעכטיגקייט, די ליעבע פון אַ מוטער, די פליכטע פון אַ פרוי? זי אליין זאָגט, אַז היינטיגע צייטען געשעהען ניט קיין נסים און דאָך וויילע עס איז צוליעב איהר ניט געשעהן קיין נס, הויבט זי זיך אויף און פערלאָזט איהר היים. איבער אַ קאַפּריז, אַ קינדישער פאַנטאַזיע צוברעכען אַ היים? ערשט מיט אַ פּאָאָר טעג צוריק זעהען מיר זי דאַכט זיך, אַ צופריעדענע, אַ זאָרגלאָזע, אַ פערליעבטע, אַ גליקליכע — וואָס האָט זי פלוצלונג געטריבען צו אַזאַ פערצווייפעלטען שריט? האָט איהר מאַן פלוצלונג אַראָפּגענומען פון זיך זיין מאַסקע און זי האָט דערזעהן עטוואָס נייעס, שרעקליכעס, אַבשטויסענדעס? איז דאָס ניט דערזעלבער גוטער העלמער? דער זעלבער אַנשטענדיגער מענש, איבערגעבענער פאַמיליען־פאָטער, פערליעבטער מאַן? ווען זיך דען געפינען אויף דער וועלט אַזעלכע עלטערען, וועלכע ווען ניט רעכענען פאַר אַ גליק חתונה צו מאַכען זייערע טעכטער פאַר אַזעלכע מענער, ווי נאָראַ'ס מאַן — העלמער? ... אַ סאָלידער און

געזעצטער מענש, אנשטענדיג און מאָראַליש, פּראַקטיש און פּאָזיטיוו. א מענש, וועלכער מאכט א קאַריערע און וועט געווים פערזאָרגען זיין ווייב און קינדער ניט נור מיט מיטלען צום לעבען, נאָר אויך מיט לוקסוס און קאָמפּאָרט. א מענש מיט רעגעלען אין לעבען — ער וועט ניט מאכען קיין שולדען, וועט ניט זינדיגען געגען דער עפענטליכער מאָראַל, וועט ניט איבערטרעטען די געזעצע און וועט חלילה ניט געהן געגען דער אנשטענדיגער בעל־בית'ישער געזעלשאַפט מיט איהרע זיטען. איז דען אזא מאַן ניט א וואהרער בעשיצער און זיכערער פּאַטראָן און וועג־ווייזער?

און ווער איז זי, וואָס זי וואגט צו נעהמען איהר אייגענעם שיקזאַל אין איהרע אייגענע הענד? זי איז א זינג־פויגעלע, א פּופּע, א נאַרין, וועלכע שלעפּט בגנבה קאָנפעקטען פון איהר קעשענע, א פערשווענדערין, וועלכע ווייס ניט קיין חשבון פון קיין געלד, א ליגנערין, א לייכטזיננינגער מענש, א קאָקעטקע, וועלכע ווייזט איהר מאַנ'ס פריינד די זאָקען פון לייב־קאָליער, וועלכע זי וועט טראָגען אויפ'ן מאַסקאַראַד, א פעלשערין, וועלכע מאכט א פאַלשען אונטערשריפט אזוי אונפּאָרזיכטיג און נאַריש. א הילפלאָזע, שוואכע, צום לעבען און קאַמפּף ניט פּאָרבערייטעטע בעשעפעניש. זי וואגט עס צו מאכען אליין אזא פעראַנטוואָרטליכען בעשלוס?... פון וואנען נעהמט זיך צו איהר פּלוצלונג אזא ענטשלאָסענהייט?

קיין זאַך געשעהט ניט פּלוצלונג. יעדע ערשיינונג ווערט געשאַפען דורך רעגעלמעסיגע, געזעצליכע אורזאכען. העלמער און מיט איהם פיעלע מענער קענען דענקען, אז דער קריזיס אין נאָראַ'ס לעבען איז געשעהן פּלוצלונג און אָהן אורזאכען. ער, דער זעלבסטצופריעדענער הערשער אין שטוב, דער געקרוינטער אויטאָריטעט אין דער פאַמיליע, דער פערנומענער מיט „וויכטיגע" געשעפטען בורזשוא, דער אין גאַנצען זיינע אייגענע אינטערעסען איבערגעבענער עגאָאיסט, דער געזעצליכער אייגענטהימער פון זיין ווייב'ס קערפּער, דער מאַן, וואָס ליעבט אין נאָראַ'ן די שעהנע ווייב, — ער זעהט ניט, דענקט ניט און קימערט זיך זעהר וועניג וועגען די פּראָצעסען וועלכע קומען פּאָר אין דער זעעלע פון דעם ווייב, וואָס געהערט איהם. ער איז דער חכם און דער סעריעזער מענש, זי איז ניט מעהר ווי א שוואכע ווייב. ער אינטערעסירט זיך אמאָל מיט איהרע קליינליכע געשעפטען, ווייל דאָס אמוזירט

איהם. ער קריכט אַ מאָל אַראָפּ פון זיין הויכען „ביזנעס" פּעדעסטאַל צו איהרע קליינליכע ווייבערשע אינטערעסען, ווייל ער וויל איהר אַ טובה טאָן דערמיט אום זי זאָל פיהלען זיין גוטסקייט און זאָל איהם נאָך שטאַרקער ליעבען, נאָך מעהר זיין איבערגעבען. ער רעדט צו איהר מיט גנאָדע פון אַ גוטען פּאַטראָן, מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעלע פון אַ העכערען, וואָס בעגליקט מיט זיין לייט־זעליגקייט דעם ניעדעריגערן. ער רעדט מיט איהר ווי אַ מענטאָר, אַ לעהרער, אַ מורה דרך, אַן אַפּעקון; זאָגאַר פאַר איהר מאַסקע דאַרף ער זאָרגען, זאָגאַר ווי צו טאַנצען אויפ'ן באָל די טאַראַנטעלע דאַרף ער זי לערנען. און זי? ער מיינט, זי נאַשט אַ קאָנפעקטעל, שפּרינגט אום זאָרגלאָז איבער'ן צימער, זינגט זיך ווי אַ פויגעלע, קליידעט זיך ווי אַ פּופּע און איז צופריעדען מיט איהר גליק... נאַררישער חכם און בלינדער עגאָאיסט! אין דער צייט, ווען די לערכע האָט געטאַנצט און געזונגען האָבען איהרע אויגען געקוקט און בעאָבאַכטעט, איהר זעעלע האָט ניט גערוהט, איהר פערשטאַנד האָט ניט געשלאָפען. ווען ער איז זיכער, אַז זיין ווייב איז ניט פעהיג אויף קיין אנדער זאַך ווי צו זיין זיין הויז פרוי און זיין לייכטזינניגע, פון קיין זאַך ניט דענקענדע פּופּע, אין דער צייט אָפּפערט זי מיט איהר רוהע און פריעדען אום צו רעטען זיין לעבען. ער מיינט זי איז אַ לייכטזיניגע פערשווענדערין און זי נעהט זיך און די קינדער ביליגע קליידער, געפינט פיעלע פּלענער ווי אַזוי זיין נעט גע־קליידעט אום איהם צו געפעלען און אין דער זעלבער צייט שפּאָרט זי געלד אויסצוצאָהלען דעם חוב, וועלכען זי האָט געמאַכט אום צו רעטען זיין לעבען. וועניג! זי ענטזאָגט זיך אליין פון פיעלע זאַכען, זיצט גאַנצע נעכט ביים שרייב ארבייט און איז צופריעדען, וואָס זי האָט עטוואָס גוטעם געטאָן פיר אַן אַנדערען. די אַלע קרבנות ברענגט זי אין דער שטיל כלומרשט אָפּהענדיג, אָהן בעריהמעריי, אָהנע צו פאָדערען דאַנקבאַרקייט. ער האָט ליעב אין איהר ניט דעם מענשען, נאָר דאָס שעהנע ווייב, די לערכע, די פּופּע — בלייבט זי פאַר איהם אין דער ראָלע, ווייל זי איז גליקליך נאָר מיט דעם וואָס זי האָט איהם גליקליך געמאַכט. פאַר איהם וויל זי שיינען אַלס גליקליכע, צופריעדע־נע, זאָרגלאָזע, טאַנצענדע נאַרא. אין דער ווירקליכקייט אָבער זעהט איהר, אַז זי האָט קיין מאָל ניט געקענט פאָלקאָמען זיין גליקליך, צופריעדען און זאָרגלאָז. איהרע גייסטיגע אויגען און איהר ליעבענדעס

הארץ האָבען שטענדיג געזעהן און געפיהלט ווי עגאָאיסטיש דער מאַן איז. ווען ער מאַכט איהר פאָרווירפע, ווארום זי פערשווענדעט געלד און פרעגט זי, וואָס וועט זי טאָן, אויב פלוצלונג וועט אַ ציגעל צושפאַלטען זיין קאָפּ און ער וועט שטאַרבען? ענטפערט זי: אויב אַזאַ אונגליק וועט געשעהן, וועט זי זעהר וועניג קימערן דאָס געלד. ווארום זי לעבט צוליעב איהם. ווען זי אָבער זאָגט, אז אום צו רעטען איהם פון שאַנדע וועט זי בעגעהן זעלבסטמאָרד... הארט איהם ניט איהר טויט. ער איז בעזאָרגט וואָס זאָגאַר איהר טויט וועט ניט רעטען זיין נאָמען. איהם שאָקירט, וואָס זיין געפאַלענער פריינד זאָגט איהם „דו", זי פערשטעהט עס ניט, ווייל זי איז בערייט צו טאָן אַלעס פאַר איהרע פריינד. ער איז העפליך מיט מענשען, ווייל אַזוי פאָדערט דער עטיקעט. זיינען זיי אָבער ניטאָ דערביי שיקט ער זיי צום טייוועל, ווייל ער ליעבט זיך אַליין. זי זעהט זיין פאַלשקייט און ליידעט, ווייל זי טראָגט אין זיך שטענדיג מענשען־ליעבע, ווייל איהר איינפאַכע זעעלע איז ריין און נאָבעל... אין איין אויגענבליק פערגעסט ער שוין, אז זיין בעסטער פריינד, דאָקטאָר ראַנק האַלט ביים שטאַרבען, און ער ווייסט נאָר אז לעבען איהם זיצט אַ רייצענדעס ווייב, וועלכע בעלאַנגט צו איהם. זי אָבער פערגעסט ניט די ליידען און די צרות פון אַנדערע. ער איז שטענדיג אַן עגאָאיסט, אַ חיה מיט ברוטאַלע געפיהלען, וועלכער וויל לעבען נאָר פאַר זיך. זי וויל איהר לעבען און גליק זאָל זיין געבויט אויף אַ געפיהל פון מענשליכקייט. ער וויל ניט דענקען פון דעם אינהאַלט פון לעבען, איהם אינטערעסירט נאָר די אויסערע פאָרמאַליטעט. זי פרעגט אָבער, וואָס איז געזעלשאַפט, אויב דאָס ברעכט דעם ווילען פון איינציגען מענשען? וואָס זיינען די טויטע גרויזאַמע געזעצע, אויב זיי רעכענען זיך נאָר מיט דער טהאַט און ניט מיט די הומאַנע מאָטיווען, צוליעב וועלכע די טהאַט איז געשעהן? וואָס זיינען די קאַלטע בוכשטאַבען פון קלוגע ביכער, אויב זיי ערקלערען ניט די גאַנצע ווארהייט? ער, דער בעגרענצטער עגאָאיסט, שטומפּיגער בעל גאוה, זעלבסט צופריעדענער בורזשואַ, — ער, ווען ער קריגט דעם געפעלשטען וועקסעל צוריק און זעהט, אז די געפאַהר איז פערביי, — ער, וועלכער האָט צוטראָטען איהרע האָפנונגען, האָט גרינג געשעצט איהר גרויסען אָפּפער, האָט מיט אכזריות בעליידיגט איהרע אַלע געפיהלע פון מענש, פרוי און מוטער, — ער, וועלכער האָט זיך אַזוי פּיעל

און אזוי שווער געגען איהר פערשוילדיגט, — ער ערשיינט אַלס גנעדי־גער העררשער און זאָגט איהר: אז ער שיינקט איהר ווידער זיין גנאַדע און אז ער ערלויבט איהר אויף ווייטער צו זיין זיין שעהנע פופע, זיין ווייב, זיין שקלאַפין...

די פרוי, וועלכע האָט אזוי לאַנג געשוויגען, פאַנגט אָן צו רעדען, זי זאָגט איהם, אז אַכט יאָהר האָט זי געלעבט מיט איהם און ער האָט נאָך קיין מאָל מיט איהר ניט גערעדט ערנסט. אַכט יאָהר געלעבט צוזאַמען מיט א פרעמדען מענשען און מיט איהם דריי קינדער גע־האַט...

זי פערלאָזט דאָס הויז פונ׳ם פרעמדען מאַן, וואָרום וויכטיגער ווי צו זיין ווייב און מוטער איז צו זיין מענש. יא! זי וויל זיין מענש. זי איז ניט קיין הייליגע, ניט קיין מלאך, ניט קיין הויך־שטרעבענדע אידעאַליסטין — זי איז א ליעבע, סימפּאַטישע, עהרליך דענקענדע און עהרליך פיהלענדע פרוי, און זי וויל ליעבען און לעבען אַלס מענש!..

ווי אזוי האָט קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ געשפּיעלט די ראָלע פון נאָראַ? קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט די ראָלע גאָר ניט געשפּיעלט. ווי קענט איהר זי פערגלייכען, צום ביישפּיעל, מיט אַזאַ שוישפּיעלערין ווי סאַראַה בערנאַרד? קיין פערגלייך! סאַראַה בערנאַרד שפּיעלט ניט נאָר די גאַנצע ראָלע, זי שפּיעלט יעדען זאַץ, יעדע פראַזע, יעדען וואָרט זאָגאַר. זי האָט פון יעדע שטעלע אַן אנדער פּלאַסטישע בעוועגונג, אַן אַנדער אויסדרוק, א נייע פּאָזע, א נייעם עפעקט. קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט ניט קיין קלאַסישע פּלאַסטיק, קיין גלאַנץ, קיינע אויפטועבצען, קיין שפּיעלען. זי שפּיעלט ניט. איהר קענט זי ניט פערגלייכען מיט דוזע, ווייל דוזע האָט גאָט געגעבען א זיסע בעצויבערענדע שטימע מיט א זעלטענעם טעמבער, און ווייל אין דוזע׳ס איינפאַכסטע בעוועגונגען איז דאָ נאַטירליכע שעהנע פּלאַסטיק און א טיפע שטימונג, — וואָס די קאָ־מיסאַרזשעווסקאַיאַ בעזיצט ניט. דאָך ערלויב איך מיר צו זאָגען, אז ניט דוזע און ניט בערנאַרד וועלען אימשטאַנדע זיין צו שאַפען אַזאַ „נאָראַ", ווי די קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ — ניט מיט איהרע קליידער, ניט מיט איהרע בענעהמונגען, ניט מיט איהר האַלטען זיך, ניט מיט איהר פּאָזירען, ניט מיט איהרע בעטאָנונגען האָט זי געקענט צייגען אויף איין אויגענבליק, אז זי איז א קלוגע שוישפּיעלערין, א געניטע קינסט־לערין, — זי איז געווען די איינפאַכע, לעבעדיגע, נאַטירליכע „נאָראַ".

ניט די „נאָראַ", וועלכע קען זיין פערשטענדיג דעם גלענצענדען פראַנצויז אָדער דעם אין קונסט ראָמאַנטישען אַנגלאָזאַקס, נאָר די צו פרייהייט שטערבענדע נאָראַ, וועלכע קען געגליכען ווערען, לעבען און קעמפּפען אין סקאַנדינאַוויען אָדער אין רוסלאַנד, — די נאָראַ וועלכע קען פערשטענדליך זיין נאָר דעם, וואָס האָט געוואָהנט צוזאַמען מיט נעקראַסאָוו'ס „רוסישע פרויען", און האָט געדענקט וועגען די פרויען טיפען, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען פון די גרויסע סקאַנדינאַווישע דיכטער, און האָט פערשטאַנען זייערע שטרעבונגען און געפיהלט זייערע ליידען... זשעניאַליטעט איז איינפאַך. דער איינפאַכער מענש אָבער, רעכענט איינפאַכקייט זעהר ביליג. ער שעצט דוקא הויך דאָס קאָמפּליצירטע... קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ איז איינפאַך, זי שפּיעלט ניט, זי קינצעלט זיך ניט און דאָס מאַכט זי פאַר היגע טהעאַטער געהער ניט פערשטענדיג... זי שפּיעלט ניט, זי שרייט ניט, מאַכט ניט קיין טראַגיש געזיכט ווען זי טאַנצט אין צווייטען אַקט די טאַראַנטעלע. אָהן ווערטער ריהרט זי אייך. זי דערצעהלט אייך גאָרניט און איהר פיהלט די גרויסע טראַגעדיע וואָס שפּיעלט זיך אָב אין דעם מאָמענט אין דער צואווייטאָגטער זעעלע פון דיעזער ערוואַכטער יונגער פרוי, און איהר וויינט...

נור די קונסט איז גרויס, וועלכע איז איינפאַך און נאַטירליך ווי די נאַטור אליין, וועלכע זי רעפּראָדוצירט...

קאמיסארזשעווסקאיא און בראוויטש אין איבסענ׳ס „בוימייסטער".

בוימייסטער סאָלענס האָט זיך אויפגעבויט אַ היים מיט שעהנע זאַלען, מיט דריי ליכטיגע צימערן פאַר קינדער, מיט אַ הויכען, זעהר אַ הויכען טורם, וועלכע זאָל איבערשטייגען אַלע אַנדערע געביידעס פונ׳ם סאָציאַלען לעבען. ער איז ארויף מיט אַ זיעגער־קראַנץ אויף דיע־זען וואונדערשעהנעם טורם, וועלכער האָט געשטרעבט הויך צו הימ־לען און... איז פון דעם טורם ארונטער געפאַלען אַ צושמעטערטער, אַ צוריבענער אויף אַש. ער האָט געמוזט צושמעטערט ווערען, זיינע שעהנע ליכטיגע זאַלען מיט׳ן הויכען טורם האָבען געמוזט בלייבען לעער, ווארום ער האָט ניט געהאַט קיין היים, קיין פאַמיליען־לעבען, קיינע קינדער, קיין ליעבע, קיין פערבינדונג, קיין צוועק, קיין העכערע אידעע, קיין היים־גאָט, וועלכער זאָל אין דעם בית המקדש וואָהנען!
דער בוימייסטער ליגט אין שטויב אַ טויטער און די שעהנע געביידע פונ׳ם „היים" שטעהט לעדיג... ניטאָ קיין היים ביי׳ם בוימייסטער אליין, אָהן אַ היים זיינען אויך די, פון וועלכע דער בוימייסטער האָט געבויט שעהנע הייזלעך און וואונדערבאַרע ווילאַס... די איינפאַ־כע אַלטע, אמת׳ע, הייליגע, געמיטהליכע, וואַרעמע צוזאַמענבונדענע היים איז פערברענט געוואָרען, און די נייע היים, אין וועלכע שעהנע פאָרמען מע זאָל ניט איינפאַסען, איז דאָך ניט מעהר ווי אַ ליגען, אַ פאַלשקייט, אַן אונזיננינע, אָבגעלעבטע געוואָהנהייט. דער היינטיגער מענש, דער עגאָאיסט, דער פראַקטיקער, דער מייסטער פון בויען, דער מאַטעריאַליסט, דער הכם צו מאַכען פאַר זיך אליין אַ וועג, — דער דאָזיגער מענש, וועלכער לעבט אָב זיינע בעסערע יאָהרען אין דרויסען אָהנע צו לעבען מיט אַ אינערן לעבען, — דער מענש האָט קיין היים

ניט. זיין אַלטע היים איז חרוב געוואָרען און קיין נייע פאָרם פון קיין היים איז נאָך ניט ערפונדען געוואָרען.

ווען מע האָט א גאָט, בויט מען פאר איהם א טעמפעל. ווען אָבער דער גאָט איז אַרונטערגעוואָרפען געוואָרען פון זיין הויכען אידעאַלען פעדעסטאַל, ווען קיין גלויבען איז ניטאָ מעהר, ווער, אויסער א ליגנער און א היפּאָקריט, וועט געהן דעם דאָזיגען פערניכטעטען גאָט בויען א טעמפעל מיט א מזבח? ... בוימייסטער סאָלנעס, א קינד פון דאָרף, א זוהן פון נאאיווע בויערן האָט אמאָל אויך געהאט דעם נאאיוועז אויפריכטיגען גלויבען פונ'ם דאָרף־מענשען און האָט מיט ליעבע גע־בויט שעהנינקע, ווייסע, קליינע קירכען מיט הויכע טורמס. איין מאָל אין זיין לעבען האָט ער זיך אויפגעהויבען אויף דעם הויכען קירכען־טורם און האָט פון דאָרטען געדראָהט צו די הימלען... ער וועט ניט בויען מעהר קיין הויכע טורמס צו דעם גאָט אין וועלכען ער גלויבט ניט מעהר... ער וועט בויען פאר מענשען א היים מיט הויכע טורמס... אין דער היים דאַרף זיין די גאָטהייט... קיינער אָבער האָט אין דער וואָכעדיגער היים ניט געזעהן קיין הייליגקייט, קיינער האָט ניט גע־גלויבט, אז די וואולגארע געמיינליכע פאַמיליענפערהעלטניסע פונ'ם פאַמיליען־לעבען וועלען פערעדעלט און פערפיינערט ווערען, אויב מע וועט די דאָזיגע ליגען און פאַלשקייט אריבערטראָגען אין א טעמפעל מיט א הויכען טורם... דער בוימייסטער אליין האָט דעם גלויבען ניט געהאט און ער איז אַרונטערגעפאַלען.

דער בוימייסטער סאָלנעס איז זעהר אַן אינטערעסאַנטע פערזענ־ליכקייט פאר אונז — מענשען פון א נערוועזער פסיכאָפּאטאלאָגישער וועלט, וועלכע איז פול איצט מיט סאָציאַלע מענשען, אינדיווידועלע מענשען, איבער־מענשען, אונמענשען... סאָלנעס איז דאָס, וואָס מיר רופען אין אמעריקא „א סעלף מייד מען“... א מענש וואָס האָט מיט זיינע אייגענע פערהיגקייטען און אייגענע ענערגיע געמאַכט זיך א קאַריערע. ער האָט פיעל געקעמפּפט און געליטען אום צו ערפילען זיין אַמביציאָן און ער האָט וועניג געהאט צייט און מעגליכקייט צו לער־נען, צו ענטוויקלען פאר זיך א פילאָזאָפישע קלאָרע און בעשטימטע וועלט־אַנשויאונג. ער האָט ניט קיין בעשטימטע געזעלשאַפטליכע אי־דעאַלען, ווייל ער איז צופיעל פערנומען מיט זיך אליין. דער קאַמפּף פאַר דאָס דא־זיין האָט אין איהם אונטערדריקט אַלע אַלטרואיסטישע

געפיהלע, — ער איז א הארטער עגאאיסט. ער איז א מענש מיט מאכט. אבער אלס נארוועגער, אלס א קינד פון די בערג, האט ער אין זיך א בארג־גייסט, א טראל, א צושטערער, אן עלעמענט, וואס שוואכט אין איהם אב דאס מענשליכע און שלעפט איהם צוריק צו דאס נאטירליכע... דורך דעם ווערט אבגעשוואכט זיין ווילען. אם ווענינסטען, אזוי מיינט ער סאלנעס אליין. ער האט געהאט אין זיך א קראפט צו בעהערשען און צו זיעגען. ער האט געגלויבט אין זיך און איז איבערציינט, אז א שטארקער ווילען קען בעאיינפלוסען שוואכערע וויללענס, אז אין דער מענשליכער טהעטיגקייט שפיעלט א גרויסע ראלע דאס, וואס מיר רופען סוגזשעסציאן, בעאיינפלוסונג... דעם שטארקען מענשען מיט׳ן מעכטיגען גייסט העלפען שוואכע גייסטער, אונטערווארפענע ספירימועלע מעכטע, וועלכע ערפילען ניט ווילענדיגערהייד וואס דער שטארקער ווילען—ו ו י ל... ווי אלע „אליין געמאכטע מענשען״ האט ער צופיעל צוטרויען צו זיך און צו זיין איינפלוס, מאכט דאן, ווען ער האט ערפאלג, און איז מגזם זיין אייגענע שוואכקייט און אונפעהיגקייט דאן, ווען דער ערפאלג קעהרט זיך פון איהם אב. ער האט אין זיך נאך געגנוג „היפנאזוענמאכט״ צו פאראליזירען דעם ווילען פון א שוואכע מיידעל קאיע, אבער ער פאלט אריין באלד אונטער דעם איינפלוס פון דער שטארקער יוגענדליכער הילדע. אין דער פעריאדע פון זיין לעבען, ווען מיר זעהען איהם, איז ער שוין א פאלקאמען פסיכאפאטאלאגישער סוביעקט. ער האט מורא פאר דער יוגענד, וועלכע וועט איהם אראפשטויסען פון וועג, אזוי ווי ער האט אין זיין צייט געשטויסען פון וועג „די אלטע״... איהם ווייזט זיך אויס, אז זיין ווייב און זיין הויז־דאקטאר האלטען איהם פאר א גייסטיג געשטערטען מענשען... ער שרעקט זיך פאר די געהיימע גייסטער אין וועלכע ער האט אליין געגלויבט, ער האט מורא פאר דער מאכט פון איינפלוס, וועלכע ער האט אליין בענוצט. קיין בעפרידיגונג אין דעם וואס ער האט געשאפען האט ער ניט, ווייל דאס שטיקעלע אידעאלע וואס איז געלעגען אין זיין עגאאיסטישע טהעטיגקייט, דער געדאנק צו בויען א היים פאר מענשען, איז געוועזן ניט מעהר ווי א ביטערער טעות. אין דער ווירקליכקייט האט ער אליין פאר זיך ניט געקענט שאפען קיין היים און ניט געקענט עראבערן קיין גליק. קיין פילאזאפישע אנשויאונג, וועלכע זאל איהם געבען טרויסט און ערקלערען די נויטווענדיג־

קייט און געזעצליכקייט פון די ערשיינונג האט ער ניט געהאט, דעם נאאיווען דארפישען גלויבען האט ער אויפ'ן הויכען טורם פערלארען, און ער איז געפאלען א צובראכענער.

אלינא, זיין ווייב, קען אנגענומען ווערען אלס א ריכטיגער סימבאל פון דער אלטער אמאליגער היים. זי איז אייפערזיכטיג צו יעדען, וואס קען ביי איהר אוועקנעהמען דעם הערשער פון דער פאמיליע, און בע־האלטען איהם פאר זיך אליין האט זי ניט קיין מיטלען און קיין לעבענס־פעהיגקייטען. זי איז א פרעמדע אין די נייע געבארענע אומשטענדען. זי איז די קראנקע, בענקענדע, ליידענדע פערגאנגענהייט אין דער עפאכע פון א וואקלענדער געגענווארט און אין א נעבעל פערוויקעלטער צוקונפט. די קראנקע אלינא בענקט ניט נאר איהרע אבגעשטאר־בענע קינדער, זי בענקט נאך אזעלכע קינדישע און ווי מיר מיינען גאנץ אונבעדייטענדע זאכען, ווי די ליאלקעס מיט וועלכע זי האט זיך גע־שפיעלט אין דער יוגענד, די אלטע זיידענע קליידער אין וועלכע די עלטערבאבעס זיינען געגאנגען צו דער חופה, די בילדער פון די אלטע מיטגליעדער פון דער משפחה... זי בענקט נאך דעם אלעמען, ווייל דאס האט געשאפען די אטמאספערא פון דער אלטער היים, דאס האט דער אמאליגער היים געגעבען איהר אייגענטהימליכקייט.. דאס אלטע, דאס שטארקע, דאס בעל־הבית'שע, דאס היימליכע — דאס אלעס האט דער פייער צושטערט, און קיין נייעס איז ניטא...

דאס נייע, דאס צוקינפטיגע פארמירט זיך שוין שטילערהייד, עס ווערט געשאפען דאס קומענדע, עס קלאפט שוין אין דער טהיר פון דער געגענווארט... אבער וואס דאס איז, ווייסען מיר נאך ניט און זיין אמת'ן געשטאלט קענען מיר נאך ניט זעהן... הילדא קלאפט אין טהיר... איהר שטימע איז נאך ניט דייטליך, איהרע פאדערונגען נאך ניט קלאהר אויסגעדריקט... אבער מיר הערען שוין פון איהר, אז א מענש דארף ניט זיין צושפאלטען. די פראזע, דאס ווארט פונ'ם היינטיגען מענשען דארף פערביטען ווערען מיט דער טהאט. ווארט און טהאט דארפען זיין איינס. גליק גיט ניט נור דאס הויז וואס איז גע־בויט פון מאטעריעלע שטיינער, נאר אויך די לופט־שלעסער געבויט פון הויכע אידעאלען און שעהנע פאעטישע שטרעבונגען. דער ווילען דארף זיין פריי. די ארומיגע אלטע רואינען פון דער געזעלשאפטליכער עפענטליכער מיינונג דארפען ניט שטערען דעם מענשען געהן צו זיין

גליק. אין איהר, אין דער יוגענד, אין הילדע׳ן זיצט נאָך אויך א טראַלל, אָבער זי זעהט דעם טריאומפף פונ׳ם מענשען אין דעם וואָס ער וואגט צו געהן אין דער הויך. שטאַרבען פאַלענדיג פון דער הויך, ניט ליגענדיג אין דער ניעדער. זי האָט פיינט דאָס פיעל געפרייזטע און פערהייליגטע וואָרט „פליכט”... א וואָרט פון וועלכען היפּאָקריטען נעהען זיך א מאַנטעל און פּאָליטיקער בויען דאָס „געזעצליכע” לע־בען. זי וויל, אז אַנשטאָט פליכט, וועלכע פּאַראַליזירט דעם אינדיווידוע־לען ווילען, זאָל זיין א מאָטיוו פון א געדאַנק און וואַרעמקייט פון ליע־בע... יא, הילדא קלאַפּט אין טהיר. הילדא קומט... מיט איהר היל־פע וועט אמאָל געבויט ווערען די נייע היים...

צווישען די אקטען און געהענדיג אהיים האָב איך געהערט, ווי מען פערגלייכט קאָמיסאַרזשעווסקאַיא׳ס הילדא מיט דער הילדא פון אַן אַנדערע רוסישע שוישפּיעלערין, וועלכע שפּיעלט יעצט אויף דער ענגלישער ביהנע. אזא צוגלייכונג איז א פּראָפאַנאציאָן, א לעסטערונג!.. פאַר׳ן אויג ניט די ענגליש־רוסישע אַקטריסע פיעל, פיעל מעהר. זי שפּיעלט נאַרא ווי א קאָקעטקע און הילדא ווי א סוברעטין. דאָס קען מעהר דעם היגען פּובליקום געפעלען ווערען. אויסערדעם איז זי יונג, שעהן, ממזר׳יש, קליידעט זיך מיט עכט ווייבערשען שכל. קאָמיסאַר־זשעווסקאַיא האָט ניט קיין ווייבערשען טאַלענט צו קליידען זיך זי איז ניט גראַציעז, זי גרימירט זיך ניט... עס הענגט אויף איהרע יעדע זאַך, זאַגאַר די פאַריקע... אָבער קאָמיסאַרזשעווסקאַיא שפּיעלט ניט פאַר׳ן אויג, זי שפּיעלט פאַר׳ן העכערען געדאַנק... ווען זי שפּיעלט הילדא איז דאָס ניט א לייכטזיננינגע מיידעל, וועלכע האָט א קאַפּריז דער בוימייסטער זאָל זיך ברעכען דעם נאַקען... מען זעהט אין איהר שפּיעלען א נאָבעלע, עדעלע מיידעל, וועלכע סימבאַליזירט א גרויסע אידעע, מען זעהט די יוגענד, וועלכע וויל די געגענוואַרט זאָל שטאַר־בען מיט א הערליכען טויט. מען זעהט א פרוי, וועלכע האָט א ליע־בענדעס הארץ און א פרייען ווילען, מען זעהט א געשעפּף, וואָס דענקט און פיהלט און שטרעבט! קאָמיסאַרזשעווסקאַיא איז ניט דער שעהנער קערפּער, ניט דער גוף פון שוישפּיעל קונסט, זי איז די עדעלע נשמה פון

קונסט, די ערדלע זעעלע, די גרויסע גאָטהייט, וועלכע בלייבט גרויס, מעכטיג און הייליג אין וואָס פאַר אַן אָרעמען טעמפּעל מען זאָל דיעזע גאָטהייט ניט שטעלען! עס איז ניטאָ, עס איז ניט געוועזן און איך ווייס ניט, אויב עס וועט זיין אַן אַרטיסטין, וועלכע וועט קענען מיט אַזוי פיעל קראַפט און שעהנקייט, מיט אַזוי פיעל אמת'ען פּאַטהאָ'ס און וואַרהייט, מיט אַזוי פיעל ערהאַבענהייט און גרויסקייט דורכפיהרען דעם דריטען אַקט פון „בוימייסטער”, ווי די קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ...

צוזאַמען מיט איהר האָט דער צושויער געזעהן ווי דער פערהיפּ־נאָטיזירטער בוימייסטער שטייגט אַלץ העכער און העכער אויף זיין טורם, צוזאַמען מיט איהר האָבען מיר געפיהלט די טראַגעדיע פון זיין פאַלען. און צוזאַמען מיט איהר האָבען מיר מיט בעגייסטערונג אויסגע־שריגען: „איך האָב געהערט האַרפען אין דער הויך! מיין, מיין בוי־מייסטער!”

בראַוויטש איז ניט געוועזן בראַוויטש נעכטען, ער איז געוועזן בוי־מייסטער סאָלנעס! איך האָב געלעזען פיעלע ביכער איבער איבסענען, איך האָב געלעזען הונדערטער פירושים אויפ'ן בוימייסטער, איך האָב זיך בעקאַנט געמאַכט מיט פיעלע ערקלערונגען, איך האָב געהערט פיעל קשיות און שאלות. בראַוויטש האָט געגעבען צו פערשטעהן וואָס דער בוימייסטער איז, בעסער פון אַלע קריטיקער און געלערנטע; ער האָט פערענטפערט אַלע קשיות און פראַגען געשיקטער פון אַלע איבסעניס־טען און ליטעראַטור־קענער, ער האָט ערקלערט דעם טיפּ פונ'ם בוי־מייסטער דייטליכער און קלעהרער פון איבסענ'ען אליין!... וואויל איז צו דעם דיכטער, וואָס קריגט אַזעלכע קאָמענטאַטאָרס פאַר זיינע ווערקע ווי בראַוויטש איז. עס איז אַן עהרע פאַר בראַוויטשען צו שפּיעלען איב־סענען, עס איז אָבער ניט קיין קלענערע עהרע פאַר איבסענען געשפּיעלט צו ווערען פון בראַוויטשען! בראַוואָ בראַוויטש!

„דאס לעבען פון א מענשען".

א פאָרשטעלונג אין פינף בילדער מיט א פראָלאָג. פון לעאָניד אנדרעיעוו.

אנדרעיעוו'ס „לעבען פון א מענשען" גיט מיר די געלעגענהייט צו זאָגען א פאָר ווערטער וועגען דעם טויט פון אן אלטען גוטען פריינד. אין איינעם און דעמזעלבען טאָג איז מיר אויסגעפאלען איבערצולעבען צוויי שווערע, דריקענדע פאָרשטעלונגען: אין דער פריה די לויה פון א פריינד, אבענדס דאָס ווערק פון אנדרעיעוו'ן געשפּיעלט פון קאָמי־סארזשעווסקאיא'ס טרופּע.

מיינער אן אלטער גוטער פריינד איז געשטאָרבען. א שטילער מענש געווען, אן עהרליכער, א רוהיגער, א שוויינענדער. ביז די לעצטע מינוט פון זיין לעבען האָט ער געקעמפּפט שווער פאר זיין לעבען און האָט געשוויגען. א שרעקליכע קראנקהייט האָט איהם פערפאָלגט, ער האָט געליטען און געשוויגען. נאָכדעם האָט ער שטילערהייד צוגעמאַכט זיינע אויגען און איז אנשוויגען געוואָרען אויף אייביג... ווי זאָגט לעאָניד אנדרעיעוו: „ער איז געקומען פון דער פינסטערער נאכט און איז צוריק אין דער פינסטערער נאכט פערשוואונדען געוואָרען".

איידער די דעקעל פונ'ם ארון האָט צום לעצטען מאָל פערדעקט זיין בלאסען, טויטען פּנים, האָב איך נאָך אמאָל א קוק געטאָן אויף איהם, און די אלטע, אלטע שמערצליכע פראגע האָט מיך אָנגעהויבען צו פּלאָגען: ווער האָט געדארפט, ער זאָל קומען אויף דער וועלט און זאָל צוריק פון דער וועלט אוועקגעהן? ווער האָט געדארפט, ער זאָל קעמפּפען און ליידען, ער זאָל לעבען און שטארבען, קומען פון דער פינסטערנים צו פיהרען דאָ „דאָס לעבען פון א מענשען" און אוועקגעהן צוריק אין דער פינסטערער נאכט? ווער? אויף די פראגען האָט לעאָניד

אנדרעיעוו זיך אונטערגענומען צו ענטפערן אין זיין ווערק. אויף דער פראגע: ווער? ענטפערט אנדרעיעוו: ער! דער אונבעקאנטער, דער געהיימניספאלער, דער פערבארגענער אונטער א שווארצען מיסטישען שלייער, דער, וואס איז בעדעקט מיט דעם גרויען מאנטעל פון דער אייביגער צייט, א גרויסער, א מעכטיגער, אן אונזיכטיגער, א אונפערשטענדליכער, אן אונפערמיידליכער, א גלייכגילטיגער, אן אונבעוועגליכער, ניט פיהלענדער, אויסער אונז עקזיסטירענדער, וועלכער האלט אין זיינע לאנגע קאלטע הענד דאס ליכט פון אונזער לעבען... ווער איז ער? דער שיקזאל? די נאטור? גאט?...

אנדרעיעוו רופט אן זיין ווערק „א פארשטעלונג". עס איז ניט קיין דראמא, ניט קיין קאמעדי, ניט קיין לעבענס־בילד, ניט קיין היסטארישע טראגעדי, עס קומט פאר אין אלע היסטארישע צייטען און אין דער געגענווארט, עס געשעהט אומעדום, וואו עס זיינען דא מענשען, — עס איז א „פארשטעלונג" פון דעם מ ע נ ש ע נ ס לעבען... דיעזע פארשטעלונג איז א שווערע, הערצרייסענדע, דריקענדע לויה. עס איז ניט די לויה פון איין פריינד, נאר די לויה פונ'ם מענשען בכלל. אנדרעיעוו פיהרט צו דער לויה ניט דעם מענשען נאכ'ן טויט, נאר דאס לעבען פונ'ם מענשען... יא, עס איז די לויה פון דעם היינטיגען צוקרענקטען און צו־וועהטאגטען מענשען, די לויה פון אלע זיסע האפנונגען און פאעטישע טרוימעריייען, די לויה פון יעדען קאמפף פאר אידעאלען און פון אלע נאבעלע שטרעבונגען. אין דיעזער „פארשטעלונג" זעהט איהר אויך, די לויה פון דער אמאליגער שטראהלענדער רוסישער ליטעראטור. די לויה פון גאגאל'ס לעבעדיגע מענשען און טורגעניעוו'ס ליכטיגע בילדער. פינסטער איז אין דער זעעלע פונ'ם דיכטער אנדרעיעוו, גראדע אזוי ווי עס איז פינסטער אין זיין גרויסער היימאטה ווייט ארום איהם. דער אונבעקאנטער אין גרויען שטעהט אין פאדערגרונד. לעבען איהם זיינען נאר פיער איילען בעלייכטעט פון דעם מענשענ'ס איינגענע לעבענס ליכטעל. און ארום איז א שרעקליכער תהום פון פינסטערניס, א שטיל־שווייגענדער אקעאן פון דונקעלען מיסטיציזמוס. א דונקעלעס בילד, א פעסימיסטישעס בילד, אבער א גרויסעס בילד, געמאהלען פון א גרויסען מייסטער, וועלכער האט א קראנקע זעעלע און א פערדונקעלטען געדאנק.

„מעמענטא מארי!" געדענק, אז דו דארפסט שטארבען. אמאל

אין די אַלטע צייטען אויף די גרעסטע הוליאַנקעס און שמחות ווען אַלע תאוות און ווילדע אינסטינקטען פלעגען ווערען צוקאָכט פון שכרות, ליידענשאַפטליכע טענץ און רייצענדע מוזיק, פלעגט מען וויי־זען א שאַרבען פון א טויטען מענשען... אַנדרעיעוו׳ס פּיעסע איז א „מעמענטאָ מאָרי!״ אין אונזער צייט, ווען דאָס טהעאַטער גיט נאָר לייכטע, פאַלשע, אינהאַלטסלאָזע, אונזיננינע, די לוסט און תאוה וועקענדע, ציניש פאַרשטעלונגען, האָט געמוזט אַלס א פּראָטעסט, אַלס א געגענזאַץ געבראַכט ווערען אַזא מין ארט דראַמאַ, וועלכע זאָל האָבען די בעדייטונג און די ווירקונג פון א טויטען קאָפּ... א פּאַר־שטעלונג מיט א בעלערענדען, ניכטערענדען אינהאַלט, וועלכע זאָל דערשרעקען דעם מענשענס פאַנטאַזי און אויפוועקען זיינע געדאַנקען... דער אונגעוועהנליכער ערפאָלג פון דער „לוסטיגער וויטווע״ ברענגט אויף דער ביהנע „דאָס לעבען פון א מענשען״. די טויזענדער ליגען פון ראָמאַנטיזמוס, מיט וועלכער דער מענש נאַרט זיך אָב, האָבען געמוזט ברענגען די גרויזאַמע ווירקליכקייט. די נאַקעטע, פון סעקרעטנע חלאַת׳ן צופוילטע ווענוס האָט ארויסגערופען דעם מלאך המות. אַמאָל, אין דער צייט פון א פּעסט, ווען דער מלאך המות האָט געטראָגען צו די מענשען טויט, פערצווייפלונג און שרעק, האָט באָקאַטשיאָ געבראַכט לוסטיגע, שעהנע פּיקאַנטע ערצעהלונגען פול מיט ליעבע, פרייד און לעבענסלוסט. אין דער צייט אָבער, ווען דאָס לעבען איז א ווילדע וואַקחאַנאַליע, אַן אָרגיע, וואו אַלע זיינען בערוישט, בעטויבט און פער־שיכורט פון גרויזאַמען עגאָאיזמוס, פון ווילדע אינסטינקטען, פון ניעד־ריגע לוסט, — אין דער צייט פיהרט דער דיכטער ארויף אויף דער ביה־נע דעם שרעקליכען אונבעקאַנטען אין גרויען מאַנטעל, צו דערמאָנען וועגען דעם טויט און צווינגען צו דענקען וועגען די אונזיננינקייט פונ׳ם לעבען. דערפאַר זאָגט דער אונבעקאַנטער אין גרויען אין פּראָלאָג פון דער פאַרשטעלונג: „זעהט און הערט, איהר, וועלכע קומען אהער לאַכען און אַמוזירען זיך! פאַר אייערע אויגען וועט פאַראיבערגעהן דאָס לעבען פונ׳ם מענשען, מיט זיין דונקעלען אָנפאַנג און דונקעלער ענדע״. „מעמענטאָ מאָרי!״

מיט גרויסע שמערצען און שווערע וועהען ווערט דער מענש געבוירען אויף דער וועלט. מיט דער מוטער׳ס טויט ווערט געקויפט דאָס נייע לעבען. א קינד ווערט געבוירען און א נייע ליכטעל צינדעט

זיך אָן אין דער האַנד פון דעם גרויען אונבעקאַנטען. אַ גרויסער, געהיימניספאָלער אַקט פון דער נאַטור געשעהט, און אין דערזעלבער צייט רעדען די אַרומיגע מענשען פון דומהייטען, קליינליכקייטען, ענגאַ־ איסטישע אינטערעסען. דעם נייגעבאָרענעם מקבל פנים צו זיין זיינען געקומען די אַלטע דאַמען: קנאה, שנאה, גייציגקייט, נויט... דער פאָטער פונ׳ם קינד פערגעסט די שרעקליכע שמערצען פון זיין געליעבטע פרוי, ווי באַלד ער ערפאַהרט נאָר, אַז דאָס נייע געבאָרענע קינד איז עהנליך צו איהם. דאָרטען שטאַרבט די מוטער, און דער דאָק־ טאָר פערגעסט דערוויילע ניט צו דערמאָנען, אַז איהם קומט מעהר געלד, ווייל ער האָט גענומען דאָס קינד מיט אַ צוואַנג...

נאָכדעם איז דאָס קינד שוין אַ יונגער מענש. דאָס איז דער איינ־ ציגער ליכטיגער מאָמענט אין דיעזען דונקעלען בילד... אָבער עס איז ניט דערפאַר ווייל אין דעם יונגען מאַנ׳ס לעבען איז ווירקליך דאָ ליכט, און פרייד, און גליק. ניין! עס איז נאָר אַזאַ פעריאָדע, ווען דער מענש קען זיך אַליין אָבנאַרען, קען זיך בענוגענען מיט אַ אויסגע־ טראַכטער פרייד... עס איז אַ אילוזיאָן געבוירען פון אַ פאַנטאַזי... דער מענש איז גליקליך, ווען ער בויט זיך אַ פּרעכטיגען שלאָס אין דער לופטען... אָבער אין זיינע מיטעלע יאָהרען, ווען ער האָט שוין דעם פּרעכטיגען שלאָס מיט פופצעהן צימערן אין דער ווירקליכקייט, דאַן האָט ער שוין ניט קיין צופריעדענהייט און קיין פרייד. אמת, אין דער יוגענד רעוואָלטירט דער מענש, ער פּראָטעסטירט געגען דעם אונבעקאַנטען אין גרויען, ער קעמפּפט. אָבער דאָס איז אויך נאָר אַ אילוזיאָן... דער אונבעקאַנטער ריהרט זיך ניט פון אָרט, ענדערט זיך ניט, ווערט ניט אַנדערש... דעם מענשענ׳ס הייסע רייד, זיין פּראָ־ טעסט, די קלעפּ פון זיין קעמפּפענדען שווערט פאַלען אין דער פינס־ טערער וויסטעניס. און די מנורה פונ׳ם מענשענ׳ס לעבען ווערט ברע־ נען זאָלאַנג עס איז דאָ בוימעל. קיין איין אויגענבליק ניט לענגער. די פינסטערניס אַרום בלייבט אויך דיזעלבע... זי איז אונבעוועגליך, ווי דער מענש אין גרויען. עס קומען יאָהרען, ווען דער מענש פערנעהמט אַ געוויסען פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. ער פערגעסט די פּאָעטישע פער־ גאַנגענהייט און די פּראָזאאישע צוקונפט. ער געהט שטאָלץ אויפ׳ן באַל פון זיין לעבען. מיט איהם געהען דעם מענשענ׳ס פריינדע, די גרויסע זשעניען, די לערער דער מענשהייט. איהם פּאָלגען נאָך די

פּיינדע דעם מענשענ'ס,—פּינסטערלינגע, צושטערער פונ'ם מענשענ'ס גליק און מענשענ'ס פרייהייט... נאָכדעם קומט די פּעריאָדע פונ'ם מענשענ'ס לעבען ווען אַלעם איז אַרום פּוסט און לעער, ווען אין זיינע פּופּצעהן צימערן שפּאַצירען אַרום די פערגיכטונגס-קרעפּטע, די מייז און מיאוסקייטען, ווען די געגאַנווארט קען איהם גאָר גישט ניט געבען, אויסער ערגערונגען, אויסער קינדישע שפּיעל געצייג... נאָכדעם קומט דעם מענשענ'ס לעצטע טרויעריגסטע צייט פון לעבען. קיין ליעבע, קיין לעבענסבעגלייטערין, קיינע אילוזיאָנען, קיינע זיסע חלומות... ער זעהט, אַז די וועלט אַרום איהם איז אַ דונקעלער קאַבאַק... אַ געמיינער שיינקהויז. אַרום איהם געפינען זיך די אַרויסגעוואָרפענע, די ערניעדריגטע, די בערויבטע, די, וואָס האָבען פערלאָרען זייער לעבען, זייער זינען, זייער מענשליכען געשטאַלט. אַרום איהם איז אַ משוגענע, אָבגענאַרטע, קראַנקע, וועלט אַ צופוילטע פון קראַנקהייטען און שמערצען... דער בוימעל פון זיין לעבענסלאַמפּ איז אויסגעברענט און דאָס ליכט גיט אַ לעצטען פלאַמער־אויף, און ווערט פערלאָשען... און אַרום בלייבט ווידער די אייביגע פינסטערניס. אַלעס פערשווינדעט אין דעם דונקעלען תהום, עס בלייבט נור שטעהן דער שרעקליכער אונבעקאַנטער אין גרויען... ער בלייבט שטעהן אונבעוועגליך, ווי ער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט, פונ'ם מענשענס לעבען און ווי ער וועט בלייבען שטעהן אייביג... איהם ריהרען ניט דעם מענשענס געבעט און שרעקט ניט דעם מענשענס פּראָטעסט, איהם פרעהט ניט דעם מענשענ'ס פרייד, און קימערט ניט דעם מענשעס טרויער. ער בלייבט ביז דעם סוף פון דער וועלט אַ בלינדער, אַן אונבעוועגליכער, אַן אונפערמיידליכער, אַן אונערקלערליכער...

יאָ, מע דאַרף אַמאָל געהן אויף אַ לויה, אום מע זאָל ניט פערגעסען די אויפגאַבע פונ'ם לעבען, מע דאַרף אַמאָל ווייזען דעם פערשכור'טען מענשען דעם שאַרבען פון אַ טויטען, אום ער זאָל זיך אַביסעל אויסניכטערען... אָבער דאָס לעבען פון אַ מענשען איז ניט אַ לויה... די לויה קומט ווען דער מענש הערט אויף צו לעבען... עס איז דאָ לעבען, טהעטיגקייט, קאַמפּף, ליעבע, שטרעבונגען, האָפנונגען, די שעהנקייט פון דער נאַטור... אויב דאָס לעבען פון אַ ראָזע, וועלכע בליהט אויף אין מאַי און שטאַרבט אין יוני — אויב דאָס לעבען פון אַ ראָזע

רופט אַרויס אונזער בעגייסטערונג און בעוואונדערונג, היינט ווי שעהן און ווי הערליך איז דאָס לעבען פון אַ מענשען, וועלכעס ציהט זיך צעהנדליגער יאָהרען און וועלכעס איז פול און רייך מיט געשעהעניסען און פּאַסירונגען!... פערגלייכט די טויטע ראָזע מיט דעם מענשען, וואָס דענקט און פיהלט און שטרעבט! עס איז ניט וואהר, אַז דער שיקזאַל פון'ם מענשען בלייבט אימער דערזעלבער, אונפערענדערט. דער מענש נעהמט אַלץ מעהר און מעהר אָב פון'ם בלינדען שיקזאַל זיין אייגענעם גורל און ריכטעט אַלץ מעהר איין זיין לעבען נאָך זיין אייגענעם בעגעהר... דער פּלאַץ פון'ם מענשענ'ס לעבען בלייבט ניט אימער דיזעלבע „ד' אמות" בעלייכטעט נאָר מיט זיין סוביעקטיווען ליכט, און אַרום איהם בלייבט ניט דיזעלבע אייביגע אונבעוועגליכע פינסטערניס. אַ טעות! דער מענש טרייבט די פינסטערניס אַלץ ווייטער און ווייטער פון זיך, ער נעהמט ביי איהר אָב גאַנצע פּראָווינצען, ער בעלייכטעט מיט זיין געדאַנק גאַנצע געגענדען... זאָגאָר דער שרעקליכער גרויער אונבעקאַנטער בלייבט ניט שטעהן אויף זיין אָרט אונבעוועגליך, דער מענש רוקט איהם אַלץ ווייטער און ווייטער אַרויס פון די ספערען פון זיין לעבען און בעלייכטעט „איהם" אַליין מיט דעם ליכט פון זיין פאָרשענדען גייסט. דער מענש קריגט אַלץ מעהר און מעהר מעגליכקייטען צו מאַכען זיין לעבען גליקליכער, רוהיגער, שעהנער... אויב די דאָזיגע מעגליכקייטען ווערען יעצט גערויבט פון איהם דורך זיינע מיטמענשען, דאַרף ער פאַר זיי קעמפפען! קעמפפען פאַר זיין גליק און שטרעבען צו העכערען פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. דאָס איז די אויפגאַבע פון'ם לעבעדיגען מענשען. די לויה איז נור פאַר די טויטע! אַנדרעיעוו זיצט אויפ'ן בית עולם און מיינט, אַז ער איז אויפ'ן גרויסען פעלד פון לעבען.... פערפלוכט זאָל זיין די צייט, וועלכע צווינגט אַ בעגאַבטען דיכטער צו זיין אַ קברות מאַן! עס לעבען דאָס לעבען!

„גאָט פון נקמה".

געשפּיעלט פון קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ'ס טרופּע.

ווער איז דער מורא'דיגער גאָט פון נקמה? איז דאָס דער מעכטיגער אידישער גאָט, וועגען וועלכען עס שטעהט געשריבען: פּוקד עון אבות על שלשים ועל רבעים — אַ גאָט וואָס בעשטראָפט דעם דריטען און פערטען דור פאַר די זינד פון די עלטערען? אָדער זיינען דאָס די אונפערמיידליכע געזעצע פון ערליכקייט, — די דאָזיגע גרויסע נאַטור געזעצע, וועלכע טראָגען אריבער מיט'ן בלוט פון די עלטערען שרעקליכע פאָלגען פאַר די אונשולדיגע קינדער? אָדער זיינען דאָס די אייזערנע אומשטענדען, וועלכע, ווי באַלד זיי כאַפּען נור אריין אַ קרבן, וועלען זיי שוין שטויסען איהם ווייטער און טיעפער אין אָבגרונד, געגען זיין ווילען, געגען זיין הייסען פערלאַנג חרטה צו האָבען, געגען זיין שטרעבונג אומצוקעהרען זיך צוריק? דער עהרליכער פרומער איד, דער סופר, דער מענש וואָס בעשעפטיגט זיך מיט אַ מלאכת אלקים, ער גלויבט, אַז גאָט איז אַן אל קנא, אַ נוקם ונוטר, אַ צאָרנדיגער גאָט, אַ גאָט פון ראַכע און שטרענגע פאָדערונגען. זינד ער לעבט אַלס מענש, האָט ער, דער פרומער איד, אונטערדריקט זיין ווילען צוליעב דעם ווילען פון דעם אַלמעכטיגען. און אויב איהם וועט דער שטרענגער גאָט בעשטראָפען, וועט ער געוויס ניט פרעגען קיין קשיות: פאַר וואָס? ער וויים וויפיעל ער האָט צו ערוואַרטען פון זיין גערעכטען גאָט.

דער גראָבער יונג, נאַאיווער מענש און בלינדער גלויביגער, יאַנקעל שאַפּטשאָוויטש, וועלכער פיהרט זעהר אַ שמוציגען געשעפט און פיהלט זעהר גוט, ווי ניעדריג ער שטעהט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, — דער דאָזיגער אונוויסענדער מענש איז אָבער ניט אין גאַנצען אונטערדריקט אונטער דעם ווילען פונ'ם שעפּפער, ער איז ניט דערגאַנגען צו

אזא אונטערוואָרפענהייט אונטער גאָט'ס מאכט, ביז אזא מדרגה פון רעזיגנאַציאָן און פערטיגקייט אַלעס מקבל צו זיין באהבה, אָהן פראַגעם און אָהן קשיות, ווי דער פרומער בעל־אמונה. אין דעם געפּאַלענעם, פערשמוצטען יענקעל טשאפּטשאָוויטש לעבט דער מענש שטאַרקער ווי אין דעם ריינעם, יחוס'דיגען, זיידענעם אידען, און ער פרעגט: פאַר וואָס?... פאַר וואָס זאָל דער אל שדי ניט העלפען א מענשען, וועלכער בעט איהם אזוי אויפריכטיג? פאַר וואָס זאָל ער ניט צייגען זיין מאכט, אויב ער איז א מעכטיגער? פאַר וואָס זאָל ער שטראָפען אַן אונשולדיג קינד אויב ער איז ווירקליך א גערעכטער?... ווי אַלע נאַאיווע מענשען, ערוואַרטעט ער פון גאָט'ס הייליגע תורה צופיעל אָדער גאַר נישט. אָדער מע דאַרף זי פארגעטערן און זי וועט שאַפען וואונדער, אָדער, ווי באַלד דער וואונדער איז ניט געשעהען, דאַרף מען די טאָכטער אַראָפּשטויסען אין קעלער און די תורה הייסען מיט פעראַכטונג צונעהמען פון שטוב. אַרעמער מענש, די הייליגע תורה, וועלכע איז איינגעוויקעלט אין א סאַמעטענער מענטעלע און בעפּוצט מיט א גאָלדענעם מגן דוד קען ניט דעזינפעקטירען א פערפעסטעטען פּלאַץ, מיט א ריינעם גלויבען קען מען ניט ריין מאכען אונריינע טהאַטען. דער גרויסער אַלמעכטיגער גאָט שווייגט, עס רעדען נור די שרעקליכע אומשטענדע. דאָס איז זייערע בלינדע נקמה. דאָס האָבען זיי צוריבען און צומאָהלען אויף אַש און שטויב דיין קינד, ווי זיי צורייבען און צומאָהלען טויזענדער אַנדערע אונשולדיגע קינדער. דאָס איז דער גאָט פון נקמה און אין דעם ליגט די דראַמאַ פונ'ם מענשען!...

פיעלע, גאַנץ אונפאַרטייאישע מענשען פרעגען גאַנץ ערנסט: מיט וואָס קען אזא ווערק געפעלען? עס איז געבויט אזוי קינדיש. איהר זעהט ניט קיין סאָלידען פּלאַן פון א קענער אַן ארכיטעקטאָר — קיין זאַך ניט אויסגעהאַלטען ביז'ן סוף, ניט דערענדיגט, איבערגעריסען, ניט דערמאָהלט, ניט דערשריבען, ניט דערערדט, די כאַראַקטערע ניט דייטליך אַרויסגעבראַכט, די סיטואַציאָן ניט קלאָהר ערקלערט. א סך זאַכען פּאַסירען, ווי עס ווייזט אויס, אָהן א פאַרוואָס. די שפּראַך — אָרעם און פאַרבלאַז. די ספּערע זעהר געמיין, די האַנדלענדע פּערזאָנען ניעדריג, די אינטערעסען קליינליך, דער געשפּרעך אונעסטעטיש... די העלדען — אונוויסענדע ניעדריגע ברואים, וועלכע זיינען פערזונקען אין שמוץ, וועלכע פערקויפען אָפען זייער קערפּער, רעדען צ. ב. ש.

פון „הייזער” געשעפטען, געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס, פון ברו־טאַלע אינסטינקטען, זייגען אבערגלויביש, גרויזאַם, לייכטזיניג. און דאָס אַלעס קומט פאַר גאַנץ אָפען, ניט פערמאַסקירט, ניט פערשלייערט. אויסער דעם ווי שטאַרק די דראַמאַ איז, קלאַפּט זי נאָר איבער די נערוועז און ריהרט ניט אָן דאָס הארץ... זי רייסט ניט ארויס קיין איין טרער פון רחמנות און מיטלייד, רופט ניט ארויס קיין איין זיפץ פון סימפּאַטי און מיט־געפיהל. די אַלע האַנדלענדע מענשען בלייבען אונז גענצליך פרעמד מיט אַלע זייערע ליידען, מיט זייער גאַנצען שווערען קאַמפּף.

די אַלע טענות קענען ניט פערקלענערן דעם ווערט פון שלום אש׳ס ווערק אפילו אויף איין האָאָר. עס וועט זיך ניט געפינען קיין איין דענקענדער מענש, וועלכער וועט ניט אַנערקענען, אַז דאָס ווערק איז פון אָנהויב ביז׳ן סוף א גרויסע שטיק וואַרהייט, ווירקליכקייט, ריכטיגקייט. דער שמוץ, דער ציניזמוס, די ניעדריגע ספערע, די פערדאָרבענהייט, די אונוויסענהייט און אויסגעלאַסענהייט פון די פּערזאָנען קענען ניט וואולגאַר מאַכען אינהאַלט פון דער דראַמאַ. דער אינטעליגענטער צושויער, (געדענקט, איך זאָג, נאָר דער אינטעליגענטער צושויער) זעהט ניט און קען ניט זעהן די נאַקעטע קערפּערס פון דיזע געפאַלענע קרעאַטורען, ער זעהט נאָר זייערע צעוואָוויטיגטע, פערקריפּעלטע נשמות. זיין פאַנטאַזי קען ניט אויפגערייצט ווערען פון ניעדריגע געפיהלען, ווייל פאַר איהם קומט פאַר אַ שרעקליכע זעעלען־טראַגעדי. די שמוציגע פּראָזע פון יענקעל׳ס קעלער פערשווינדעט אונטער דעם פּאָעטישען מאַנטעל פון דער וואַרהייט. אייך אינטערעסירען ניט יענקעל׳ס געשעפטען, איהר זעהט די קרעמפּפען פון זיין פערוואונדעטער זעעלע. באַשע איז ניט נאָר אַן אַלטע אויסגעלאַסענע פּראָסטיטוטקע, זי איז אַ מענש, וואָס האָט ריינע האָפנונגען און אַ קינדישען נאַאיוועו גלויבען. די אַלע געפאַלענע דאַ זייגען נאַאיווע הילפלאָזע קינדער — מיט זייערע ערצעהלונגען, מיט זייער בענקעניש נאָך דער ריינער פערגאַנגענהייט, מיט זייער ליעבע צו דער נאַטור, מיט זייערע פערהעלטניסע איינער צום אַנדערען... דאָס וואָס קומט פאַר אין דער פּיעסע רעדט ניט צו די ניעדריגע אינסטינקטען, דווקא דערפאַר ווייל עס איז ניט פערשלייערט. אין די פערשלייערטע פערמאַסקירטע מעלאָדראַמען פון בראָדוויי איז דאָ אַלעס, וואָס ענטוויקעלט פערדאָרבענהייט און אויסגעלאַסענהייט. אמת׳ע קונסט פערשלייערט זיך ניט,

ווארום איהר טענדענץ, איהר אידעע איז ריין, כשר און ערהאבען...
שלום אש דערצעהלט אונז די גרויסע דראמא פון דיעזע קליינע מענ־
שעלעך מיט דער נאאיווער קינדישער אויפריכטיגקייט און אונשול־
דיגער תמימות פון אן אמת'ן פאעט. דאס וואס ער דעררעדט ניט, גיט
נאך צו דעם בילד א מיסטישע געהיימניספאלע אונגעוויסענהייט. דאס,
וואס ער דערשילדערט ניט, גיט צו זיין מערקווירדיגען רעאליזמוס א
ראמאנטישע שעהנקייט. דער אינטערעס פונ'ם ווערק איז ניט אין דער
ענטוויקלונג פון דער דראמא, נאר אין דער טיעפער שטימונג, וועלכע
זי רופט ארויס. דאס ווערק האט ניט קיין העלע פארב און צייגט ניט
קיין אויסגעשפראכענעם סטיל, ווייל דאס פארגעשטעלטע בילד איז
ניט בעלויכטען מיט זונענשיין, נאר איז פערוויקעלט אין געהיימניס־
פאלע נאכט־שאטענס און איז בעגאסען מיט זילבערנע שטראהלען פון
דער מיסטישער לבנה... די דראמא איז א פסיכאלאגישע, אן אינער־
ליכער דראמא, און דאס וואס יענקעל טשעפטשאוויטש וויל דיעזע אי־
נערליכע דראמא פערהינדערען מיט אזא „אויסערן" מיטעל ווי א גע־
שריבענע תורה, ווי אויך דאס, וואס די אלע מענשען „אין קעלער" און
„איבערן קעלער" בלייבען אין זייער געוועהנליכער ספערע און זעצען
פארט זייער אלטעגליכע געמיינע טהעטיגקייט, מאכט נאך טיעפער
און אויסדרוקספאלער דיעזע טרויעריגע זעלען טראגעדי.

דאך, ווי קינדיש נאאיוו די פיעסע איז געשריבען, זי דארף נאר
געשפיעלט ווערען פאר בעיאהרענטע און ענטוויקעלטע מענשען. ווי ריין
און ערהאבען איהר טענדענץ זאל ניט זיין — זי דארף געשפיעלט ווערען
נאר פאר אויסערוועהלטע אינטעליגענטע מענשען. און ווייל דאס איז
אונמעגליך — דארף די פיעסע ניט געשפיעלט ווערען. איך זאל האבען
א טהעאטער, וואלט איך אזא ווערק ניט ערלויבט צו שפיעלען פאר'ן
אלגעמיינעם פובליקום, ווען זאגאר זי זאל זיין געשריבען ניט נור פון
שלום אש, נאר זאגאר ווען צוזאמען מיט איהם וואלטען אויך די פיעסע
געשריבען סאפאקלעס, שעקספיר, געטהע און איבסען!...

די פיעסע איז אויפגעפיהרט געווארען פון מאדאם קאמיסאר־
זשעווסקאיא'ס טרופע צימליך גוט און איז געשפיעלט געווארען מיט א
גוטען אנסאמבעל. הערר נעלידאוו האט געשפיעלט די ראלע פון יענקעל
טשאפטשאוויטש מיט שכל און בעראכטזאמקייט, ווי אן אינטעליגענ־
טער שוישפיעלער. נאר אין די שטארקע מאמענטען איז ער געוועזן

אַביסעל צו מעלאָדראַמאַטיש. דער גרים זיינער איז געווען צופיעל אידיש, אָבוואָהל די תורה האָט ער געהאַלטען ווי אַ גוי, אָהן אַ היטעל. ר׳ אלי גרוזינסקי זאָל קענען זיין ראָלע גוט, וואָלט ער איהם געהייסען צודעקען דעם קאָפּ, און ער אליין, איך מיין ר׳ אלי, וואָלט ניט געטראָגען קיין גאָלדענעם פינגעריל מיט אַ שטיינדעל און וואָלט ניט געזאָגט: ס׳זשעניכאָם אָטצאַ, אַנשטאָט — ס׳אָטצאָם זשעניכא (מיט׳ן חתן פון טאַטען, אַנשטאָט: מיט׳ן טאַטען פון חתן). הער אָרלאָוו איז געווען אַביסעל צו קאַלט אין דער ראָלע פונ׳ם סופר. די פרויען אַלע, אויסער דער מאַדאַם טשאַפּטשאַוויטץ (נאָרביקאָווא), זיינען געווען זעהר גוט. מאַדאַם שילאָווסקי אין דער ראָלע פון מאַנקא איז געווען אויסגעצייכענט.

געדאנקען וועגען א סופליער.

(געווידמעט הערר ווילענסקי'ן צו זיין בענעפיט אין טהאליא טהעא־טער, דיענסטאג דען 24טען אפריל, 1901.)

שטילע מענשען אין אונזער געזעלשאפט זיינען מאנכעס מאל אקור־ראט ווי בלומען אויפ'ן טיש פון א פאראדנעם באנקעט. אלע געסט ארום טיש שרייען, לאכען און רעדען, די בלומען שווייגען... זיי רעדען ניט, אבער זיי זאגען מאנכעס מאל זעהר פיעל צום אויג פון א בעאבאכטער און צום הארץ פון דעם, וואס קען פיהלען און דענקען.

עס זיינען דא ניט נאר שטילע מענשען, עס זיינען דא שטילע אר־בייטער, זיי זיינען אקוראט ווי יענע געהיימניספאלע קרעפטע, וואס זיינען פערבארגען אין דעם שוים פון אונזער מוטער־ערד און פראדו־צירען מאגנעטיזם און עלעקטריציטעט... וואס דורך עלעקטריציטעט און מאגניטיזם ווערט געשאפען, זעהען און וויסען פיעלע עלעקטרי־ציטעט און מאגנעטיזם אליין בלייבען אונבעקאנט... א סופליער אין א טהעאטער איז א שטילער ארבייטער... ער איז די קראפט, וואס פראדוצירט דעם עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם פון דער ביהנע און דאך איהם אליין ווייס קיינער ניט און קיינעם איז ער ניט בעקאנט.

א גרויסער פראכטפאלער בריק איז אויפגעבויט. מען פאטשט בראווא דעם ארכיטעקטאר, דעם קאנטראקטארס נאמען איז צוגע־שלאגען צו דער הויפט־קאלאנע און וואו זיינע די נעמען פון די שטילע ארבייטער, וועלכע האבען געשלעפט די שטיינער און די אייזענס, וועלכע האבען געקלעטערט אין דער הויך, וועלכע האבען פערלארען זייער געזונד? ווער וועט דערמאנען די וועלכע זיינען ארונטער געפא־לען און האבען פערלארען זייער לעבען? דיעזע פלייסיגע, שטילע ארבייטער האבען אויסגעפיהרט דעם פלאן פון ארכיטעקטאר און די וואס געהן איבער'ן בריק דענקען פון זיי זעהר ווענינ. א סופליער (אין

אידישען טהעאטער געווים) איז דער שטילער ארבייטער, וואס פיהרט אוים דעם פלאן פון דעם ארכיטעקטאר, דער אווטאר, דער קאנטראק־טאר, מאכט געלד, דעם ארכיטעקטער פאטשט מען בראוואַ און אז דער סופליער וועט שוין ניט זיצען מעהר אין זיין „בודקע", וועט זיין נאמען פערגעסען ווערען, ווי דער נאמען פון די וואס זיינען געפאלען פון בריק אין וואסער. קיינער וועט ניט וויסען וויפיעל געזונד און וויפיעל קראפט האט דיעזער ארבייטער אין דער שטיל פערלארען...

הפנקס פתוח והיד כותבת. די פאנטאזי פון מענשען האט בע־שאפען א געהיימען משגיח, פאר וועמען עס ליגט אן אפענער פנקס און וואהין א וואונדערליכע האנד שרייבט אריין אלעס וואס עס דארף געשעהען אויף דער וועלט־ביהנע... דער סופליער אין טהעאטער איז דער, פאר וועמען עס ליגט דער אפענער פנקס און זיין האנד איז די יד כותבת... ער בעפעהלט דעם קעניג פערלאזען זיין טהראן, ער פיהרט דעם גענעראל צום זיעג, רייצט אויף די ליידענשאפט פון די מענשען אויף דער קליינער איינבילדונג פון דער וועלט־ביהנע, מען וויינט ווען ער צייגט אן און מען זינגט, ווען ער געפינט, אז די צייט איז פאסענד... מען פאלט און מען זינגט, מען ליעבט און מען האסט, מען יובעלט און מען טרויערט, מען טריאומפירט און מען גיסט טרערען אונטער זיין לייטונג. דורך זיין סיגנאל שפיעלט די מוזיק זיעג מארשע און טרויער מארשע, נעבען די מאשיניסטען מעהר ליכט אדער מעהר פינסטער־ניס... ווען ער, דער פערבארגענער אונגעזעהענער פאר'ן פובליקום אונבעגרייפליכער, ווען ער גיט א ווינק, פאלט דער פארהאנג און דאס בילד פון לעבען אדער די דראמא פון דער היסטארי איז געענדיגט... דאכט זיך אזא אלמעכטיגער און קריגט דאך אזא מאגערע בעלאה־נונג... אה, אונדאנקבארע מענשהייט!

מיט א דעק'ל איבער'ן קאפ זיצט ער מיט'ן רוקען צום פובלי־קום, ווי אמאל דער גרויסער הימלישער סופליער צו משה'ן און מיט'ן פנים צו דער ביהנע... ער זעהט די וואהרע פארבען און די ריכטיגע געשטאלטען ווי דאס פובליקום האט הנאה פון אילוזיאנען. ער זעהט אז די הימלען זיינען שמוטציגע שטיקער לייווענט און די מלאכים — יוניאן־לייטע מיט פאפירענע פליגלען און שווייגט. ער הערט ווי מען לאכט, וואו מען דארף וויינען און מען וויינט, וואו מען דארף לאכען און שווייגט... ער הערט מען אפלאדירט דארט, ווען עס קומט ניט,

און מען אפּלאָדירט ניט, ווען עס קומט און בלייבט פּאַסיוו — ער הערט פרייליכע געשרייען. זעהט בעגייסטערטע פנים'ער און פון זיינע ליפּען געהען ווערטער, וועלכע בויערן איהם זיין אויסגעטרוקענטע ברוסט און וועלכע ווארעמען ניט זיינע פיס, וועלכע זיינען אונטען אין א קאַלטען נאַסען קעלער... ער איז דער צוויבערער, וואָס בעפּליע־געלט די ווערטער פונ'ם טויטען פּאַפּיר... זיי פליהען פון איהם צום שוישפּיעלער'ס מויל און פון דעם שוישפּיעלער צו די הערצער פון דער מאַסע... גליקליך איז ער, ווען ער געפינט א געדאַנק, א אינטערעס, א בעדייטונג אין די ווערטער וואָס ער דעפּעשירט... וואָס פיהלט ער דארף צום טויזענדען מאָל ווידערהאָלען דיזעלבע טויטע, בלאַסע, גע־דאַנקלאָזע, אונזיניגע אונאינטערעסאַנטע ווערטער אין פּראָזען? אזוי פון נאַכט צו נאַכט, וואָכענווייז, מאָנאַטען לאַנג, גאַנצע יאָהרען... א גאַנץ לעבען... סופליער, איך וואָלט קיין מאָל ניט געוואָלט זיין קיין גאָט!...

עס זיינען דאָ שטילע ארבייטער אין אלע ספערען פון דעם מענ־שענ'ס טהעטיגקייט... עס זיינען דאָ עלעקטריקער, וועלכע ארבייטען פאַר עדיסאָנ'ס רוהם, עס זיינען דאָ לאַבאָראַנטען, וואָס מיהען זיך פאַר דעם כעמיקער מענדעלעיעוו'ס בעריהמהייט, עס זיינען דאָ באַק־טעריאָלאָגיען וועלכע פּרעפּארירען א נאָמען פאַר פּאַסטער'ן, עס זיי־נען דאָ שרייבער וואָס הארעווען פאַר דעם ערפאָלג פון זייערע ברויט־געבער, אָבער קיינער פון זיי זיצט ניט אזוי נאָהענט צו די אפּלאָדיס־מענטען, ווי דער סופליער און קיינער הערט זיי ניט אזוי אָפּט, ווי דער סופליער. פאַר אלעמען זיינען דאָ אפּלאָדיסמענטען, נאָר ניט פאַר איהם... ניט נור די „סטאַרס", נאָר אויך די פּלאַנעטען און קאָמע־טען קריגען אפּלאָדיסמענטען... דער כאָר ווערט אמאָל אפּלאָדירט פאַר פּאַטריאָטיזמוס, דער אָרקעסטער פאַר'ן „פּעקעלע", דער אקראָ־באַט פאַר זיין סאַרטאָמאָרטאַלע, א סטאַטיסט זאָגאַר פאַר דעם, וואָס זיין וואָנצע שטעהט ניט אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ, און דער וואָס האָט זיך אזוי פיעל אָנגעערדט ביי די פּראָבען, ווער עס האָט ביי די ערנסטע פּאָ־שטעלונגען געזונגען מיט די זינגער און געהאַלטען מלחמה מיט די קר־עגער. דער וואָס האָט געשוויצט מיט'ן זינגער און א גאַנצע נאַכט געקנאַקט מיט די פינגער, דער וואָס האָט פאַר אלע געשפּיעלט און פאַר יעדען גערעדט, — פאַר דעם האָט דאָס פּובליקום ניט אפילו איין אפּ־

לאַדיסמענט, אָה, שטילע אַרבייטער מיט דעקלעך איבער'ן קאָפּ, וויפיעל איהר לייסטעט און ווי וועניג איהר ווערט בעצאָהלט!...

עס איז ניט לייכט צו זיין אַ שוישפּיעלער... מען דאַרף אַמוזירען יענעם אין דער צייט ווען מען דענקט פון עסען, מען דאַרף בעוויינען פרעמדע אונגליקען און לײדען פאַר אַ פרעמדע שולד... מען דאַרף זיין פריילעך, ווען מען האָט אַ וועהטאָג אין האַרצען און מען דאַרף שפּיעלען אַ העלד, ווען מען האָט קיין כח ניט איבערצוברעכען אַ שטרוי.. אַזוי זיינען די געזעטצע פון דער וועלט ביהנע. די מאַסע זאָגט: אַמוזיר מיך נאָך מיין געשמאַק נאָך, אָדער אַראָפּ פון דער ביהנע!... דאָך אַ שוישפּיעלער קען זיך קוויטירען מיט דער מאַסע, ער קען נעהמען פון איהר נקמה... אויסער דעם גיבט עס מינוטען, ווען ער אליין פיהלט אַן עסטעטישען פערגניגען, ער געפעלט און קריגט אַפּלאַדיסמענ־טען, ער קריגט פערעהרער, מען רופט אַרויס, מען דערלאַנגט איהם אַ קראַנץ, אַ בוקעט, ער קריגט אַ נאָמען, ער ווערט מיט דער צייט מעהר און מעהר פּאָפּולער און זיינע שאַנסען העכערען זיך. אַ סופליער האָט קיין גייסטיגע און קיין מאַטעריעלע בעפריעדיגונג פאַר זיין אַרבייט ער זיצט יאָהרען לאַנג אין זיין בודקע און ווערט ניט פּאָפּולער. ער קריגט רעאָמאַטיזמוס אין די פיס און קיינע פערעהרער, — ציין־וועהטאָג פונ'ם צוג־ווינד און קיינע בלומען...

אידישער סופליער, איך האָב שוין לאַנג געדענקט פון דיר און פון דיין שווערע מיססיאָן און עס פרייעט מיך זעהר, וואָס איך האָב אַ געלעגענהייט צו דערלאַנגען דיר אין דיין בודקע אַ בלום.

רעאליזמוס און ראָמאַנטיזמוס.

1.

יעדע קונסט קען זיין אָדער רעאליסטיש אָדער ראָמאַנטיש. מיר ווילען דאָ רעדען נאָר פון דער גרויסער און רייכער קונסט, וועלכע רופט זיך ליטעראַטור. די ליטעראַטור פון דער גאַנצער מענשהייט קען גע־טהיילט ווערען אויף צוויי הויפּט־אַבטהיילונגען, צוויי אָבער־דעפּאַר־טאַמענטען, אין וועלכע עס געפינען זיך פערשיעדענע קלענערע אַב־טהיילונגען, פערשיעדענע ריכטונגען און שאַטירונגען. די הויפּט־אַב־טהיילונגען קענען בעצייכענט ווערען מיט'ן נאָמען רעאליזמוס און ראָ־מאַנטיזמוס.

ראָמאַנטיזמוס נעהמט זיך פונ'ם וואָרט ראָם. די ערשטע ליטע־ראַרישע ווערקע פון קריסטליכער ערא (די ציוויליזירטע וועלט צעהלט יעצט די יאָהרען פון יעזוס קריסטוס געבורטס־טאָג). זיינען געוועזען גע־שריבען אין דער ראָמאַנישער (לאַטיינישער) שפּראַכע. ראָמאַנטיש האָט אָבער יעצט נאָך אַן אַנדער זינן. די שטאָט ראָם האָט זיך גערופען אַזוי, ווייל זי איז געוועזען געבויט אויף הויכע בערגלעך. ראָם נעהמט זיך פון דעם זעלבען מקור, ווי דאָס אידישע וואָרט רמה (הויך, אויפגעהויבען). די דאָזיגע ליטעראַרישע ווערקע, וועלכע בעהאַנדלען ניט דאָס וואָס איז אויף דער ערד, נאָר וואָס איז איבער דער ערד; ניט דאָס וואָס איז אין מענשענ'ס נאַטור, נאָר דאָס וואָס איז העכער פון דעם מענשענ'ס נאַ־טור, ניט דאָס אליין וואָס מען רעדט, נאָר אויך דאָס וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען — די דאָזיגע ווערקע געהערען צו דער ראָמאַנטישער אָבטהיילונג. רעאליזם מיינט אַ זאַך וואָס עקזיסטירט. עס נעהמט זיך פונ'ם לעטיינישען וואָרט „רע" — אַ זאַך, אַ געגענשטאַנד. אַזעלכע ווערקע, וועלכע בעהאַנדלען נאָר דאָס, וואָס איז אויף דער ערד, וואָס

איז אין מענשענ׳ס נאַטור, אין זיין לעבען און אין זיינע פערהעלטניסע צו דער געזעלשאַפט, — אַזעלכע ווערקע, וואָס שילדערען נאָר דאָס, וואָס מען קען זעהן, בעאָבאַכטען, איבערצייגען — די דאָזיגע ווערקע געהערען צו דער אָבטהיילונג פון רעאַליזמוס.

מיר ווילען שפּעטער דייטליכער ערקלערען דעם אונטערשיעד פון דיעזע צוויי הויפּט־פאָרמען פון דער ליטעראַטור. מיר ווילען דאָ נאָר בעמערקען, דאָס מיר ווילען בלייבען גאַנץ אונפּאַרטייאיש צו דיעזעביידע אָבטהיילונגען פון דעם מענשענ׳ס שאַפען און דיכטען. אין ביידע אָבטהיילונגען זיינען דאָ גרויסע און ווערטהפאָלע מייסטערווער־קע. דער ראָמאַנטיזמוס, ווי דער רעאַליזמוס, זיינען נאַטירליכע ערשיי־נונגען אין דעם מענשענ׳ס גייסטיגען לעבען. זיי ווערען געבוירען דורך געוויסע אומשטענדען און אורזאַכען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט דעם היסטאָרישען גאַנג פון דער געזעלשאַפט און מיט דער ענטוויקלונג פון אונזער סאָציאַלען לעבען. ראָמאַנטיזמוס און רעאַליזמוס שטאַמען פון איין עלטער־פאָטער, פון דעם מענשענס גייסט. זיי האָבען ביידע איין זיידען, אָבער ניט איין מאַמע. די מוטער פון ראָמאַנטיזם איז פּאָעזי, די מוטער פון רעאַליזמוס איז די וויסענשאַפט. די לייבליכע שוועסטער פון ראָמאַנטיזם זיינען רעליגיאָן און מעטאַפיזיק, די ליעב־ליכע ברידער פון דעם רעאַליזם זיינען דער עקספּערימענטאַלער (פּרוּ־בירענדער) אַנאַליז און פיזיק.

עס איז שוין אַן אַלטער כלל, אַז די ענטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט געהט מיט דעם זעלבען וועג, ווי די ענטוויקלונג פון יעדען איינצעלנעם מענשען. אין דעם לעבען פון דעם איינצעלנעם מענשען גיבט עס צייטען, ווען ער איז אַ פערטרוימטער ראָמאַנטיקער, און צייטען ווען ער איז אַ פּראַקטישער רעאַליסט. אַזעלכע פּעריאָדען גיבט עס אויך אין דעם לעבען פון אַ גאַנצער געזעלשאַפט. אין דער יוגענד איז דער מענש געגענגט צו זיין אַ ראָמאַנטיקער, ער שוועבט איבער דער ווירק־ליכער וועלט מיט ערפינדונגען פו זיין פאַנטאַזי. רעאַלע געגענשטענ־דען ווערען דורך זיין פּאָעטישע איינבילדונגס־קראַפט פערוואַנדעלט אין שעהנע געשטאַלטען און בילדער. ווען ער ווערט אַן ענטוויקעלטער שטאַרקער מענש, איז ער געגענגט צו דענקען פון דער ווירקליכער וועלט, צו שאַפען פּראַקטישע זאַכען און צו בעטראַכטען די ערשיינונגען פונ׳ם לעבען נאָך זייער רעאַלער, ווירקליכער בעדייטונג. ווען ער קומט אין

די עלטערע יאָהרען, הויבט ער אָן אם מיינסטען ווידער צו קריגען א נייגונג צום ראָמאַנטיזם. די פאַקטען, די ווירקליכקייט, די מאַטעריעלע אינטערעסען הערען אויף איהם צו בעפריעדיגען. ער בעינקט נאָך דער פערגאַנגענהייט, וועלכע ווייזט זיך איהם אויס וואונדערליך שעהן אין איהר פּאָעטישען נעבעל.

מיט דעם זעלבען וועג געהט אויך די ענטוויקלונג פון גאַנצע נאַציאָנען.

2.

פריהער פון אַלעס פאַנגען אָן פעלקער צו פּאָעטיזירען און פי־לאָזאָפירען. שרייבען אין אַ איינפאַכער שפּראַך פון רעאַליסטישע זאַ־כען, טוען זיי דאן, ווען זיי שטעהען שוין אויף אַ געוויסער שטופע פון גייסטיגען און עקאָנאָמישען לעבען. דעם מענש אינטערעסירט פריהער די אורזאַכע פון אַן ערשיינונג, און גאַנץ שפּעטער פאַנגט איהם ערשט אָן צו אינטערעסירען די בעדייטונג פון דער ערשיינונג אַליין. דאָס וואָס איז ווייט, וויל ער בעגרייפען פריהער פון דעם וואָס איז נאָהענט. דער מענש האָט „פילאָזאָפירט" און פּאָעטיזירט איידער ער האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכען אַ הילצערנעם פאַנטאָפעל און צו שמיעדען אַ האַק; ווי אַזוי די שטערען צירקולירען אין די הימלען האָט ער גע־וואוסט לאַנג איידער ער האָט ערפאַהרען ווי זיין אייגען בלוט צירקולירט אין זיינע אָדערען.

יעדע ליטעראַטור פאַנגט זיך אָן מיט פּאָעזי. אַלעס, וואָס אונז איז פערבליבען פון די קינדער־יאָהרען פון אַלטע פעלקער, איז געשריי־בען אין אַ פּאָעטישער פאָרם. ניט נאָר די ביאָגראַפיען פון זייערע גע־טער און די מצות פון זייער רעליגיאָן, נאָר זאָגאַר זייערע געזעצע האָבען זיי געשריבען אין שירים. שרייבען אין פּראָזע און פון געוועהנליכע רעאַלע זאַכען האָט זיך גערעכענט ניעדריג. דער מענש אינטערעסירט זיך פריהער מיט דעם וואָס איז איבער דער נאַטור (מעטאַפיזיק) און ניט מיט דער נאַטור אַליין (פיזיק). דאָס וואָס ער האָט געזעהן און בעאָ־באַכטעט, האָט איהם ניט אינטערעסירט אַזוי, ווי די מיסטעריען, גע־היימניסע, וועלכע ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. ער האָט מעהר פאַנטאַ־זירט, ווי געדענקט; מעהר געפיהלט, ווי געטאָן. אין אונזער צייט קע־

נען מיר בעצייכענען אזא צושטאַנד פון דעם מענשענס גייסט מיט'ן וואָרט ראָמאַנטיש...

אין דער צייט, ווען די ליטעראַטור פון א פאָלק איז ראָמאַנטיש הייסט עס, אז אַלעס וואָס ער שאַפט דאָן, אַלעס וואָס ער רופט דאָן מיט'ן נאָמען וויסענשאַפט, טראָגט אויך א ראָמאַנטישען כאַראַקטער. דער ראָמאַנטיזם פאַרפּאָעטיזירט די היסטאָריע און די וועלט־בעשרייבונג. די היסטאָרישע ווערקע פון אזא פּעריאָדע זיינען מעהר פּאָעזי, ווי ווירקליכקייט, מעהר פאַנטאַזי, ווי פאַקטען. די זאָ־גענאַנטע וויסענשאַפט בעשעפטיגט זיך דאָן מעהר מיט דעם, ווי אזוי מען זאָל וויסען דאָס, וואָס עס איז אונמעגליך צו וויסען... דאָס וואָס דער מענש דיכטעט, ווערט אָנגענומען אַלס פאַקטען און טהאַט־זאַכען. ווירקליכע טהאַט־זאַכען און פאַקטען ווערען איגנאָרירט. אזוי איז געווען ביי די אַלטע פעלקער, אזוי אויך ביי די יונגע אייראָפּייעשע פעלקער. דאָס כריסטענטהום האָט זיי געבראַכט א נייעם שטאַרקען שטראָם פון ראָמאַנטישע געפיהלע און האָט זיי אויף א לאַנגע צייט אוועקגעשטויסען פון דער רעאַלער וועלט.

די כריסטליכע רעליגיאָן האָט פיעלע יאָהר הונדערטע אָבגעהאַלטען די ענטוויקלונג פון דעם מענשענס גייסט. די מענשען האָבען מעהר געדיכטעט, ווי געפאָרשט. מעהר פאַנטאַזירט וועגען דאָס פערגאַנגענע, ווי געלערנט צו פערשטעהן דאָס געגענווערטיגע. וואונדער, נסים, מופתים זיינען גערעכענט געווען פאַר פאַקטען. בבא מעשות וועגען דעם הייליגען גראַל, וועגען פּאַרסיוואַל, וועגען קאַרל דעם גרויסען און זיינע צוועלף פּאַלאַדינען האָבען זיך גערעכענט פאַר היסטאָרישע טהאַט־זאַכען. איין אַלטער כריסטליכער „וויסענשאַפטליכער" בוך, וועלכער רופט זיך „פיזיאָלאָגוס", גיט אונז א בעגריף פון דער ראָמאַנטישער „נאַטור וויסענשאַפט". אין דעם בוך ווערען בעשריבען די אייגענשאַפטען און די נאַטור פון חיות. עס איז די ערשטע כריסטליכע „זאָאָלאָגיע", בעגרינדעט אויף דער ביבעל און בבא מעשות. דאָרט ווערט בעשריבען א חיה, וועלכע איז האַלב לייב פון פאָרנט און האַלב מוראַשקע פון הינטען, ווייל איהר טאַטע איז געווען א לייב און איהרע מאַמע א מוראַשקע. דאָרט געפינט איהר א חיה סאַלאַמאַנדרע, וועלכע ברענט ניט אין פייער, א פויגעל פּעליקאַן, וועלכער גיט לעבען צו זיינע קינדער מיט דעם וואָס ער אָפּפערט זיי זיין בלוט און שטאַרבט, א פויגעל פעניקס,

וועלכער שטארבט דורך פייער און ווערט אויפגעלעבט פון זיין איי־גענעם אש; און נאך פיעלע אזעלכע „וויסענשאפטליכע" פאקטען. דאס זעלבע געפינען מיר אין דער אסטראלאגיע, אין דער אלכעמיע און אין אלע ראמאנטישע וויסענשאפטען. פאליטישע עקאנאמיע אין איהר יוגענד איז אויך ראמאנטיש, א אוטאפיע.

נאטירליך, די כריסטליכע קונסטווערקע און די ליטעראטור זיי־נען געווען דאן ראמאנטיש. ווי דער געדאנק פון מענשען פאנגט אן צו ווערען רייף, ווי א פאלק פאנגט אן ארויסצוואקסען פון די קינדער־שע יאהרען, פאנגט עס אן צו דענקען פון פראקטישע זאכען, ער הויבט אן צו רעאליזירען די ווירקליכקייט. אין דער פעריאדע ווערען געבוירען מאטעריאליסטישע געדאנקען, אין סאציאלען לעבען ווערען געשאפען פראקטישע פערענדערונגען, אין דער ליטעראטור ערשיינען ווערקע, וועלכע בעהאנדלען דעם מענשען, זיין לעבען, זיינע פערהעלטניסע צו אנדערע. עס קומען דיכטער מיט רעאליסטישע וועלט־אנשויאונגען און שרייבען רעאליסטישע ווערק. מערקווירדיג איז דאס, וואס זאגאר יע־דער רעאליסטישער דיכטער אליין לעבט איבער אין זיין פערזענליכען שאפען די אלע דריי פעריאדען פון ענטוויקלונג: אין דער יוגענד איז ער ראמאנטיש, אין די געזונדע רייפע יאהרען איז ער רעאליסטיש, אויף דער עלטער ווידער ראמאנטיש.

במעט יעדער פראזע־שרייבער פאנגט אן זיין ליטעראַרישע קאַרי־ערע מיט פאעזי און שירים. אזא גרויסער רעאליסט ווי טאלסטאי איז געווארען אויף דער עלטער א ראמאנטיקער. ער האט אנגעהויבען צו בענקען נאך דער אלטער כריסטליכער פערגאנגענהייט... דער זשעניא־לער קאמפאזיטאר וואגנער האט אנגעפאנגען אין דער יוגענד מיט'ן כריסטליכען ראמאנטיזמוס, איז איבערגעגאנגען צו רעוואלוציאנערען רעאליזמוס און האט אויף דער עלטער געענדיגט מיט זיין כריסטליך־לירישען־ראמאנטישען „פארסיוואל". עמיל זאלא האט אנגעפאנגען מיט פאעזי, אין רייפע יאהרען איז ער געווען דער שטארקסטער מאטעריא־ליסט און רעאליסט, אין זיינע לעצטע יאהרען האט ער זיך אנגעהויבען צוריק ווענדען צום ראמאנטיזמוס און אוטאפיע. ראמאנטיזם, ווי רעא־ליזם, זיינען אזעלכע אייגענשאפטען, וואס ליגען אין דער נאטור פונ'ם מענשען. אין דער נאטור פון דעם היינטיגען מענשען, וועלכער איז

מעהר אַ פּראָדוקט פון דער כריסטליך־אידישער ציוויליזאַציאָן ווי פון דער גריכישער ציוויליזאַציאָן, ליגען דיעזע ביידע אייגענשאַפטען געווים.

3.

מען זאָגט, אַז דער רעאַליזמוס, מיט דעם וואָס ער ווייזט די נאַקעטע ווירקליכקייט און ערקלערט די פאַקטישע זייט פון אונזער לעבען, רויבט ער אַוועק ביי אונז אידעאַלען... עס איז פונקט פערקעהרט: רעאַליזמוס איז די איינציגע מאַכט, וואָס צווינגט אונז צו דענקען פון אַ בעסערע צוקונפט, ווייל ער ווייזט אונז אָהן צערעמאָניעס די אַלע שלעכטע זייטען פון דער געגענוואַרט. דער ראָמאַנטיזמוס טרוימט אַם מיינסטען פון דער פערגאַנגענהייט... ער זוכט אויך טרוימען פון דער צוקונפט, אָבער ניט צו טאָן וואָס. ער קען ניט געבען קיין אידעאַל פון אַ בעסערן צוקינפטיגען לעבען, ווייל ער האָט ניט די אידעע פונ'ם איצטיגען לעבען. אַן אידעאַל איז רעאַליסטיש, ווייל ער פערשפרעכט מעגליכעס. אַ שוסטער איז אַ רעאַליסט, ווען ער האָט לעדער און אַלע מאַטעריאַלען און שטעלט זיך פאָר אין געדאַנק די שעהנע שטיוועל, וועלכע ער וועט מאַכען שפעטער. אַ שוסטער אָבער, וועלכער דענקט דערפון, אַז די מענשען זיינען ניעדריג, וואָס זיי דענקען גאָר פון אַזאַ קלייניגקייט, ווי שטיוועל; דאָס אַ קינד איז גליקליך, ווייל עס לויפט אום באָרוועס אין אַ טייכעלע פון רעגען־וואַסער — אַזאַ שוסטער איז אַ ראָמאַנטיקער. און ווען ער טרוימט, אַז אין דער צוקונפט וועט קומען אַ גליקליכע צייט, ווען דער מענש וועט נאָר אַ פייף טאָן, וועט איהם שוין אַראָפפאַלען פון הימעל אַ פּאָאָר בריליאַנטענע שיך מיט דיאַמענטענע קנעפּלעך, הייסט עס ניט, אַז ער האָט אַן אידעאַל אין דער צוקונפט, ווארום דאָס וואָס קען זיך ניט פערווירקליכען איז ניט קיין אידעאַל, עס איז אַ פאַנטאַסטישער חלום.

דער רעאַליזמוס גיט אַ מאַטעריעלע וואַרהייט, דער ראָמאַנטיזמוס גיט אַ רעליגיעזע וואַרהייט. אַ רעליגיעזע וואַרהייט איז געבויט אויף גלויבען, אַ רעאַלע וואַרהייט איז געבויט נאָר אויף דעם וואָס מיר ווייסען. ווי באַלד נאָר אין דער וועלט פון וויסענשאַפט קומט די צייט פאַר אַזעלכע מאַטעריאַליסטען ווי בעקאָן, ווי קאָפּערניק, ערשיינען

אין דער ליטעראטור אזעלכע רעאליסטען ווי שעקספיר, ווי סערוואנ־טעס (פערפאסער פון דאן קיכאט).

פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציאן זיינען געקומען די פראנ־צויזישע פריידענקער. דידרא האט געשריבען דראמען פון דעם רע־אלען קליין־בירגערליכען לעבען. באמארשע האט געפאלמעסט דעם שטערבענדען קערפער פון דעם פעאדאליזמוס. דארווין שפאצירט אריין צוזאמען מיט זאלא, קארל מארקס רעדט פון דער גענענווארט צוזאמען מיט איבסענ׳ען און דענקט פון דער צוקונפט צוזאמען מיט טאלסטאיען, דעם רעאליסט. ווען דעם מענשענס געדאנק איז רייף, ווען זיינע שטרע־בונגען זיינען פראקטיש, ווען זיין קערפער איז מונטער און טהעטיג, דאן איז זיין ליטעראטור רעאליסטיש. דער רעאליזמוס האט שטענדיג סאציאלע, מאטעריעלע אויפגאבען; דער ראמאנטיזמוס האט אויפגאבען אינדיווידועלע און מאראלע — ער איז א גרויסער קרוב צו כריסטענטום. ניט אומזיסט זיינען די אמת׳ע פרומאקעס און די היפאקריטען אזוי געגען רעאליזם. דער רעאליזם טויטעט אלעס, וואס איז פערבונדען מיט גלויבען. ער גלויבט ניט אדער אינטערעסירט זיך ניט אין דאס גייס־טיגע, זאלאנג ער קען עס ניט אנידערלעגען אויפ׳ן אנאטאמישען טיש און צוגלידערן מיט׳ן מעסער פון אנאליז. ווי די פילאזאפי ווערט נאר מאטעריאליסטיש, קעמפפט זי באלד געגען רעליגיאן...

וויקטאר הוגא און לעוו טאלסטאי זיינעןביידע גרויסע זשעניען. דער ראמאנטיקער הוגא פארפאעטיזירט די וועלט געשיכטע, דער רע־אליסט טאלסטאי רעאליזירט די פאעזי פון דער היסטארישער וויסענ־שאפט. וויקטאר הוגא פערגעטערט דעם מענש אדער פערטייפעלט איהם, לעוו טאלסטאי צייגט, אז דיעזער גרויסער גאט און דעמאן איז אפילו קיין מענש ניט, ער איז נאך מעהר חיה, ווי מענש.

דער ראמאנטיקער שרייבט ריין, ערהאבען, מאראליש; ער וועט אבער ניט מאכען דערמיט דעם פערדארבענעם מענשען ציכטיגער און מאראלישער. ער וועט נאר אין איהם קענען דעם פאעט. די רעאליסטען שרייבען אמאל צו אפען, זיי כאפען אפט מאל אריבער די מאס, אבער דאס קען ניט מאכען דעם מענש אונמאראלישער. ווי באלד דער רעאליס־טישער שרייבער איז ווירקליך א קינסטלער, האט ער שטענדיג אן ערהאבענעם, ציכטיגען מאטיוו ביי זיין שרייבען, א פראקטישען מא־ראלישען צוועק. ער וועקט אין דעם מענשען דעם מענש. אז איהר זעהט

אַ רעאַליסטישע בילד, ווי אַ מוטער גיט די ברוסט איהר קינד און שיילט קאַרטאָפּליעס צו קאָכען פאַר דעם מאַן וואָרעמעס, וועט דאָס אייך ניט געבען קיין אַנשטויס צו שלעכטע געדאַנקען. עס קען אייך צווינגען, צו דענקען וועגען די הייליגע געפיהלען פון אַ מוטער, וועגען די שווערע פליכטע פון אַן אָרימע פרוי, אויב אייער פאַנטאַזי איז נאָר ניט פערדאָרבען. פערקעהרט, אַ ראָמאַנטישע בילד מיט אַ געטליך אונשולדיגע פרוי, וועלכע צעהלט די שטערען אין הימעל און ביי וועלכער אויף דעם ראָמאַנטישען ביוסט איז נאָר איין רעאַליסטישער קנעפעל אָפּגעשפּילעט, קען האָבען פונקט אַ פערקעהרטע ווירקונג. דער מאָטיוו פון ווערק, דער מאָטיוו פון בילד איז דער עיקר, און וואָס רעאַליסטישער איהר וועט שילדערען און וואָס קלאָהרער איהר וועט שרייבען, דעסטאָ שטאַרקער וועט זיין אויסגעדריקט דער ריינער מאָטיוו, דעסטאָ גרעסער וועט זיין דער איינפלוס, דעסטאָ מעהר סימפּאַטיען וועט דער פערפאַסער ארויסרופען צו זיין אידעע, צו זיין אידעאַל. די דאָזיגע שרייבער, וועלכע בענוצען זיך מיט'ן נאָמען רעאַליסטען און מאָהלען אויסגעלאַסענע פּראָנאָגראַפישע בילדער נאָר מיט איין צוועק — צו וועקען די ניעדריגע בעסטיאַלישע אינסטינקטען און נאָר מיט איין מאָטיוו — צו מאַכען געשעפטען, די דאָזיגע שרייבער זיינען שאַרלאַטאַנעס. מיר רעדען פון אמת'ע קינסטלער. פונקט אַזוי קען מען רעכענען פאַר ראָמאַנטיקער די דאָזיגע שמירער, וואָס פאַבריצירען ראָמאַנטי־פאַנטאַסטישע שונד בבא מעשיות. מיר רעדען פון דער רעאַליסטישער ליטעראַטור, וועלכע איז די ערציהערין פון די נייע־געבאָרענע געדאַנקען פון דער וויסענשאַפט און פון דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפי.

4.

אַלזאָ וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען רעאַליזמוס און ראָמאַנטיזמוס?

דער ראָמאַנטיזמוס, ווען ער איז זאָגאַר פריידענקענד, שטרעבט דאָך גראַדע ווי די כריסטליכע מאָראַל צו טויטען אין דעם מענש די מאַטעריע, די נאַטור, דער רעאַליזמוס פאַרקעהרט וויל אויפלעבען אין דער מאַטעריע דעם מענשען.

ראָמאַנטיקער בעמיהען זיך שטענדיג צו שילדערען דאָס ערהאַ־

בענע, דאָס איבער מענשליך־זיטליכע, אום אויסצוראָטען די אונזיט־ליכקייט. די רעאַליסטען פערקעהרט נעהמען דאָס ניעדריגע, דאָס גע־וועהנליכע, דאָס אַלטעגליכע, אום איינצו־וואָרצלען די זיטליכקייט. אַ ראָמאַנטיקער נעהמט אַן אימפּרעסיאָן, אַן איינדרוק און וויל פון דעם מאַכען אַ רעאַלע זאַך. אַ רעאַליסט נעהמט אַ רעאַלע זאַך און זוכט דער־מיט צו מאַכען אַן אימפּרעסיאָן, אַן איינדרוק.

די ראָמאַנטיקער ווילען געבען צו פערשטעהן, אַז די גאולה פון דער מענשהייט קען קומען דורך אירגענד וועלכען משיח פון הימעל. די ווירקליכקייט איז געמיין און שמוציג — דיכטען זיי אַ שעהנע, פּאָע־טישע און זיסע אונווירקליכקייט. די רעאַליסטען ווילען אָבער ערקלע־רען, אַז דער כריסטליך־ראָמאַנטישער מעסיאַנישער געדאַנק איז אַ פּאָעטישע פאַנטאַזי און אַז דער ערלעזער פון מענשען איז דער מענש אליין; אַז די גאולה קומט ניט פון הימעל, נאָר פון דער מאַטעריעלער, רעאַליסטישער ערד. אַ שעהנע אונווירקליכקייט האָט ביי זיי קיין ווערטה ניט, ווי פערצוקערט זי זאָל ניט זיין. זיי נעהמען די ווירקליכ־קייט אַזוי ווי זי איז. אַ געוויסער ענגלישער דענקער האָט געזאָגט: „דער נצחון פון רעאַליזמוס איבער ראָמאַנטיזמוס איז דער נצחון פון וויסענשאַפט איבער איינבילדונג און געפיהל".

דיעזער נצחון איז אָבער ניט קיין שטענדיגער. עס זאַמלען זיך אָן פילע פאַקטען, די וויסענשאַפט ווערט ברייטער און גרעסער, און ריי־כער. אָבער די מיסטעריען פונ'ם מענשענס „דאזיין" בלייבען נאָך אַלס אונערקלערטע, די פערבאָרגענע געהיימניסע פון דער נאַטור נאָך אַלס ניט ענטדעקט. דער פּעריאָד פון מונטערע טהעטיגקייט געהט פאַר־איבער, די מידקייט פון דער עלטער קומט. דער מענש הויבט אָן ווענִי־גער און ווענִיגער צופריעדען צו זיין פון דאָס מאַטעריאַליסטישע... עס הויבט איהם אָן צו ציהען „רמה", העכער פון דעם ווירקליכען, איר־דישען לעבען. ער ביינקט צוריק נאָך זיין יוגענד און וויל זיך בויען לופט שלעסער אין דער צוקונפט — דערצו דאַרף ער ניט קיין מאַטע־ריאַל פון זיין ווירקליכען לעבען. ער הויבט אָן ראָמאַנטיצירען...

איהר קענט עס ניט העלפען. ביידע נייגונגען זיינע איינגעוואָר־צעלט אין דער נאַטור פון דעם היינטיגען מענשען...

אונזערע קריטיקער.

(א בריעף אן דער רעדאקציאָן פון דער „פרייער געזעלשאפט“.)

ווערטהער רעדאַקטאָר!

עס טהוט מיר זעהר לייד, איך בין זעהר פערנומען און קען יעצט ניט ענדיגען מיינע ארטיקלען וועגען דער „גרויסער וועלט דראַמאַ“. אזא ארבייט פאָדערט פיעל צייט און פּאַרבעררייטונג. ווייל אָבער איהר פאָדערט אונבעדינגט איין ארטיקעל פאר דיעזען נומער און ווייל איך רעכען, דאָס, „די פרייע געזעלשאפט“ איז יעצט דער איינציגער אידישער אָרגאן וואו עס קען זיין פּאסענד פאר מיר צו רעדען וועגען מעהר אָדער וועניג וויכטיגע ליטעראַרישע ערשיינונגען, ערלויב איך מיר אָנשטאָט אן ארטיקעל, שיקען אייך דיעזע בריעף. עס איז מיין ענטפער אויף קריטיקען, וועלכע בעהאנדלען מיין לעצטעס ווערק „די אידישע סאַפאָ“. די קריטיקען זיינען אויסגעשפּראָכען אין די פאָלגענדע בריעף:

„הערר גאָרדין! איניגע בעקאנטע דאמען האָבען מיר געזאָגט, דאָס די דראַמא „די אידישע סאפאָה“ איז אינטערעסאנט און בעלעהרענד פאר אלע אין אלגעמיין און איבערהויפּט פאר אונז פרויען. איך וואוין אליין אין האָבאָקען און פאר מיר איז זעהר אונבעקוועם צו בעזוכען די ניו יאָרקער אידישע טהעאטערע, דאָך האָב איך מיך בעשלאָסען און בין געפאָהרען זעהן „די אידישע סאפאָה“. איך זאָג אייך די ווארהייט, איך בין געבליבען זעהר אונצופריעדען. עס איז זעהר אן אלטע און אָבגעלעבטע טהעמא. וואָס פאר א נייעס דערצעהלט איהר אונז דאָ? אז פרויען זיינען אויך מענשען? אז זיי דארפען אויך האָבען רעכטע? אז מען דארף זיי ניט שלעכט בעהאנדלען? ווער ווייס דאָס יעצט ניט אזעלכע זאכען? איז כדאי צוליעב דעם פערשלעפען מענשען פון האָבאָקען, ניט לאָזען זיי

שלאָפען א גאנצע נאכט, און צו נעהמען ביי זיי דריי קוואָדערם?
„דאָס איינציגע, וואָס עס איז געווען נייעס פאר מיר צו הערען, איז, דאָס א פרוי זאָל האָבען א רעכט צו פאָדערען, דער מאָן זאָל זיין ביז זיין הייראטה אזוי ריין און אונשולדיג ווי די פרוי. איך בין אליין א פרוי און דאָך מיין איך, אז אזא פאָדערונג אזוי ניט לאָגיש. אזא פלאָן וואָלט מען געקענט דורכפיהרען נור דאן, ווען די מענער זאָלען חתונה האָבען אין זייערע בליהענדע יונגע יאָהרען. א מאָן אָבער קען ניט חתונה האָבען יונג, ער מוז זיך פריהער בעזאָרגען מיט מיטלען, מיט א בעשעפטיגונג, מיט א קאַריערע. וואָס איז וויכטיגער פאר א פרוי, דעם מאַנס אונשולד, אָדער די רעסורסען און מיטלען, וועלכע ער וועט האָבען צום לעבען? די מענער ערלויבען דען אונז ניט צו זינדיגען פאר דער חתונה? אדרבה, פאַרקעהרט... אָבער אליין חתונה האָבען מיט א זינדיגע וויל ער ניט. מיט וועלכע מיטלען וועט איהר איהם קענען צווינגען? ווי איהר ווילט איך, איך מיין, אז פאָהרען פון האָבאָקען זעהן אזא פיעסע איז ניט געווען כדאי.

„אייער פערעהרערין,

„א האָבאָקענער געבילדעטע דאַמע."

„ווערטהער הערר גאָרדין! איך וויל מיר ערלויבען אייך בעקאַנט צו מאַכען מיט מיין מיינונג וועגען אייער שטיק „די אידישע סאַפאָה". איך בין אליין ניט קיין רוסישער יהודי און איך האָב אין מיין לעבען ניט בעגעגענט אזא מערקווירדגע פרוי מיט אזא אונאבהענגיגען שטאַרקען כאַראַקטער, ווי די אידישע סאַפאָה. איך גלויב, אפשר זיינען אין רוסלאַנד דאָ אזעלכע אידישע מיידלעך. איך מוז צוגעבען, ווען איך האָב געזעהן די האַנדלונג האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז דאָס איז וואָהר. איך האָב אליין געמוזט האָבען מיטלייד מיט דיעזער בראַווער און אונגליקליכער פרוי... איך האָב זאָגאַר געוויינט. (איך וויים, עס איז זעהר ניט שעהן פאר א מאַן.) איך האָב געגען מיין ווילען געפונען אז זי איז נעבעך גערעכט אין איהרע טענות... אָבער נאָכדעם האָב איך זיך אליין דערשראָקען. וואָס הייסט, רעדען אזוי אָפען? אין טהעאַטער איז געווען מיין

פרוי, מיין טאָכטער. סאַפאָה קען זיין איז טאַקע גערעכט, אָבער ווען מיין פרוי אָדער מיין טאָכטער, חלילה, זאָלען אזוי האַנדלען, וואָלט איך עס ניט איבערגעטראָגען, איך וואָלט פון זינען אראָב! מיינט איהר ניט, אַז דאָס שטיק איז צו ראַדיקאַל און דאָס עס איז נאָך צו פריה אַזעלכע שטיקע אויף דער אידישער ביהנע, אויפצופיהרען?.. עס קען זיין די אידעע איז טאַקע אַ ריכטיגע, אָבער איז דען אַ טהעאַטער דער פּלאַץ, וואו מען זאָל פּראָפּאַגאַנדירען אַזעלכע נייע רעוואָלוציאָנערע אידעען? איך בין געגאַנגען אין טהעאַטער זיך אַמוזירען און אַנשטאָט דעם בין איך געקומען אַ צובראָכענער, און זאָגאַר נאָכדעם האָב איך זיך ניט געקענט גיך בערוהיגען. פערשיעדענע געדאַנקען האָבען מיך פערפּאָלגט עטליכע טעג.

אַכטונגספאָל,

X. Y. Z.

„מר. גאָרדין! ערלויבט מיר אייך צו זאָגען, דאָס אייער לעצטעס ווערק „די אידישע סאַפאָה" איז זעהר אַ רעאַקציאָנערעס ווערק. די פרויען אין אייערע פריהערדיגע פּיעסען זיינען געווען פיעל רעוואָלוציאָנערער. עס ווייזט אויס, אַז די אידעע פון אייער שטיק איז געווען צו ווייזען, דאָס פרויען דאַרפען ניט קעמפּפען פאַר זייער פרייהייט. סאַפאָה האָט געוואָגט צו קעמפּפען נאָר אַביסעלע האָט זי דערפאַר זעהר טייער בעצאָהלט. און סוף כל סוף האָט זי דאָך געמוזט זיך ענטזאָגען פון אַלע איהרע פּרינציפּען און געהן פיהרען אַזאַ לעבען ווי אַלע ווייבער... אייער „אידישע סאַפאָה" איז טאַקי אַ מייסטערווערק, אָבער עס שטעהט ניעדריגער פון קריטיק, עס איז געגען רעוואָלוציאָן און עס לערנט, דאָס אַלע פרויען דאַרפען זיך פיהרען ווי די געזעצליכע מאַניטשקעס, דאָס הייסט: זינדיגען אין דער שטיל, דער מאַן זאָל ניט וויסען און מאַסקירען אַלע געמיינהייטען מיט דער מאַסקע פון געזעצליכקייט. אייער שטיק איז טאַקע אַ שטיק זודיגעס, קאָכענדעס לעבען, אָבער דער כאַראַקטער איז אַ צוקאַליעטשעטער שאַרבען און עס וואָלט געווען אַ גוטע דראַמאַ ווען איהר וואָלט ניט פערפּלאָנטערט אייער סאַפאָה פון גייסט מיט די סאַפאָה פון פלייש.

„דער גרייליכער יונגערמאַנטשיק."

„דזשענטעלמאַן! איך בין אַ לאַיער ביי פּראָפעסיאָן און וואוין אַפּטאון. איך שטעה יעצט זעהר פיעל צו ווייט פון דער ציגיינער שפּראַכע, וועלכע רופט זיך זשאַרגאָן און געה קיין מאָל ניט אין אידישען טהעאַטער, ווען אָבער איך האָב ערפאַהרען, דאָס אויך אין אידישען טהעאַטער וועט „סאַפאָה" פּערפאָרמד ווערען, האָב איך געמיינט, צו זעהן אינטערעסאַנטעס... אינדיד, די אידישע אַקטריסעס דאַרפען זיך ניט שעמען פאַר נעדערסאָל... און קאָמפּשטאַק קוקט זיך ניט צו צו דעם, וואָס מע ווייזט אין אַ אידישען טהעאַטער... איך בין נאָך געוועזען אַזא פול און האָב מיטגענומען דעם אַסיסטענט לידער פון אונזער טע־מעני דיסטריקט... די אויגען האָבען מיר געפלאַמט. עס איז ניט געוועזען וואָס צו זעהן — גאָר ניט... עס איז גאָר קיין סאַפאָה און פון „סאַפאָניזם" איז ניט געוועזען אפילו אַ ברעקעל, נאָטהינג אַט אָלל... דערפאַר אָבער וועלכע רייד, וועלכע אַנטי לאָ און אַנטי מאָראַל טענדענצען! עס איז געוועזען אַ שאַנדע צו הערען... און איך האָב נאָך געבראַכט אַ טעמעני באָי מיט זיך! עס איז אַ דיס־גרייס פאַר אידען... מיר זיינען געגאַנגען זעהן אביסעל נאַקעטע אידישע פלייש און זיי האָבען גאָר סאַפאָה פערפלאַנטערט אין אַ נאַקעטען גייסט. שאַנדע און שמאַך!

„איך בין אַ לאַיער און דאַרף ניט רעדען פון מאָראַל. אָבער פון יוריסטישען שטאַנדפונקט קען אַזא פרוי ווי די אידישע סאַ־פאָה ניט ערוואַרטען די שטיצע פון אונזער לאָ. ווען זי זאָל האָ־בען געפיהלע פון מאָראַל און וואָלט זיך געשעמט פאַר דער גע־זעלשאַפט און פון שאַנדע וואָלט זי איהר אונגעזעצליכעס קינד אַבאָרטירט — וואָלט עס געוועזען גאַנץ נאַטירליך. די אַנשטענ־דיגסטע, די פיינסטע דאַמען טהוען דאָס ווען זי זאָל זאָגאָר איהר שוין געבאָרענעס קינד אין געהיים ערמאָרדען, וואָלט מען געקענט פלידען אַז זי איז געוועזען אינסיין... אָבער ניט שעמען זיך, אָפען זאָגען די גאַנצע וואַרהייט, נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרט־ליכקייט און אַליין זאָרגען פאַר אַן אונגעזעצליכעס קינד, דאָס טוט קיין אַנשטענדיגע פרוי, דאָס טוט אפילו ניט אַ פרוי, וועלכע האָט קיינע געפיהלע פון שאַנדע!... ווילדע פרייהייט פון אינדיאַ־נער קען קיין פּלאַץ ניט האָבען אין אַ ציוויליזירטע געזעלשאַפט....

געווים, מען פערשטעהט, מענשען זיינען ניט קיין היילינע. אָבער געזעצליכקייט, דאָס איז דער ערשטער פונדאַמענט, אויף וועלכען דאָס לעבען פון אונזער קאָמיוניטי איז געבויט... יעדער פון אונז פערשטעהט, דאָס אויך אונזערע געזעצליכע פרויען זינדיגען אמאָל (יעדער מיינט, אַז יענעמס, ניט זיינע), אָבער דאָס דאַרף זיין אין גרענעצען פון אָנשטענדיגקייט, פּאַרדעקט, פון דער עפענטליכער וועלט בעהאַלטען... די געפיהלע פון מאָדעסטי, פון געזעצליכקייט זאָלען ניט זיין פערלעצט און די פּרינציפּען דער געזעלשאַפט זאָלען ניט זיין פערשפּאָטעט.

ערגער פון אַלעם האָט מיך געקרענקט די פערדאָרבענהייט פון אידישען פּובליקום. זיי סימפּאַטיזירען מיט אַזעלכע ווי סאַפאָה, און לאַכען, שפּאָטען און הוקען, ווען די געזעצליכע פרוי קומט פאָדערען איהרע געזעצליכע רעכטע. עס איז נאָך גוט, וואָס די אידישע שטיקע ווערען ניט געשפּיעלט אין ענגליש, — עס וואָלט געקענט זיין אַן אונגליק פאַר אונזערע אידען.

„מיט רעספּעקט,

„קאָנסעלער אַט לאָ".

מיין ענטפער.

קיין דיכטער קען ניט און דאַרף ניט ערפינדען קיינע נייעס. ליעבע און האַס, גוטע אייגענשאַפטען און שרעקליכע לייַדענשאַפטען, קאַמפף, זיעג, אונגליק, פערצווייפלונג, ראַכע, אייפערזוכט, עקזיסטירען זינד דער מענש עקזיסטירט. טויזענדער יאָהרען בעשרייבט מען אין ראָמאַנען און דראַמען דיעזע ערייגניסע פון דעם מענשענס לעבען, און ראָמאַנען מיט דראַמען ווערען נאָך געשריעבען און וועלען נאָך געשריעבען ווערען זאָלאַנג עס וועלען זיין דיכטער און פּאָעטען אויף דער וועלט... אַ גרויסער קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער שרייבט אַ נייע סימפאָניע, ערפינדעט ניט קיינע נייע טאָנען, אַ מאָלער, אַ קינסטלער בעשאַפט ניט קיינע נייע פאַרבען — ניין! די פאַרבען און די טאָנען זיינען די זעלבע, וועלכע זיינען פריהער פון אַנדערע בענוצט געוואָרען.

זיי ערפינדען נור נייע קאָמבינאַציאָנען, נייע אַקקאָרדען, נייע צוזאַ־מענפּאַסונגען, נייע האַרמאָנישע פּראַיינינונגען, נייע דיסהאַרמאָניען, נייע קאָנגלאָמעראַציאָנען, נייע דיסאָנאַנסען.

דער פרייַדענקער, וועלכער מיינט, דאָס אויף דער וועלט עקזיס־טירען שוין ניט קיינע פּאַראָרטייליע, קיינע אבערגלויבישע מיינונגען, קיין רעליגיאָן, ווייל ער גלויבט אין זיי ניט, — אַזאַ פרייַדענקער איז זעהר אַ קורצזיכטיגער און איינזייטיגער מענש. ער קען געגליכען ווע־רען צו אַ נאַאיווען יונגען בחור, וועלכער קומט פון אַ קליינע ליטווישע שטעטעל, גלייך אין אונזערע דאַון־טאַונישע סאָציאַליסטישע און אַנאַר־כיסטישע קאַפּע סאַלונען... אַזאַ יונגער מאַן, עס איז מעגליך, וועט זיך זעהר גיך ערלויבען צו שרייבען אַהיים, דאָס אין אַמעריקאַ איז רע־ליגיאָן אַן אַלטע אָבגעלעבטע זאַך. ליידער אָבער האָבען זיך אין דער זעלבער קורצער צייט וואָס ער איז געזעסען אין די ראַדיקאַלע קאַפעי־נעס פון דיוויזשיאָן סטריט און גרענד סטריט, אויסגעבויט 12750 נייע קירכען, 56 נייע קאַטוילישע מאָנאַסטירען, 770 נייע אידישע טעמפּלען און צוועלף מיליאָן קינדער זיינען דערווייל אַלע זונטאָג גע־גאַנגען אין די „סאַנדיי סקולס“! אין אונזער געזעלשאַפט באַגעגנען זיך שטענדיג אַזעלכע קאָנטראַסטען. דאָס, וואָס ביי אַן אונבעדייטענ־דען צאָהל מענשען רעכענט זיך שוין פאַר אַלט און אָבגעלעבט. האַלט זיך שטאַרק און פעסט ביי די גרויסע מאַסען. קעמפּפען געגען דיעזע אַלטע דאָגמען, אויפקלערען די מאַסען, דאָס איז די איינציגע גייסטיגע אויפגאַבע פון יעדען דיכטער, פון יעדען שרייבער.

די רעגלען פון מאָראַל דאַרפען זיין פעסטגעשטעלטע איבערצייַ־גונגען. זיי קענען ניט אין איינער און דער זעלבער צייט, אין איינער און דער זעלבער געזעלשאַפט, צו ליעב איינעם אַנדערם און צוליעב דעם אַנדערען אַנדערם קאָמענטירט ווערען. עס קען ניט זיין פאַר ווייסע אַן אַנדערע מאָראַל און פאַר שוואַרצע אַן אַנדערע, פאַר פרויען איין מאָראַל, פאַר מענער אַן אַנדערע מאָראַל. וואָס עס איז אונמאָראַליש פאַר אַ פרוי, קען ניט זיין מאָראַליש פאַר אַ מאַן. אויב ביי יעצטיגע אומשטענדע פון אונזער סאָציאַלען לעבען מוז דער מאַן זינדיגען, דאַרף ער אָם ווענינגסטען זיין טאָלעראַנט צו איהר, ווען זי זינדיגט אויך, ווען ז י מ ו ז... צו ליעב עקאָנאָמישע אויסזיכטען קען אַ מאַן יעצט, ליידער, חתונה האָבען נאָר דאַן, ווען ער איז אָבגעלעבט, אויס־

געשלעפּט, פערגיפטעט מיט אַלע שענדליכע קראַנקהייטען, וועלכע ער גיט איבער צו זיינע קינדער; אָבער וועה איז דער פרוי, וועלכע מיינט אז געגען אזא אָרדנונג דארף מען ניט קעמפפען. וועה צו די צוקינפטיגע דורות, אויב די פליהענדע און דענקענדע סאָפאָה'ס וועלען ניט אויפהויבען די פאָהן פון רעוואָלוציאָן!

געוויס, א אידישע מיידעל, אזא רעוואָלוציאָנערין, קען גיכער פון אַלעם געבאָרען ווערען אין רוסלאַנד. די שטילע, פערטראַכטע, איי־בערגעבענע רוסישע פרוי איז די גרעסטע רעוואָלוציאָנערין אין דער וועלט. דאָס אידישע מיידעל האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דעם איינ־פלוס פון דער רוסישער ליטעראַטור, אונטער דעם איינפלוס פון די קעמפּפעריגען, וועלכע זיינען געווען בעזונגען פון נעקראַסאָוו און גע־קרוינט פון טשערנישעווסקין!...

איהר דארפט אייך ניט שרעקען פאר איהרע ראַדיקאַלע רייד; אייער פרוי און אייער טאָכטער מעגען הערען איהרע טענות. אין טהעאַטער קען מען ניט ארויספיהרען מגידים און פרעדיגער, זיי זאָלען אייך זאָגען מוסר. ווען אָבער דאָס לעבען, וועלכעס ווערט געשילדערט, די האַנדלונג, די פּאַסירונגען, ווען דאָס אַלעס צוזאַמען איז אַ מוסר השכל, — געהט אין טהעאַטער און נעמט אייער פאַמיליע מיט. גוטע אידען דארפען פריהער גוט פּראָפּאַגאַנדירט ווערען, ביז זיי ווערען איבערצייגונגען און פיהרען צו טהאַטען... די שכנים וואָלטען ניט בעליידיגט און ערניעדעריגט אזוי די אָרימע סאָפאָה, ווען זיי וואָלטען אפשר געהאַט אַ מעגליכקייט פריהער זעהן אזא שטיק ווי די „אידישע סאָפאָה". אונזערע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען וואָלטען ניט גע־ווען פון אָנפאַנג אזעלכע הייסע טהאַטען־פּאַרשטייער און נאָכדעם אזעלכע שוואַכע, שוואַנקענדע פארשטייער פון איבערצייגונג, ווען זיי וואָלטען געהאַט אַ מעגליכקייט פריהער גוט און עהרליך פּראָפּאַגאַנדירט צו ווערען!...

איהר דארפט אייך ניט שעהמען, וואָס איהר, אַ מאַן, האָט גע־וויינט אין טהעאַטער. עס זיינען גוטע טרעהרען, מיין פריינד. און די גרעסטע שאַנדע וואָלט פאר אייך געווען, ווען איהר זאָלט ניט קענען וויינען... דער עדעלסטער אַמיוזמענט, דער ריינסטער עסטעטישער פערגניגען איז, ווען אַלע אייערע בעסטע געפיהלען ווערען ערוועקט און

צוזאמען מיט זיי אויך אייערע געדאנקען... דער ציעל פון דיכטער איז פאלקאמען ערדייכט, אויב זיין ווערק צווינגט אייך נאכדענקען, טראכטען, אנאליזירען, נאכזוכען...

מיינע פריינדע, געדענקט, קיין ווערק קען ניט אנערקענט ווערען אלס א מייסטערווערק, ווי באלד עס האט אין זיך די קלענסטע טענדענץ צו פראפאגאנדירען געמיינהייט. עס מעג זיין געשאפען פון שעקספיר, פון געטהא, פון מיקעל אנזשעלא, פון לעאנארדא דא ווינטשי, — ווי באלד עס איז דורך און דורך ניט פאר וואהרהייט, פאר דאס עוויגע שעהנע, פאר דאס ערהאבענע, — איז דאס ניט קיין מייסטערווערק!

רעוואלוציאן! דאס איז א הימלישע עקספלאזיאן פון עלעקטריציטעט, וועלכע רייניגט אב די אטמאספערע!... עס בליצט ניט עוויג!.. עס מוז נור בליצען, ווען אין די אטמאספערע איז צוזאמענגעקליבען גענוג רעוואלוציאנע עלעמענטען!....

אויב א רעוואלוציאנער איז נאר דער, וועל עס קעמפפט ביז ער זיעגט, איז נאך קיינע רעוואלוציאנערען אין קיין רעוואלוציאן ניט געווען... ליידער, די, געגען וועלכע מען רעוואלטירט, זיינען שטענדיג די זיעגער... פריהער אדער שפעטער, די קרעפטע פון קעמפפער ווערען פאראליזירט פון דער איבערמאכט פון די פאסיווע און אקטיווע געגנער... אבער זיין מיסיאן איז ערפילט געווארען, זיין אפפער איז ניט פערלארען געגאנגען. אויף איין מאמענט האט זיין געטליכער פייער בעלויכטען די פינסטערניס און מענשען האבען דאך געזעהן דאס וואהרע ליכט... לאנגזאם, שפעטער, וועט דאס, פאר וואס ער האט געקעמפפט, אנערקענט ווערען אהן קאמפף... דאן וועלען קומען נייע גייסטער פון דער רעוואלוציאן, וועלכע וועלען קעמפפען פאר נייע אידעאלען. זיי וועלען פאלען אין זייערע נאבעלען קאמפף, אבער זייער ערהאבענע טהעטיגקייט וועט ניט פערלארען געהן...

„די וועבער" פון הויפטמאן זיינען דען ניט קיין רעוואלוציאנערען ווייל זיי זיינען געפאלען אין קאמפף? „די שלעכטע פאסטוכער" פון מירבא איז א רעאקציאנערע פיעסע, ווייל אלע סטרייקער זיינען אויסגעשלאכטעט געווארען? די ניהיליסטען פון רוסלאנד זיינען קיינע קעמפפער, ווייל דעם צאר'ס הענקער האבען זיי

אויסגעוואָרגען?... דער קאַמפּף פון דער אידישער סאַפאָה איז געווען צו שווער, די אָרומיגע פינסטערע מאַכט — צו שטאַרק... זיי האָבען געזיעגט, אָבער זי האָט ערפילט אַ געוויסע רעוואָלוציאָנערע מיסיאָן!... די, צווישען וועלכע זי האָט געלעבט, געקעמפפט, געליידעט, האָבען גע־הערט איהר גרויסען וואָרט פון בעפרייאונג. גרויסע און קליינע רעוואָלו־ציאָנערען פאַלען אין זייער קאַמפף, אָבער זייער גייסט לעבט... דאָס איז דער עמוד האש, וועלכער פיהרט אונז פון דער מדבר צו דעם ער־וואַרטעטען לאַנד פון פריעדען און גליק.

אָרעמע אידישע סאַפאָה! מיר האָבען זי ערשט געזעהן, ווי אַזוי זי האָט צוליעב אַנדערע זיך בעשלאָסען צו אָפּפערן איהר אייגען גליק, איהר פרייהייט... אַלע ווייגען לעבען איהר... זי דריקט איהר אונגעזעצליכעס קינד צו זיך און דאַרטען שטעהט דער, מיט וועמען זי וועט דאַרפען לעבען איהר גאַנץ וועלטעל אָהן פרייד, אָהן האָפנונגען, אָהן ערוואַרטונגען, אַזוי ווי פיעלע, פיעלע אידישע ווייבער לעבען... די געזעצליכע געזעלשאַפט האָט געזיעגט, די אויף זיך אַליין געשטיצ־טע פרוי... זי בלייבט ניט דאָ... זי פערלאָזט איהר היימאַטה און ציהט אין אַ פרעמדע שטאָט....

ביי נאַכט געהט אָב דער פּאַראַחאָד קיין סעוואַסטאָפּאָל....
די פייערלעך פון אָדעס זיינען שוין לאַנג פערשוואונדען געוואָרען, די וועלען פון שוואַרצען מעער רוישען און ברויזען אַרום איהר, ווי אַ דונקעלער אָבגרונד ליגט דאָס וואַסער פאַרן שיף... איהר קינד, איהר זשעניטשקע, שלאָפט שוין לאַנג אין קאַיוטע, — זי איז אַליין אויפ׳ן דעק מיט איהר אָרעמען קאָפּ אויפ׳ן באָרט פון שיף... איז דאָס מעער אַזוי טיעף, ווי איהרע שמערצען? איז די נאַכט אַזוי דונקעל, ווי דונקעל עס איז אינ׳ם הארצען פון דיעזער אונגליקליכער יונגער פרוי? געדענקט פון די טרעהרען, וואָס ווערען פערגאָסען אין דער שטיל און פון דעם קאַמפּף, פון וועלכען עס ווערט צובראָכען אַזא נאָבעלעס הארץ!... זי וואָלט געפאַלען, ווען זי זאָל געהן פאַר אַ מעטרעסע צום רייכען, זאַטען פּראָצענטניק צ י י נ ע ר... ניין! זי געהט פיהרען אַ שטילען, שווערען לעבען פון אַן עהרליכע אַרבייטערין. די שטאַרקע אומשטענדע האָבען זי געצוואונגען צו ענטזאַגען זיך פון זיך אַליין... ווער האָט גערויבט ביי איהר, איהר פערזענליכקייט. אויב ניט מיר אַלע, פון וועלכע אונזער געזעלשאַפט בעשטעהט?...

פיעלע פון אונז זיינען זעהר גרויסע ראדיקאלען אין דער טהעאָריע, אָבער ווי עס קומט נור צו דער „פּראַקטיק" זיינען מיר אלע שוואכע, בעוואוסטלאָזע, קליינינקע טהיילכעלעך פון א גרויסע, בלינדע מאסע... וואָס טוט יעצט אונזער „אידישע" סאפאָה?

„די ערד שלאָפט...
זי וואנדערט אליין אין דער וויסטע...
ווי דורך א נעבעל ציהט זיך איהר אונבעקאנטער וועג..."



פערשיעדענעס.

סנפּיר וקשקשת.

— אָדער —

ע! ווי באַלד אַז אַזוי, וואָס דאַרף איך עס גאָר?

פון אלפיי.

(אַ שונד ראָמאַן אין דריי טהיילען, מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג, אַ הקדמה פון'ם מחבר. שפּאַנענד, איינרייסענד, אינטערעסאַנט, פּערכאַפּענד, ענטציקענד, גאַנץ ביליג און פון דעסט־וועגען מיט ראַכע, מיט ליעבע, מיט שרעק און מיט עגמת נפש).

הקדמת המחבר.

אין אונזערע צייטען, אין אונזערע מקומות, ווען דער הויכווירדי־גער מיסטער שונד ראָמאַן לעזער איז שוין יאָ דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז אַ שונד ראָמאַן איז זיין אייגציגע נחמה אין לעבען; ווען איהר זעהט אויף יעדען סטענד צווישען לעמאָן סיראָפּ און אַלל טאָבעקאָ סיגאַ־רעטס, פערשמאַלצענע, אויסגעבלעטערטע, דורך און דורך דורכגעלע־זענע, אין גאַנצען אויסגעזויגענע העפטען פון בעליעבטע שונדיגע מייס־טער־ווערקע; אין אונזערע צייטען און זאָ ווייטער, א. ז. וו., האָף איך אַז דיעזער ראָמאַן וועט א. ז. וו. א. ז. וו.

דער מחבר.

ערשטע טהייל:

וויט אויף דעם שטאָט־טורם שלאָגט דער זייגער צוועלף — עס איז צוועלף אַ זייגער. די דונקעלע נאַכט איז פינסטער ווי די שוואַרצ־קייט אליין — עס איז פינסטער. גרויסע טראָפּענס רעגען פאַלען פון

אויבען, גלייך ווי ארבעס זאָל זיך שיטען פון דעם ארבעל פון גאָט. עס דונערט, גלייך ווי דער גאנצער רקיע השמים איז א דעק פון א גרויסען באראבאן, אויף וועלכען די פערוווירטע מחותנים פונ׳ם הימעל טאנצען א קאזאצקע. אין דיעזער שרעקליכער צייט איז זי געגאנגען אליין! אליין, אקוראט ווי אן אייזען, ווי א שטיין. אליין, אקוראט ווי א מענש, וואס האט קיינעם ניט איז אליין. פלוצלונג האבען זיך דער־הערט שטילע טריט, א פייערל האט א בלישצע געטאן, עס האט גע־געבען א שרעקליכער קראך, עס האט זיך דערהערט א שוידערהאפט געשריי — עס האט אויסגעשאסען. (פארטזעצונג פאָלגט).

(פאָרטזעצונג) זי האט איהם געליעבט מיט די גאנצע געפיהלע פון איהרע געהירען, זי האט איהם געליעבט מיט׳ן גאנצען בלוט פון איהרע געדאנקען, זי האט איהם געליעבט מיט׳ן גאנצען הארצען פון איהר אונשולד. אך! זי איז געווען ריין, גלייך גאט אליין האט זי אויסגע־כשר׳ט און אויסגעשייערט, זי איז געווען גוט, גלייך ווי אן ענגעל, וואס האט קיין הארץ ניט; זי האט איהם געשוואָרען זיין טריי און ער איז געווען א געלער און האט מורא געהאט פאר קיצלען. זי האט געטראָגען צוויי שארפע מעסערס אין איין האנד, זי האט געהאלטען א גרויסע פלאש מיט גיפט אין דער אנדערער האנד, א שפיעז, א שארפע שפיעז איינגעטונקען אין סם האט זי... האט זי ניט געקענט טראָגען אין דער דריטער האנד, ווייל די קארגע נאטור האט דעם מענשען ניט גע־געבען קיין דריטע האנד און זי איז געווען א ביסעל פערקיהלט און האט א הוסט געטאן... דיעזער הוסט האט אויפגעוועקט א פערדעכטיגע פערזאן, וועלכע האט געדרעמעלט אויף א גאנקע פון א גרויס הויז. ער האט גוט אויסגעריבען זיינע אויגען און...

דא ענדיגט זיך די אינטערעסאנטע ערשטע טהייל.

צווייטע טהייל.

מיר מוזען זיך אומקערן מיט 39 יאהר צוריק. אונזער ראמאן פאנגט זיך אן אין די געבירגע פון קאווקאז, וואס ליגען אין דעם לאנד שווייצערלאנד אונטער די הרי הושך, וואו עס געפינען זיך די שרעקליכע וועלדער. ויהי היום, עס איז געווען א טאג, ווען מע האט געקענט זעהן,

ווי א מענש, וועלכער איז געווען פערמאסקירט, איז געגאנגען וואלד איין און וואלד אויס, ביז ער איז צוגעגאנגען צו אן אלטען בוים. ער האט געגעבען א שווערען, שווערען זיפץ, האט א קוק געטאן אויפ'ן הימעל, האט אבגעמאסטען פון בוים זיעבען טריט צו מזרח זייט און האט זיך אנידער געזעצט און האט אנגעהויבען צו עסען א גאמעלקע מיט א קיכעל. פלוצלינג הערט ער א קינד, א מיידעלע, וועלכע מע רופט גרענאדיעלע וויינט מיט א וויינענדיגע שטימע און פון רחמנות . . . (פארטזעצונג פאלגט).

סנפיר וקשקשת זיינען געווען די צוויי געהיימע ווארטע. זיי זייד נען געווען אויף איהר מעדאליאן, וועלכען זי האט געטראגען אויף איהר הארץ. ווער זיינען מיינע עלטערן? פלעגט זי פרעגען ביי דעם מעד דאליאן: ווער זיינע מיינע פאטער און מוטער? „סנפיר וקשקשת" פלעגט איהר דער מעדאליאן ענטפערן: אין די פינסטערע לאנגע נעכט, אין די דונקעלע קורצע פריהמארגענס האט זי אלץ געזעהן נאר דעמזעלבען סנפיר וקשקשת און איהר נאמען איז געווען גרענאדיעלא.

מיר מוזען איצט אויף א קורצע צייט פערלאזען די געבירגע און אומקערן זיך צוריק נאך דעם פערלויף פון די 39 יאהר צייט. איבער'ן גרויסען אקעאן האט געשוואומען א גרויסע שיף, די וועללען האבען גערוישט, די רעדער האבען געברויזט, די קוימענעס האבען געפייפט. יעדע מינוט האבען די וואסערען אויפגעהויבען די שיף ביז די וואלקענס און א איד איז געשטאנען אין א ווינקעלע און האט געדאווענט מנחה. פלוצלונג האט דער קאפיטאן געגעבען א געשריי, עס האט אנגעהויבען צו דונערן און צו בליצען, א שווארצער וואלקען האט זיך ארואבגעלאזט... דא איז צוגעגאנגען א אידענע צום בארטען און האט מיט זעהר א זויערע מינע געזאגט: „ע! ווי באלד אזוי, וואס דארף איך עס גאר?" דא ענדיגט זיך די צווייטע טהייל.

דריטע טהייל.

(די צווייטע הקדמה פון דעם מחבר. מיר האבען פערשפראכען צו געבען א פראלאג מיט אן עפילאג צו אונזער „סנפיר וקשקשת" אבער ווען אונזער פראלאג מיט'ן עפילאג זיינען שוין געווען פערטיג,

האבען מיר זיך דערוואוסט אז אונזער קאנקורענט, ניט געדאכט זאל זיין נאמען דא ווערען, פלטיאל חיריק, דער פארטאטש, שרייבט אויך א פראלאג מיט אן עפילאג צו זיין אויך מיר א שונד ראמאן. דארום האבען מיר אונזער פראלאג מיט'ן עפילאג אריינגעשטעלט אין אונזער אנדער ווערק: תהו ובהו אדער די פערשמאלצענע גערעכטיגקייט.
דער מחבר.)

וויט, אונטער א גרויסע שטאט שטעהט א קליינע הייזעלע — דאס הייזעלע איז ניט גרויס. א גאנצען טאג איז דא שטיל, ווי ביי א טויבען אין אויער. אבער צוויי א זייגער ביי נאכט, ווען די שעמעוודיגע לבנה בעהאלט זיך אונטער דעם פארטוך פון א שווארצען וואלקען; ווען די ליכטיגע שטערענדלעך לייכטען ווי בענטש ליכט, וועלכע מען האט פערגעסען אבצושנייצען, ווען די שלאפענדיגע מענשען שלאפען אלע אויסגעשלאפענע, אין דיעזער שרעקליכער שטונדע פון דער דונקעלער נאכט... (פארטזעצונג פאלגט).
(פארטזעצונג) ווער וויינט עס אזוי שפעט אין דער נאכט? וועמעס יאמערליכע שטימע הילכט עס! נעהענטער, נעהענטער, אין קליין הייזעלע וועיזט זיך א פייעריל און די אונגליקליכע אדיעלע זאגט:
„די לבנה שיינט העלל,
די וואסערן גיסען זיך!
אוי! אוי! און איך האב פערלארען מיין טאטע מיט מיין מאמ...
און איך וועל לויפען שנעל.
בראי צורייסען די שיך.
ביז כ'וועל נעהמען ראבע מיט גיפט און מיט סם!
אך! וועמעס וואקס וועט ניט צוגעהן ווי א הארץ (מיר שרייבען אומיסטען פערקערט, ווייל אונזער קאנקורענט, פלטיאל חיריק אין זיינע שונד ראמאנען, וועלכע טויגען אויף כפרות, שרייבט שטענדיג: „וועמעס הארץ וועט ניט צוגעהן ווי א וואקס". אויך מיר ראמאנען!) אך! וועמעס וואקס וועט ניט צוגעהן ווי א הארץ, ווען ער הערט דאס זיסע ליעדעלע פון דער שעהנער גרענעדיעלא? וועמעס טרערען וועלען ניט שטרוימען פון די אויגען ווי די וואסערען פון די רינגעס? אבער ניט דא איז דער פלאץ צו פילאזאפירען און דער זייגער שלאגט דריי. יא!

לאַנגזאַם, שטיל, אויסגעצויגען, איינס נאָכ'ן אַנדערן: איינס! צוויי! דריי!... עס איז דריי אַ זייגער!...

עס איז שטיל. גרענאַדיעלאַ דרעמעלט. איהרע שעהנע האָאָר האָבען זיך צו־וואָרפען ווי אַן איבערגעקעהרטע קאָפּנע מיט היי. זי שלאָפט אונשולדיג, ווי אַ שעהנע נאַכט אין פריהלינג מאַי, ווען די שעהנע ראָזען בליהען, ווען די פויגלעך צוויטשערן, ווען די גרינע גרעזעלעך דופטען און ציעגען גריזען זיי. און גרענאַדיעלאַ נעבעך שלאָפט. מענש! פרוי! ווייב! מאַמזעל! שלאָף ניט! ערוואַך! די בלוטדורשטיגע מערדער געהען! די שווערדען קלינגען שוין אין דער לופטען! דיין לעבען איז אין געפאהר און זי שלאָפט: אַך! טראַך! (פאָרטזעצונג פאָלגט).

(פאָרטזעצונג) נאָך אין די אַלטע גרויע צייטען, ווען די תבה פון אונזער פעטער נח האָט זיך אָבגעשטעלט אין די הרי הררט, האָט געלעבט אַן אַלטער כישוף מאַכער, וועלכער איז געווען אַ מכשף. ער האָט געהאַט אַזאַ רינג, וואָס איז געווען פון גינ־גאָלד געמאַכט און וועלכער איז געווען ווי אַ פינגערל. ווער עס האָט געהאַלטען דעם רינג און האָט געזאָגט: איינס, צוויי, דריי! און דער נאָכדעם איז דער מכשף געשטאָרבען. אָבער פאַר זיין טויט האָט ער דעם טייערען רינג אַוועקגעטראָגען אין די הרי חושך וואָס איז אין קאַווקאַז, האָט פון אַ בוים אָבגעמאָסטען זיעבען טריט צו מזרח זייט און עס איז אַוועק שוין פון יענער צייט פיעל טויזענד יאָהרען.

אָבער מיר מוזען זיך אומקעהרען צו אונזער גרענאַדיעלאַ. די געהיימע מערדער, וועלכע זיינען געווען אונטערדריקט פון איהר פאַלשען ליעבהאָבער, וועלכער איז געווען אַ פאַלשער. אונזערע לעזער דאַרפען געדענקען, אַז ער האָט זי פערפיהרט אין דער ערשטער טהייל פון דיזע ערצעהלונג און איז געווען אַ געלער, האָט מורא געהאַט פאַר קיצלען און האָט געהאַט נאָך מעהרערע שענדליכע חסרונות. די מערדער שאַרפען די מעסער, גרענאַדיעלאַ וויינט, געזעגענט זיך מיט'ן לעבען. זי זעהט אַז מע וועט זי טויטען, וועט זי מוזען שטאַרבען און וועט שוין ניט קענען החתונה האָבען. פּלוצלינג אַ געשריי: שטעהט! מערדער צוריק! (פאָרטזעצונג פאָלגט).

ווען דער מענש האָט אָבגעגעסען אין דער צווייטער טהייל פון אונזער ערצעהלונג „דעם קיבעל מיט דער גאָמעלקע", האָט ער געפונען דעם רינג פון דעם כשוף מאַכער, וואָס איז געווען אַ מכשף. באַלד האָט

ער ערפאהרען דאס גראנדיעלא איז זיין טאכטער. ער איז געווען א גראף, אזוי ווי א פירסט און גרענאדיאלא איז געווען ניט מעהר און ניט ווענינער ווי א גראפינע. באלד האט מען געכאפט דעם געלען גזלן און דער גראף האט געזאגט: דו האסט אונגליקליך געמאכט גרענאדיעלע — האקט איהם אפ א האנד! דו האסט מורא פאר קיצלען — שניידט איהם אפ א פוס! גרענאדיעלא האט חתונה געהאט פאר אן אמת'ן באראן, וואס האט זיך מגיר געווען מיט 17 מילליאן רענדלעך. מוזיק האט געשפיעלט, באראבאנען האבען געקלאפט, הלואי ביי אלע אידען ניט ערגער. תם ונשלם ספר המושלם.

סנפּיר וקשקשת.

(קריטישע עטיודען).

.1

פערשטעהן אין דער ליטעראַרישער וועלט אַ זאַך וואָס שטעהט ניעדריגער פון קריטיק איז פיעל שווערער, ווי צו שעצען דאָס וואָס שטעהט העכער פון קריטיק.

עס איז שוין פיעל געשפּראָכען געוואָרען פון דעם, דאָס לעזען ביי־כער קענען אין אונזער צייט אַ סך מענשען, אָבער פערשטעהן אַ בוך — קענען אייניגע פון טויזענד.

ווען איהר וועט נעהמען אַ בוך און וועט איהם צו טהיילען אין טויזענד עקזעמפּליאַרען צו טויזענד מענשען, אָדער איהר וועט די זעלבע טויזענד מענשען אַ נידער־זעצען אין אַ טהעאַטער, מען זאָל פאַר זיי שפּיעלען אַ דראַמאַטישע ווערק, און איהר וועט דערנאָך ביי יעדען בעזונדער פרעגען אַ מיינונג וועגען דעם בוך, אָדער וועגען דאָס שטיק — וועט איהר קריגען פיעל פערשיעדענע מיינונגען, וועלכע קענען איינגעטהיילט ווערען אין פיער קאַטעגאָריען. ביי אַ צוויי הונדערט פון די טויזענד מענשען וועלען שטענדיג זאָגען: „ניש קשה, אַ גוט שטיק, אַ גוטער בוך, ניט שלעכט". זעקס הונדערט, פון טויזענד וועלען זאָגען מיט אַ געוויסע בעשיעדענהייט: „דאָס בוך איז גוט! דאָס שטיק איז טייער!" ווען עס וועט זיין פון דער ערגסטע זאָרט „סנפּיר וקשקשת" ליטעראַטור. און זיי וועלען זאָגען: „עס טויג ניט", ווען דאָס ווערק איז ווירקליך אַ ליטעראַרישע ווערק. הונדערט מיט פינף און ניינציג וועלען זאָגען אויף אַ שלעכטע ווערקע אַז עס איז שלעכט; זיי וועלען פיהלען אייניגע חסרונות, זיי וועלען פערשטעהן, ווען זיי וועלען ענדיגען דעם בוך ביז'ן סוף, אָדער זעהן דאָס שטיק ביז'ן ענדע,

דאָס עס פעלט עטוואָס, דאָס זיי זיינען ניט בעפריעדיגט; און דאָך וועלען זיי זעהן אַזאַ שטיק און לעזען אַזאַ בוך מיט פערגניגען. די זעלבע הונדערט מיט פינף און נײַנציג וועלען, פערקעהרט, פיהלען און פערשטעהן, דאָס אַ גוטער בוך גיט זיי מעהר בעפריעדיגונג. זיי פערשטעהען אָבער ניט, וואָס איז די ליטעראַרישע גוטסקייט אין גוטען און האָבען אַלע אַ טבע צו קריטיקירען, צו ווייזען זיך פאַר גרויסע מבינים און קריטיקער, דיעזע הונדערט מיט פינף און נײַנציג וועלען אויף יעדער גוטע ליטעראַרישע ווערק זאָגען: עט! נו, וואָס איז דאָרט אַזוינס? וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ אי, אי, אי?

נור פינף מענשען פון די טויזענד וועלען פערשטעהן קלאָהר און דייטליך דאָס אוננאַטירליכע, פאַלשע, עקעלהאַפטע, וואָס עס געפינט זיך אין אַ „סנפיר וקשקשת” ווערק. פאַר זיי וועט זיין אַ מאַטערנעס, אַ שווערע שטראָף אַזאַ מין ווערק צו לעזען אָדער צו זעהן אויף דער ביהנע; און, פערקעהרט, זיי וועלען אימשטאַנדע זיין צו שעצען און צו פערשטעהן אַלע מעלות פון אַ גוט ווערק, זיין נאַטירליכקייט, זיין מאַהלער־קונסט זיין וואַרהייט, ערהאַבענהייט און פּאָעטישע שעהנקייט. פון אַזאַ ווערק וועלען זיי האָבען דעם גרעסטען עסטעטישען פערגעניגען, וועלכען עס קען האָבען נור אַ אינטעליגענטער מענש, מיט אַ גוט ענטוויקעלטען ליטעראַרישען געשמאַק און אַ גרינדליכע אורטיילס־קראַפט.

די ענטוויקלונג פון מענשענס גייסט קען אויך אייגעטהיילט ווערען אין פיער הויפּט־קאַטעגאָריען. עס איז דאָ אַזאַ צושטאַנד ווען דעם מענשענס געהירען זיינען גלייכגילטיג צו יעדער ערשיינונג. אַזוי ווי אין אַ שפּיעגעל שיינען אָב טויזענדער זאַכען און דער שפּיעגעל ווערט דערפון ניט נתפּעל. דאָס איז די ניעדריגסטע שטופע פון אַ מענשענס גייסט. ער זעהט ערשיינונגען, איז מקבל פערשיעדענע איינדריקע, ער קען זיי אָבער ניט אַנאַליזירען, פערשטעהט ניט זייער בעדייטונג, קען ניט ערקלערען זייער אינהאַלט, קען ניט שעצען זייער ווערטה... אויף אַזאַ שטופע געפינען זיך גאַנץ קליינע קינדער, אָדער ווילדע אין דער ערשטער צייט פון זייער לעבען. אין יעדען טויזענד לעזער און צושויער וועט איהר געפינען אַ צוויי הונדערט מענשען פון דעם קלאַס.

אַ העכערע שטאַפּעל איז ווען אַ מענש הויבט אָן צו קענען נתפּעל ווערען. דער מענש הויבט שוין אָן צו פערשטעהן, דאָס, צום ביי־

שפּיעל, די זונן איז געווים אַ גאָט, די שטערן זיינען געטער... ער ווערט נתפּעל פון יעדער ערשיינונג. אָבער ער דענקט ניט וועגען די אורזאַכען, וועלכע רופען ארויס דיעזע ערשיינונג, ער פערשטעהט ניט זייער בעדייטונג, זייער פערבונד מיט אַנדערע ערשיינונגען, די סיס־טעם אויף וועלכע דיעזע ערשיינונגען זיינען געבויט געוואָרען. ער זעהט נאָר דאָס וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען, דאָס וואָס דריקט איהם מיט זיין גרויסקייט, דאָס וואָס שרעקט מיט זיין מעכטיגקייט, דאָס וואָס בעראַינטערעסירט מיט זיין אונפערשטענדליכקייט. זעקס הונדערט פון יעדען טויזענד געהערען צו די, וואָס ווערען נתפּעל. ביי דיעזע קריטיקער איז נור גוט דאָס פון וואָס מען קען נתפּעל ווערען.

די דריטע שטופע איז ווען אַ מענש קען שוין יאַ אביסעל אַנאַ־ליזירען, ווען ער האָט שוין אַ ביסעל קענטענים. צום ביישפּיעל אַ מענש וואָס האָט שוין אביסעל געלעזען, אָדער וועלכער איז געוועזען אַמאָל אין ערשטען קלאַס גימנאַזיע; ער ווייס שוין, דאָס די זונן געהט ניט אַרום דער ערד, די לבנה האָט ניט אין זיך ישוע בן נונ׳ס פּנים און ער זאָגט שוין: „עט!"

אַ איד, וואָס איז שוין אין ניו יאָרק פינף־זעקס יאָהר לאַכט פון אַ גרינהאָרן און זאָגט איהם: וואָס פערשטעהסט דו ניט? נאַרר! דאָס איז דאָך „עלעקטריע"... דער געוועזענער גימנאַזיסט אָדער דער געלער־יענקי פערשטעהען ניט די אוניווערסאַלע שעהנקייט פון דער גאַנצער זו־נען סיסטעם, דעם פּראַכט פון דעם וועלטען־צוזאַמענהאַנג, די גאַנצע מאַכט פון דער נאַטור מיט איהרע וואונדערבאַרע געזעצע; זיי זאָגען נור: עט! אַ זונן נו, וואָס איז דאָרט אַזוינס? עלעקטרי? ווער ווייסט דאָס ניט!... צו דער קאַטעגאָריע קריטיקער געהען הונדערט מיט פינף און ניינציג פון יעדען טויזענד.

פינף נור פון די טויזענד פערשטעהן די שעהנקייט, פּראַכט, און מאַכט פון דער גאַנצער וועלטען סיסטעם? פערשטעהען די נאַטור מיט איהרע פיזישע קרעפטען, מיט איהר פּאָעטישע שעהנקייט, מיט איהרע געהיימע וואונדערבאַרע ערשיינונגען, זיי אונפאַסען אַלעס מיט זייער אויג, בעגרייפען אַלעס מיט זייער געדאַנק און זייערע התפּעלות איז געגרינדעט אויף עסטעטישער און ריכטיגע געזעצע. זיי ווערען נתפּעל ניט ווי קינדער און ווילדע אינדיאַנער, זיי ווערען נתפּעל ווי דענקער און פּאָעטען; זיי קריטיקירען ניט אַזוי ווי דער גימנאַזיסט

אָדער געלער יענקי, נור ווי קענער, ווי מענשען וואָס קענען בעגרייפען און פערשטעהן.

.2

פאַר וואָס איז שווער צו שעצען אַ ליטעראַרישעס ווערק וואָס שטעהט אונטער קריטיק?

מיר וועלען זיך ווידער אומקעהרען צום ביישפּיעל מיט די טויזענד לעזער. ווען איהר גיט זיי אַ „סנפּיר וקשקשת״ שונד ראָמאַן, האָט איהר נור פינף מענשען, וועלכע וועלען האָבען אַ בעשטימטע גרינדליכע מיינונג. זיי וויסען, דאָס דער בוך טויג ניט און פאַר וואָס ער טויג נים. הונדערט מיט פינף און נײַנציג וועלען זאָגען: עס איז ניט אי! אי! אי! און וועלען דאָך לעזען מיט פערגניגען. די איבריגע אַכט הונ־דערט וועלען דעם גאַנצען סנפּיר וקשקשת איינשלינגען, ווי אַ הונגערי־גער קאָזאַק שלינגט איין אַ שיסעל בלינצעס. זעקס הונדערט פון זיי וועלען נאָך בעווייזען מיט אַרגומענטען, פון וואָס זיי ווערען נתפּעל.

„זי געהט אליין״, „זי וויינט״, „דער געלער פערברעכער האָט זי אונגליקליך געמאַכט״. „מע שיסט״. „מע שרייט, מערדער!...״ דער לעזער פערשטעהט ניט, ווי אַזוי קלעפּט זיך איין זאַך מיט דער אַנדערער, ער פרעגט ניט קיין שאלות, ווי אַזוי האָט דאָס אַלעס געקענט פּאַסירען, ער טראַכט ניט דערפון. וועלכע נאַטירליכע אומשטענדען האָ־בען אַרויסגערופען די אָדער יענע ערשיינונג? ער הערט נור פורכטער־ליכע קאָנקענדיגע ווערטער, זעהט פערשיעדענע סענסאַציאָנעלע סצע־נען, פערשיעדענע מענשען שווימען פערביי זיין אויפגערייצטען אויג, פאַנטאַסטישע בילדער געהן פערביי איהם, זיין נייגעריגקייט איז אויפ־געוועקט, זיין פאַנטאַזיע אויפגעבראַכט, ער איז נתפּעל געוואָרען! וואָס האָט אַרויסגערופען זיין התפּעלות? מיט וועלכע מיטלען האָט דער סנפּיר וקשקשת־שונד־ראָמאַן־פאַבריקאַנט צורודערט זיינע נערוועז?

אויף די סטענדען, וואו עס ווערען פערקויפט די העפטען פון שונד ראָמאַנען, קענט איהר אויך קריגען אַ באָטעל „שאַמפּאַניער״ פאַר פינף סענט. עס איז אַ זיס און אַ זויערליכער קוואַס, געדיכט און מוטנע ווי אַ נאָגעל־מאָגעל, עס זידט אַ ביסעל אין גלאָז און מאַכט גרויסע טראָבעל אין מאָגען. עס איז ניט קיין וויין, ניט קיין שאַמפּאַ־

ניער, ניט קיין געטראַנק. עס איז נור ביליג! די סנפּיר וקשקשת ראָמאַ־
נען זיינען אויך רעקלאַמירט ווי אמת'דיגע גוטע ראָמאַנען, זיי זיינען
אויך זיס און זויערליך, דער אינהאַלט איז געדיכט און מוטנע, אז מע
זעהט ניט קיין געדאַנק און מע געפינט ניט קיין זינן. עס זידט אביסעל
אין דער פאַנטאַזי פון דעם אונענטוויקעלטען לעזער און פערדאַרבט
איהם שרעקליך זיין גייסטיגען מאַגען. עס איז ניט קיין ליטעראַטור,
ניט קיין ראָמאַן — עס קאָסט נור ביליג.

א ראָמאַן אין ליטעראַרישען זינן פון דעם וואָרט דאַרף זיין גע־
שריבען פון א מענשען, וואָס קען א גראַמאַטיק פון א שפּראַך, וואָס
קען לאָגיש דענקען און פערשטענדליך איבערגעבען זיינע געדאַנקען, ער
דאַרף האָבען א פאַנטאַזי פון א פּאָעט, ער דאַרף קענען דעם מענשענס
זעלע, זיין גייסט, די טיעפסטע געהיימניס פון זיין אינערליכער וועלט
ווי א געלעהרטער פסיכאָלאָג, ער דאַרף פאָרשטעלען טיפּען פון כאַראַק־
טערע ווי א קינסטלער, ער דאַרף קענען די אומשטענדען, וועלכע רופען
ארויס אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען די אָדער יענע ערשיינונג,
ווי א היסטאָריקער און א וואהרער סאָציאָלאָג.

יעצט לאָמיר נעהמען דעם ראָמאַן „סנפּיר וקשקשת" פון אונזער
קאָלעגא מיסטער אלפּיי און צושניידען איהם מיט'ן מעסער פון אונ־
פּאַרטייאישע קריטיק. מיר מוזען צוגעבען, דאָס דיעזער ראָמאַן איז ניט
א ווירקליכער שונד ראָמאַן, עס איז נור א קאַריקאַטור אויף אזא מין
ווערק. אָבער פאַר אונזער צוועק איז דאָס נאָך בעסער. עס איז נויטיג
צו וויסען, דאָס מ א כ ע ן א קאַריקאַטור פונ'ם לעבען און ש ר י י־
ב ע ן א קאַריקאַטור א ו י פ ' ן לעבען איז ניט די זעלבע זאַך.
מאַכען א קאַריקאַטור פונ'ם לעבען הייסט: נעהמען אן ערשיינונג
און צופּאַטשקען זי, אזוי מיאוס, מאָהלען זי אזוי אונעהנליך, אז איהר
קענט ניט דענקען, ווער איז אויפגעמאָהלט און וואָס איז אויפגעמאָהלט.
דאָס הייסט: פערקריפּעלט, צוקאַליעטשעט מיט א האַנד פון א פּאַר־
טאַטש א נאַטירליכע ערשיינונג. שרייבען אָבער א קאַריקאַטור אויפ'ן
לעבען, הייסט בעמערקען אינ'ם לעבען, אינ'ם מענשען, אין ערשיינונגען,
דאָס אונגאַטירליכע, פאַלשע, קאָמישע, לעבערליכע, פערגרעסערן עס,
שטאַרק אויסדריקען, כדי דאָס אויג זאָל באַלד אויפכאַפּען, בעגרייפען
דאָס אַלעס, און דער צוזעהער זאָל אָהן א פירוש פערשטעהן דאָס קאָ־
מישע וואָס ליגט אין דעם. דער „סנפּיר וקשקשת" איז א ראָמאַן, אין

וועלכען א פעדער פון א קאריקאטוריסט האט אין העלע פארבען עהנליך נאכגעמאכט אן אמת'ן שונד ראמאן. און ווייל אין איהם זיי־נען קאנצענטרירט, און אין א פארגרעסערטער פארם אויסגעדריקט די אייגענשאפטען פון א שונד ראמאן, איז גרינג זיי צו בעמערקען און נאכדעם זיי צו בעשפרעכען.

.3

יעצט, אז מיר ווייסען שוין, אז א ראמאן קען נור דאן אנערקענט ווערען, אלס א ליטעראריש ווערק, ווען ער איז געשריבען נאך די רעגלען פון גראמאטיק און לאגיק, ווען ער איז געגרינדעט אויף ריכטיגע בע־אבאכטונג און פסיכאלאגישע ערשיינונגען, ווען ער שילדערט וואהרע טיפען און גיט ווירקליכע פאעטישע בילדער, יעצט וועט אונז לייכט זיין צו פערשטעהן פאר וואס איז „סנפיר וקשקשת" א שונד ראמאן..

ווען איהר לעזט א ראמאן, דארפט איהר פון ערשטען ווארט אן זיין אויפמערקזאם. „סנפיר וקשקשת, אדער ע! ווי באלד אז אזוי, וואס דארף איך עס גאר?" — דער נאמען אליין ערקלערט אייך שוין, דאס דער פערפאסער פערפאלגט ניט קיינע ליטעראַרישע ציעלען, דאס מע זוכט נור מיט „סנפיר וקשקשת'דיגע" אונזיניגע, באמבאסטיגע ווערטער צו פערבלאפען דעם נאאיווען און צוטרוויליכען לעזער. ווען איהר לעזט דערנאך די פערשפרעכונגען פון דעם מחבר, וועלכער בע־גליקט אייך מיט עטוואס בעזאנדערעס, שפאנענדעס, איבעראשענדעס, אינטערעסאנטעס און בעלעהרענדעס, — לעזט שוין ניט ווייטער! וואהרע ליטעראטור וואהנט ניט צוזאמען מיט דער אונפערשעמטער רעקלאמע... א גוטער בוך גיט דעם לעזער דאס, וואס ער פערשפרעכט ניט, א שלעכטער בוך פערשפרעכט דאס, וואס ער גיט ניט.

פאעזי אין א נאוועלע בעשטעהט ניט אין דעם, וואס דער אוי־טאר פערשרעקט אייער פאנטאזי מיט הימלען, וועלכע שטירצען צו דער ערד, מיט א נאכט, וועלכע איז שווארץ ווי א גלח, מיט דונערן און בליצען, וועלכע רוישען ווי אקעסעל־פויק... הערט זיך צו צו יעדען ווארט, בעמיהט אייך פארצושטעלען זיך אין דער ווירקליכ־קייט, וואס דער אווטאר שילדערט אייך, ווי באלד אין דעם איז ניטא קיין וואהרהייט, איז דאך אויך ניטא קיין פאעזי; ווי באלד איהר זעהט

ניט קיין אמת'ע ער־שיינונגען פון דער מאַיעסטעטישער נאַטור, זעהט איהר אויסגעטראַכטע אָנגעפּאַטשקעטע פאַנטאַס־מאַגאָריען פון אַ שונדער־ליגנער. פערדאַרבט אייך ניט מיט אַזאַ לעזע־שטאָף.

די לעזער פון שונד־ראָמאַנען האָבען אַ מעהרסטען גענוג פער־שטאַנד צו שעצען יעדע ערשיינונג אין לעבען; זיי האָבען גענוג שכל צו פערשטעהן, אַז עס האָט קיין בעדייטונג ניט, ווען אימיצער דער־צעהלט, אַז ער האָט פערזייט אַ קעריל פון אַ לימינע און פון דעם קע־ריל איז אויסגעוואַקסען אַ ארץ־ישראל ציעג; זיי האָבען גענוג פּראַק־טישען שכל צו פערשטעהן, אַז עס איז ניטאָ פון וואָס צו וויינען, ווען אַ געזונטער, רויטער קאָזאַק זיצט איבער אַ שיסעל מיט וואַרעניקעס און קלאָגט: „אידען האָט רחמנות, איך בין אַ הונגעריגער יתום"... די זעלבע מענשען אָבער פערלירען זייער שכל הישר, ווען זיי לעזען אַזעלכע אומגעלומפּערטע שלא היו ולא נבראו מעשות... עס שטעהט געשריבען אין שונד ראָמאַן, אַז אַ קוה איז געפלויגען איבער'ן דאַך און האָט געזונגען אַ ליעד מיט'ן נוסח פון טל און דער לעזער לעגט שוין צונויף זיינע ליפּען און מאַכט: פּס! פּס! אי! אי! אי!..." מען שילדערט איהם אַ שונדיגע סצענע, ווי אַזוי פון די אויגען פון אַ שוואַ־כע יתומה האָט מען אָנגערונען זיעבען פּעסלעך מיט רערען, און דער סענטימענטאַלער לעזער איז געריהרט, ווישט די אויגען מיט'ן אַרבעל און וויינט. אַן ענטוויקעלטער לעזער דאַרף נתפּעל ווערען ניט פון אַן אויסגעטראַכטע גוזמא זאַך, — ער דאַרף נתפּעל ווערען נור פון אַזעל־כע בילדער, וועלכע שטעלען איהם פאַר די וואונדער און פּראַכט פון דער נאַטור, די שעהנקייט אָדער העסליכקייט פון דעם מענשען'ס כאַ־ראַקטער, די מאַכט פון מענשען'ס געדאַנק, דעם וואונדערבאַרען צו־זאַמענהאַנג פון פערשיעדענע אומשטענדע אינ'ם מענשען'ס לעבען. מע דאַרף ניט וויינען דערפון, וואָס איינער פערוואָרפט אייך מיט ווער־טער: טרערען! זיפצען! קלאָג! יאָמער! וועה און אָך! צרות און שלעק!... איין וואָרט, איין סצענקעלע דאַרף און קען אייך ריהרען, ווען עס שטעלט פאַר ריכטיג, וואָס דער מענש ליידעט, ווען עס ענטדעקט אייך, וואָס זיין האַרץ פיהלט, ווען עס גיט אייך איבער דעם פּסיכאָלאָ־גישען פּראָצעס, וועלכער האָט צו וועהטאָגט זיין זעעלע...

ווען איהר לעזט איבער אַ „סנפּיר וקשקשת'דיגען" ראָמאַן, דאַרפט איהר זיך אַליין ענטפערען אויף דער פראַגע: וועלכע טיפּען האָט אייך

דער שונד ראָמאַן פאַרגעשטעלט? וואָס ווייסט איהר פון די העלדען? וואָס האָט אייך דער פערפאַסער דערצעהלט פון זיי? קענט איהר גלויבען אז עס איז געגוג, ווען דער אויטאָר זאָגט אייך, אז, זי האָט איהם געשוואָרען זיין טריי און ער איז געווען אַ געלער און האָט מורא געהאַט פאַר קיצלען?" אָדער דאָס ער האָט געגעבען אַ זיפץ, דייטליכער עס ווערען בעשריבען די העלדען פון די שונד ראָמאַנען! דערמאָנט אייך, וואָס ווייסט איהר פון זייערע גייסטיגע אייגענשאַפטען, פון זייערע פרינציפען, פון זייערע אידעען, פון זייערע שטרעבונגען? ווייסט איהר מעהר פון דעם, דאָס זיי זיינען געלע, האָבען ליעב גאָמעלקעס מיט געוועכטיגקייט, און האָבען מורא פאַר קיצלען און פאַר רשעים?.. פון דעסטוועגען לעזט מען דאָך דעם שונד ראָמאַן און מען מיינט, אז דאָס איז ליטעראַטור.

לאָגיק — דאָס איז אזא פירה, וועלכע וויל גאָר ניט וואַקסען אויף דעם בוים פון „שונדיזמוס"... ווען איהר לעזט אין דעם ראָמאַן „סנפיר וקשקשת", דאָס „זי האָט איהם געליעבט מיט די גאַנצע געפיהלע פון איהרע געהירען, זי האָט איהם געליעבט מיט'ן גאַנצען בלוט פון איהרע געדאַנקען, געליעבט מיט'ן גאַנצען הארצען פון איהר אונשולד", — פערשטעהט איהר, אז דאָס איז אונלאָגיש, נאַריש, אונזיניג; איהר פערשטעהט, אז ליעבען מיט די געפיהלען פון די געהירען, מיט'ן בלוט פון די געדאַנקען מיט'ן הארצען פון אונשולד איז אזוי מעגליך, ווי עס איז מעגליך צו ליעבען מיט אַ כאַליאווע פון אַן אַלטען שטיוועל און פון דעסטוועגען, ווען אזעלכע אונלאָגישע, ווילדע, משונה'דיגע זאַכען, בעפוצט מיט אונזיניגע קלינגענדע מליצות, טרעפען זיך אויף יעדען שריט און טריט אין אַ געשריבענע מעשה — מיינט מען אז עס דאַרף אזוי זיין.

זוכט אמת'ע פּאָעזי אין דעם בוך, וואָס איהר לעזט, זוכט לעבענס טרייע בילדער, זוכט לאָגיק, ערקלערונג פון די פערשיעדענע פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסען, פון וועלכע עס קומט ארויס דעם מענשענס האַנדלונגען, זוכט ריינעם עסטעטישען פערגעניגען און דער שונדיגער סנפיר וקשקשת־ראָמאַן וועט מוזען פערשוואונדען ווערען. אז איהר וועט גוטען מאַטעריאַל פאָדערען, וועט מען אייך גוטען מאַטעריאַל געבען.

וואס איז א סטיל?

Le Style c'est l'homne.

„סטיל" איז א גריכיש וואָרט. אין דיעזער שפּראַך בעדייטעט עס א פעדער, א פּען, א שטעקעלע, מיט וועלכען מע האָט אין די פערציַיטיגע יאָהרען געקריצט, ווען עס איז נאָך ניט געוועזן קיין שטאָלענע פעדער מיט קיין „פאונטין פּענס".

איצט רופט זיך אין ליטעראַטור סטיל — די מאנערען, דער אופן, דער וועג, דער שטייגער מיט וועלכען יעדער מענש, וואָס רעכענט זיך פאַר א שרייבער, דריקט אויס מיט'ן פעדער אויף פּאַפּיר זיינע געדאַנקען, זיינע אָבמעסטונגען און זיינע בעגריפע.

איין שרייבער האָט א לאַקאָנישען סטיל, דאָס הייסט: ער דריקט אויס זיינע געדאַנקען קורץ, שאַרף און דייטליך. דער אַנדערער שרייבט מיט לאַנגע, צושפּרייטע זאצען און האָט אין זיך זיעבען מאָס רייד. איינער האָט א גיפטיגען, סאַטירישען סטיל, דער אַנדערער שרייבט וואַסערדיג, איינער שרייבט איינפאַך, דער אַנדערער שרייבט מיט הויכע מליצה. איינער שרייבט מיט אַן עלעגאַנטער שעהנע שפּראַך; דער אַנדערער דריקט אויס זיינע געדאַנקען מיט דער שפּראַך פון מארק „סעדיכעס" און בעלי־עגלות. איינער געהט גלייך צום „פּאָינט", דער אַנדערער פּלאָנטערט זיך אַרום מיט זייטיגע וועגען פון משלים, אַלעגאָריען און פּשט'לאַך; איינער רעדט נאַטירליך, דער אַנדערער קינצעלט זיך און ברעכט זיך, טראַכט אויס משונה'דיגע אויסדריקע, מו־טשעט אויס פון זיך נאָך „ניט דאָ געוועזענע" ווערטלעך, גלייך ווערטלעך און קרום ווערטלעך. יעדער פון דיעזע שרייבער דריקט אויס מיט'ן פעדער זיינע געדאַנקען מיט זיין אייגענעם שטייגער, דאָס הייסט מיט זיין אייגענעם סטיל.

אַלזאָ, ווי איהר זעהט, סטיל איז ניט דער ציעל, עס איז נור דאָס מיטעל פון ליטעראַטור, עס איז נור איהר פאָרמע, עס איז ניט

דער געדאַנק אַליין, עס איז נור דער אופן מיט וועלכען דער געדאַנק ווערט אויפ'ן פּאַפּיר פערקערפּערט...

עס איז אָבער געווען אַ פּעריאָדע אין דער ליטעראַטור, ווען מען האָט גערעכענט, אַז די הויפּט מעלה פון אַ שרייבער איז זיין סטיליס־טיק. די פראַנצויזען, וועלכע זיינען בכלל און בפרט זעהר עלעגאַנטע מענשען, האָבען אויסגעאַרבייט די עלעגאַנטעסטע שפּראַך אין דער וועלט. אין אַכטצעהנטען יאָהר הונדערט זיינען די פראַנצויזען געווען די ליטעראַרישע געזעצגעבער פון איירָאָפּאַ און זיי צוליעב האָט גע־הערשט אַזאַ מיינונג, דאָס יעדע ליטעראַרישע ווערק דאַרף זיין גע־שאַצט נאָך זיין סטיל נאָך. איז דער סטיל געווען שעהן, עלעגאַנט, גלענצענד, מליצה'דיג, האָט דאָס ווערק געהאַט אַ גרויסען ווערטה; ווען ניט, האָט עס קיין ווערט ניט געהאַט. ניט די ליטעראַרישע קאָנ־פּעטע אַליין, נאָר די פּאַפּירעלעך, עטיקעטעלעך און גאָלדענע פּאָדעם מיט וועלכע די קאָנפעטע איז געווען פערוויקעלט, האָט מען געהאַלטען טייער. דערפאַר איז גאָר קיין חדוש ניט, וואָס דער פראַנצויז ביופּפּאָן האָט אויסגעשריען: דער סטיל — דאָס איז דער מענש!

לודוויג ברענע האָט ניט געוואָלט איינשטימען מיט'ן פראַנצויז. וואָס הייסט, זאָגט ער, דער סטיל דאָס איז דער מענש? מאַכט זיך דען ניט, אַז אַ גוטער מענש האָט אַ שלעכטען סטיל און פערקעהרט, אַ שלעכטער מענש האָט אַ גוטען סטיל? מיט אַ שלעכטען סטיל קען מען מאַנכעס מאָל אָנשרייבען זעהר אַ גוטען בוך און ביופּפאָן אַליין מיט זיין גלענצענדען סטיל האָט בעוויזען, אַז גלענצענדע געדאַנקען מאַכען אַ שרייבער אונשטערבליך און ניט גלענצענדע ווערטער. ווייטער, ברענגט בערנע אַזעלכע בעווייזע: מענשען, וואָס שרייבען עלעגיען און פּעסעמיסטישע אַרטיקלען זיינען אָם מיינסטענס אין לעבען פריילינע און לעבעדיגע חברה לייט און פערקעהרט, די וואָס וויצלען זיך און מאַ־כען לוסטיג ביים שרייבען, זיינען אָפט אין לעבען מעלאַנכאָליקער און אומעטיגע מענשען.

סטיליסטיק ווי יעדער פערנינפטיגער שרייבער פערשטעהט שוין איצט, איז ניט דער עיקר פון דער אויפגאַבע פון ליטעראַטור, אָבער אַזוי ווי אַ סקולפּטאָר קען ניט אויסדריקען זיין אידעע אָהן גיפּס און אָהן מירמעל־שטיין, אַזוי קען ניט אויסגעדריקט ווערען דעם שרייבער'ס געדאַנקען אָהן אַ סטיל. די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז דאַנקבאַר

די פראנצויזען דערפאר, וואס זיי האבען געלערענט רעדען בלשון נקיה, וואס זיי האבען געוויזען, וועלכע הויכע און וואונדערבאר שעהנע פאר־מען עס קענען בעשאפען ווערען אין דער שפראך פון א מענשען. געוויס, עס איז וויכטיגער א שרייבער זאל האבען גוטע געדאנקען איידער א גוטען סטיל, עס איז אבער נאך בעסער, ווען ער האט גוטע געדאנקען מיט א גוטען סטיל. און עס איז נאר א צרה, ווען קיין געדאנקען זיינען ניטא און דער סטיל טויג נאך דערצו אויך אויף כפרות... לכל הפחות ווען איהר לעזט עטוואס, האבען פערגניגען פון דעם, וואס איהר זעהט, ווי וואונדערבאר רייך, עס קען זיין די טעכניק פון דעם מענשענ׳ס שפראך. די קונסט, מיט וועלכער דער שרייבער בויעט שעהנע סימעט־רישע און קלינגענדע זאצען איז אליין פאר זיך א בריהשקייט, פון וועל־כער מען קען ענטציקט ווערען. דער אידעאל פון ליטעראטור איז, אז דער סטיל זאל הארמאנירען מיט׳ן געדאנק און דער געדאנק פונ׳ם שרייבער זאל האבען אן אויפקלערענדע מאכט אין דעם סטיל...

מע קען אבער ניט פאדערען, אז אלע מענשען זאלען שרייבען מיט איין סטיל. דער סטיל פון יעדען שרייבער איז א פראדוקט פון זיין אייגענער אינדיווידואליטעט, אן אויסדרוק פון זיינע פסיכאלאגישע און אינטעלעקטועלע אייגענשאפטען. יעדער אראטאר האט זיינע איי־גענע מאנערען אין רעדען — מאנערען, וועלכע שטימען איין „מיט זיין אינדיווידועלען איך..." ניט נאר „רעדנער", אפילו יעדער פראס־טער בשר ודם האט זיך זיין אייגענעם „סטיל" אין רעדען, זיין איי־גענעם שטייגער, זיין נוסח, וועלכער ווערט בעשאפען פון דעם בעל דבר׳ס כאראקטער, זיין טעמפעראמענט און זיין נערוועז־סיסטעם. דאס זעלבע איז געוויס אויך ווען דער מענש מאהלט אויס זיינע רייד מיט א פעדער אויף פאפיר. און אין דיעזען זינן איז דער פראנצויז גערעכט, ווען ער זאגט: „דער סטיל דאס איז דער מענש"! אינ׳ם סטיל שפיע־געלט זיך אב דער מענש...

איהר וועט אפשר ניט טרעפען פון דעם שרייבערס סטיל, צו איז ער א מעלאנכאליקער אדער א לעבעדיגער יונג, צו האט ער ליעב טהע מיט לימענע אדער „געפרייטע" מצה, איהר וועט אבער פון זיין סטיל דערקענען צו איז ער בעגאבט מיט טאלענט, אדער ער איז א גייסטיגער קבצן, קען ער גראמאטיק אדער ניט, איז ער א מענש מיט ענערגי, אדער א שמאטע פון וועלכער מע קען מאכען א קוואטש; צו

האָט ער געזונטע לאָגיק, אָדער ביי איהם איז אין קאָפּ אַ הירזשענע קאַשע, צו איז ער אַ מענש מיט אַ פּלאַן אָדער ער שפּרינגט אום ווי אַ היישעריג, צו רעדט ער אויפריכטיג פון גאַנצען הארצען, אָדער ער שפּיעלט נאָר אַ קאָמעדי, צו האָט ער פאַר זיך אַ ברייטען האָריזאָנט, אָדער ער זעהט נאָר זיין אייגענעם שפּיץ נאָז, צו האָט ער פּרינציפּען, אָדער ביי איהם איז אַלעס הפקר פּעטרישקע, האָט ער אמת'ע געפיהלען אָדער אַלעס איז ביי איהם נאָר נאָכגעמאַכט און „טו אָרדער" פאַבריצירט... ווי שעהן און ווי קינסטלעריש דער סטיל פונ'ם שרייבער זאָל ניט זיין געשניצט, ווי שטאַרק דער שרייבער זאָל ניט זוכען מיט קלינגענדע פראַזען און זיסע מליצות צו פאַרמאַסקירען זיין אייגענעם „איך", ווען ער זאָל אפילו פערניכטען אַ גאַנצען פייגען־בוים אום צו פערדעקען מיט זיינע בלעטער די ערוה, — וועט עס איהם דאָך ניט העלפען. יעדער לעזער וואָס האָט די פעהיגקייט צו אַנאַליזירען און פערשטעהן, וועט באַלד אין דעם סטיל געפינען דעם מענשען....

ווער רעדט ביי אונז אין דער ושאַרגאָנישער ליטעראַטור, וואו מע דענקט גאָר ניט פון קיין שעהנעם קינסטלערישען סטיל און וואו די שרייבער מאַכען זיך ניט קיין גאַרטלען אפילו פון קיין עלה תאנה, — ביי אונז איז גאָר אַ מחיה. איהר לעזט דורך איין אַרטיקעל און גיט שוין אַ געשריי! אָט איז ער! איך האָב איהם דערקענט!

ווער זיינען אונזערע וועג־ווייזער?

.1

אויף דער פראגע: ווער זיינען אונזערע וועג ווייזער? איז דאָ זעהר א קורצער און א דייטליכער ענטפער, — אונזער וועג־ווייזער זיינען „מיקסאָלאָגיסטען”. איך ווייס, איהר קוקט מיך אָן מיט בע־וואונדערונג: וואָס איז דאָס פאר א מין נייע זאך — מיקסאָלאָגיס־טען?

אין דעם לעצטען יעהרליכען רעפּאָרט פון דער עדיוקיישיאָנאָל אַליאַנס (געוועזענע היברו אינסטיטוט) איז אָבגעדרוקט א רעדע פון א געוויסען מר. מקילוועי, ער איז דער עדיטאָר פון דעם ברוקלינער „אי־געל”. געהאַלטען האָט ער די רעדע אויף דער יעהרליכע פערזאמלונג פון אַלע דירעקטאָרען און מיטגליעדער פון דער „עדיוקיישיאָנאָל אַליאַנס”. זיין רעדע פאַנגט זיך אָן אַזוי: „מיינע פריינדע. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז אַ ריכטער פון סופרים קאָורט געוועזען זעהר איבערראַשט מיט די ענטפערן פון אַן עדות. אויף דער פראגע: מיט וואָס בעשעפ־טיגט איהר זיך? האָט דער ציינגע געענטפערט, ער איז אַ מיקסאָלאָ־גיסט. — וואָס פאר א מין „מיק” זייט איהר? — „איך בין אַ מיקסאָלאָגיסט”. מיט דער הילפע פונ'ם אדוואָקאט איז ענדליך ער־קלערט געוואָרען אז דער ציינגע איז אַ באַרקיפּער און אז ער איז אין גאַנץ ניו יאָרק צווישען אַלע באַרקיפּערם דער גרעסטער מומחה צו מאַכען פון פערשיעדענע משקאות אַלערליי „מיקסד דרינקס”. „ווען מיין פריינד מר. סטראוס, אַזוי זאָגט ווייטער מר. מקילוועי, האָט דאָ היינט, רעדענדיג וועגען די פערשיעדענע אויפגאַבען און שטרעבונגען פון דער עדיוקיישיאָנאָל אַליאַנס, געמאַכט אַ טעות (אַ בולבע בלעז) און האָט אָנגערופען אַ סאַלאָן מיטן נאָמען סאַלון, איז מיר געקומען דער געדאַנק, אַז ער אַליין, דאָס הייסט מר. סטראוס,

איז אייגענטליך מעהר אָדער וויניגער א מיקסאָלאָגיסט א. ז. וו.”

מיינע פריינדע, אונזערע וועג־ווייזערס, אונזערע לערערס און משגיחים, די, וועלכע האָבען זיך גענומען דאָס רעכט אונז פיהרען און בילדען זיינען אלע, מעהר אָדער וועניגער, מיקסאָלאָגיסטען, מענשען, ביי וועלכע סאלאָן שטעהט נאָהענט לעבען סאלון... הונדערטערטויזענדער פון אונזערע ברידער טרינקען יאָהרענלאנג די „מיקסד דרינקס” פון די פילאַנטראָפּישע באַרקיפּערס, געהען אום בעטויבט פון זייערע עדיוקיישיאָנאל קאָקטיילס, און עס איז שוין צייט מיר זאָלען זיך אויסניכטערען און מיט קלאָרע אויגען ארומקוקען זיך וואָהין פיהרען אונז די דאָזיגע וועג־ווייזער און ווער זיינען זיי אליין?

איך מוז אייך פריהער מיט־טהיילען א פאַקט, וועלכער וועט אמבעסטען אילוסטרירען די אלע וויכטיגע פראגען, וועלכע איך וויל בעריהרען אין דיעזען ארטיקעל.

מיט א קורצע צייט צוריק זיינען פיעלע פון אונזערע בעקאנטע דאון־טאונער פריינדע געוועזן איינגעלאדען דורך בריעף צו מר. איזידאָר סטראוס, דעם פּרעזידענט פון דער עדיוקיישיאָנאל אליאנס. אויף דער פערזאמלונג זיינען געוועזן זעהר פיעל פּראָמינענטע מיקסאָלאָגיסטען. די איינגעלאדענע פאָרשטייער פון דאון טאון האָט מען ניט געגעבען קיין וואָרט, מען האָט זיי נאָר געהייסען הערען וואָס מען זאָגט זיי. ווען ענדליך יאָזעף באַראָנדעס האָט יע געקראָגען דאָס וואָרט, האָבען די מיקסאָלאָגיסטען יעדע מינוט איהם איבערגעריסען, זאָגאר אליין דער בעל הבית האָט איהם ניט געלאָזט רעדען און אלע האָבען געשריען: ניט דאָס זיינען די רעד, וואָס מען איז געקומען הערען, געקומען איז מען הערען נאָר דאָס, וואָס זיי זאָגען... וואָס זשע האָבען זיי געזאָגט? זיי האָבען פשוט גאַנץ אָפען געזאָגט, אז די אלע אידלעך פון דער גהעטאָ זיינען ווילדע חיות, א מאָב, פון וועלכען יעדערער וואָלט דעם אנדערן צוריסען און יעדע אָרדנונג און געזעצליכקייט אומגעשטירצט, ווען זיי, די וועג־ווייזער, זאָלען זיך ניט בעמיהען דיעזען ווילדען מאָב צו האַלטען אויפן צוים. זיי האָבען געזאָגט, אז די אידישע גהעטאָ איז די העלע פון אויסגעלאסענהייט און פערדאָרבענהייט, דאָס די אידישע פרויען זיינען כמעט אלע קאנדידאטען פאַר די הייזער, וועלכע זיינען בעלויכטען מיט „רויטע פייערס”, דאָס דעם גרעסטען טהייל פון קרימענאלס און פערברעכער גיעבען די קינדער

פון די אידישע עלטערן פון דער איסט סייד און זאָ ווייטער. מיט איין וואָרט, דער רב"ש"ע אליין ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרען פון דער גהעטאָ, ווען זיי זאָלען ניט זיין אונזערע אפּוטרופּס'ען און פערזאָרגער.

מיט וועלכע מיטלען קורירען זיי דיעזען פערפּעסטעטען און גע־פעהרליכען מאַב? זיי האָבען געמאַכט אַ מיקסטוריע פון עדיוקיישאָן, מאָראַל, רעליגיאָן, טשאַריטי, פּאָליטיק און גיעבען דעם קראַנקען אַלע שעה אַ טעע לעפעל. זאָל אונז ערלויבט זיין נאָכצודענקען אויף וויפיעל־יעזע מיקסטורע איז ווירקליך אַ רפואה, דאָס איז ערשטענס, און צווייטענס, ווער איז מעהר חולה, צו דער, וועמען מען קורירט, צו די, וועלכע האָבען זיך אליין געמאַכט פאַר רופאים?...

2.

זייער טהעטיגקייט פון עדיוקיישאָן איז קאָנצענטרירט אין דער גרויסער שטוב, וואָס שטעהט אויף איסט בראָדוויי און רופט זיך מיטן נאָמען „עדיוקיישיאָנאַל אליאַנס". מערקווירדיג, פריהער ווען דיעזער עסטאַבלישמענט האָט געהאַט מעהר רעכטע צו רופען זיך עדיוקיי־שיאָנאַל, האָט זיך דאָס גערופען „היברו אינסטיטוט", איצט, ווען עס האָט זיך געדאַרפט רופען ניט היברו, נאָר פּשוט „דזשואיש אינסטי־טוט", רופט מען דאָס עדיוקיישיאָנאַל אליאַנס. אַלזאָ וואָס איז דאָס פאַר אַן אינסטיטוט?

עס איז אַ גרויסער דעפּאַרטמענט סטאָר. וואָס האָט איהר ניט אין אַזאַ אַמעריקאַנער קראָם? זאָקען און וועש, שטיוועל און קליידער, היטלען און הענטשיקעס, בייסיקעלס און אויטאָמאָבילען, פּראָדוקטען פון קונסט און אַלעאָגראַפיען; פּאָרטאָפּיאַנעס און מאַנדאָלינס, בי־כער און שול־אַנגעלעגענהייטען, בלומען און האָמוטעס פאַר פערד... אין אַזאַ סטאָר איז דאָ אַ רעסטאָראַן און מען גיט דאָרט אָפּט קאָנ־צערטען פאַר די קאַסטימערס... אַזאַ דעפּאַרטמענט סטאָר איז די עדיוקיישיאָנאַל אליאַנס. עס איז דאָ אַ דעפּאַרטמענט פון חזנות און רבנות, אַ דעפּאַרטמענט פון תפילות און דרשות, אַ דעפּאַרטמענט פון געפילטע פיש און געשיכטע דער פילאָזאָפי, שעקספּיר און מאַנדאָלינא קונסט, עטהיקס און טענץ, גימנאַסטיק און פּאָליטיק. אַלע אַנגעשטעל־טע אין דיעזען עדיוקיישיאָנאַל סטאָר זיינען ניט מעהר ווי קלערקס,

פריקאשציקעס. זיי דארפען ניט זיין פעראינטערעסירט אין דעם זינן פון זייער ארבייט, זיי מוזען נאר זיין גוטע משרתים. פיעלע פון זיי זיצען טאג און נאכט און שרייבען, שרייבען, שרייבען. זיי שרייבען רולס, זיי שרייבען נומערס, זיי שרייבען סטאטיסטיקס, זיי שרייבען שרייבערייען — מען שרייבט! די אנדערע קלערקס דארפען אטענדען דא קאסטאמערס. זיי דארפען אכט געבען די קאסטאמערס זאלען ניט שנייצען די נאז אויפ'ן פלאאר, זאלען ניט הוסטען מיט א קוויטש, זאלען גאר נישט ניט בעטען אהן אן אפליקיישאן און, הויפטזעכליך, זיי זאלען טרעפען אין די געווינשטע דעפארטמענטס. איין קאסטימער וויל תחינות? דאן סטערז! דער וויל טאנצען? סעקאנד פלאאר. מאראל? טאפ פלאאר א. ז. וו. די גאנצע טהעטיגקייט פון דיעזען אינסטיטוט טראגט דעם כאראקטער פון א פעירי שאו. עס איז נאר צו זעהן און ניט צו טאן. דאס וויכטיגסטע איז נור עס זאל זיין וואס צו בעווייזען, — עס זאל רעדען צום אויג און צו קעשענע פון די „הויכ־געעהרטע" וויזיטארס. דער עיקר אבער איז ניט וויכטיג.

מיר ווענדען שפעטער רעדען דערפון, אויב די אידישע געהטא איז ווירקליך א העלע פון פערדארבענהייט. לאמיר אננעהמען אז אונזערע אפטאונער בעלי טובות זיינען גערעכט אין זייערע אויבען־דערמאנטע בעהויפטונגען, עהרליכע, אויפריכטיגע מענשען, וועלכע ווילען ווירקליך עטוואס טאן פאר'ן ווילדען מאב אהנע צו בעריהרען סאציאלע און עקאנאמישע פראבלעמען, ווייסען, אז זיי איז געבליבען איין איינציגער, ווירקליכער מיטעל, דאס איז קולטורנע ארבייט אינ'ם ברייטען זינען פון דאסווארט. יא, קולטור, וואס מעהר קולטור, בילדונג, אויפקלעהרונג, גייסטיגע און אינטעלעקטועלע ענטוויקלונג, ליכט פון וויסענשאפט. דאס זיינען די מעכטיגע מיטלען צו בעקעמפפען די פינסטערנים פון אבערגלויבען און איגנאראנס, אויסראטען די נייגונג צו אויסגעלאסענהייט און א לעבען פון „רעד לייטס"... וואס טוען אונזערע פערזארגער און משגיחים? זיי זיינען מיקסאלאגען און אלס אזעלכע האבען זיי מורא פאר דער אמת'ער אויפקלעהרענדער קולטור... מיט יעדען יאהר בעשניידען זיי זייער קולטורנע פראגראם און פיהרען אלס אריין וואס מעהר אנדערע מיקסטורס... א ביסעל עלעמענטארי־שע ענגליש און עטליכע פראקטישע, ניט סיסטעמאזירטע פאקטען איז אלעס וואס מען דארף. זיי ווילען ניט דער דאון־טאונער איד זאל קריגען

אַ העכערע בילדונג, זיי פּאַראַליזירען זיין שטרעבונג אַלעס צו קענען און ערפאָרשען... זיי שטעלען איהם זיך אַליין פאַר אַן אידעאַל און אַ מוסטער: זיי סמאַרט זאָגען זיי אין ביזנעס און סטופּיד אין דענקען, האַלט דעם סאַלאָן לעבען סאַלון, פילאָזאָפיר ניט קיין סך און זיי אַ גוטער סיטיזען... מעהר פערשטעהען זיי ניט און ווילען ניט אַז דער איסט סיידער אידעל זאָל פערשטעהן... צווישען די דירעקטאָרען פון אַליאַנס, וועלכע איך קען פּערזענליך, איז צום ביישפּיעל דזשאַדזש גרינבוים זעהר אַן אַנשטענדיגער מענש און אַ דזשענטעלמען און מיס־טער קוהן אויך אַ מענש געווים אָהן שלעכטע אבזיכטען, עס קען זיין אַז די איבעריגע זיינען ערגער, אָבער אַנשטענדיגקייט און גוטע אב־זיכטען זיינען נאָך ניט אַלעס וואָס מען דאַרף, אום צו פיהרען מיט אַ ריכטיגען וועג אַ גרויסען עדיוקיישיאָנאַל אינסטיטוט, וואָס האָט דעם צוועק צו בילדען טויזענדער מענשען און צו דיענען אַלס אַ מוסטער. אַזעלכע דירעקטאָרען, ווי פּראָפעסאָר זעליגמאַן און דאָקטאָר לייפּצי־גער זיינען איינציגע קאָמפּעטענטע מענשען, וועלכע וואָלטען געקענט געבען דעם ריכטיגען טאָן; זיי שפּיעלען אָבער, איך וויים ניט פאַר וואָס, אַ פּאַסיווע ראָלע און די הויפּט טהוערס זיינען מיקסאָלאָגיס־טען, וועלכע שטערען איינער דעם אַנדערן מיט פּראָיעקטען, פּלאַנען, אַבסורדע אויפטועכצען און דעפּאַרטמענט־סטאָר סיסטעמען... ווי אַזוי זיי האָבען נאָך ביז יעצט מיט זייערע, „רעגולייש ענס", „רעגלאַ־מענטשיינעס, „קאָמפּליקיישענס", ניט געמאַכט משוגע דעם סופּער־אינטענדענט דאָקטאָר בלוישטיין איז אַ גרויסער חידוש.

עס איז וואהר, דער „עדיוקיישיאָנאַל אַליאַנס" טוט אויך פיעל גוטעס פאַר די בעפעלקערונג פון דער איסט סייד, אָבער די מיקסאָ־לאָגען זיינען נעבעך ניט שולדיג אין דעם, מען קען זאָגען, אַז טראָץ זייערע אַלע בעמיהונגען צו מאַכען פון דעם אַליאַנס אַ זינ־לאָזען און נוצלאָזען אינסטיטוט, ברענגט ער דאָך אייניגע נוצען. איך אַליין קען פיעל יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט אין די קלאַסען פון אירגאָן און אין דייווידסאָנ׳ס סאָירקעל. זייער אינטעלעקטועלע ענטוויקלונג; ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע בילדונג קען ערפרייען דאָס הארץ פון יעדען אויפריכטיגען פריינד פון קולטור און עדיוקיי־שאָן... דאָס איז אָבער אַ זאַך וואָס האָט זיך געטראָפען, עס איז גע־ווען אריינגעשמוגעלט... אַז די דירעקטאָרען פערשטעהען ניט, שעצען

ניט און פערלאנגען ניט אזא טהעטיגקייט קען מען זיך איבערציינען מיט דעם, דאס איז דעם יעהרליכען רעפּאָרט זייערען ווערט דיעזע טהע־טיגקייט ניט אנערקענט, וועהרענד פיעלע מיקסאָלאָגיסטישע זאכען ווערען זעהר הויך געריהמט און בעדאנקט...

אין דער צייט, ווען דער עדיוקיישיאָנאל אליאנס שרייט איבער דער גאנצער וועלט פון זיין גרויסע טהעטיגקייט, ווען זיי האבען פער־שיעדענע קאָמיטעס מיט פּרעזידענטען, סעקרעטאַרען, און אָפיסערס, ביכער מיט רולס און רעגלעמענטאציעס, בערג מיט געשריבענע פּא־פּיערען, רעפּאָרטערס מיט גראָבע בייכער און דירעקטאָרען מיט א גרויסען אפּלאָמב (דיעזע אפּלאָמב האבען זיי נאר דאון־טאון), אין דער זעלבער צייט, ערגעץ אין א ווינקעלע, ווייס איך, לאָמיר זאָגען א וואָלקאָוויסקער פעראיין, וועלכער האט ניט קיין 90 טויזענד דאָלאר פאר יעהרליכע עקספּענסעס און קיינע בעלי טובות מיט גרויסע פּרע־טענזיעס, — דיעזער וואָלקאָווויסקער פעראיין געהט מיט א גלייכערען וועג צום ריכטיגען קוואל פון עדיוקיישאָן, לערענט ענגליש ניט מיט א קאזיאָנע סיסטעמע, גיט יעדען יאָהר א רייהע פון לעקטשורס, האט א קליינינקע פרייע ביבליאָטעק. הויכווירדיגע מיקסאָלאָגיסטען! דער ווילדער מאָב האט הונדערטע אזעלכע סאָסייעטיס! וואו זיינען די יעהרליכע סעריעס פון לעקטשורס פון די רוסישע סאָציאל־דעמאָקרא־טען, פון הונדערטער פערשיעדענע ארבייטער אָרגאניזאציאָנען, פער־שיעדענע עדיוקיישיאָנאל ליעגס? וואו זיינע די פּראָגרעסיווע אידישע צייטונגען און זשורנאלען, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען דאון־טאון? וואו איז די טהעטיגקייט פון פיעלע אמת'ע פאָלקס־פריינדע, וועלכע אָפּפערן זייער לעבען אום צו בילדען, צו לערנען און אויפצוקלעהרען זייערע ברידער, וואס זיינען פערשפּארט אין דעם פינסטערען דאון־טאון? טויזענדער לעקטשורס ווערען געגעבען פון די דאון־טאונער צו די דאון־טאונער איבער ליטעראטור און פילאָזאָפי, אין אלע ברענ־טשעס פון נאטור־וויסענשאפט, סאָציאָלאָגי, פּאָליטישע עקאָנאָמי, עוואָלוציאָן? א גרויסע, רעזולטאטפאָלע קולטורנע ארבייט ווערט פליי־סיג און אויפריכטיג געטאָן אין דער איסט סייד; א מעכטיגע עדיו־קיישיאָנאל בעוועגונג בליהט יעצט אויף אין אלע ווינקעלעך פון דער אידישער געהטאָ, און די מיקסאָלאָגיסטען, וועלכע זיינען געוועזען און געבליבען פרעמדע, וועלכע פערשטעהן ניט דעם גייסט און ווייסען ניט

די ווירקליכע בעדירפניסע פון דער אידישער בעפעלקערונג, זיי נעהמען זיך דאס רעכט צו זיין אונזערע בעלי דעות, אונזערע וועג־פיהרער, אונזערע קריטיקער און מוסר־זאגער. זיי ווילען קאנטראלירען אלע צוויי־גען פון אונזער לעבען, אונזערע פאליטיקס, אונזער עדיוקיישאן, אונ־זער פרעסע. מיט וואס האבען זיי זיך אזעלכע רעכטע ערווארבען? ווי איהר זעהט, דערמיט וואס זיי האבען אויפגעטאן אין עדיוקיישאן האבען זיי דאס געוויס ניט פערדיענט. אין עדיוקיישאן איז זייער סיס־טעמע: ניט דערלאזען, אבהאלטען, פערהינדערן; זיי זיינען רעאקציא־נערען און אבסקוראנטען. לאמיר זעהן, וואס האבען זיי געטאן פאר אונז אין די אנדערע אבטהיילונגען פון זייער טהעטיגקייט.

3.

דאס וואס זיי טוען פאר רעליגיאן און מאראל, קען מען זאגען, וואלט געוועזען זעהר לעכערליך, ווען עס וואלט ניט געוועזען אזוי טרויע־ריג. אפטאונער יהודים, וועלכע פערשטעהען אזוי פיעל אין אידישע רעליגיאן, וויפיעל אן איירישער גוי פערשטעהט אין בבא קמא, וועלכע לערנען זיך צוויי יאהר צו וויסען, אז קמץ אלף איז בע, וועלכע וויסען, אז אין דעם טאג פון בר מצוה טאר מען ניט עסען קיין קאלבאס אהן מאסטארד, און אז יום כפור דארף מען ניט עסען קיין מרור מיט חרוסת, — זיי געהען זיך זארגען פאר די אמונה זאכען פון דער איסט סייד!... וויסען זיי ניט, אז א דרייווער פון העסטער סטריט איז א למדן און א מופלג און א צדיק גמור געגען א פרעזידענט פון א פיפטה עוועניו טעמפעל?

דאקטאר בלוישטיין איז געוועזען אזוי פריינדליך און האט אונז געגעבען אייניגע סטאטיסטישע ציפערען, וועלכע רעדען פאר זיך אליין. אין די טעג פון ימים נוראים איז פערשריבען געווארען וויפיעל שוהלען זיינען דא אין דעם ראיאן נאר פון קריסטיע סטריט ביז'ן וואסער און פון האוסטאן ביז'ן וואסער. דאס זיינען די ציפערען: רעגולערע סי־נאגאגעס צוויי און דרייסיג, בתי מדרשים און האלס, פיער און זיבעציג אין שאפס נור פאר ימים נוראים דריי און אכציג, אין דענסינג אקא־דעמיעס אכט און זעכציג, אין מוזיק האלס זיעבען, אין פרייוועט און טענעמענט הייזער איין און זעכציג, אין ביער סאלונס (ניט סאלאנס)

פיער און זעכציג, אין סטאָרס זיעבען... בס״ה האָבען נור אין אַ טהייל פון דאָן טאַון אין דריי הונדערט און פיער און דרייסיג בתי תפלות געדאַוועט 76,900 אידען מיט אידענעס. אַ חוץ די שוהלען וואָס זיינען געווען העבער פון האָוסטאָן, די דריי אידישע טהעאַטערע אויף דער בויערי, קופּער יוניאָן, טעמעני האָל, און הונדערטער אַנדערע שוהלען מיט האַלען... קען זיך דער „ווילדער מאָב״ פון דער גהעטאָ אליין בעזאָרגען מיט רעליגיאָנס־אַנגעלעגענהייטען, אָדער זיי ווערען, חלילה, ווערען אוים אידען, אויב די יהודים (יאהודים) פון אפּטאַון וועלען ניט זעהן בעזאָרגען גאָטס אינטערעסען אויף איסט סייד? אין דעם זעלבען ראַיאָן, פון האָוסטאָן ביז טשעררי סטריט, עקזיסטירען צוויי הונדערט און אַכט און זעכציג שטענדיגע חדרים, וואו אמת׳ע ריכטיגע מלמדים לערנען טויזענדער אידישע תלמידים דאָס, וואָס די אפּטאַונער יהודים קענען ניט. איז נויטיג געווען צו מאַכען פון עדיוקיישיאָנאַל אַליאַנס אַ האַלבען בית המדרש און אַ האַלבען חדר?

נאָך טרויעריגער און זינלאָזער איז די פילאַנטראָפּישע טהעטיג־קייט פון אונזערע בעלי טובות. זיי טוען ניט אַ טובה ווי אַ ברודער טוט אַ ברודער, ווי אַ איד אַ אידען, מיט אַ פריינדליכען געפיהל פון רחמנות און מיטלייד... איידער אַן אָרעמאַן קריגט הילפע פון זייערע טשאַריטיס קריכען איהם פריהער די אויגען ארוים. ער דאַרף אויס־האַלטען צוואַנציג עקזאַמענס. איבערטראָגען דרייסיג אונטערזוכונגען... מען שטויסט איהם פון איין צימער אין דעם אַנדערען, מע בעהאַנ־דעלט איהם גראָב, מע ערניעדריגט איהם אויף יעדען שריט און טריט און ענדליך גיט מען איהם אַזאַ הילפע, וועלכע העלפט ניט און מאַכט איהם נאָר אומזיסט פאַר אַ בעטלער. די גרעסטע טהייל פון׳ם געלד געהט אַוועק אויף די קלערק וואָירק, פאַר משרתים און צדקה מחבלים, די גאַנצע פילאַנטראָפּי איז אַ ביוראָקראַטישע איינריכטונג פון גרוי־זאַמע ביוראָקראַטען און פאָרמאַליסטען... ניט פילאַנטראָפּי איז דאָס, דאָס איז מיזאַנטראָפּי... עס איז ניט אַ מעדיצין ווירקליך אויף ווי־פיעל עס איז צו העלפען, עס איז נאָר אַ האַרצישניק אָבצוציהען די היץ פון אַן אַנדער פּלאַטץ. דייטליכער גערעדט: די בעלי צדקות ווי־לען האָבען אַ נאָמען פון פילאַנטראָפּען און ניט באַדערען זיך מיט די קבצנים. די טשאַריטיס עקזיסטירען נאָר דאַרויף, עס זאָל זיין אַ פּלאַטץ וואָהין די קבצנים צו שיקען... דיעזע אָרדנונג האָט געבראַכט דערצו

דאָס זעהר זעלטען וועגדעט זיך צו זייערע טשאַריטיס אָן אנשטענדיגער מענש, וועלכער געפינט זיך אין אַ נויט און אונגליק. צו זיי געהען פּראָפעסיאָנעלע שנאָרערס און הקדש אידען. ווער זיינען די אמת'ע, דיווירקליכע פילאַנטראָפּען פון דער איסט סייד? היזכווירדיגע מיקסאָלאָגיסטען, די פילאַנטראָפּען פון דער איסט סייד זיינען די איסט־סיידער אידען אליין! דאָ קענט איהר געפינען אמת'ע אידישע רחמנות און ליעבע. דאָ קענט איהר געפינען פּאַקטען, ווען אַ איד וואָס פערמאָגט עטליכע טויזענד, גיט טויזענד דאָלאַר בייל פּאַר'ן אַנדערן אידען, גיט אָב זיין הייזעל אָדער באַנדס פאַר אַ אידען אָן עמיגראַנט, וועלכען ער קען ניט, אָבער פאַר וועלכען איהם טוט וועה דאָס האַרץ, ווארום ער וויים מיט וועלכע צרות ער האָט זיך קוים דערשלעפּט קיין אַמעריקאַ. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, אויב מיר וועלען זאָגען אז אין דעם זעלבען ראַיאָן נאָך וואו, וואו מען האָט אַנגעצעהלט דריי הונדערט און פיער און דרייסיג בתי תפלות, גיבט עס יעדען טאָג טויזענד צופעלע, וואו אַלטע אידען, ווייבער, יונגע לייט קלייבען געלד פאַר קראַנקע און אָרימע, פאַר פאַמיליעס וואָס האָבען ניט מיט וואָס צו צאָהלען רענט, פאַר אלמנות וועלכע מען האָט ארויסגעזעצט פון די דירות, פאַר ארבייטער וועלכע זיינען געבליבען אָהן ארבייט. און דאָס ווערט געטאָן אָהן גאוה, אָהן רעקלאַמעס, אָהן אידיאָטישע פּאַפּירען שרייבעכץ, נאָר מיט אָן אמת'ע שטרעבונג צו העלפען אָן אייגענעם און מיט אן אויפריכטיגען געפיהל פון מיטלייד. איהר פרעמדע גיט אַ נדבה מיט אַ געפיהל פון עקעל און מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל פון פעראַכטונג און זיי טוען עס מיט טרערען אין די אויגען און מיט רחמנות אין הארצען... איהר טוט עס וועגען אַ רעקלאַמע, וועגען ביזנעס, וועגען פּאָליטיק. זיי טוען עס, ווייל זיי ווילען העלפען דעם, וואָס געפינט זיך אין נויט און ארמוטה. ווער דאַרף וועמען לערנען?

עס איז איצט צייט מיר זאָלען גוט בעטראַכטען און פערשטעהן דעם כאַראַקטער און די בעדייטונג פון זייערע טובות. וועמען טוען זיי אַ טובה, זיך, צו אונז? מיר רוסישע און רומענישע אידען האָבען אין אונזער אַלטען היימאַט געלעבט אונטער אַזעלכע אומשטענדען, וועלכע האָבען אונז ניט געלערנט ווי אַזוי צו פיהרען אַ געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען זיך און פּראַקטיש פיהרען קהל'שע אנגעלעגנהייטען. מיר זיינען ניט דיסציפּלינירט, מיר קענען זיך ניט

גלייכען, צום ביישפּיעל, צו די דייטשען, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען אין דער היים א שולע פון עפענטליכען לעבען. אָבער מיר זיינען דאָך ניט ערגער פאר די איטאַליענער. פאר וואָס האָבען זיי ניט קיין בעלי טובות, משגיחים און מיקסאָלאָגיסטען? מיר האָבען בעוויזע, אז מיר זיינען פעהיגער ניט נאָר פאר די איטאַליענער, נאָר זאָגאר פון די אָפּטאַונער יהודים אליין, איבערצונעהמען די אמעריקאנער ציוויליזאַציאָן. נאָך וואָס דארפען מיר דיעזע בעלי טובות? ווער בעט זיי? דער תירוץ איז אָבער, זיי מיינען ניט אונזער טובה, זיי היטען אָב זייערע אייגענע אינטערעסען. זיי זיינען קאווארדס, רעדען ניט מיט אַן אָפענעם מויל צו זייערע קריסטליכע מיטבירגער, האָבען ניט קיין מוטה צו זיין אָריגינעל און זעלבסשטענדיג און האָבען מורא, די אָריגינאַליטעט און זעלבסטשטענדיגקייט פון די רוסישע יהודים זאָלען זיך ניט ווארפען איוואנען און פעטרא אין די אויגען... זיי הארט ניט, וואָס מיר וועלען טאָן פעלערן און מיר וועלען פאר זיי ליידען, ביז וואַנען מיר וועלען זיך אויסלערנען ניט מאכען קיין פעלערען, ניין! זיי ציטערען פאר זייערע אייגענע פעל, זיי האָבען מורא פאר זיך. נו, אז איהר זייט פייגלינגע און איהר האָט מורא, אז אלעס וואָס איהר טוט איז צו פערהיטען אייערע אייגענע אינטערעסען, אז די פּראקטישע בעדייטונג פון אייער פילאַנטראָפּי און עדיוקיישאָן איז ווערטה א פּיטאַק מינץ, פאר וואָס נעהמט איהר אייך אזעלכע רעכטע צו פיהרען און צו בעפעהלען? די קריסטען האָבען אויסגעבויט א בילדונג אין דער גהעטאָ און האָבען געגרינדעט אַן אוניווערזיטי סעטעלמענט, וואו זיי טוען א סך מעהר פּראקטישע און נוצליכערע ארבייט פאר די בעפעלקערונג פון דער גהעטאָ און זיי האָבען צו אונז קיינע טענות און קיינע רעכענונגען, די עדיוקיישאָנאל אליאנס האָט אונז גליקליך געמאכט מיט איהרע טובות! מיר קענען זיך ניט אויסצאָהלען, ניט אויסקויפען, ניט אָבדאנקען. געוואלד, ווער האָט אייך געבעטען? לא מעוקצך ולא מדובשך, מיר דארפען ניט אייער ביסעל האָניג און אייער פּיעל גיפט.

עס איז צייט, מיר זאָלען בערעכענען, אז פאר דעם ביסעל האָניג וואָס זיי גיעבען אונז, נעהמען זיי זיך צו גרויסע פּראָצענטען און צופיעל פּריווילעגיען. זיי אָם מייסטען, אָהן שכל און אָהן בילדונג, אָהן אמת'ע פילאַנטראָפּישע געפיהלע און אָהן א אידישע הארץ, ווילען קאָנטראָ־

לירען דאָס גאַנצע לעבען פון הונדערטע טויזענדער אידען, ווילען קאָנטראָלירען זייער רעליגיאָן און עדיוקיישאָן, זייער פּרעסע און זייער פּאָליטישע טהעטיגקייט. ניט נאָר כבוד און רעקלאַמע, זיי האָבען פון זייערע טובות אויך פּראַקטישע נוצען. די שטימען נעהמען זיי צו פאַר זייערע קאַנדידאַטען. דעם פּאַטראָנאַזשע נעהמען זיי צו פאַר זייערע אונטערלעקער, די פּאָליטישע מאַכט גיעבען מיר זיי אַוועק און אַז מען דאַרף עפּעס א טובה, אָדער אפילו א גערעכטע פאָדערונג, קען מען אונז גאָר ניט, זיי דאַרפען זיין אונזערע „גאָ ביטווין", אונזערע פאַקטאָרס. זיי זיינען אונזערע פאָרשטעהער און אונזערע פערזאָרגער. פאַר וואָס קומט עס זיי? ! פאַר וועלכע לייסטונג האָבען זיי דאָס פערדיענט ביי אונז? אמת, די ערשטע צייט האָבען זיי אונז געהאָלפען. אָבער אויב זיי האָבען עס געטאָן פון מצוה וועגען, וועט זיי גאָט בעצאָהלען. זאָלען זיי שיקען זייערע בילס צו רבש"ע. אויב זיי האָבען דאָס געטאָן פון זייער טובה וועגען, האָבען זיי זיך אליין בעצאָהלט דערפאַר. מיר זיינען אַוועק פון אונזער אַלטע היימאַט, ווייל מיר האָבען ניט געקענט ליידען א טיראַנישע גרויזאַמע מאַכט, וועלכע האָט קאָנטראָלירט אונזער פּריוואַט און קהל'שען לעבען, — מיר זיינען געקומען אין א לאַנד פון פרייהייט און אונאַבהענגיגקייט ניט דאַרויף, אַז אי־דישע בעלי טובות און אוזורפּאַטאָרס זאָלען נעהמען זיך דאָס רעכט צו פיהרען אונז אייביג אויף א שטריקעל. עס איז צייט מיר זאָלען זיך ארומקוקען וואָהין געהען מיר און וואָהין פיהרען אונז אונזערע ניט איינגעלאַדענע און ניט אויסערוועהלטע וועג־פיהרערס. מיר קענען אליין זיין א פּאָליטישע מאַכט און זאָגען א דעה אין שטעדטעל, מיר קענען אליין זיך סופּאָרטען, מיר קענען אליין געפינען מיטלען צו פיה־רען אונזער עדיוקיישאָן און צו ערפילען פילאַנטראָפּישע פונקציאָנען.
— ווי לאַנג נאָך וועלען מיר זיך ערלויבען, אַז מענשען וואָס האָבען מיט אונז גאָר נישט געמיינשאַפטליכעס, מענשען, וואָס זיינען אונז פרעמד און פעראַכטען אונז, מענשען, וואָס מיינען אַז מיר אַלע זיינען ניט מעהר ווי א ווילדער מאָב, אַז אַלע אונזערע פּרויען זיינען פון די

„רעד לייטס״ הייזער, אז אלע אונזערע קינדער זיינע קרימינעלע און פערברעכער, אז דיעזע מענשען זאָלען זיין אונזערע ראטהגעבער און וועג־ווייזער ? ! עס איז צייט, מיר זאָלען זיך שטעלען אויף אונזערע אייגענע פיס אָן מיר זאָלען צו די דאָזיגע פילאַנטראָפען, בענעפעק־טאָרס און עדיוקייטערס אוועקשיקען צוריק די הילצערנע שטאָלצעס (חאָדוליעס) אויף וועלכע זיי האָבען אונז געלערענט צו געהן און אויף וועלכע זיי אליין געהען אום זייער לעבען לאַנג !

וואָלטער.

1.

וואָלטערס לעבען.

מיר געפינען ניט אין דער וועלט געשיכטע א צווייטען ביי־שפּיעל פון א שרייבער, וואָס זאָל שפּיעלען אזא גרויסע ראָלע און זאָל האָבען אזא מערקווירדיגע בעדייטונג, ווי דער בעריהמטער פראנצוי־זישער שרייבער וואָלטער. ער האָט זיך מיט זיין פעדער אזוי בעריהמט געמאַכט, ווי אלכסנדר מוקדון, ווי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארטע און אנדערע גרויסע פעלד־הערן. עס איז נאָך א פראגע אויב זיי מיט זייערע קאָלאָסאלע ארמעען האָבען געפיהרט אזעלכע זיעגרייכע מלחמות ווי וואָלטער, אויב זיי האָבען איינגענומען אזעלכע פעסטונגען, אויב, זיי האָבען אזוי געשראָקען זייערע פיינד ווי וואָלטער.

וואָלטער׳ס ווערק זיינען געדרוקט אין זיעבציג בענדער. ער האָט געשריבען וועגען פילאָזאָפי און פּאָליטיק, וועגען נאַטור גע־שיכטע און מאַטעמאַטיק, איז געווען א היסטאָריקער, א דראַמען דיכ־טער, א עפּישער און לירישער פּאָעט, האָט געשריבען סאַטירען און נאָוועלען, וויסענשאפטליכע טראַקטאַטען און הומאָריסטישע ערצעה־לונגען.

זיין ריכטיגער נאָמען איז ניט געווען וואָלטער, נאָר פראַנץ מאַריא אראָועט. דעם נאָמען דע־וואָלטער, אָדער פאָן־ וואָלטער האָט ער זיך געגעבען שפּעטער אום בלומרשט צו צייגען, דאָס ער שטאַמט פון א אריסטאָקראַטישע פאַמיליע. אין דער ווירקליכקייט אָבער שטאַמט ער ניט פון קיין גרויסען יחוס. זיין פאָטער איז געווען אַ קליינ־בירגער, א נאָטאר און פּראַקטישער געשעפטס־מאַן, און האָט זעהר

ווענינ געהאלטען פון פילאזאפי מיט פאעזי. ווי די מייסטען גרויסע זשעניען פון דער וועלט, האט ער אויך געהאט דאס גליק צו האבען א מוטער, וועלכע איז געווען זעהר א געבילדעטע און, דאס איז דער עיקר, א גייסטרייכע פרוי. פון איהר האט ער גע'ירשנ'ט פיעלע פון די יעניגע נייגונגען, וועלכע האבען איהם שפעטער געמאכט גרויס און בעריהמט.

ליידער איז זיין מוטער געשטארבען, ווען ער איז נאך אלט געווען זיעבען יאהר און מיט עטליכע יאהר שפעטער האט איהם דער פאטער געשיקט לערנען אין א יעזואיטישען „קאלעדזש”. דא האט ער געלערנט די אלטע קלאסישע שפראכען און האט געלעזען די קלאסישע פאעטען, וועלכע האבען איהם ענטוויקעלט די נייגונג צו פאעזי, מליצה און דראַמא. דא אבער האט ער זיך אויך בעקאנט מיט דער יעזואיטישער סיסטעמע פון לעבען... חנפ'נען מעכטיגע מענשען, פעראכטען קליינע מענשען; זיין פרום נאר צווישען פרעמדע, אויסגעלאסען און ציניש צווישען אייגענע. קיין פיעלע קענטניסע און קיין אמת'ע בילדונג האט ער פון דער יעזואיטישער שולע ניט ארויסגעטראגען. וואלטער אליין זאגט: „ווען איך בין ארויס פון דער שולע האב איך געקענט לעטיין און האב געוואוסט פיעלע אנדערע זאכען, איך האב אבער נאר ניט געוואוסט, וואס מען דארף וויסען”. אלס צוועלף־יעהריגער שילער פון דער יעזואיטען שולע האט ער זיך בעריהמט געמאכט מיט א ביטע בריעף, וועלכען ער האט אנגעשריבען אין פערזען פאר אן אלטען קראנקען סאלדאט. דיזער אינוואליד האט געבעטען ביים קעניג א פענסיע און אויף אלע זיינע געבעט־בריעף האט ער קיין ענטפער ניט גע־קראגען, ביז מען האט איהם געראטהען ער זאל זיך ווענדען צו די „געלערענטע” תלמידים פון דער יעזואיטען שולע. וואלטער האט איהם אנגעשריבען א בריעף אין שירים און דער בריעף האט ארויסגערופען פיעל אויפמערקזאמקייט ביים קעניגליכען האף און אין פאריז. כאטש ער איז נאך געווען זעהר יונג, האט מען איהם שוין צוגעלאזט אין די סאלאנען פון דער העכערער געזעלשאפט, וואו ער האט געזעהן לוק־סוס, פערדארבענהייט, פאלשקייט, און געהערט אפיקורסישע דיס־קוסיאנען, שפאט פון דער רעליגיאן און אויטאריטעטען און וואו ער האט באגעגענט מערקווירדיגע מענשען, שארפזיניגע אפיקורסים און פריידענקער.

צו זעכצעהן יאָהר האָט ער געענדיגט די יעזואיטען שולע. זיין פאָטער האָט ניט געוואָלט וויסען פון זיינע פּאָעזיען און שרייבע־רייען און האָט געפאָדערט, אז וואָלטער זאָל זיך אויסערוועהלען א פּראקטישע פּראָפעסיאָן און זאָל זיך מאכען א קאַריערע. איהם האָט זיך געוואָלט, אז זיין זוהן זאָל זיין אַן אדוואָקאט און אין 1710 יאָהר איז וואָלטער געוואָרען א סטודענט פון א רעכט שולע. דאָ האָט ער זיך בעקאַנט מיט יונגע לייט, קינדער פון רייכע עלטערן, און אנשטאָט צו שטודירען פלייסיג די תורה פון צו אדוואָקאטען, האָט ער גאָר גע־לעבט אַ גוטען טאָג, געשריבען פּאַסקווילען אין סאַטירען און פערשווענ־דעט געלד מעהר, ווי פיעל זיין פּראקטישער פאָטער האָט געוואָלט. דורך דעם איינפלוס פון זיינע מעכטיגע פריינד איז דעם רייכען נאָטאר געלונגען צו קריגען פאַר זיין זוהן א שטעלע, אלס א פּאַזש ביי דעם געזאַנדטען אין האָלאַנד. וואָלטער איז געקומען קיין האאַג, האָט זיך באַלד בעקאַנט געמאַכט מיט די פראנצויזישע עמיגראַנטען, וועל־כע האָבען געוואָהנט אין דער שטאָדט, האָט זיך פערליעבט אין א יונגע מיידעל און איז דורך זיין ראָמאַן פערוויקעלט געוואָרען אין פערשיע־דענע אינטריגעס. דער געזאַנדטער האָט איהם משלח געווען צוריק קיין פּאַריז מיט ניט זעהר א גוטען אטעסטאַט. דער פאָטער איז געווען אויסער זיך און האָט געצוואונגען זיין זוהן צו ווערען א שרייבער ביי א פּראָקוראָר. אָבער אין דער קאַנצעליאַריע פון׳ם פּראָקוראָר האָט ער מעהר ווי פון געריכטס זאכען גאָר געטראַכט פון די פערגעניגענס, וועלכע מען קען געפינען אין אזא שטאָדט ווי פּאַריז. אנשטאָט צו שרייבען פּראָטאָקאָלען האָט ער געשריבען סאַטירען, בייסענדיגע און שטעכיגע פּאַסקווילען אויף די גרויסע הערשער און מעכטיגע פּער־זאָנען. מיט דעם פלעגט ער זיך שאַפען פיעל פריינד און פערפּאָלגער אָבער דאָס פלעגט איהם מאכען בעריהמט און פּאָפּולער.

אין 1715 יאָהר איז געשטאָרבען דער פראנצויזישער קעניג לוד־וויג דער פערצעהנטער און ווייל דער טראָנפאָלגער איז נאָך געווען קליינ־יעהריג איז דער הערצאָג פיליפּ פון אָרלעאַנס געוואָרען רעגענט, אָדער במקום מלך. די פערדאָרבענהייט און אויסגעלאַסענהייט, וועלכע זיינען אין לודוויג׳ס צייטען געווען פערבאָרגען אונטער דעם שלייער פון גרויסאַרטיגען עטיקעט און היפּאָקריטישע מאַסקען, זיינען איצט ארויסגעטראָטען גאַנץ אָפען. אלע זיטליכע צוימען זיינען געווען אומ־

געוואָרפען און פיליפּ פון אָרלעאַנס אַליין האָט זאָגאר ניט געמאַכט קיין געהיימניס פון זיינע פערהעלטניסע צו זיין אייגענער טאָכטער... אין דער צייט איז פּאַריז פערפּלייצט געוואָרען מיט שמוציגע פּאַסקווי־לען, שטעכיגע סטירען און פערשידענע הומאָריסטישע פּאָעמען. וואָלטער איז געוויס ניט אָבגעשטאַנען פון אַנדערע, ער האָט אָנגע־שריבען אַ סאַטירע אויפ'ן רעגענט און מען האָט איהם ארויסגעשיקט פון פּאַריז. צוויי יאָהר איז איהם געוועזען פערבאָטען צוריק צו קעהרען זיך. ער האָט אָנגעשריבען אַ מליצה־בריעף אין שעהנע פערזען צום רע־גענט, האָט אָבגעלייקענט, אַז די סאַטירע, וועלכע מען שרייבט איהם צו, איז ווירקליך געשריבען פון איהם. און אַ ראיה, זאָגט וואָלטער, אַז ניט איך האָב עס געשריבען, ווארום עס איז געשריבען מיט זעהר שלעכ־טע פערזען. מען האָט איהם ערלויבט אומצוקעהרען זיך און דער רע־גענט האָט איהם ווידער געשענקט זיין גנאַדע. ניט לאַנג אָבער האָט וואָלטער געלעבט אין שלום מיט'ן קעניגליכען האָף און מיט די גרויסע אַריסטאָקראַטען. ער האָט ווידער אָנגעשריבען אַ סאַטירע. ער האָט ווידער געפּרואווט אָבלייקענען, אַז ער איז דער מחבר, אָבער דאָס מאָל איז עס איהם ניט געלונגען. אַן אָפיציער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ שפּיאָן. ער האָט זיך געמאַכט גוט פריינד מיט וואָלטער'ן, און ווייל וואָלטער האָט זיך ליעב געהאַט צו בעריהמען, האָט ער דעם שפּיאָן ענטדעקט דעם אמת, ווער דער ריכטיגער פערפאַסער פונ'ם פּאַסקוויל איז. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס מען האָט וואָלטער'ן פערשפּאַרט אין דער באַסטיליע, וועלכע האָט אזא טרויעריגע היס־טאָרישע בעריהמטהייט. אין דיזער פעסטונג איז וואָלטער אָפּגעזעסען כמעט אַ יאָהר. נאָכדעם האָט מען איהם ווידער ארויסגעשיקט פון פּאַריז.

עטליכע יאָהר האָט ער אומגעוואַנדערט פון איין אָרט צום אַנ־דערן, פון איין שלאָס צו צווייטען, מיט זיין שאַרפזינן און וויציגען שכל האָט ער זיך איבעראַל געשאַפען פערעהרער און פיינד. ביסלעכ־ווייז איז די שנאה געגען איהם אין קעניגליכען האָף אָבגעקיהלט גע־וואָרען און ער פלעגט זיך ערלויבען צו קומען אַ מאָל אין דער הויפּט שטאָדט פון פראַנקרייך. אין דער צייט איז ער בעקאַנט געוואָרען אַלס אַ דראַמען־דיכטער. ער האָט געהאַט זעהר פיעל ליעבע צו דער ביהנע און טהעאַטער־קונסט, פלעגט אַליין רעזשיסירען זיינע פּיעסען, שפּיעלען

אין זיי ראָלען. האָט אַ פּיעסאַ ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג קיין ערפאָלג ניט געהאַט, האָט ער זי ביז דער צווייטער פאָרשטעלונג אַזוי געענדערט און אומגעאַרבייט, אַז זי פלעגט שוין האָבען דעם גרעס־טען ערפאָלג. ער האָט געקענט די ביהנע און פערשטאַנען גוט, וואָס די „מבינים" פון זיין צייט האָבען געפאָדערט. ניט אומזיסט האָט מען אויף איהם געזאָגט: „וואָלטער מאַכט זיינע פּיעסען צווישען די פאָר־שטעלונגען". דער ערפאָלג פון זיינע פּיעסען און היסטאָרישע (עפּישע) פּאָעמען האָט איהם צוריק געקעהרט די גנאָדע פון'ם הערצאָג פון אָרלעאַנס. ער האָט געקראָגען מתנות, געלד, אַ מעדאַל און כבוד. דאָס האָט געדויערט ביז ער האָט אָנגעשריבען אַ נייע סאַטירע. מען האָט איהם ווידער ארויסגעשיקט פון פּאַריז און, ווי שטענדיג, האָט ער ווידער געפונען מיטלען נושא חן צו זיין און ווערען בעגנאַדיגט. דאָס אַלעס אָבער האָט איהם ניט געקענט בעפריעדיגען. ער האָט שטענדיג געשטרעבט, אַז ער איז ניט נור אַ גרויסער פּאָעט און דיכטער, נאָר אויך אַ געשיקטער שטאַאַטסמאַן און דיפּלאָמאַט. ער האָט געוואָלט קריגען אַן אָנגעזעהענע פּאָליטישע שטעלע. קריגען אַזאַ פּאָסטען האָט מען אין יענער צייט געקענט נאָר דורך אַ געווייסען דיובאַ, וועלכער איז געווען אַ מיניסטער און די רעכטע האַנד פון דעם רעגירער. ער איז געווען אַ פאַלשער, אויסגעלאַסענער און זעהר פערדאָרבענער מענש. דאָס אָבער האָט וואָלטערן ניט געהינדערט און ער האָט געפונען מיטלען צו ווערען בעקאַנט און בעפריינדעט מיט דעם דיובוא. אַ מאָל, ווען וואָל־טער איז געווען איינגעלאַדען צו דיובוא'ס טיש, האָט ער בעמערקט, אַז איינער פון די אָנגעזעהענסטע געסט איז דער זעלבער אָפיצער, וועלכער האָט איהם אַזוי פעררעטעהעריש פער'מסר'ט און צוליעב וועל־כען ער איז געזעסען אין דער שרעקליכער באַסטיליע. דאָס האָט איהם זעהר אויפגעבראַכט און ער האָט מיט כעס אויסגעשריען: „איך האָב ניט געוואוסט, אַז שפּיאָנען געפינען אַן עהרען־פּלאַץ ביים טיש פון מיניסטאָרען!" דער אָפיצער האָט וואָלטער'ן אָבגעוואַרט אויף איינע פון די פּאַריזער בריקען און האָט איהם געשלאָגען מכות רצח. עס איז ארויס אַ סקאַנדאַל אויף גאַנץ פּאַריז. וואָלטער איז געלאָפען צו אַלע מיניסטאָרען און אַלע מיליטערישע דעפּאַרטאַמענטען און האָט ניט געקענט געפינען געגען זיין בעליידיגער קיין דין און קיין משפט.

נאָך אַ מיאוסער סקאַנדאַל איז ארויס ביי וואָלטער'ן מיט אַ

געוויסען קאוואליר פון ראהאן שאבא. דיעזער אריסטאקראט האט עס געהאלטען פאר אן ערנידערונג מיט זיינע וויסע הענד צו שלאגען א מענשען, וועלכער איז ניט קיין אדעליגער, נאר א פאעט און פילאזאף, האט ער געשיקט זיינע קנעכט זיי זאלען וואלטערן שלאגען און ער איז געזעסען אין זיין קארעטע און האט געקאמאנדעוועט ווי אזוי מען זאל שלאגען. וואלטער איז געוועזן אויסער זיך, ער האט זיך אויסגעלערנט פעכטען און האט ארויסגערופען זיין בעליידיגער אויף א דועל. דער קאוואליער האט איהם ניט געענטפערט. וואלטער איז אומגעלאפען ווי א פער'סם'טער איבער גאנץ פאריז, האט געבעטען זיינע מעכטיגע פריינד זאלען זיך פאר איהם אננעהמען, האט געזוכט הילף און האט איבעראל בעגעגענט שפאט, חוזק און ערניעדרונג. דער גייסטיגער צושטאנד פון דעם אויפגעבראכטען וואלטער האט זיך בעוויזען געפעהרליך פאר דעם שטאלצען אריסטאקראט, מען האט מורא געהאט, דער פערצווייפעלטער וואלטער זאל זיך ניט עטוואס ערלויבען געגען אזא מיוחס. און מען האט וואלטער'ן נאך א מאל פערשפארט אין דער באסטיליע. פו דער באסטיליע האט מען איהם ארויסגעשיקט פון פראנקרייך און וואלטער, וועלכער האט געהאט פריינד אין ענגלאנד, איז אוועק געפאהרען אין דעם איינציגען לאנד, וואו א מענש האט אין יענער צייט געקענט געפינען רעכטע און א געוויסע פרייהייט.

ענגלאנד מיט איהרע אינסטיטוציאנען און פאליטישע איינריכטונגען, מיט איהרע געלערטע פילאזאפען און פריי דענקער, האט געמאכט א גרויסען איינדרוק אויף וואלטער'ן. פאר איהם האט זיך געעפענט א נייע וועלט, נייע ערשיינונגען, נייע סאציאלע פערהעלטניסע, נייע פראגען. ענגלאנד איז געוועזן וואלטער'ס גרעסטע און בעסטע שולע. דא האט ער זיך גיך בעקאנט מיט די בעריהמטעסטע פארשטייער פון דער וויסענשאפטליכער און ליטעראַרישער וועלט, האט זיך אויסגעלערענט ענגליש, האט שטודירט ענגלישע קלאסיקער, האט געלעזען שעקספירען אין אריגינאל און ווען איהם איז ענדליך דורך די שתדלנות פון זיינע איינפלוסרייכע פריינדע ערלויבט געווארען צו קומען צוריק נאך זיין היימאט האט ער געהאט גענוג מאטעריאל, וואס צו פאפולאריזירען, אימיטירען, וועגען וואס צו דענקען און צו שרייבען. אין 1729 יאהר האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק נאך פאריז, וואו ער האט געוואהנט אין א פארשטאט אונטער אן אויסגעטראכטען נאמען. ער

האָט אַ געוויסע צייט זיך געהאַלטען ווי אַ סטאַטעק, געשריבען ערנסטע ווערקע און קיינעם ניט פּוגע בכבוד געווען. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט געקענט דויערען. די וועלט בעריהמטע שוישפּיעלערין אַנדריענע לעקאוורער, וועלכע איז אַ מאָל געווען איינע פון וואָלטער׳ס פּילע געליעבטע, איז געשטאָרבען און די קאַטוילישע גלחים האָבען ניט ער־לויבט זי צו בעערדיגען מיט אַ קריסטליכע לויה, ווייל זי איז ניט געווען איבריג פרום. וואָלטער האָט וועגען דעם אויפגעשריבען אַ פּאָעמע, אין וועלכער ער האָט גוט מבבד געווען די קאַטוילישע גייסטליכע פּאַטערס... נאָכדעם האָט ער זיך געמוזט בעהאַלטען... זיין ווערק „פילאָזאָפישע בריעף״ איז אין 1734 יאָהר דורך די הענד פון אַ הענ־קער פערברענט געוואָרען. ענדליך אום פּטור צו ווערען פון אַלע פער־פאָלגונגען און אַנגריפע האָט ער זיך בעזעצט אין דעם שלאָס פון זיין געלערטער געליעבטע די מאַרקיזע דיו שאַטעל. ביי איהר אין שלאָס האָט ער פערבראַכט כמעט 15 יאָהר. אויף אַ קורצע צייט פלעגט ער מיט איהר אָדער אַליין ארויספאָהרען קיין ברוסעל אָדער האָלאַנד און באַלד זיך צוריקקעהרען. דאָ אין שלאָס האָט ער אַליין און מיט זיין געליעבטע געשריבען פיעלע ווערק איבער די העכערע מאַטעמאַטיק, פּי־לאָזאָפי, געשיכטע און האָט פערפאַסט פיעלע דראַמען און פּאָעמען.

וואָלטער איז בעריהמט געוואָרען אין גאַנץ אייראָפּאַ. דער פּריי־סישער קעניג, וועלכער איז בעקאַנט אַלס פרידריך דער גרויסער, איז געווען איינער פון וואָלטער׳ס טרייסטע אַנהענגער. ער האָט שוין לאַנג געבעטען וואָלטער׳ן ער זאָל קומען צו איהם וואָהנען, אָבער כל זמן די מאַרקיזע, דיו שאַטעל האָט געלעבט, האָט ער ניט געקענט ערפילען דעם קעניג׳ס ווילען — זי האָט איהם פּשוט ניט געלאָזט — ער האָט עס נור געקענט טאָן נאָך איהר טויט. אין 1750. יאָהר איז ער געקו־מען קיין בערלין. דער קעניג האָט איהם געגעבען אַ וואָהנונג אין זיין שלאָס, האָט איהם געמאַכט פאַר אַ קאַוואַליער, האָט איהם בעשטימט צוואַנציג טויזענד ליוורען אַ יאָהר געהאַלט. אָבער זיין נייגונג צו אָבצושפּאָטען, אָבצולאַכען, זיין קנאה, זיינע אינטריגען און פּאָלעמישע שטרייטיגקייטען, זיין איבערמעסליכער דורשט נאָך כבוד און געלד האָבען זעהר גיך איבערגעפיהרט די גוטע פערהעלטניסע צווישען איהם און דעם קעניג. דער פּרעזידענט פון דער בערלינער אַקאַדעמי פון ווי־סענשאַפט, אַ געוויסער מאַפּערטיוס, איז געווען זעהר אַ בעגרענצטער

מענש און א פעדאנט און טראץ דעם וואס פרידריך האט איהם געאכ־
טעט, האט וואלטער פון איהם זעהר אבגעלאכט. ער האט דעם וויסענ־
שאפטליכען פרעזידענט אנגערופען מיט'ן נאמען אקאקיא און האט
געמאכט חוזק פון זיינעם א פלאן דורכצובויערן דעם קוגעל פון דער
ערד דורך און דורך... דאס האט ארויסגערופען א פאלעמיק צווי־
שען איהם און זיין קעניגליכען תלמיד, וועלכער האט זיך אויף גערע־
כענט פאר א גאנצען קענער (פיעלע פון דיזען קעניגליכען קענער'ס
ווערקע זיינען געווען בעארבייט און רעדאקטירט פון וואלטער'ן). אין
1753 יאהר האט וואלטער געמוזט פערלאזען דייטשלאנד. אויף דער
דייטשער גרעניץ האט מען איהם פערהאלטען מיט זיין באגאזש און
מען האט ביי איהם צוגענומען א שקאטולקע מיט פרידריך'ס מתנות.
אבוואהל שפעטער האט זיך וואלטער מיט זיין תלמיד איבערגעבעטען,
אבער גוטע אמת'ע פריינד ווי פריהער זיינען זיי שוין מעהר קיין מאל
ניט געווען. אומקערען זיך צוריק קיין פאריז האט מען וואלטער'ן ניט
ערלויבט האט ער זיך געקויפט א לאנד־גוט (א אימעניע) אויף דער
גרעניץ פון דער שווייץ און פראנקרייך, וועלכע האט זיך גערופען פער־
נעי. דא האט ער פערבראכט די איבריגע צוואנציג יאהר פון זיין לע־
בען אלס א באראן און א מאגנאט, ארומגערינגעלט מיט א גאנצער
סוויטע פון בעדיענטע, פריינד, אנהענגער און פערעהרער. די גרעסטע
לייט פון דער וועלט פלעגען פאהרען קיין פערנעי, ווי חסידים פאה־
רען צו א גוטען־אידען. זיין יעהריגער איינקונפט איז געווען איבער
140 טויזענד ליוורען און ער האט געלעבט ווי א פירסט אין לוקסוס
און פערגניגען. דא האט ער געהאט זיין אייגענעם טהעאטער פיר וועל־
כען ער פלעגט שרייבען שטיק, און ער אליין פלעגט זיי אויפפיהרען,
און ער אליין און זיינע פריינדע פלעגען זיי שפיעלען. ביז די מינוטען
פון זיין לעבען איז ער געווען טהעטיג, פול מיט ענערגיע און ענטוזי־
אזמוס. ער איז געשטארבען אין דער שטאט, וואו מען האט איהם ניט
ערלויבט צו לעבען — אין פאריז, אין דעם יאהר 1778, אין דער עלטער
פון 48 יאהר. אין דעם יאהר 1878 איז דעם טאג פון זיין הונדערטען
יאהרצייט, איז אין פאריז געווען זעהר גרויסע און גלענצענדע פעסט־
ליכקייטען. אין דעם יאהר 1891 האט מען אין פערנעי געשטעלט א
גרויסען און מערקווירדיגען מאנומענט.

מען וואלט געדארפט האבען פיעל פלאץ בלויז אויסצורעכענען

די נעמען פון אַלע זיינע ווערק. ער האָט פערפאַסט איבער פופציג דראַמען, קאָמעדיען און טראַגעדיען. פון זיינע טראַגעדיען זיינען מעהר בעקאַנט „זאירע”, „עראַפּע” און „מאַהאַמעד”, די לעצטע איז איבערזעצט פון דעם גרויסען דייטשען דיכטער געטהע. פון זיינע גרויסע עפּישע פּאָעמען זיינען מעהר בעריהמט זיין מייסטערווערק „הענריאַדא” און די „פּוסעל’ן” ער מאַכט חוזק פון דער הייליגער זשאַנע דיארק. פון זיינע פּיעלע ערצעהלונגען און נאָוועלען זיינען מעהר בעקאַנט „קאַנדיד” און „זאַדיק”, אין וועלכע ער קריטיזירט די רעליגיאָן און די סאָציאַלע פערהעלטניסע. זיינע פילאָזאָפישע טראַקטאַטען, זיין פילאָזאָפישע ענציקלאָפּעדי, זיינע היסטאָרישע מאָנאָגראַפּיען, זיינע אַבהאַנדלונגען וועגען דער פילאָזאָפי פון דער היסטאָרי, רעליגיאָן, און, הויפּטזעכליך, זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען האָבען קיין צאָל ניט. א גרויסע היסטאָרישע בעדייטונג האָט זיין קאָרעספּאָנדענץ — ווארום זיינע קאָרעספּאָנדענטען זיינען געוועזען די גרעסטע געלערנטע פון זיין צייט, די גרעסטע דיכטער און שרייבער, די גרעסטע הערשער און קעניגע.

קיין שרייבער אין דער וועלט האָט ניט געשפּיעלט אַזאַ גרויסע ראָלע, ווי וואָלטער.

2.

וואָלטער אלס מענש און שרייבער.

וועגען וואָלטער’ן, זיין לעבען, זיין טהעטיגקייט, זיין איינפלוס אויף דער ציוויליזירטער וועלט פון אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט און זיינע ווערקע, וועלכע זיינען, ווי מיר האָבען אויבען דערמאָנט, געדרוקט אין זיעבציג בענדער. קען מען און מען דאַרף שרייבען זעהר פיעל. אין א קליינע בראָשורע איז מעגליך צו געבען וועגען איהם נאָר א קורצע כאַראַקטעריסטיק.

עס איז געוועזען א צייט, ווען מען האָט די רעאַקציאָנערע וועלט געשראָקען מיט וואָלטער’ן, ווי מען שרעקט קליינע קינדער מיט דעם

„בוגי מען"... דער נאָמען „וואָלטעריאַנעץ" איז געווען אזא קללה, פונקט ווי איצט ביי דער בורזשואזער וועלט די נעמען: ניהיליסט, סאָציאַליסט, אַנאַרכיסט. עס איז ניט שרעקליך! ער איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער אין קיין זינען, די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע פון זיין צייט האָבען איהם ניט אינטערעסירט אלס א וויכטיגע סאָציאַלע פּראָבלעם. אָבוואָהל עס האָבען שוין דאַמאָלס עקזיסטירט די עקאָנאָמיסטען, וועלכע זיינען אונז בעקאַנט אלס פיזיאָקראַטען. (די דאָזיגע עקאָנאָמיסטען האָבען געלערענט, דאָס די רייכקייט פון נאַציאָנען בעשטעהט ניט אין גאָלד און זילבער, נאָר אין פּראָדוקטען פון אגריקולטור, דאָס אַלע מענשען האָבען דאָס גלייכע רעכט צו געניסען די פריכטע פון זייער ארבייט און עס איז אוננאַטירליך דאָס ליידיגגעהער זאָלען לעבען א גוטען טאָג און די וואָס ארבייטען זאָלען ליידען נויטה). ער איז ניט געווען קיין פּאָליטישער ראַדיקאַל, ער האָט געמאַכט חוזק פון די שרייבער, וועלכע האָבען געגלויבט אין א רעפּובליקאַנישע פאָרם פון רעגיערונג. פּאַרקעהרט, ער האָט געגלויבט אין די נויטווענדיגקייט פון אַן אויטאָקראַט, ער מוז נאָר זיין א געבילדעטער און „הומאַנער דעספּאָט". וואָלטער איז זאָגאָר קיין געוועהנליכער דעמאָקראַט ניט געווען. ער האָט גאַנץ אָפען געלאַכט פון די קאַנאַליען, פון וועלכע עס בעשטעהט דאָס פּאָלק, דער פעבעל, די פּראָסטע מענשעלאַך. שוועסטער און דיענסטמיידלעך אויפקלעהרען, זאָגט ער, דאָס איז ניט אונזער זאַך, דאָס איז די אויפגאַבע פון אַפּאָסטאָלען. עס האַנדעלט זיך ניט אין דעם, זאָגט ער, אונזערע לאַקייען פערהינדערען פון צו געהן אין קירכע, הערען דרשות און דאַוונען... „מיר וועלען גיך האָבען א נייעם הימעל און א נייע ערד. אָבער ווער? די אנשטענדיגע לייט נאָר. וואָס בעטרעפט די קאַנאַליען, דעם פעבעל, איז די דומסטע ערד און דער דומסטער הימעל גראַדע דאָס וואָס זיי דאַרפען. דאָס פּאָלק וועט אימער דום און באַרבאַריש בלייבען. זיי זיינען אָקסען, וועלכע דאַרפען האָבען א יאָך, א שטאָהל און א בינטעל שטרוי".

ער איז אפילו קיין אטעאיסט אויך ניט געווען. ער האָט געגלויבט אין א פערזענליכען גאָט און האָט זעהר פיעל געשריבען, אום צו איבערצייגען די אונגלויביגע, אז א גאָט איז א נויטווענדיגע זאַך. די גאַנצע וועלט ווייסט זיין בעריהמטע סענטענץ: „אויב עס איז ניטאָ קיין גאָט, מוז מען אזעלכען ערפינדען". געבילדעטע מענשען און פילאָזאָ-

פּען האָט ער נאָך ווי עס איז ערלויבט צו זיין אטעאיסטען, דאָס פאָלק אָבער מוז האָבען א גאָט, ווייל דאָס איז פּראַקטיש. דער פּראָסטער מענש זאָל ניט מורא האָבען פאר'ן גיהינום, פאר שמיץ וועט קיין פאָרם פון רעגיערונג ניט קענען עקזיסטירען, און קיין אָרדנונג אין דער געזעלשאַפט. דורך דיזער טעאָרי זיינער האָט ער געהאַט פיעל קאָפּ־דרייעניש. ער האָט געגלויבט אין גאָט אין שכר ועונש, און האָט ניט געגלויבט אין דער אונשטערבליכקייט דער זעעלע. ער האָט געלאַכט פון די, וואָס גלויבען אז דער מענש האָט ערגעץ וואו א נשמה. פרעגט זיך, אז קיין נשמה איז ניטאָ און קיין יענע וועלט איז ניטאָ, ווי אזוי וועלען די פויערען און קאַנאַליען בעשטראָפט ווערען פאר זייערע חטאים און עברות? אויף זיינע עלטערע יאָהרען, ווען ער איז געווען זעהער רייך און האָט געלעבט ווי א באַראָן, האָט ער אין זיין גוט אויפגעבויט א קירכע, אויף וועלכער עס איז געווען אויפגעשריבען: וואָלטער האָט דאָס אויפגעבויט פאר גאָט! פאר זיין שטאַרבען האָט ער ערקלערט אָפען, אז ער וויל שטאַרבען אין דער הייליגער קריסט־קאַטוילישאַפּאָסטאָלישער קירכע. און פאר זיין טויט האָט ער אונטערגעשריבען א פּאַפּיער, אין וועלכען ער האָט זיך ענטזאָגט פון אַלעס וואָס ער האָט געשריבען געגען קריסטענטהום. מיט איין וואָרט, וואָלטער איז אין קיין הינזיכט ניט געווען צו ראַדיקאַל. נאָך פאר איהם און אין זיין צייט זיינען געווען דענקער, וועלכע האָבען א סך ראַדיקאַלער בעהאַנדעלט אַלע פראַגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. פאר וואָס־זשע פלעגט פאַלען אַן אימה ופחד אויף דער רעאַקציאָנערער וועלט, אז מען פלעגט נאָר דערמאָנען זיין פערהאַסטען נאָמען?

מען זאָגט, וואָלטער איז געווען א גרויסער קעמפּפער פאר די פרייהייט פון דעם וואָרט, פאר דיזען קאַמפּף זיינעם איז ער עטליכע מאָל געזעסען אין באַסטיליע און איז פערטריבען געוואָרען פון זיין פאָטערלאַנד. דאָס איז ניט ריכטיג. ער איז ניט געווען קיין בראַווער געוואַגטער קעמפּפער, ער איז נאָר געווען א שרעקליכער דעמאָגאָג. ער האָט ניט געהאַט קיינע פּרינציפּען, קיינע סימפּאַטיען, קיין הייליגטום. ווי אַן אכזר האָט ער מיט א טייוולאַשער ענערגי פערפאָלגט זיינע אינטערעסען, אָהן רחמנות, אָהן מיטלייד, אָהן אבשיי. אָבער ער איז קיינמאָל ניט ארויס אין אַן אָפענעם קאַמפּף געגען די, וואָס אונטערדריקען און רויבען די פרייהייט. פאַרקעהרט, זיין גאַנצען לעבען איז

ער געווען א מחותן מיט קיסרים קעניגע, פירסטען, פרינצען... האט זיך גע'חנפ'עט צו זיי, געשנארעט געלד ביי זיי, געמאכט זיי קאמפלי־מענטען. ער איז געזעסען אין באסטיליען פאר פאסקווילען און שמור־ציגע ארטיקלען, וועלכע ער פלעגט ארויסלאזען אונטער א פרעמדען נאמען... ער האט קיין מאל ניט געהאט דעם מוט מודה זיין זיך, אז אן ארטיקעל, וועלכער האט אימיצען פון די גרויסע בייז געמאכט, איז געווען געשריבען פון איהם ער פלעגט זיך שווערען אז דאס איז א בלבול און שטילערהייט פלעגט ער בעקאנטע און בעריהמטע מענשען, ליעבהאבער פון סענזאציאן און סקאנדאל, געבען קאפיעס פון זיין שריפט... דאס האט איהם געמאכט פאר א געפעהרליכען מענשען.

אלס א מענש איז ער געווען א שרעקליכער עגאאיסט. די מענשען, זאגט ער, זיינען געשאפען צו זיין אדער איין אמבוס אדער א האמער; איך וויל בעסער זיין א האמער... ער האט געקלאפט וואו ער האט נור געפונען מעטאל צו שמיעדען. ער האט געדענקט נור וועגען זיך, האט ליעב געהאט כבוד, האט געוואלט זיין רייך און האט ניט מקפיד גע־ווען אויף מיטלען... ער האט געמאכט געלד און פיעל געלד, און ער איז ענדליך געווארען א גרויסער עושר, — ניט פון שרייבען, נור פון פערשידענע אפערס, האט נעגעבען געלד אויף פראצענט, געהאנדעלט מיט ווערט־פאפיערען, געווען א פאדריאטשיק, א ספעקולאנט און איז געווען זעהר א קארגער, אבוואהל ער האט ניט געהאט ניט קיין ווייב און ניט קיין קינדער. אויף דער עלטער, ווען ער האט געלעבט אין זיין פאלאץ אין זיין אייגענעם גוט פערנען, אויף דעם גרענעץ פון שווייצער־לאנד און פראנקרייך, האט ער געלעבט ווי אלע מאגנאטען. מיט אן אייגענעם טהעאטער, אייגענע פאדראנעס, פערד, וועגען, גלחים און פערעהרער. אין דער צייט פלעגט ער אמאל זיך ארויסצייגען אויך אלס א בעל צדקה, אבער ווער ווייסט, וועלכע מאטיווען ער האט דער־ביי געהאט. ער איז ניט געווען קיין גוטער מענש, האט קיין מאל ניט מוחל געווען, אויב מען האט איהם פוגע בכבוד געווען. אין פילאזאפישע טראקטאטען, אין פאעמען, אין דראמען פלעגט ער געפינען פלאטץ פאר זיינע פערזענליכע חשבונות, ווי פון זיינע שונאים נקמה נעהמען, שימפפען און בעליידיגען זיי. ער איז ניט געווען קיין אויפריכטיגער מענש. אין די אויגען האט ער געזאגט אזוי און אונטער די אויגען אנדערש. אלס וואלטער האט ער גערעדט פון א פערזאן אזוי, און אונ־

טער אַן אויסגעטראַכטען נאָמען פלעגט ער שרייבען גאָר אַנדערש. פריעדריך'ן דעם גרויסען פלעגט ער שרייבען, אַז ער איז דער שלמה המלך און אונטער די אויגען פלעגט ער איהם רופען: אַפּפּע... דער רוסישער צאַריצע יעקאַטערינאַ האָט ער געשריבען, אַז זי איז די איינ־ציגע „סעמיראַמיס דעם נאָרדענס"... און מיט אַ קורצע צייט פריהער האָט ער דאָס זעלבע געשריבען דער האַלב־ווילדער צאַריצע יעליזאַ־וועטע... דער עיקר איז געווען ביי איהם נאָר צו קריגען אַ „קאָמי־שאָן". ווען ער איז געווען ביי פרידריך'ן אין פּרייסען האָט ער גע־וואָלט ווערען אַ געהיימער אַגענט פון זיין רעגיערונג און אויסגעפּי־נען פּאָליטישע סעקרעטען... עס האָט איהם אָבער ניט געגליקט... פריהער האָבען איהם די פראַנצויזישע דיפּלאָמאַטען ניט געגלויבט און שפּעטער האָט זיך פרידריך ניט געלאָזט נאַררען. ער האָט זיין רבי, וואָלטער'ן, זעהר גוט פערשטאַנען. דיינע ווערקע, האָט ער גע־זאָגט וואָלטער'ן, פערדיענען מאָנומענטען און דיינע טהאַטען פערדיע־נען קייטען. — „עס איז גוט וואָלטער'ן צו לעזען, אָבער ניט צו קענען"... עס איז אין וואָלטער'ס כאַראַקטער ניט געלעגען צו פיה־לען וואַרימע פריינדשאַפט און ליעבע... פיעלע פרויען האָבען איהם געליעבט, פערגעטערט, ער האָט אָבער זיך נור אַמוזירט... איהם האָט ליעב געהאַט די בעריהמטע אַקטריסע אַנדריענאַ לעקובטאַריער, איהם האָט ליעב געהאַט אַ יונגעס מעדכען וועלכעס ער האָט בעגעגענט אין דער פּראָווינץ... ער האָט זי געבראַכט קיין פּאַריז, צוגעזאָגט צו מאַכען זי פאַר אַ בעריהמטע אַקטריסע און ווען ער האָט זי ניט געדאַרפט מעהר, האָט ער זי פערגעסען... שפּעטער ווען זי האָט גע־הייראַטעט מיט אַ בעריהמטען נאָבעלמאַן, האָט ער זי ווידער געוואָלט בעגליקען, האָט זי איהם אָבער געהייסען נעהמען דעם וועג... דאָס האָט איהם ניט לאַנג פערדראָסען, ער האָט זעהר גיך געפונען אַנדערע געליעבטע... די איינע פרוי מיט וועלכער ער איז געווען פערבונדען אַ היבשע צייט איז די מאַרקיזע דו שאַטעל... אין יענע צייטען האָ־בען די העכערע קלאַסע מענער ניט געהאַט דאַגעגען, אַז זייערע פרויען זאָלען האָבען געליעבטע, טרייהייט אין פאַמיליען־לעבען האָט זיך גערעכענט פאַר אַן אָבגעשמאַקטע זאַך, וועלכע איז אַרויס פון דער מאָדע. וואָלטער איז פיעלע יאָהרען געווען דער מאַרקיזע'ס געליעב־טער, ער האָט געלעבט רוהיג אין איהר שלאָס מיט אַלע בעקוועמליכקיי־

טען... זי איז ווירקליך געווען א מערקווירדיגע פרוי, קלוג, שעהן און זעהר געבילדעט... זי האט דעם גרויסען וואָלטער געהאַלטען אונ־טער איהר פאַנטאָפעל, דערפאַר האט ער זיך נעבען איהר אזוי לאַנג געהאַלטען... דאס טרעפט זיך שטענדיג מיט מענשען, וועלכע האָ־בען אזעלכע כאַראַקטערס ווי וואָלטער.

עס איז געווען א צייט, ווען מען האט וואָלטער'ן גערופען: דער קעניג פון די דענקער פון אכטצעהנטען יאָהר־הונדערט. דידעראָ איז געווען א סך א טיעפערער דענקער פון וואָלטער. זשאַן זשאַק רוססאָ איז א סך נעהענטער פון איהם צוגעגאַנגען צו אַלע וויכטיגע פּראָבלע־מען פונ'ם סאָציאַלען לעבען. אמת, וואָלטער האט אויפגעשריבען זיעבציג בענדער. ער איז געווען א פילאָזאָף, א היסטאָריקער, א פּאָעט, א דראַמאַטורג, א ראָמאַניסט. אָבער פערנעהמט דען וואָלטער א פּלאַץ אין דער פילאָזאָפי אלס א זעלבסטשטענדיגער פילאָזאָף? האט ער געשאַפען א פילאָזאָפישע סיסטעם? אין קיין היסטאָרי דער פילאָזאָפי געפינט איהר ניט וואָלטער'ן צווישען די פילאָזאָפען. אפילו זיינע גרעסטע פערעהרער אנערקענען נאָר, אז וואָלטער איז געווען דער געשיקטסטער מענש אין דער וועלט נאָר צו ערקלעהרען און פּאָפּולער מאַכען פילאָזאָפישע געדאַנקען פון אַנדערע. אין אַלע זיינע זיעבציג ביכער געפינט מען ניט איין ווערק, וועלכעס זאָל איהם אין דער גע־שיכטע פון דער ליטעראַטור שטעלען אויף איין פּלאַץ מיט די וועלט־בעקאַנטע קלאַסיקער. ער האט ניט אויפגעשריבען קיין „פאַוסט", קיין „האַמלעט", קיין „דאָן קיכאָט". אַלע זיינע ווערק האָבען נור א היס־טאָרישע בעדייטונג און זעלטען ווען איהר קענט וואָלטער'ן געפינען אין א פּריוואַט ביבליאָטהעק.

אלס א היסטאָריקער איז ער בעקאַנט נאָר מיט זיינע שבחים, וועלכע ער האט געשריעבען וועגען דעם מערדער און הענקער קאַרל דעם 12טען, וועגען דעם אויסגעלאַסענעם דעספּאָט און טיראַן לודוויג דעם פערצעהנטען, וועלכען וואָלטער האט פאַרגעטערט. ער האט גע־שריבען די געשיכטע פון רוסישען צאַר פּעטער, ווייל ער האט דערויף געהאט א בעשטעלונג און האט דערפאַר געקראָגען גוט צעצאָהלט. ווען זשאַן זשאַק רוססאָ האט זיך ערלויבט אויסצודריקען א געדאַנק, אז רוסלאַנד איז א פינסטערע מאַכט, וועלכע דראָהעט דער גאַנצער ציוויליזירטער איראָפּאַ, איז וואָלטער אויף אַנגעפאַלען מיט די ניעדר־

ריגסטע בעליידיגונגען, האָט איהם אָנגערופען: אַ פליעג, אַ גאָרנישט, וועלכער וויל פון זיין בוידעם זעהן די עראייגניסע פון דער וועלט־גע־שיכטע. שלאָסער זאָגט, אַז פון אַלע היסטאָרישע ארבייטער פון וואָל־טער, איז נור זיין געשיכטע פון לודוויג דעם פערצעהנטען די איינציגע פון וועלכער מען קען זיך ערלויבען, אי דאָס מיט גרויסע פאָרזיכטיג־קייט, איינינע בעמערקונגען צו אנטלייהען.

ער האָט אויפגעשריבען זעהר פיעלע דראַמען און אייניגע קאָ־מעדיען, וועלכע האָבען אין זייער צייט געמאַכט אַ שטורם. וואו זיינען זיי איצט? וואו שפּיעלט מען זיי? ווער זיינען זיי בעקאַנט? ער אליין האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ זעהר גרויסען דראַמאַטורג, האָט געשריבען אין אַ הויך־פערקינצעלטען קלאַסישען טאָן, נאָך די אַלע רעגעלען און קאַזיאָנע געזעצען פון דער טראַגעדיע. פון שעקספיר׳ן האָט ער ניט זעהר שטאַרק געהאַלטען. אָבוואָהל ער האָט צוגעגעבען, אַז שעקספיר איז אַ זשעני, אָבער זיינע דראַמען האָט ער געזאָגט זיי־נען געשריבען געוואָרען צו ווילד און באַרבאַריש. זאָגאַר „האַמלעט" איז נאָך זיין מיינונג אַ שטיק וואו איינער ווערט משוגע אין ערשטען אַקט, דער צווייטער אין צוויימען אַקט, אין דריטען אַקט שלאָגט מען זיך און מען טרינקט, נאָכדעם גראָבט מען אַ קבר אויף דער ביהנע, מען שלאָגט זיך ווידער און מען פערגיפטעט. ווען ער, וואָלטער, וואָלט האָבען אַ מאַכט, זאָגט ער, וואָלט ער שעקספּירען ניט אריינגעלאָזט אין פראַנקרייך. און דאָך וואָס האָט ער אַליין געטאָן? ער האָט אין זיינע דראַמען נאָכגעקרימט שעקספּירען, האָט געמאַכט אַן אָטהעלאָ נאָך זיין מוסטער, האָט געוויזען שעקספּירען ווי מען דאַרף שרייבען „ראָמעאָ און דזשוליעטאַ" א. ז. וו. לעסינג האָט אין זיינע קריטישע בריעף וועגען דראַמאַטורגי געמאַכט אַ תל פון וואָלטער׳ס דראַמען. ער האָט פּשוט איבערצייגט אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן. וועגען וואָלטער׳ס דראַ־מאַ „מעראָפּע" דערצעהלט לעסינג, ווי אַזוי דאָס שטיק איז גענומען געוואָרען ביי אַ איטאַליענישען שרייבער, ווי אַזוי וואָלטער אַליין האָט אונטער דעם נאָמען פון אַן אויסגעטראַכטען לינדעל אויפגע־שריעבען אַ פּאַסקוויל אויף דעם אָריגינעלען פערפאַסער, האָט איהם געמאַכט מיט דער בלאָטע און געצייגט אויף וויפיעל זיין „מעראָפּע" שטייט ניעדריגער פון דעם גרויסען וואָלטער׳ס „מעראָפּע". דאַרויף האָט כלומרש׳ט שוין אַליין וואָלטער געענטפערט, אַז אָבוואָהל דעם

איטאַליענערס „מעראָפּע״ האָט אין זיך גרויסע פעהלערן, איז דאָך לינדעל ניט אין גאַנצען גערעכט. מיט אַזעלכע פּאַרטעלען, רעקלאַמען און פאַלשע פסעוודאָנימען האָט זיך וואָלטער זעהר אָפט בענוצט.

זיינע פּאָעטישע ווערק זיינען זעהר גלענצענד, קלינגענד, אין זעהר א רייכער שאַרפער שפּראַכע, זיי זיינען אָבער קאַלט, טרוקען און געפּיהללאָז, וואָרום ער אַליין איז געווען אַ טרוקענער, קאַלטער מענש, אָהן געפּיהל און אָהן הארץ. זיינע פּאָעזיען בעריהרען ניט קיין גרויסע פּראָבלעמען און רעדען ניט צו דער זעעלע פונ'ם מענשען. זיינע ראָמאַנען קען מען רעכענען פאַר אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט פאַר בעלעטריסטישע ווערק. זיי זיינען פילאָזאָפּישע טראַקטאַטען, סאַטירען, קריטיקען, אָבער קיינע קונסטווערקע, קיינע ראָמאַנען. די פּערזאָנען פון זיינע ערציילונגען זיינען ניט לעבעדיגע מענשען, זיי זיינען מאַריאָנעטען, קוקלעס, וועלכע טאַנצען אום, ווייל וואָלטער ציהט זיי פאַר'ן שטריקעל און צווינגט זיי צו מאַכען אַלערליי אוואיעס און אויסצושרייען אַזעלכע קלוגע מאָנאָלאָגען און שאַרפע געדאַנקען, ווי זייער בעל הבית וויל. גענומען זיינען זיי אַלע ניט פון ריכטיגען לעבען, נור פון אַ פאַנטאַסטישער אויסגעטראַכטער מערכענוועלט... די ווירקליכקייט, דאָס רעאַלע לעבען שפּיעלען קיין ראָלע ניט אין וואָל־טער'ס ראָמאַנען.

אין וואָס־זשע שטעקט זיין קראַפט, זיין מאַכט, זיין גרויסקייט? וואונדערן זיך שוין מאַנכע פון אייך. איהר האָט נאָר געדולד... איידער איך וועל פערענטפערן די פראַגע, וועט איהר אייך נאָך מעהר וואונדערן.

3.

וואָלטער אַלס אידען־פיינד.

די היינטיגע אַנטיסעמיטען מיט אַלע זייערע רייד און שרייבע־רייען קענען זיך רעכענען געגען וואָלטער'ן אַלס קליינע הינטעלעך. וואָלטער האָט די אידען געביסען מיט גרויסע שאַרפע און גיפטיגע

צייהן. וואו ער האָט נור געקענט, סאי דאָס איז געווען אם פלאץ אָדער ניט, פאסענד אָדער ניט, אין א פילאָזאָפישער אָבהאנדלונג, אָדער אין א היסטאָרישער מאָנאָגראפי, אָדער אין א ראָמאן, אומעטום וואו ער האָט נור געקענט פון די אידען אָבלאַכען, ערנידריגען זיי, בעשימפּ־פען, בעשמוצען, האָט ער עס ניט פערפעהלט צו טאָן פלייסיג און מיט ענערגי. אליין איז ער געווען א געשעפטסמאַכער און א פראָצענט־ניק און די אידען האָט ער מיט דעם געשטאָכען די אויגען. ער אליין האָט ניט געגלויבט אין השארת הנפש און די אידען האָט ער גערע־כענט פאר א ניעדריגעס בארבארישעס פאָלק ווייל אין זייער ביבעל ווערט די פרומע אידען צוגעזאָגט נאָר עולם הזה און קיין עולם הבא. פון דער ביבעל האָט ער, וואו ער האָט נאָר געהאַט א געלעגענהייט, געמאַכט חוזק. אין זיין פילאָזאָפישען ווערטער־בוך, ווען ער קומט צום וואָרט „איד" דערציילט ער אין א היסטאָרישער פאָרמע נאָר זיינע מחלוקות, קריעג און מלחמות. זאָגאר פון זייער העלדישען קאמפּף פיר זייער פרייהייט מיט די רוימער לאַכט ער אָב און זאָגט זיך אָפּ קאַלטבלוטיג, אז די רוימער האָבען פיעלע טויזענדער אידלאַך פער־קויפט ניט טהייערער פון דעם פרייז, וואָס מען נעהמט פאר א בעשע־פעניש, וואָס די אידען טאָרען ניט עסען. ער דערציילט אז די אידישע פרויען ווערט אין דער ביבעל פערבאָטען צו ליעגען מיט אייזלען און פערד, און דאָס איז א סימן אז די אידישע פרויען זיינען געווען געוואָוינט צו אזעלכע דעליקאטעסען. ער מאַכט זיך לוסטיג דאריבער ווי טויזענדער אידען זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען, ווייל אנשטאָט „שין" האָבען זיי געזאָגט „סין", אָדער ווייל זיי האָבען זיך צוגעריהרט צום ארון קודש א. ז. וו. ער ענדיגט זיין היסטאָרישען איבערבליק מיט דיעזע ווערטער: „דערפון זעהט מען אז די אידען זיינען געווען שטענ־דיג אָדער בראָדיאַגעס, אָדער רויבער, אָדער קנעכט, אָדער מיאַטעזש־ניקעס. זיי זיינען נאָך איצט וואַגאַבונדען אויף דער ערד, פעראַכטעט פון אלע מענשען און טענה'ן נאָך אלץ אז די הימלען, די ערד, די גאַנצע מענשהייט זיינען בעשאַפען געוואָרען נאָר פון זייער'ט וועגען". ער בעשולדיגט די אידען אין דעם, דאָס זיי זיינען געווען קאַניבאַלען און האָבען צו זייער גאָט געבראַכט מענשען פאר קרבנות... אין זיין פילאָזאָפישען ווערטער־בוך גיט ער גענוג פלאַץ אברהם'ן, דוד המלך, אלע נביאים... מאַנכעס מאָל זעהר שארף און וויציג... וועגען דעם

נביא יחזקאל דערציילט ער, אז גאָט האָט איהם געהייסען נעהרען זיך א געוויסע צייט מיט ברויט, וואָס איז בעדעקט מיט מענשליכע... יחזקאל האָט קוים אויסגעבעטען ביי גאָט די טובה, אנשטאָט מענש־ליכע... איינקנעטען אין זיין ברויט דעם קויט פון א בהמה... א איד אין אַמסטערדאם האָט איהם געזאָגט, אז מען דארף עס ניט פער־שטעהן בוכשטעבליך, עס איז א פאַנטאַזי... אויב עס איז א פאַנטאַזי, בעמערקט וואָלטער, דארף מען בעסער לעזען די פאַנטאַזיען פון האָמער, ווירגיל און אָוויד. נאָר ווען מען עס געפעלט בעסער די פּראָפּעצייהונג פון א יחזקאל דער זאָל עסען מיט איהם זיין אָנבייסען...

אלס געשעפטמאַכער האָט וואָלטער געהאַט צו טאָן מיט אידישע סוחרים אין ענגלאַנד, אין האָלאַנד און דייטשלאַנד. דאָס געוויס, האָט איהם ניט געקענט מאַכען פריינדליכער צו דער גאַנצער אידישער נאַ־ציאָן. ווען ער איז געווען אין לאָנדאָן האָט ער פערטרויט א קאַפּיטאַל צו א אידען, א געוויסען מענדעס, מיט וועלכען ער האָט געוואָלט ספּע־קולירען בשותפות. מענדעס האָט באַנקראָטירט און וואָלטער'ן איז אָנ־געקומען נאָר א קליינער טהייל פון זיין געלד. אין בערלין האָט ער זיך פערפּלאָנטערט מיט א אידען הירשעל גאָר אין א מיאוסער געשיכטע... ער האָט דורך דעם הירשעל געוואָלט אָפּקויפען פּאַפּיערען, וועלכע זיי־נען געווען פערבאָטען אין פּרייסען. ער האָט דאָס געמוזט טהאָן בשתיקה, זיין פּאַטראָן, תלמיד און פערעהרער, פריעדריך דער גרויסער זאָל דאָס ניט וויסען. ער איז דאַמאָלס געווען פריעדריך'ס קאַמער־הערר, האָט געקראָגען פון איהם צעהנדליגע טויזענדער א יאָהר, האָט גע־לעבט ביים הויף, געפאָהרען אין הויפ'ס־קאַרעטען, געגעסען ביים קעניגס טיש און געשפּיעלט א ראָלע פון זעהר א גרויסען פּרינץ. מען ווייס ניט, אויב עס איז וואָהר אָדער ניט, אָבער דער איד הירשעל האָט ער־קלעהרט אז אַנדערע אידען, קאָנקורענטען, האָבען אומיסטען אויפגע־הויבען דעם קורס פון די פּאַפּיערען, איידער ער האָט זיי געקויפט און אז ער האָט דערביי פערלאָרען זיין געלד און אויך וואָלטער'ס געלד... וואָלטער האָט ארויסגענאַרט ביי דעם אידען א סך טהייערע בריליאַנ־טען, כלומרשט מיט'ן צוועק זיי צו קויפען, און האָט זיי ניט געוואָלט צוריקגעבען. דערצו האָט ער נאָך געפעלשט אן אונטערשריפט פון הירשלען. עס איז ארויס אן עפענטליכער סקאַנדאַל, דער איד האָט דער־לאַנגט אויף וואָלטער'ן אין געריכט... פריעדריך האָט פריהער אויך

געוואוסט וואָס פאַר אַ ניעדריגען כאַראַקטער וואָלטער האָט, דיע־זער סקאַנדאַל האָט אָבער געטריבען די לעצטע ביסעל אַכטונג וואָס דער געקרוינטער תלמיד האָט געהאַט צו דעם בעריהמטען רבי'ן. לאָזט צו רוה, האָט פריעדריך צו איהם געזאָגט, דעם נייעם און דעם אַלטען טעסטאַמענט. אַ פילאָזאָף דאַרף פריהער פון אַלץ זיין אַ אַנשטענדיגער מענש... דיעזער סקאַנדאַל האָט נאָכדעם געפיהרט דערצו, אַז צווישען דיעזע צוויי גדולים איז אַרויס אַ מחלוקה. וואָלטער, אַלס נוקם ונוטר האָט דאָס געוויס ניט געקענט פערגעסען. מערקווירדיג איז דאָס וואָס וואָלטער'ס פאַפּיערען און דאָקומענטען ביי דיעזען שמוציגען פּראָצעס פון הירשעל און וואָלטער האָט איבערזעצט פון פראַנצויזיש אין דייטש דער גרויסער לעסינג, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, דער זעלבער וואָס האָט זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיין „נאַטהאַן דער וועיזע"... וואָלטער האָט לעסינג'ן ניט געליעבט. לעסינג האָט וואָלטער'ן שוין דאַמאָלס פערשטאַנען...

אַ פּאָרטוגעזישער איד מיט'ן נאָמען פינטאָ, איז אַרויס געגען וואָלטער'ן מיט אַ פּאָלעמישער בראָשורע... די פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע אידען האָבען זיך דאַמאָלס גערעכענט פאַר די אַריסטאָקראַ־טען פון אידישען פאָלק און האָבען געקוקט אויף די פּוילישע און דייטשע יהודים, ווי די יהודים פון דעם ניו יאָרקער אַריסטאָקראַטישען קוואַרטאַל קוקען איצט אויף די אידלאַך פון דעם ניו יאָרקער געהעטאָ. דיעזער פינטאָ האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָס וואָלטער שרייבט איז אפשר וואהר, אויב ער מיינט די פּוילישע און דייטשע אידען, די פּאָרטוגע־זישע אָבער זיינען איידעל־לייט און אַריסטאָקראַטען... וואָלטער האָט צוגעגעבען אַז פינטאָ איז גערעכט און ער איז בערייט צו מאַכען איין אויסנאַהמע פאַר די פּאָרטוגעזישע אַריסטאָקראַטען... ער, האָט בע־רעכענט, אַז ער מאַכט דערביי אַ בעסער געשעפט, אַלס זיין אָפּאָנענט, דער אידישער פערטהיידיגער פינטאָ...

אין זיינע „בריעף געגען זעקס אידען" גיסט ער וויעדער גיפט, שוועבעל און פעך אויף די אידען. ער דערמאָהנט זיי וויעדער די אַלטע חטאים און ענדיגט איינעם פון זיינע בריעף מיט דיעזער פריינדליכער עצה: געהנוג אייך צו זיין חיות וואָס קענען נאָר רעכענען, שוין צייט איהר זאָלט אָנהויבען דענקען... אויב איהר ווילט געהן קיין פּאַלעסטינא, זאָגט ער אין דיעזע בריעף, געהט אייך געזונדערהייט אין דעם לאַנד

פון שטיינער און זאמד, וואו גאָט האָט אייך צוגעזאָגט מילך און האָניג און האָט פערגעסען אז מען דארף ברויט אויך. אָבער ווען איהר וועט געהן, בעט איך אייך, לאָזט אונז איבער עטליכע אידען, וואָרום אויב מיר זיינען אין רעליגיאָן זאכען אזוי נאררייש ווי איהר, זייט איהר אין פראגען פון קויפען און פערקויפען א סך קליגער פון אונז..."

דאָס די אידען קענען מאכען געלד ביים קויפען און פערקויפען, דאָס איז געווען די איינציגע זאך, וואָס ער האָט מקנא געווען.

.4

וואָלטער אָלס אויפקלעהרער.

ניט אין דער געשיכטע פון פילאָזאָפי און ניט אין דער נע־שיכטע פון דער ליטעראטור דארף מען זוכען וואָלטער'ס פּלאַץ, איהם קומט א בעזונדער קאפּיטעל און א גרויסער קאפּיטעל אין דער אַל־געמיינער וועלט־געשיכטע, וועלכע דערציילט ווי די קולטור פון דער מענשהייט האָט זיך ענטוויקעלט, ווי אזוי דער גייסט פון דעם מענשען האָט זיך עמאנסיפּירט פון דעם יאָך פון אבערגלויבען און האָט זיך בעפרייט פון די קייטען פון פאנאטיזמוס. אין דער וועלט־געשיכטע דארף וואָלטער פארנעהמען פּלאַץ ווי דער רעפאָרמאטאָר מארטין לוט־הער און דער קריעגס־פיהרער נאפּאָלעאָן באָנאַפּארטע. ער איז א נאָ־פּאָלעאָן און א לוטהער צוזאמען! ווי נאפּאָלעאָן האָט ער מיט זיין אר־מעע, א ארמעע פון גלענצענדע שריפטען, שארפע קריטיקען, גיפטיגע סאטירען, הומאָריסטישע כאראקטעריסטיקען, געשריבען אין דער קלינגענדער רייכער פראנצויזישער שפּראכע, — מיט דיעזער ארמעע האָט ער איינגענומען די גאנצע ציוויליזירטע אייראָפּא, אומגעוואָרפען אַלע גרענעצען פון דער אַלטער טראדיציאָן, ארונטערגעשמיסען הער־שענדע מיינונגען און געזעצט אויף די טהראָנען פון דעם מענשענ'ס אינטעלעקטועלען קעניגרייך נייע רעגירענדע געדאנקען, נייע הער־שענדע אנשויאונגען. ווי לוטהער איז ער געווען א רעפאָרמאטאָר. לוט־הער האָט רעפאָרמירט אייראָפּא דערמיט וואָס ער האָט אָבגענומען די

אויטאָריטעט ביי דעם פּאַבסט פון רוים. דער איינציגער אויטאָריטעט, האָט ער געזאָגט, איז אין די הימלען... וואָלטער האָט רעפאָרמירט די ציוויליזירטע וועלט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגענומען די אויטאָרי־טעט ביי די הימלען, און האָט ערקלעהרט, אַז דער איינציגער אויטאָרי־טעט איז דער מענש אליין. וואָלטער איז ניט געווען קיין פילאָזאָף, ניט קיין פּאָעט, ער איז אָבער געווען אַ גרויסען אויפקלעהרער און עמאַנסיפּאַטאָר! אַ קריעגס־גענעראַל אָהן עפּאָלעטען, אַ רעפאָרמאַטאָר אָהן אַ יאַרמולקע פון אַ מאָנאַך.

די דענקענדע מענשען פון 18טען יאָהר־הונדערט האָבען פריהער פון אַלץ אָנגעהויבען רעדען פון דעם מענשענ'ס א י נ ט ע ר ע ס ע ן, שפּעטער שוין האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען פון דעם מענשענ'ס ר ע כ ט ע. דער מענש האָט אין דער אַלטער רעאַקציאָנערער וועלט ניט געהאַט קיין פּערזענליכע אינטערעסען אין לעבען; ער האָט נאָר געלעבט צוליעב גאָט און זיינע פּאָרשטעהער... דאָס האָט געפיהרט צו דעם געגענזאַץ דאָס די דענקער פון דעם אַכטצעהנטען יאָהר־הונדערט זיינען געווען גרויסע עפּיקוריער, האָבען פּראָפּאַגאַנדירט די אידעע פון אינדיווידועלען גליק און אוטיליטאַריזמוס, פּערזענליכע נוצליכקייט. דערפאַר זעהען מיר אַז אין אַכטצעהנטען יאָהר־הונדערט האָבען פּרינצי־פּען געשפּיעלט אַ קליינע ראָלע, די הויפּטזאַכע איז געווען דער צוועק: ערקלעהרען דעם מענשען זיינע אייגענע אינטערעסען... וואָלטער איז ניט געווען קיין פּרינציפּיעלער מענש, זיין אַרבייט איז געווען אַ נעג־גאַטיווע, ניט קיין פּאָזיטיווע... ער האָט ניט געבויט, ער האָט צושטערט אַלטע געביידעס, ער איז געקומען אָבלאַכען, פּערשפּאָטען, פּערגיינגען, קריטיזירען, רייסען די דומהייט פאַר די אויערען און ער האָט עס געטאָן מיט אַ מערקווירדיגער ענערגי זיין גאַנצען לעבען, און גע־לעבט האָט ער דערצו זעהר לאַנג. ער איז ניט געווען קיין אידעאַליסט, ער האָט ניט פילאָזאָפירט צוליעב דער פילאָזאָפי, און ניט פּאָעטיזירט צוליעב דער פּאָעזי, ער איז געווען אַ פּראַקטישער אַרבייטער, וועלכער האָט געוואָלט קומען אין בעריהרונג מיט דער גאַנצער וועלט, אויפ־קלעהרען יעדען מענשען און רעדען צו יעדען מיט אַ פּערשטענדלי־כער שפּראַכע. אויב איהר ווילט אייך פּאָרשטעלען די קראַפט און דעם געוואַלטיגען איינפלוס פון וואָלטער'ן, דאַן נעהמט אַלע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט, אַלע זשורנאַלען, וויסענשאַפטליכע און פּאָליטישע

צייטשריפטען און ליגט דאס אלעס צונויף, דערצו נאך נעהמט צונויף זייערע דרוק־מאשינען, ארמען שרייבער און מיליאנען מיטארבייטער, און פערקערפערט דאס אלעס אין איין מענשען — דאס איז וואלטער! ער איינער איז דאמאלס געווען די גאנצע וועלט־פרעסע; איהם האט געלעזען די גאנצע ציוויליזירטע וועלט... ער אליין איז געווען דער ליטענדער גייסט פון דער עפענטליכער מיינונג פון גאנץ אייראפא, אין איהם אליין איז געזעסען אן ארמעע „רעפארטערס" פול מיט פייער און ענערגי, אין איהם זיינען געווען פערקערפערט טויזענדער רע־דאקטערע מיט זייער טאלענט, לאגיק, פראקטישע פעהיגקייט. ער האט פאפולאריזירט די וויסענשאפט מיט דעם פראקטישען ציעל, דאס דער פערדריקטער מענש זאל אנהויבען לעבען מיט זיין שכל, ער האט געשריבען איבער דער גאנצער וועלט און געפאדערט גערעכ־טיגקייט פאר דעם מענשען און האט געלערנט דעם מענשען פארשטעהן זיינע אייגענע אינטערעסען... זיינע שריפטען האבען דערפאר געהאט א גרויסע בעדייטונג נאר פאר זיין צייט, זיין טהעטיגקייט אבער וועט האבען א בעדייטונג אי פאר אימער, זא לאנג ביי דער מענשהייט וועט מען האבען א בעדייטונג אויפקלעהרונג און פראגרעס. וואלטער האט געהאט א גוטען קאפ, א קלוגען קאפ, א שארפען מח און האט גע־גלויבט נאר אין אינטעלעקטועלע טהעטיגקייט... האב שכל! זיי ניט קיין נארר! מען דארף ניט גלויבען — מען דארף פערשטעהן! דאס איז דאס איינציגע וואס ער האט געפרעדיגט אין אלע זיינע זיעב־ציג ביכער. אלס קלוגער פראקטישער ארבייטער האט ער אליין גוט פערשטאנען די בעדייטונג פון זיין שרייבען. מיט אזא באגאזש ווי מיין שרייבען, האט ער געזאגט, קומט מען ניט צו דער נאכוועלט... איינס קען איך זאגען, איך האב מיינע לעזער ניט געלאנגוויילט... ניין! ער האט געשריבען לעבעדיג, קלוג, אינטערעסאנט. ער איז געגאנגען גלייך צום פונקט, גערעדט צו דער זאך, האט זיך ניט געפוילט פיעל מאל אין פערשיעדענע פארמען איבער'חזר'ן דאס זעלבע, ביז ער האט זיין געדאנק ארייגנעהאקט דעם לעזער אין קאפ. זיינע דראמען, זיינע ראמאנען, זיינען ניט געשריבען צו בלייבען ליטעראַרישע מאָנומענטען, זיי זיינען געשריבען געווארען מיט דעם זעלבען פראקטישען ציעל: אויפקלעהרען דעם מענשען, עמאנסיפירען זיין גייסט, בעפרייען זיין פערדולטען קאפ פון דונקעלהייט און אבערגלויבען. ער האט זיך בע־

נוצט מיט אַלע פאָרמען פון דער ליטעראַטור נאָר אויפצוקלערען דעם מענשען. וואָס געהט אייך אָן דער כאַראַקטער און די פּערזענליכקייט פון דעם לאַמטערניק, וואָס צינדט אָן די לאַמפּען ביי נאַכט אין די גאַסען פון שטאָדט? איהר ווייסט נאָר, די גאַסען זיינען בעלויכטען. וואָלטער איז געווען דער גרויסער, מעכטיגער, אונערמיעדליכער לאַמטערניק פון אַכטצעהנטען יאָהר־הונדערט פיר דער גאַנצער וועלט. ער האָט געטראָגען ליכט אין אַלע ווינקעלעך פון דער מענשהייט און האָט בעלויכטען די אַלע נאַכט חיות און וואַמפּירען, וועלכע האָבען ביז דאַמאָלס אין דער פינסטערניס רוהיג געזויגען דעם מענשען'ס בלוט און דעם מענשען'ס מח... וויניג וואָס ער האָט זיי ענטדעקט און געוויזען, ווי זיי זעהען אויס אין דער ליכטיגקייט, ער האָט זיך דאָך אָבגעשטעלט לעבען זיי און געלאַכט מיט אַ דעמאָנישען, טייוולישען, זעהר אָפט צינישען געלעכטער, גאַנץ אייראָפּאַ זאָל הערען. איהם האָבען געהערט קעניגע און פּאַבסטע, קאַרדינאַלען און פּרינצען, געבילדעטע לייט און רעגיערער, און דורך איהם האָט אויסגעבראָכען די רעאַקציאָן געגען דער גאַנצער אַלטער וועלט. ביז איהם האָט מען געשריבען צירליך־מאַנירליך, ער האָט אָנגעהויבען רעדען מיט אַן אָפענער שפּראַך, ביז איהם האָט מען געגעבען די לעזער זיסע קאָנפעקטען, ער האָט זיי געהיילט פון קדחת מיט ביטערע פּילען. ביז איהם האָט מען געפּרעדיגט קריסטליכען אסקעטיזמוס, געדאַנקען פון ענטזאַגונג, פון פאַסטען און פון תשובה, ער האָט געלערנט צו זיין אַן אפיקורס (עפּיקור), לעבען אַ גוטען טאָג און זיין אַ מענש אויף ד ע ר וועלט, ניט אַ הייליגער אויף י ע נ ע ר וועלט. ער האָט אָפט וועה געטהאָן, ווען ער האָט געשניטען מיט זיין אַנאַטאָמישען מעסער די געשווירען און אבצעסען פון זיינע פּאַציענטען — דאָס האָט איהם ניט געאַרט, ער איז ניט געווען קיין סענטימענטאַלער שרייבער. רוססאָ איז געווען אַ סענטימענטאַלער שרייבער, ער האָט געשריבען מיט זיין זעעלע, — וואָלטער איז געווען אַ קאַלטער ראַציאָנאַליסט, ער האָט נור געשריבען מיט זיין לאָגיק און פערשטאַנד.

זיין אויפגאַבע איז ניט געווען צו זיין אַ זעלבסשטענדיגער פילאָזאָף. ער האָט דערצו ניט געהאַט די נויטיגע רוהע און זעלבסטהערשונג, מיט דעם בלוט און נערוועזיטעט פון טויזענד זשורנאַליסטען אין זיך האָט ער פּאָפּולאַריזירט די געדאַנקען פון די גרויסע און ראַדיקאַלע

ענגלישע דענקער, הויפטזעכליך לאָק און האָט געלערנט דעם מענשען וואָס ווייניגער גלויבען און וואָס מעהר קענען, וויסען און בעגרייפען.

זיין אויפגאַבע איז ניט געווען צו ווערען אַ היסטאָריקער, אַ ספּעציאַליסט, ער האָט, אַלס פּראַקטישער ארבייטער ניט געהאַט קיין צייט צו פערבאָרגען זיך אין היסטאָרישע ארכיוועז. ער האָט אָבער געלערנט וואָס היסטאָרי דאַרף בעדייטען... היסטאָרי, זאָגט ער איז אַ זעקעל מיט „טריקס״ (שפּיצלעך), דורך וועלכע מען מאַכט חוזק פון די געשטאָרבענע. היסטאָרי דאַרף זיין די געשיכטע פון דעם מענשען, זי דאַרף לערנען יעדען אינדיווידיאום צו זאָגען: האָמאָ סום, — איך בין אַ מענש! ביז וואָלטער'ן האָבען די קאַזיאָנע היסטאָריקער די גאַנצע וועלט־געשיכטע און דעם שיקזאַל פון דער מענשהייט צונויפגעבונדען מיט דער ביבעל, מיט די הייליגע שריפטען; ער האָט געזעהן ווי נאַריש, שעדליך און אונבעגרינדעט אַזאַ טהעאָרי איז און ער האָט מיט אַ ציניקער פרעכהייט אָבגעלאַכט און בעשמוצט דעם בוך פון „אָפּענבאַרונג״, האָט געוויזען אַלע אומגעלומפּערטע און אונגאַטירליכע, אַלע שוואַכע און ניט היסאָרישע זייטען פון די הייליגע שריפטען. ער איז מיט זיין גאַנצער זעעלע געווען געגען קריסטענטהום, ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער שכל פון'ם מענשען וועט זיך ניט בעפרייען ביז וואַנען ער וועט ניט בעפרייט ווערען פון יעזוס קריסטוס מיט זיינע גלחים און קירכען, און אַזוי ווי דער נייער טעסטאַמענט איז געבויט אויף דעם אַלטען, האָט ער הויפטזעכליך געגראָבען אונטער'ן פונדאַמענט. ער האָט געוואָלט איבערהאַקען דעם אַלטען וואָרצעל אום דער גאַנצער בוים מיט אַלע זיינע צווייגען זאָל אומפאַלען און ניט פאַרשטעלען דאָס ליכט פון דער שיינענדער זונן...

מען דערצעהלט מיר עפּעס פון אַ גאָט, זאָגט ער, וועלכען מען בעהאַלט פון מיר. איך וויל איהם ליעבען און זוך אין איהם מיין פאָטער, מען ציינט מיר עפּעס אַ טיראַן, וועלכען איך מוז האַסען. ער האָט געשאַפען די מענשען אין זיין געשטאַלט, אום זיי מעהר צו ערניעדריגען. ער האָט אונז געגעבען פערדאָרבענע הערצער, אום צו האָמען דאָס רעכט אונז צו שטראָפען. נאָכדעם ווי ער האָט דעם מענשען בעשאַפען נאָך זיין אייגענעם בילד, הויבט ער פּלוצלונג אָן חרטה האָבען נאָך וואָס ער האָט עס געטהאָן, גלייך ווי דער מייסטער האָט פרי־

העך ניט געקענט די מאַנגלען פון זיין ווערק... ער בעשטראָפט די זינדיגע מיט א מבול; קען מען דאָך מיינען אז נאָך דער פערפלייצונג וועט ער א ריינערע ערשאַפען? עס הויבט זיך ניט אָן! עס ענט־שטעהען רויבער, שקלאַפען און טיראַנען נאָך ערגערע ווי פריהער. וואָס וועט ער איצט טהאָן? מיט וועלכע בליצען וועט דיעזער שטרענ־גער גאָט בעשטראָפען דעם נאָך זינדיגערען מענשען? הערט ווי דער זעלבער גאָט, וועלכע האָט די עלטערן דערטרונקען פאַר זייערע זינד, וויל אליין שטאַרבען פאַר די זינד פון זייערע קינדער. עס איז דאָ אַן עלענדעס פאָלק, שוואַך, אומוואַנדערנד גענייגט צום אונזיניגען אבערגלויבען, בעזיעגט פון זיינע שכנים, דער שפּאָט פון אלע נאַציאָנען, נעהמט גאָט'ס זוהן, דאָס הייסט גאָט אליין, און מאַכט זיך פאַר א מיט־בירגער פון דיעזען פערהאַסטען פאָלק. ער לאָזט זיך געבאָרען ווערען פונ'ם לייב פון א אידענע און אונטער איהרע אויגען מאַכט ער דורך אַלע שוואַכהייטען פון קינדער־עלטער. לאַנגע יאָהרען וואַנדערט ער אום ווי א פּראָסטער ניעדריגער ארבייטער און דאַן פריידיגט ער דריי יאָהר און שטאַרבט. נאָך זיין טויט קענען מיר דאָך כאָטש האָפען דאָס מיר וועלען שוין ניט ליידען פאַר אונזערע זינד. וויים איך! מען בע־שטראָפט אונז נאָך ערגער, מען האַקט, מען בראַקט, מען רייסט שטי־קער־ווייז. ווי?! גאָט אליין איז געשטאָרבען אום אויסצוקויפען אונזערע זינד און ברענגען אונז איין אייביגע מחילה און דאָס העלפט אויך ניט! דער גאָט וואָס האָט צוליעב אונז פערגאָסען זיין בלוט, פערפאָלגט אונז נאָך אַלץ מיט זיין שטראָף? דער גאָט האַלט פיעלע פעלקער אין אונוויסענהייט פון דעם, דאָס דער זוהן פון א סטאָליער, דאָס הייסט ער אליין איז ערגיץ אין א ווינקעל אין סיריען געשטאָרבען אויפ'ן קרייץ, כדי מען זאָל דיעזע פעלקער דערפאַר וואָס זיי האָבען דאָס ניט געוואוסט, אויסרייסען און אויסראָטען פון דער וועלט. הער מיך דו גאָט! איך בין קיין קריסט! איך גלויב ניט אין אזא אונוויר־דיגען גאָט! גאָט דאַרף ניט אונזער שטענדיגע דיענסט, גאָט קען מען נאָר בעליידיגען מיט אונגערעכטיגקייט געגען מענשען!

אונגערעכטיגקייט צו א מענשען אין דעם נאָמען פון גאָט און זוהן, אָדער אין דעם נאָמען פון א שטיקעל האָלץ וועלכעס רופט זיך קרייץ, דאָס האָט ער ניט געוואָלט ליידען. דאָס האָט איהם געטריבען מיט אזא פייער צו שרייבען און עקרען מעשים, ווען א געוויסער קאַ־

לאס איז פעראורטהיילט געוואָרען צו אַ שרעקליכען טויט, דערפיר ווייל זיין זון איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד. דער קאַלאס איז געווען אַ פּראָ־טעסטאַנט און די קאַטוילישע גלחים האָבען אויסגעטראַכט, אַז דער פאָטער האָט דעם זון ערמאָרדעט, ווייל ער, דער זון, האָט געוואָלט ווע־רען קאַטויליק. וואָלטער האָט אויפגעהויבען די גאַנצע וועלט אויף די פיס, — בריעף זיינען געשריבען געוואָרען, ארטיקלען זיינען געדרוקט געוואָרען, — ביז ער האָט אויסגעפיהרט זיינס. טויזענדער ציימונגען מיט צוואַנציג זאָלאָ'ס ביי דער דרייפוס געשיכטע וואָלטען ניט געקענט אויפטהאָן דאָס, וואָס אליין וואָלטער האָט דאמאָלס אויפגעטהאָן. אמת, קאַלאס איז שוין געווען הינגעריכטעט, וואָלטער אָבער האָט נאָר געוואָלט בעווייזען ווי דום די אונטאָלעראַנטע קירכע איז, ווי בלינד איז איהר פאַנאַטיזמוס און ווי גרויזאַם זיינען די ריכטער, וועלכע משפט'ן אינ'ם נאָמען פון גאָט דער ליעבע.

וואָלטער האָט אויסגערעכענט, אַז נאָר אין פופצעהנטען יאָהר־הונדערט אליין האָט דאָס קריסטענטהום אין נאָמען פון קריסטוס אויס־געוואָרגען אַ צעהן מיליאָן מענשען! ער רעכענט אויס די מחלוקות פון די קריסטליכע סעקטען צווישען זיך, די פּראָטעסטאַנטען־קעמפּפע און זאָ ווייטער און איז איבערצייגט, אַז די נאַטירליכע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט ווערט פון קריסטענטהום פערהאַלטען, פערהינדערט און דאָס די ערשטע אויפגאַבע פון פילאָזאָפען, דענקער און קעניגע, איז אָבצושאַפען דיעזע מיאוסע אינפאַמע זאַך. דאָס איז געווען זיין הויפּט שטרעבונג, דאָס איינציגע ציעל פון זיין טהעטיגקייט. אין זיי־נע בריעף צו אינטימע תלמידים און פערעהרער און אין זייערע בריעף צו איהם זיינען אויף דער לעצטער שורה געשטאַנען די ראשי תיבותן: עקר ל'אינף (Ecr. l'inf.) עס איז צווישען זיי געווען אַזוי ווי אַ פּאַסיר־וואָרט פון אַ פערשווערונג, אַ הייליגער געבאָט, אַ מאָטאָ אין לעבען. עס האָט געהייסען: (ECRASEZ L'INFAME) אויס־רייסען, פערניכטען, אויסראָטען פון דער וועלט דאָס אינפאַמע, דאָס פינסטערע, דאָס אונטאָלעראַנטע, דאָס בלוטדורשטיגע, וועלכעס רופט זיך מיט דעם נאָמען קריסטענטהום. ניט אומזיסט האָבען איהם אַלע פאָרשטעהער פון פינסטערנים אַזוי געהאַסט און אַזוי מורא געהאַט פאַר איהם. ער איז געווען אַ גרויסע מאַכט, צווישען זיינע תלמידים און פערעהרער זיינען געווען קעניגע און הערשער!

וואָלטער איז געשטאָרבען אין פאריז, וואָהין ער איז געקומען נאָך זיין לאַנגען גלות. מיט ענטהוזיאזמוס האָט מען איהם אויפגענומען, די אַקאַדעמי האָט איהם געקרוינט, דאָס איז דער, וואָס האָט בעשיצט קאלאס! דער פיער און אכציג יאָהר אַלטער וואָלטער האָט ניט געקענט איבערטראָגען די אויפרעגונג און ער איז געשטאָרבען. אָבוואָהל געשטאָרבען איז ער נאָך אַלע דינים פון קריסטליכען גלויבען, האָבען די גלחים איהם דאָך ניט געוואָלט בעגראָבען. מען האָט שטילערהייט ארויסגעפיהרט זיין קערפער און בעגראָבען אין אַ מאָנאַסטיר. מיט עלף יאָהר שפעטער האָט מען זיין קערפער געבראַכט אין פאַריז און מיט זעהר גרויסע צערעמאָניעס און פערעהרונג בעגראָבען אין אַ קירכע, וועלכע איז פערוואַנדעלט געוואָרען צו אַ פאַנטעאָן פון בעריהמטע מענשען. מיט ניין און צוואַנציג יאָהר שפעטער האָבען די גלחים זיין קערפער און זיין געגנער'ס, זשאַן זשאַק רוסאָ'ס קערפער בעגראָבען אין אַ גרוב אונטער קלויסטער. אין דער יולי רעוואָלוציאָן האָט מען זייערע ביינער צוריק אויסגעגראָבען און אומגעקעהרט אויף זייערע פריהערדיגע פלעצער... די גלחים האָבען אָבער זייערע דם שונאים בעגאָסען מיט קאַלך און פון זיי איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען. וואָלטער'ס קערפער האָט די קריסטליכע קירכע געקענט פערניכטען, זי איז אָבער ניט אימשטאַנדע צו פערניכטען זיין אויפפלעהרענדען גייסט און אויסמעקען זיין קריעגס־סיגנאַל:

ECRASEZ L'INFAME.

די געשיכטע פון כריסטענטהום.

(איבערבליק איבער מ. בוקאנסקי'ס בוך מיט דיעזען נאמען.)

אונזער יונגע אידישע ליטעראטור איז א פעלד פון אויסערארדענטליכע געגענגעזעטצע ערשיינונגען: אדער שונד פון ערגסטען סארט, חוצפה, עם הארצות און שארלאטאנסטווע, אדער זעהר צו ערנסטע פראדוקטען פון ליטעראטור, פאעזי און וויסענשאפט... ליידער, שונד פערפאסונגען ווערען געגעבען דעם ארימען אידישען לעזער ביד רחבה און גוטע, בעלעהרענדע, אמת ליטעראַרישע ווערקע בלאנדזען נעבעך אום ווי יתומים'לעך אויף דיעזען גרויסען פערמיסטיגטען פעלד.

דער אויבענדערמאנטער ספר פון דעם גוט-בעקאנטען ארענטליכען און ערנסטען אידישען שריפטשטעלער הערר מ. בוקאנסקי, געהערט צו דער צווייטער, ווינשענסווערטהער קאטעגארי און עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, אויב מיר ווילען זאגען, דאס די אידישע ליטעראטור מעג מיט אזא ווערק שטאלצירען. די געשיכטע פון כריסטענטום איז זעהר א וויכטיגער געגענשטאנד פון זעהר א גרויסער היסטארישער בעדייטונג... הערר בוקאנסקי בעהאנדעלט די ערשטע עפאכע פון כריסטענטום, די גרינדער פון דיעזער וועלט-רעליגיאן אלס א טיכטיגער היסטאריקער: פראגמאטיש און וויסענשאפטליך. עס איז א קאפיטאלנע ארבייט, פול מיט פאקטען, בעווייזע און פארשונגען. אין א זעהר אנגענעהמער פארמע ווערען געגעבען דעם לעזער אויפקלערענדע בעווייזע און לאגישע ערקלערונגען. דער לעזער ווערט בעקאנט ניט נור מיט דער ענטשטעהונג פון כריסטענטום, נאר אויך מיט די אלע היסטארישע אומשטענדע, וועלכע זיינען מעהר אדער ווענינער פערבונדען מיט דיעזער ערשיינונג. איך ווייס ניט אויב דאס וועט זעהר שמייכלען הערר

בוקאַנסקי׳ן, נור איך פון מיין זייט קען קיין גרעסערען קאָמפּלימענט איהם ניט מאַכען, ווי ערקלערען, דאָס זיין פערפאַסונג „די געשיכטע פון כריסטענטום״ געשריבען אין זשאַרגאָן, וועט אין מיין ביבליאָטעק געפינען פּלאַץ צוזאַמען מיט די ביכער פון די אומות עולם׳דיגע פערפאַסערס, וועלכע האָבען געשריבען פון דעם זעלבען געגענשטאַנד.

יא, אגב אורחא... איך ווייס ניט, פאַר וואָס הערר בוקאַנסקי געפינט פאַר נויטיג נור צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם פערפאַסער העס... נאָך העסען האָבען געשריבען פון דעם זעלבען געגענשטאַנד דער פילאָזאָף הערדער, דר. פּאַלוס, שלייערמאַכער, האַזע אייכהאָרן, הוג, גריעזבאַך, גיעזעלער און אין אַ ראַדיקאַלען זינן האָבען געשריבען לעסינג, באַוער, שווענלער, צעללער, וואָלקאַמאַר, הילגענפעלד, שאַקעל, שאַטען רעגילל. און באַרניג גולד אין זיין: „דהי ארידזשין ענד דעוועלאָפּמענט אָף רעלידזשיאָן״. גיט די זעלבע בעווייזע געגען יעזוס׳ען, ווי הערר בוקאַנסקי... נאָר וואָס עס האָט אונז מעהר געוואונדערט איז, וואָס הערר בוקאַנסקי דערמאָנט ניט ברונא באַוער, רענאַן און דאָס קלאַסישע ווערק פון שטראוס... ברונא באַוער איז אויך דער מיינונג ווי הערר בוקאַנסקי אַז די אידעע פון אַ משיח, אַן ערלעזער איז ניט קיין אידישע... די אידען האָבען עס שוין שפּעטער איבערגענומען ביי די כריסטען... שטראוס בעווייזט, און דאָס איז געוויס אַזוי, אַז דאָס כריסטענטום איז אַ פּראָדוקט פון דער אידישער ציוויליזאַציאָן... מען זאָל זיך ניט באַשרעקען נאָר מיט דער ספערע פון רעליגיאָן, מען זאָל נעהמען די גאַנצע ליטעראַטור פון דער כריסטליכער וועלט, זייער פּאָעזי און פילאָזאָפי, וועט מען זעהן אַז דאָס אַלעס איז פּראָדוצירט געוואָרען דורכ׳ן איינפלוס פון צוויי ציוויליזאַציאָנען: אידיש־כריסטליכע און גריכיש־היידנישע... דער געדאַנק פון אַ גאָט׳ס מוטער, אַ מיידעל וואָס האָט געהאַט אַ קינד, אַ יונגע פרוי וואָס האָט געהאַט אַ מאַן, — ווי קאָמיש און אונלאָגיש עס זאָל ניט זיין, האָט אָבער אַ בעדייטונג, ווען איהר ערקלערט זיך, וואָס אַ גוי קען טאָן אונטער דעם איינפלוס פון דער אידישער וועלט־אַנשויאונג... די גריכען האָבען פערגעטערט ווענוס, די קערפּערליכע שעהנהייט, פיזישע קראַפט, פאָלקאָמענהייט פון פאָרם. דערזעלבער גוי ווען ער שאַפט זיך אַ געטין אונטער דעם איינפלוס פון אידישע אידעען, שטעלט ער זי פאָר אַלס אַ דעמאָקראַטישע מיידעל פון גייסטיגע שעהנקייט, אַ אידעאַל פון

ציכטיגקייט און ריינקייט. די אלע שעהנע משלים, עטישע אידעען און אלטרואיזמוס וואס געפינען זיך אין דעם עוואנגעליום זיינען גע־נומען געווארען ביי אידען. זיי, צוזאמען מיט אונזער אלטער ביבעל, האבען מעהר אדער וועניגער ערצויגען און געבילדעט די היידנישע וועלט. און איך קען ניט פערשטעהן, ווארום זאלען מיר אידען זיך דאס ניט ערקלערען און די גוים דארויף ניט אויפמערקזאם מאכען. די גוים זיינען געווען ווילד און האבען א אידישען סטאליער געמאכט פאר א גאט, א אידישע מיידעל פאר גאט'ס מאמע און האבען אין דעם מאטעריאל, וואס זיי האבען גענומען ביי אונז, אריינגעמישט פיעלע זאכען פון דער היידענוועלט, — דאס קען אונז ניט שטערען צו בע־הויפטען אפען פאר דער גאנצער וועלט, אז אויסער א גאט און א גאט'ס מאמע האבען מיר זיי אויך געגעבען די געטליכקייט און דאס געט־ליכע.

נאך איידער העס האט געשריבען די לעבענס געשיכטע פון יע־זוס'ן, אין וועלכער ער זאגט ניט צו זאגען אווארט געגען יעזוס'ען און דעם כריסטענטום, האט א געוויסער זשאן מעליע, (Jean Meslier.) א קאטוילישער פריסטער, אויפגעשריבען א ווערק, און וועלכע ער האט מיט בעווייזע און לאגישע ארגומענטען געמאכט א תל פון יעזוס'ן און זיין קירך... וואלטער האט אנערקענט, דאס די ערגסטע געגנער פון יעזוס'ן, אפילו די אידען, האבען יעזוס'ן אזוי ניט צופלאכטען די פאלקע ווי דיעזער מעליע. ער איז געווען גענוג געוואגט צו נעהמען די רעליגאן אין צוזאמענהאנג מיט אנדערע סאציאלע ערשיינונגען. ער האט ניט געשוינט, ווי אנדערע, דעם אלטען טעסטאמענט און האט בע־וויזען, אז מען קען פערגלייכען מיט דער מיטאלאגיע פון די גריכען און די אינדיער ניט נור דעם נייעם טעסטאמענט אליין... אויף ווי־פיעל ראדיקאל, געוואגט און אויפגעקלערט דיעזער קאטוילישער גלח איז געווען, קען מען זעהן צום ביישפיעל פון דעם, ווי ער בעהאנדעלט די מופתים... דאס גרעסטע גליק איז, — זאגט ער, וואס די וואונדער זיינען א ליגען. ווארום ווען נישט, שטעלט אייך פאר ווי עגאאיסטיש און ערנהערציג די געטער זיינען... גאט האט זיך ערבארמט אויף הגר'ן, ווייל זי איז געווען פערלאזען אליין אין דער וויסטע, — טויזענדע אונגליקליכע מיידלעך ווערען יעצט פערפיהרט, פערלאזען און פעראונגליקט, — פאר וואס נעהמט ער זיך ניט אן פאר זיי? די אידען

האָבען ניט געהאַט וואָס צו עסען אין דער מדבר, האָט ער זיי געוואָרפען מן פון הימעל. מיליאָנען מענשען ליידען יעצט הונגער, נויט און מאַנגעל, פאַר וואָס גיט ער זיי ניט עפּעס צו עסען? ... פון יעזוס'עס וואונדער מאַכט ער גאָר אַ תל עולם... זיינע בעווייזע וועגען פעלשונגען, ליגען און די אונוויסענהייט פון די יעוואַנגעליסטען זיינען איבערצייגענד, לאָגיש, שטאַרק ווי אייזען.

מיר וואָלט זיך געוואָלט זעהר פיעל רעדען וועגען דעם געגענשטאַנד, וואָס הערר בוקאַנסקי בעהאַנדעלט אין זיין ערנסטען און בעלערענדען בוך, אָבער, ליידער, ניט יעצט איז די צייט און ניט דאָ איז דער פּלאַץ. איך האָף דאָס אַזאַ ניצליכעס ווערק ווי „די געשיכטע פון כריסטענטום" פון הערר בוקאַנסקי וועט זעהר גיך ערלעבען אַ צווייטע אויסגאַבע און דאָס צו דער צווייטער אויסגאַבע וועט שוין זיין צוגעגעבען אַן אינהאַלטס־פערצייכניס און אַ „אינדעקס" מעהר אַזעלכע ביכער! װעלען זיך אַנדערע אויך פיהלען אַביסעל היימליכער.

אייניגע בעמערקונגען וועגען יודישן דעבּם.

דער הערֹאָאיזם פון אונזערע דאָון טאָונער אידישע העלדען בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי וואַגען צו פערקריפּלען אין זיך יעדע נאַטירליכע בעוועגונג פון זייער זעעלע. זיי וואַגען אָבצולייקענען יעדע לאָגישע איבערזעצונג פון דעם שכל הישר, זיי וואַגען צו פערקרימען אַלעם וואָס איז גלייך, פערקלענערען דאָס, וואָס איז גרויס, פערקעהרט, גרויס מאַכען, וואָס איז קליין. מיט איין וואָרט, זייער אויפגאַבע איז שטענדיג צו פערגיפטען אין זיך און אין אַלעמען וואָס זיינען אַרום זיי דעם נאַטירליכען איינדרוק, אויסצוראָטען און פערניכטען יעדען נאַטירליכען געפיהל מיט דער פראַגע: „און אפשר איז דאָס אדרבה פּונקט פערקעהרט?... עט נו! וואָס איז דאָרט אַזוינס? אפשר איז די מעשה גאָר ניט אַזוי?..."

ווען אַזאַ מין העלד ווערט, צום ביישפּיעל, געריהרט פון אַ קאָנטאַטאַ, וואָס ווערט געשפּיעלט און געזונגען אין אַ קירכע, וועט ער אייך ניט זאָגען די וואַרהייט. חלילה! אַ קירכע, אַן אָרגעל, אַ קאַנטאַטע איז דאָך נאָהענט צו אמונה זאַכען, צו רעליגיאָן. געוויס מוז ער, אַלס גרויסער סאָציאַליסטישער פריידענקער, פערניכטען אין זיך זיין אמת'ען געפיהל און אַרויסשיסען מיט אַ ציניש׳ען געלעכטער. „חע! חע! גלחים־פרעפּלעריי! יאָסקע פּאַנדרע'ס חאַסמענע־דרענגעם!" ער טוט עס, ווייל ער איז אַ העלד. ער טוט עס, ווייל ער איז גערופען געוואָרען צו ערציהען דאָס פאָלק און צו פיהרען די מאַסען פון'ם קאַפּיטאַליסטישען מדבר אין דעם סאָציאַליסטישען כנען!...

ווען אַזאַ העלד וועט, למשל, אויף דער פינפטער עוועניו בעגעגנען אַ קינד, וואָס איז שעהן און נאַאיוו ווי אַ ענגעל, וועט ער עס

אַפּלייקענען. ווי קומט אויף דער פינפטער עוועניו צו די מילאָנערען אזא קינד? דאָס איז דאָך געגען דער קאַזיאָנע פּראָגראַם פון זיין טהעטיגקייט! ניין! ער דאַרף שרייבען, אז ער האָט געזעהן אויף דער פינפטער עוועניו א טריפ'ן ממזר, וואָס איז שוין אָנגעשטעקט מיט א העסליכער מיאוסקייט, א כפרה זאָל קומען אויף זיין קאָפּ, וכן יהי רצון...

דיזע העלדען ווייסען, דאָס פיעלע נאַאיווע, אונוויסענדע מענשען קוקען זיי אין די צייהן אריין און גלויבען, דאָס אלעס וואָס אזא רבי זאָגט, איז תורת לאָקשען. זיי ווערען גרויסע אויטאָריטעטען. און צו ווייזען, אז זיי פערדיענען דאָס צו זיין, רעדען זיי מיט עזות פון יעדער זאַך... די גאַנצע נאַטור-וויסענשאַפט האָבען זיי אין זייער ציגאַרען שפּיץ, פּאָליטישע עקאָנאָמי איז ביי זיי אין דער לינקער פּיאַטא, פילאָזאָפי האָבען זיי אין די פּאַנטאָפעל, געשיכטע פון דער ליטעראַטור אין „ברויך-גאַרטעל", סאָציאָלאָגי ליגט ביי זיי צוזאַמען מיט זייערע אַלטע וועש... אזא מענש „בעזיצט" די וויסענשאַפט, אזוי ווי א פליג בעזיצט א שפּיעגעל. נו, וואָס איז דער חידוש, ווען אזא אויטאָריטעט ווייזט אייך, אז אלעס וואָס אייך געפעלט איז שמאַטע אלעס וואָס ריהרט אייך, איז סאַנטימענטאַלע „גאָר-נישט-נישט", אלעס וואָס רעדט צו אייער הארץ און צו אייערע מענשען-געפיהלע איז ניט וויסענשאַפטליך און ניט כשר? פאָזי, ליעבע, ערהאַבענע געדאַנקען, די נאָבעלע בעוועגונג פון א מענשענ'ס הארץ, דאָס אלעס איז קאָנטראַבאַנדע. איהר דאַרפט נאָר חזר'ן די שלש עשרה עקרים פון דעם קאַזיאָנעם סאָציאַליסטישען „אני מאמין"...

מיט אָבלאַכען און אָבשפּאָטען, מיט חוצפה און עזות, מיט עם-הארצית'שע געלעהרענקייט און גראָביונגישע לומדות, מיט דער מאָטאָ: „אלעס וואָגען און גאָר ניט שוינען", געהען זיי לערנען און פיהרען... א ל ס וואָס זיי טוען, איז נור טאַקטיק און ניט קיין בעדערפנים פון זייער זעעלע. — עס איז א פּונקט פון דער קאַזיאָנע פּראָגראַם און ניט קיין בעוועגונג פון זייער גייסט; עס איז א פּאָליטישע מאַנעוור און ניט קיין הערצליכער אַקקאָרד... זיי רעדען פון קאַמפּף, פון ליידען און שמערצען און בלייבען קאַלט, ווייל זייער הארץ פיהלט ניט!... זיי שרייען שטאַרק, אָבער נאָר דאָרט וואו מען קען פאַר'ן שרייען אַפּלאָדירט ווערען, זיי שטעלען דעם אידישען אַקטיאָר פיעל ניעדריגער-

פון זיך און פיהרען זיך אליין מיט זיין מעלאדי. דאס הייסט, זיי האל־טען זעהר וועניג פון „משה'ן" און האלטען זעהר פיעל פון משה'ס עטליכע גראשען און פון „משה'ס בראוואס". זיי דערמאנען זעהר אפט דאס ווארט „גענאסען און פריינדע" און האבען קיין פריינדליכען גע־פיהל ניט אפילו צו אזעלכע „גרויסע" אויטאריטעטען, ווי זיי אליין זיינען. זיי רעדען פון פעראייניגונג און זיינען ווייט איינער פונ'ם צווייטען כרחוק מזרח ממעריב, זיי בעוויינען אזוי סצעניש דאס פאלק און האבען קיין ברעקיל סימפאטי ניט צו די, פון וועמען דאס פאלק ווערט צוזאמענגעשטעלט, זיי זיינען הייסע אגיטאטארס און האבען אין זיך ניט קיין פונק ווארעמקייט... איז זייער גענאסע שוין אויף אזוי פיעל סאציאליסטיש געזאגען, דאס ער פערשטעהט אז מאראל איז אן אלטע משוגעת, מעג ער שוין זיין באנקראט, א שווינדלער, א ליגנער — אבי ער שטעהט אויפ'ן וויסענשאפטליכען באדען... ער מעג חתונה האבען ביי א רב, מאכען א ברית ביי זיין קינד, ניט עסען קיין חמץ אום פסח — עס איז גענוג אויב ער זאגט נאר, אז גאט איז ביי איהם קיין און שפיי.

איהר קוקט מיך אן פערוואונדערט און פרעגט מיך געווים: וואס האט דאס אלעס צו טאן מיט יודזשין דעבס? פערשטעהט איהר מיך, אויב איהר ווילט וויסען, ווער דעבס איז, אויב איהר ווילט פון איהם האבען א ריכטיגע מיינונג, איז גענוג איהר זאלט קענען אלע אייגענ־שאפטען פון א דאזן טאונער אידישען סאציאליסטישען „העלד" און ווי־סען, דאס דעבס איז פונקט דער היפך פון איהם.

דעבס שרעקט זיך ניט איבער דערפאר, וואס איהר וועט חלילה האבען ניט קיין גוטע מיינונג פון זיין „פריי־דענקעריי" און דערמאנט דאס ווארט „גאט" אלע מאל, ווען זיין געוואהנהייט און די געזעצע פון דער שפראך, אויף וועלכער ער רעדט, ברענגען איהם דאס ווארט אויפ'ן צונג... ער מאכט זיך ניט פאר אן אויטאריטעט און רעדט צו אייך, ווי א פריינד... ער וויל ניט געווינען דעם טיטעל פון א קענער און רעדט פון דעם וואס ער ווייס און פערשטעהט... ער זוכט ניט קיין אפלאדיסמענטען און איז בעגייסטערט מיט אמת'ען ער־האבענעם ענטוזיאזמוס. ער רעדט פון ליעבע און זיין הארץ איז פול מיט איבערגעבענהייט צו אייך. ער רופט אייך קאמעראד און איז בערייט אייך ווי א ברודער צו אומארמען און דריקען צו זיין הארץ.

ער רייסט ניט קיין קוליסען מיט ברחנישע וויצען און חוצפה, ער בעגייסטערט זיינע צוהערער מיט דער מוזיק פון פאעזי. ער שטעהט ניט אויף דער פלאטפארמע ווי א גענעראל, וועלכען די וויב האט ערלויבט קאמאנדאווען א ביסעל מיט די „משה'ס", ער שטעהט ווי א בעגייסטערטער פראפעט וועלכען עס ווילען ניט אבשטעלען די 'שטיינער פון גראבע יונגען... זיינע רייד זיינען ערווארעמט מיט אמת'ע ליעבע, זיינע געדאנקען זיינען אין איין הארמאנישען פערבאנד מיט זיינע געפיהלען. ער אכטעט די וויסענשאפט אויף וויפיעל זי רעפרעזענטירט דעם „מענשען" און ליעבט דעם מענשען ניט בלויז אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער רעפרעזענטירט די „וויסענשאפט". זינט איך בין אין אמעריקא האב איך צום ערשטען מאל געהערט א רעדע, וועלכע איז געגאנגען פונ'ם הארצען און איז געגאנגען צום הארצען און דאס איז געווען די רעדע, וואס יודזשין דעבס האט געהאלטען אויפ'ן באנקעט דעם צעהנטען אקטאבער....

אט אזעלכע פאלקס־טריבונען דארף מען האבען און עס וועט זיין א גרויסער אונגליק אויב די „אומשטענדע" וועלען פאראליזירען זיינען אויסערארדענטליכע פעהיגקייטען און פערגיפטען זיין נאבעלע זעעלע!...

ציוניזמוס און רעוואָלוציאָן.

דער ציוניזמוס פון אונזערע צייטען בעשטעהט פון צוויי טהייד־לען. איין טהייל איז א פּאָעטישע, די אנדערע טהייל איז א פּראַקטישע. אין יעדער פערגאנגענהייט געפינט דער מענש זיסע ערינערונגען און פּאָעזי. דער בעיאָהרענטער מענש קען ניט פערגעסען די אמאָ־ליגע טעג פון זיין יוגענד. ציון דערמאָנט דעם אידען די אמאָליגע שעהנע טעג, ווען דער גרויסער ישעיה הנביא האָט מיט א פייערדיגער שפּראַך גערופען די מענשען צו אחדות, גערעכטיגקייט און אמת, ווען דער זשעניאַלער פּאָעט האָט געזונגען שיר השירים, ווען די טאַפּפערע מכביער האָבען געקעמפּפט פאַר פרייהייט און אונאבהענגיגקייט. דיע־זער פּאָעטישער ציוניזמוס איז א גאַנץ נאַטירליכע ערשיינונג אינ'ם לעבען פון אידישען פאָלק. ער לעבט שוין צוויי טויזענד יאָהר. דער איד האָט אַלע יאָהר ביים סדר אָדער אין שול געזאָגט: לשנה הבאה בירושלים און איז געפאָהרען וואָס טיעפער אין רוסלאַנד. ער האָט זיך אַלע מאָל ביים דאַווענען געשטעלט מיט'ן פּנים צום מזרח און האָט עמיגרירט וואָס ווייטער קיין מערב זייט. די פּראַקטישע אינטערעסען פון זיין לעבען האָט דער איד ניט געמישט מיט זיינע פּאָעטישע אידעען. די ווייטע פערגאַנגענהייט און די נעבעלדיגע צוקונפט האָבען קיין ווירקונג ניט געהאַט אויף די אויפגאַבען פון דעם אידענ'ס געגענ־וואַרט. ער האָט דערוויילע געוואָלט ווי יעדער בשר ודם ווערען א בורזשוא, א קאַפּיטאַליסט, אַן אָפּיצער, א גוטבעזיצער, א געלערנטער, אַן ארטיסט, און זאַ ווייטער. איהם האָט נור געקרענקט, פאַר וואָס די אַלע זאַכען קומען איהם אלס א אידען אָן מיט צרות, אָבער פאָהרען קיין פּאַלעסטינאַ זוכען די אַלע זאַכען האָט ער קיין מאָל ניט געדענקט. אין די לעצטע צייטען אָבער האָט מען די פּאָעטישע אידעע פון ציוניזמוס איבערגעפלאַנצט אויף א פּראַקטישען באָדען.

מען זאָגט דעם אידען: ווילסט זיין אַ גליקליכער מענש, אַ געאַכטעטער איד, אַ פרייער בירגער? פּאַק איין דיין ביסעל אָרימקייט און לאָמיר אַלע פאָהרען צוריק אין אונזער לאַנג פערלאָזענער היימאַט.

יעדער אונפּאַרטייאישער בעאָבאַכטער, וואָס זיין מיינונג זאָל ניט זיין וועגען דיעזען „פּראַקטישען" ציוניזמוס, מוז צוגעבען אַז אַזאַ ערפרייענדע ערשיינונג אינ'ם אידישען לעבען איז שוין לאַנג ניט גע־וועזן' וואָס שטאַרקער די ציוניסטישע בעוועגונג איז, אַלץ דייטליכער ווערט געצייגט ווי וויט די אידען האָבען פּראָגרעסירט אינטעלעקטועל, אַלץ דייטליכער איבערצייגט דאָס, אַז דער אַמאָליגער פערשקלאַפּטער, אלס באהבה מקבלדיגער, מיט יעדער לאַנגע צופריעדענער, אויף משיח'ס ווייסען אייזעל וואַרטענדיגער איד ווערט טראַנספּאָרטירט אין גאָר אַן אַנדער אידען, אין אַ אידען וואָס פּראָטעסטירט און וויל ניט שטיין ניעדריגער פון אַנדערע. דער ציוניזמוס דאָס איז די ערוואַכ־טע זעלבסטבעוואוסטהייט פון אידישען פאָלק! דער איד איז אונצו־פריעדען, ער זוכט מיטלען צו ענדערען זיין לאַגע, דאָס איז גוט, ער־פרייענד... דעם ערשטען סיגנאַל צום קאַמפּף גיט ער מיט אַן אַלטען פערשטויבטען היסטאָרישען שופר, — דאָס איז אַ סיגנאַל צו אַ פּאַ־סיווען קאַמפּף. מען דאַרף און מע קען אָבער האָפען אַז די אידישע ערוואַכענדע און פּראָטעסטירענדע מאַכט וועט גיך געבען אַן אמת'ן, קריעגס־סיגנאַל דורך אַ הילכענדען טרומפּעט, וועלכער וועט רופען צום אַקטיווען קאַמפּף!

איידער מיר וועלען ערקלערען, וואָס מיר מיינען צו זאָגען מיט דיעזע ווערטער, וועלען מיר זיך ערלויבען אַביסעלע אַנאַליזירען די „פּראַקטישקייט" פון דעם פּראַקטישען ציוניזמוס.

מען קען צוגעבען, אַז אַלע אידען צוזאַמען זיינען אַ פאָלק, אָבער קיינער וועט ניט בעהויפּטען אַז זיי זיינען אַ נאַציאָן. אַ פאָלק דאָס איז אַ מאַסע מענשען וועלכע זיינען געבונדען צוזאַמען מיט דעם, וואָס זיי האָבען איין אָבשטאַמונג און איין קולטור. די אידען אַליין האָבען נאָך די אייגענשאַפט וואָס זיי בינדט צונויף אין איין פאָלק אויך זייער רעליגיאָן. אַ דייטש מעג זיין אַ קאַטוילִיק אָדער אַ פּראָטעסטאַנט, בלייבט ער דאָך דייטש. אַ איד געהערט ניט צום אידישען פאָלק ווי באַלד ער נעהמט אָן אַן אַנדער גלויבען. אַ אידישער משומד איז דער ערגסטער טיפּ פון אַ רענעגאַט — ער בייט זיין גלויבען, ווייל ער וויל

אנטלויפען פון זיין פאָלק. קיין נאַציאָן איז דאָס אידישע פאָלק ניט, ווייל א נאַציאָן איז א מאַסע מענשען, וועלכע וואָהנען אויף איין טער־ריטאָרי, האָבען אַלע איינע און די זעלבע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסען און איין היסטאָרישע מיססיאָן. אַמעריקאַ גיט די בעסטע אילוסטראַציאָן פון דעם וואָס נאַציאָן איז. ענגלענדער, דייטשען, אידען, איירישע, פיננען, שוועדען, איטאַליענער שאַפען אַלע דורכ'ן שטאַאַט איין נאַציאָן. נון, ווייל מען יעצט נעהמען דאָס אידישע פאָלק, אריבער טראָגען עס קיין פּאַלעסטינאַ און מאַכען עס פאַר א נאַציאָן.

איך שטעל מיר פאָר, עס געשעהט א נס: עטליכע מיליאָנען אידען זיינען שוין אין פּאַלעסטינאַ, וועלכע, זאָלען מיר זאָגען, איז טאַקע אַן ארץ זבת חלב ודבש. דאָס לאַנד און די קאָנדיציאָנען פון פּאַלעסטינאַ זיינען גינסטיג און פערשפּרעכען א הויכע ענטוויקלונג פון אַגריקולטור און אינדוסטרי. וויפיעל קראַפט, וויפיעל ענערגי, ווי־פיעל קרבנות, וויפיעל גויטה און צרות און קראַנקהייטען און אונגליקען איידער די עטליכע מיליאָנען אידען וועלען זיך איינריכטען ווי עס גע־העהר צו זיין און וועלען אויפבויען וועלכע עס איז שטעטלעך און דערפ־לעך! נאָר שטעלט אייך פאָר דאָס איז מען שוין אויך איבערגעקומען און פּאַלעסטינאַ בליהט שוין. וואָס וועט איהר האָבען? פון דעם אכט אָדער צעהן מיליאָנענדיגען אידישען פאָלק וועט איהר מאַכען א דריי־מיליאָנענדיגע אידישע נאַציאָן! איך רעכען נאָר דריי מיליאָן, ווייל די פראַנצויזישע, דייטשע, אַמעריקאַנישע און ענגלישע, זאָגאַר רוסישע אידען, וועלכע ספּעקולירען יעצט דאָרטען אויף די בערזען, שפּיעלען א ראָלע אין פּאָליטיק, מאַכען גוטע געשעפטען אין קאָמערצי, פערנעהמען א פּלאַץ אין ליטעראַטור, וויסענשאַפט, פּרעסע, — די אַלע יהודים וועלען קיין מאָל אין זייער לעבען קיין „פּראַקטישע" ציוניסטען ניט ווערען. וואָס וועט זיין די מאַכט און בעדייטונג פון דיזער נייער נאַציאָן? זי וועט שטעהן אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון א טער־קישען דעספּאָט, אָדער קריסטליכען טיראַן, אונטער דער אויפזעהונג פון'ם קאַטוילישען פּאַבסט און פּראַוואָסלאַוונעם פּאַטריאַרך. די פרייד־הייט פון דיזער מיט אזוי פיעל מיה אויפגעלעבטער נאַציאָן וועט זיין אויף אייביג צוגעשמידט צום קבר פון ישוע הנוצרי. דאָס אַלעס איז זעהר אַלט — עס בלייבט אָבער אייביג ניי.

מיר האָבען פריהער געזאָגט: א פאָלק איז א מאַסע מענשען,

פערבונדען דורך זייער קולטור און אָבשטאַמונג. די אידען האָבען גע־האַט איין קולטור אין דער אַלטער פערגאַנגענהייט. די איצטיגע אי־דען זיינען פּראָדוקטען פון נייע פערשיעדענע קולטורען. עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען אַ רוסישען, דייטשען און פראַנצויזישען און טערקישען אידען. איהר קענט ניט אויסמעקען פון דעם אידענ׳ס גע־שיכטע די צוויי טויזענד יאָהר וואָס ער האָט געוואַנדעלט איבער דער וועלט און ברענגען איהם צוריק אין לאַנד כנען און בעפעהלען איהם, ער זאָל פאָרטזעצען דאָס אַלטע לעבען, ער זאָל אָנפאַנגען וואו ער האָט זיך מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק אָבגעשטעלט. וואָס פאַר אַ טראַגישע האַנדלונג! וועלכע שרעקליכע קאָנפליקטען, צוזאַמענ־שטויסונגען פון מיינונגען, פּרינציפּען, אידעען, וועלטאַנשויאונגען! דער שוואַכער איד, וועלכער איז ניט געוואָהנט צו שווערע מוסקול אר־בייט, דער אינטעליגענטער איד, וועלכער האָט גענומען אַנטהייל אינ׳ם פּראָגרעס פון לאַנד וואו ער וואָהנט יעצט, וועלכער האָט געשאַפען ווער־קע פון וויסענשאַפט, ליטעראַטור און קונסט, וועלכער האָט שוין יעצט אייזענבאַהנען, טעלעגראַפען, טעלעפאָנען, ביבליאָטהעקען און אַלעס וואָס די ציוויליזאַציאָן האָט — די אַלע אידען זאָלען זיך ענטזאַגען פון זייערע רעכטע, פון דעם וואָס זיי האָבען געהאָלפען אויפבויען, און זאָלען געהן וואַנדערן, ליידען, שטאַרבען, פּלאַגען זיך אום ענדליך צו האָבען אַ מאַכט צו פאָדערען דאָס, וואָס זיי האָבען אַ רעכט און אַ מאַכט צו פאָדערען שוין: פריייהייט און מענשענרעכטע!...

דעם אידענ׳ס פּאַלעסטינאַ איז ניט דאָרט וואָהין ער וויל געהן! יעדען אידענ׳ס פּאַלעסטינאַ דאַרף זיין דאָרט וואו ער איז יעצט. דעם אידען פערפאָלגט מען, מען האַסט און מען פעראַכטעט איהם זאָ לאַנג ער איז שוואַך, זאָ לאַנג ער זאָגט אויף דער צרה, אויף יעדער גזרה, גם זו לטובה... יעדער שוואַכער, מעג ער זיין איד, אָדער נעגער, אָדער פינלענדער, אָדער איירישמען, יעדער שוואַכער ליידעט. פאַר אַ מאַכט אָבער האָט מען דרך ארץ. אין אַמעריקאַ זיינען די אידען אַ מאַכט, האָט מען פאַר זיי דרך ארץ... די פּאָגראָמען פון 1881 און דער יעצטיגער קעשינאָווער פּאָגראָם, ווי טייער זיי האָבען ניט גע־קאָסט, האָבען אָבער בעוויזען אַז מען הויבט אָן מורא צו האָבען פאַר׳ן אידען... פריהער האָט מען זיי פשוט פערפאָלגט, יעצט קעמפפט מען מיט זיי ווי מיט אַ געפעהרליכער מאַכט. די אידען, וועלכע וואָהנען

אין ווילנער, קאָוונער, מינסקער און צעהנדליגע אנדערע רוסישע גובערניעס, קענען האָבען זייערע אמת׳ע פּאַלעסטינעס דאָרטען אויפ׳ן פּלאַץ, וואו זיי זיצען שוין, וואו זיי האָבען אַ רעכט און קענען האָבען אַ מאַכט צו פאָדערען וואָס עס קומט זיי, אַלס מענשען און בירגער. אמת, עס וועט זיי קאָסטען פיעל בלוט און פערפאָלגונגען. אָבער וויפיעל אידישע אָפּפער עס זאָלען ניט פאַלען אינ׳ם קאַמפּף מיט׳ן רוסישען דעספּאָטיזמוס, וויפעל מענשען עס זאָלען ניט געהן פערלאָרען, וויפיעל בלוט עס זאָל ניט ווערען פערגאָסען, וועט עס דאָך פאָדערען טויזענד מאָל ווענינער ענערגי, קרבנות און שלעק ווי די בעזעצונג פון פּאַלעסטינאַ. רוסלאַנד וואו עס געפינען זיך דריי פיערטעל פון אידישען פאָלק, רוסלאַנד דאַרף זיין די אידישע פּאַלעסטינאַ. ווען זיי, די רוסישע אידען, וועלען העלפען בעזיעגען די געפעהרליכסטע רעאַקציאָנערע קראַפט פון דער וועלט, ווען זיי וועלען אויסקעמפּפען זייערע רעכטע דאָרט, וועט דער איד קענען האָבען פּאַלעסטינאַ אומעדום. איצט ווען איהר זאָלט געהמען דעם אידען אין פּאַלעסטינא מיט אַ פּראַקטישען ציעל, וועלען די צרות באַלד אין איהם ערמאָרדען די פּאָעזי פון ציוניזמוס; ווען דער איד אָבער, ניט אכטענדיג אויף אַלע רעכטע און פרייהייט וואָס ער וועט האָבען, וועט דאָך וועלען אַ מאָל געהן אין דער היים פון זיין פּאָעזי, וועט ער דאַמאָלט געהן מיט אָרגאַניזירטע קרעפטע, מיט אַ שטאָלצען קאָפּ און מיט אַלע מיטלען פון די לענדער, וואו ער וועט זיין אַ מאַכט און אַ בעל דעה... עמיגרירען דאָס איז אַ צייכען פון שוואַכקייט, רעוואָלוציאָן איז אַ צייכען פון קראַפט און זעלבסטבעוואוסטהייט. דער נאַציאָנאַליזמוס, ווי עס האָט זיך יעצט ערקלערט אין אייראָפּאַ, איז אַ טויזענד־קעפּיגער מאַססענעגאָאיזמוס און אַ פיעלפאַכע קראַפט פון רעאַקציאָן. אמת׳ע אידישע ציוניסטען קענען זיין נאָר פרייהייטס־קעמפּפער און רעוואָלוציאָנערען, אמת׳ע ציוניסטען זיינען די, וואָס וועלען זעהן צו שאַפען פאר׳ן אידען אַ נייעם ציון דאָרט, וואו ער לעבט יעצט, וואו ער ליידעט און שמאַכטעט. אַז מען קען קומען קיין ציון מיט אַ קורצען וועג, וואָרום זאָל מען געהן איבער בערג, ימים און מדבריות?

נאציאנאליזמוס און אסימילאציאן.

די פראגע, וועלכע ווערט איצט זעהר אָפט דעבאטירט פון אידי־שע פאטריאָטען איז: דארף דאָס אידישע פאָלק בלייבען א נאציאָן, אָדער עס דארף זיך אסימילירען מיט אַנדערע פעלקער? געוויס, אויב א דעבאטאנט וועט געלינגען מיט א שעהנע רעדע און מיט עטליכע גוטע ארגומענטען צו איבערצייגען, אז דאָס אידישע פאָלק ד א ר ף בלייבען א נאציאָן, וועט עס געוויס בלייבען א נאציאָן! דאָס היס־טאָרישע לעבען פונ׳ם אידישען פאָלק וועט דאָך ניט וואגען צו געהן געגען גוטע ארגומענטען און שעהנע רעדעס... און די דאָזיגע ארגו־מענטען און שעהנע געפּיהלפאָלע רעדעס ווענען אידישען נאציאָנאליז־מוס הערען זיך ביי אונז די לעצטע צייט אַלץ עפטער און עפטער. די אידען, וועלכע האָבען מעהר פון אַלע געליטען פון דער רעאַקציאָנערער בעוועגונג, וועלכע רופט זיך נאציאָנאַליזמוס, ווילען יעצט אליין ווערען נאציאָנאַליסטען. די מענשען, וועלכע סימפּאַטיזירען מיט אזא בעוועַ־גונג, זאָגען: עס איז וועניג, וואָס מיר זיינען אידען, מיר דארפען אונבע־דינגט ווערען אידישע אידען...

די דאָזיגע בעאידישטע זיינען איבערצייגט אָדער ווילען איבער־צייגען, אז דאָס אידישע פאָלק איז געוויס א נאציאָן, די פראגע איז נאָר: דארף דיעזע נאציאָן בלייבען א נאציאָן, אָדער דיעזע נאציאָן דארף ניט בלייבען קיין נאציאָן?

איך בין א איד. ווי איך בין א א איד, אז איך בין אויך א איד, און אַלס א איד, וויל איך און מוז זיין א מיטגליעד, א טהייל פון דער גרוי־סער אידישער נאציאָן. אָבער אין דערזעלבער צייט אַלס א איד מוז איך פריהער פרעגען א פּאָר קשיות. און טאַקע באמת ווי קען זיין א איד אָהן קשיות? איך האָב פיער קשיות פונקט ווי אין דער הגדה. דער חילוק איז נאָר: די הגדה גיט אויף אַלע פיער קשיות איין תירוץ — עבדים

היינו, מיר זיינען געווען קנעכט... פיעלע ערשיינונגען פון אידישען לעבען קענען נאך ביז יעצט פערענטפערט ווערען מיט דעם זעלבען עבדים היינו, מיר זיינען געווען קנעכט, מיר זיינען געווען פערשקלאפט, מיר זיינען געווען אונטערדריקט, מיר זיינען געווען פערפאלגט, — דאס ערקלערט פיעלעס. איצט אבער, ווען די רעדע איז ניט וועגען דעם וואס מיר זיינען געווען אין דער פערגאנגענהייט, נאר וועגען דעם וואס מיר זיינען אין דער געגענווארט און וואס מיר קענען ווערען אין דער צוקונפט, איצט איז ניט די צייט צו פרעגען קשיות נאר וועגען דעם אי־דישען טרוקענעם ברויט און דעם אידישען ביטערען מרור. איצט איז אויך ניט די צייט אויף א גרויסע סאציאלע פראגע צו ענטפערן מיט דעם ספעציעל אידישען פסח־דיגען „עבדים היינו"... איך פרעג די דאזיגע קשיות: ערשטענס: וואס איז איבערהויפט א נאציאן? צוויי־טענס, אויב עס זיינען דא דעפינטיווע, דייטליכע אונצווייפעלהאפטע און גאנץ קלארע אייגענשאפטען, וועלכע בעצייכענען דעם בעגריף נאציאן, — איז נאך דיעזע בעצייכנונגען דאס אידישע פאלק א נאציאן? אויב די אידען זיינען איצט ניט קיין נאציאן, קענען זיי ווען־עס־איז ווערען א נאציאן? ענדליך, אויב עס זאל בעוויזען ווערען בעשיינפערליך, אז זיי קענען ווערען א נאציאן, — דארפען זיי ווערען א נאציאן?

וואס איז א נאציאן?

אמאל, אין די אלטע צייטען, ווען דאס לעבען איז געווען איינפא־כער און ווען די פערהעלטניסע צווישען פערשיעדענע גרופען מענ־שען פלעגען ערקלערט ווערען ניט דורך סאציאלע אורזאכען, איז גע־ווען זעהר לייכט צו ענטפערן, וואס איז א נאציאן. איין רעליגאן, איין שפראך, איין לאנד האט געשאפען א בעזאנדערע נאציאן. איצט אבער ברעכען זיך די צייהן מיט דער פראגע פיעלע געלערנטע, און כאטש דער׳הרג׳עט מיך דא אויפ׳ן פלאץ, ווי איך בין א איד, איך קען ניט זאגען מיט זיכערהייט, וואס איז דאס, וואס מענשען רופען אין אונ־זער צייט נאציאן. ווען מען קומט צו מיר און מען זאגט: טוט עפעס פאר׳ן אידען, פערשטעה איך. איך ווייס, וואס א איד איז. איך דארף ניט דערצו קיינע פסיכאלאגישע היפאטעזען, קיינע פאעטישע פאנטא־זיען, קיינע אנטראפאלאגישע אונטערזוכונגען. איך קען דעם איד. ער איז א רעאליסטישע, זעהר רעאליסטישע קאנקרעטע זאך. איך קען איהם

פּיהלען, און נאָך ווי אזוי! איך וויים זיינע צרות, און בעאָבאכט זיין לעבען, און זעה זיינע ליידען און זיינע טרערען.. זיין באָרד און זיינע פּאות קען איך זאָגאר אָנכאַפּען מיט די הענד (אויב ער וועט זיך לאָ־זען.) ניט אכטענדיג דארויף, וואָס ער האָט ספּעציעל אידישע צרות, וויים איך, אז פריהער פון אַלעם איז ער א מענש, וועלכער ליידעט און לעבט אונטער די זעלבע אומשטענדען ווי יעדער מענש אין אונזער זאָגענאַנטער ציוויליזירטער מענשהייט.

ווען אָבער איהר וועט קומען און זאָגען מיר: טוט עפּעס פאַר דער אידישער נאַציאָן, וועל איך ניט וויסען פאַר וועמען בעט איהר מיך, און וואָס זאָל איך פאַר דער חיה וואָס רופט זיך נאַציאָן טאָן. נאַציאָן! וואָס וויל זי, וואָס דאַרף זי, וואו איז זי? דער איד איז א קבצן און וויל פערבעסערען זיין עקאָנאָמישע לאגע, דאַרף מען איהם העלפען. ער וויל רעכטע גראַדע ווי יעדער, קעמפּפט מיט איהם צוזאַמען. ער וויל בילדונג און פערשטעהט ניט קיין אַנדערע שפּראַך ווי אידיש, גיב איהם בילדונג אין אידיש, שרייב איהם ביכער אין אידיש, זינג איהם ליעדער אין אידיש. וואָס וויל אָבער די נאַציאָן? אז זי אָרעם? בעלאַנגען ניט צו דער נאַציאָן די ראָטהשילדס, די פּאָליאַקאָווס, די בראָדסקים, די שיפס און אַנדערע מיליאָנערען, באַנקירען, פאַבריקאַנטען און סוחרים? וויל זי, איך זאָל זי לערנען? אויף וועלכער שפּראַך זאָל איך רעדען צו דער נאַציאָן וואָס רעדט אידיש, לשון קודש, אראַביש, דייטש, פראַנצויזיש, טערקיש, ענגליש, כינעזיש, אראַמיש און... אפשר אויך קאַטשקע לשון? ערנסט גערעדט, וואָס קען מען טאָן פאַר א זאַך, וואָס איז קיין זאַך ניט, וואָס איז נאָר א מעטאַפיזישע אידעע, א בעגריעף, וואָס עקזיסטירט נאָר אין דער פאָרשטעלונג, א פּאָעטישער געשטאַלט, וועלכער ווערט געשאַפען דורך סוביעקטיווע לירישע געפיהלע? איך וויל ניט בעלעדיגען די נאַציאָנאַליסטען און וועל זאָגען זיי זיינען סימ־פּאַטישע אביסעל צו סענטימענטאַלע ראָמאַנטיקער, וועלכע ווערען בע־גייסטערט פון דער מיסטישער פערגאַנגענהייט פאַר דער אוטאָפּיס־טישער צוקונפט. אָבער, אייגענטליך, איך און איהר, מיר אַלע דאָ וויי־סען, אז דער דאָזיגער סימפּאַטישער ליריזם פון נאַציאָנאַליזמוס שמעקט אין רוסלאַנד מיט פּאַטריאָטישען קוואַס, אין דייטשלאַנד מיט ניט פרישע לימבורגער קעז, אין פראַנקרייך מיט קאַטולישען ווייַרוך,

און ביי אונז אידען מיט'ן לאָקשען־קוגעל, וואָס איז געבליבען פון פאַר־אַכט־טאָגען שבת...

אַלזאָ, זאָל אונז דער רבש'ע העלפען צו בעגרייפען און ערקלערען, וואָס איז נאַציאָן. צוויי גרויסע גוים, ר ע נ א ן און ל י ט ר ע, גיבען אַזאַ דעפיניציאָן: אַ פאָלק איז דאָס, וואָס האָט איין אָבשטאַמונג, שטאַמט פון איין אור־פאָטער און האָט איין רעליגיאָן. אַ נאַציאָן איז אַזאַ גרופּע מענשען, וועלכע פערנעהמען אַ געוויסע שטיק לאַנד, האָבען איינע און די זעלבע פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען און איינע און דיזעלבע אינטערעסען, אַנדערע זאָגען, אַז די איינהייט פון סענטימענט, איינהייט פון אידעען און איינהייט פון מאָראַלע אַנשויאונגען פעראייניגט פערשיעדענע מענשען אין איין נאַציאָן. עס זיינען דאָ בעווייזע, אַז רעליגיאָן אַליין איז גענוג צו שאַפען אַ נאַציאָן.

דאָס אידישע פאָלק, אויב עס איז אַ נאַציאָן איז נאָר דורך זיין רעליגיאָן... דאָס רוימישע פאָלק איז אַ מאָל געווען אַ נאַציאָן דורך דער שפּראַך, איהר קולטור און זאָ ווייטער, א. ז. וו.

אַלזאָ, וואָס שאַפט אַ נאַציאָן? איינהייט פון לאַנד? אין דייטשלאַנד וואָהנען דייטשען און פּאָליאַקען — זיינען זיי איין נאַציאָן? פּאָליאַקען וואָהנען אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך — דריי פערשיעדענע לענדער — זיינען זיי דריי נאַציאָנען? אָדער גאָר קיין נאַציאָן ניט? איינהייט פון אינטערעסען מאַכט אַ נאַציאָן? זאָל מען אריינגעהן אין פראַנצויזישען אָדער דייטשען פּאַרלאַמענט און זעהן וועלכע טיעפאונטערשיעדענע אינטערעסען עס עקזיסטירען ביי די מענשען פון דיזע לענדער. דיזע פערשיעדענהייט פון אינטערעסען וואַקסט מיט יעדען טאָג, וואָס עס וואַקסט די זעלבסטבעוואוסטהייט פון פערשיעדענע קלאַסען. זיינען דייטשען סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די דייטשע אגראַריער איין נאַציאָן אָדער צוויי נאַציאָנען? אַלע קאַפּיטאַליסטען פון אַלע לענדער האָבען די איינהייט תון סענטימענט, אידעע און מאָראַלישע אַנשויאונגען — זיינען זיי איין נאַציאָן? אויב די איינהייט פון דער שפּראַך מאַכט אַ נאַציאָן, וואַרום זיינען אַמעריקאַ און ענגלאַנד צוויי בעזונדערע נאַציאָן? וואָס וועט זיין די שווייצאַרישע רעפּובליק, וואו מען רעדט דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש — אַ פאָלק אָדער אַ נאַציאָן? אויב רעליגאָן פעראייניגט מענשען אין איין נאַציאָן, ווי אַזוי קען זיין, אַז די דייטשע קאַטויליקער זיינען אַ

טהייל פון דער דייטשער נאציאָן פונקט ווי די פּראָטעסטאַנטען? אויפ'ן באלקאנישען האלב אינזעל זעהען מיר איינע און די זעלבע סלאווישע פעלקער פון איין אָבשטאמונג, וועלכע רעכענען זיך ניט צו איין נאציאָן, ווייל איינע זיינען קריסטען, די אנדערע מאהאמעדאנער. נאָך מעהר, די אַלע פערשיעדענע פעלקער, וועלכע בעלאנגען צו מאחאָמעדאנישע גלויבען, וואָהנען אין פערשיעדענע לענדער און האָבען פערשיעדענע אינטערעסען. זיי אַלע האָבען גאָר קיינע נאציאָנאלע שטרעבונגען — זיי זיינען אַלע פעראייניגט אינ'ם איסלאם. ווער רעדט, אז איהר וועט נעהמען פאר נאציאָן דאָס, וואָס דער אנגלאָ־סאקסער, דייטש־איירישער, איטאליאנאָ־האָלאנדישער, אידיש־אָמעריקאנער רופט אָן „אור גרעיט אמעריקאן ניישען", קערט איהר גאָר איבער די גאנצע נאציאָנאלע טעאָרי מיט'ן פּוטער אראָפּ.

בעט איך אייך, זייט אונפּארטייאיש און זאָגט מיר מיט זיכער־הייט: וואָס איז א נאציאָן? מענשען וואָס האָבען איין לאנד? אָדער איין גלויבען, אָדער איין שפּראך, איינע אינטערעסען, איין אָבשטאַ־מונג, איין קולטור? איך זאָג אייך דעם אמת, איך ווייס ניט וואָס נאַ־ציאָן איז, דעריבער טאקע איז זעהר אינטערעסאנט צו וויסען, איז דאָס אידישע פאָלק א נאציאָן, דאָס הייסט, איז דאָס אידישע פאָלק דאָס, וואָס מיר ווייסען ניט, וואָס דאָס איז? אָדער דאָב אידישע פאָלק איז ניט דאָס, וואָס מיר ווייסען ניט וואָס דאָס איז?

איז דאָס אידישע פאָלק א נאציאָן?

מיט קיינעם האָט די וועלט ניט געהאט אזוי פיעל צו טאָן ווי מיט אונז אידען... מיר האָבען דער קריסטליכער וועלט געגעבען א האלב פון זייער ציוויליזאציאָן, מיר האָבען זיי געגעבען א גאָט און א סוביעקטיווע סיסטעם פון דענקען און פיהלען. מיר האָבען זיי געלערענט צו קעמפּפען מיט'ן יצר הרע און צו ענטוויקלען אין זיך דעם יצר טוב, און זיי האָבען דערפאר אונז געגעבען קלעפּ, ווען נאָר זיי האָבען גע־דארפט געלד און געזוכט „פלעזשור"... און סוף כל סוף, אז עס קומט צו דער פראגע, ווער זיינען מיר? ווייסט מען ניט. צו א וועלכער ראסע בעלאנגען מיר? איינינע זאָגען, מיר קומען פון א סעמיטישע ראסע, אנדערע, זאָגאר אידישע געלעהרטע, בעווייזען, אז מיר בעלאנגען צו איין שטאם מיט די אינדאָ־אייראָפּעאישע פעלקער. קומען די אנטראָ־פּאָלאָגען און זאָגען: וואָס דארפט איהר אייך האָמפּערן? מען קען

ליכט אויסגעפינען די ראסע, מען דארף מעסטען דעם קאָפּ. וואָס טוט אָבער אָב פּאר אַ שפּיצעל דער אידישער קאָפּ? אין איין לאַנד איז ער ברייט, אין איין אַנדער לאַנד שמאָל. דאָ איז ער לאַנג, דאָ איז ער קיילעכדיג. די ספרדים האָבען אַנדערע קעפּ, די אשכנזים האָבען אַנדערע קעפּ... היינט וויפיעל אידען זיינען דאָ, וואָס האָבען גלאַט פערשטאָפּטע קעפּ?... אַ ראסע קען מען אָבער אויסגעפינען נאָך דער פארב פונ'ם פנים. וואָס טוט דער איד? וואָס מיינט איהר, ער קען זיך עפּעס קיין עצה ניט געבען? אין דייטשלאַנד און באָהעמיען האָט ער אַ בלאָנדע פארב. דער איד דער קרימטשאַק האָט אַ טאָטערישע פארב. אין אינדיען איז ער שווארץ, איז כינא איז ער געל, אין פּאָרטוגאל און איטאַליען איז ער בראון, אין קאווקאז האָט ער קאווקאזער פנים, אין אַראַביען האָט ער אַ פנים פון אַ שווארץ יאָהר, און אין רוסלאַנד האָט ער גאָר קיין פנים ניט. בערנאַרד לאַזאַר זאָגט, אַז נאָך דער פארב אליין קען מען די אידען צושרייבען אַם ווענינגסטען צו פינף פערשיעדענע ראסען.

עס איז איבערהויפּט שווער צו זאָגען, פון וואַנען שטאַמען די היינטיגע פעלקער וואָס עקזיסטירען. אַ מאָל, ווען זיי האָבען געלעבט ווי קליינע שבטים, האָבען זיי געקענט אָבהיטען זייער בלוט און אירערציינגען זייער יחוס. ווי עס האָבען זיך אָבער אָנגעפאַנגען שרעקליכע מלחמות און גרויסע פעלקער בעוועגונגען, האָבען זיך אַלע פעלקער צומישט. ווי דער איד איז ניט געווען איזאָלירט דורך זיין רעליגיאָן, איז ער דאָך צו לאַנג געווען אין גלות און צופיעל געקומען אין בעריהרונג מיט אַנדערע פעלקער, מען זאָל קענען גאַראַנטירען, אַז יעדער פון אונז שטאַמט מירך יעקב.

מען וועט אונז זאָגען, אַז די אַלע אידען, וועלכע זעהען אויס פערשיעדען און רעדען אויף פיעלע פערשיעדענע לשנות, וועלכע וואָהנען אין פערשיעדענע לענדער און האָבען פערשיעדענע אינטערעסען, אַז די אַלע אידען זיינען דאָך איין נאַציאָן, ווייל זיי האָבען איין גייסט, אַן אַלגעמיינע אידישע פּסיכאָלאָגי, דאָס פּינטעלע איד, וואָס יעדער פון אונז האָט, פעראייניגט אונז אַלע אין איין גרויסע אידיש נשמה... דיזע היילינע נשמה מאַכט אונז צו איין נאַציאָן.

דאָס ליעדעלע וועגען פּינטעלע איד און וועגען דער אידישער נשמה איז זעהר שעהן און זיס... עס איז אָבער ניט מעהר ווי אַ

לירישׁ געפיהל. עס איז גאנץ נאטירליך, אז באלד נאכדעם ווי מען קריגט קלעפּ פון אן איירישען שכור אָדער אַ פּאָנישען קאצאפּ, זאָל דאָס פינטעלע איד אָנהויבען ציהען ביים הארצען. עס איז נאטירליך, אַז יונגע טרוימער, וועלכע פיהלען מיט זייערע אייגענע הערצער דעם וועהטאָג פון זייערע ברידער, זאָלען אָנהויבען צו שפּיעלען „על נהרות בבל" אויף דער אַלטער פעררָאסטעטער לירע פון דוד בן ישי. ווען אָבער אַ מאַן, וואָס האָט ערשט דערשלונגען אַ קאפּיטעל פון מאטע־ריאליסטיש־פילאָזאָפישען בוך, און האָט דערצו נאָך פערביסען מיט אַ גוטע פּאָרציע פון געגעל׳ס חריפות, ווען אזא מאַן געהט רוהיג און בעזאָנגען פערענטפערען אַ גרויסע מענשהייטס־פראגע מיט אַ נאציאָ־נאלע לירישע מעלאָדי, זעהט עס פונקט אזוי אויס, ווי דער אַלטער סאָלידער זיידע זאָל אויף זיך ארויפציהען דעם אייניקעל׳ס מאיטקעס!... נאציאָנאליזמוס אין דעם געשיכטליכען לעבען פון אַ פּאָלק איז פונקט דיזעלבע זאַך ווי ליריזם אין דער פּאָעזי... לירישע פּאָעזי איז גוט פאר יונגע פערליעבטע מענשען, פאר סענטימענטאלע סוביעקטען... אזא בעיאָהרענטער מענש ווי דער איד איז פּאסט ניט ביי אַ גרויסע פּראק־טישע פראגע זינגען אַ לירישע ליעד, ער דארף אריבערגעהן צו דער העכערער פּאָרמע פון געזעלשאפטליכען לעבען, צו דער דראמא, צו אַק־טיוויטעט, צו טהעטיגקייט... און ער הויבט עס טאקע אָן צו טאָן...

לאָמיר זעהן וואָס מיינען זיי מיט דער גרויסער אידישער נשמה, וועלכע מאכט אונז צו אַ נאציאָן. די קאָלעקטיווע פּסיכאָלאָגי פונ׳ם אידישען פּאָלק? אין וואָס ווערט זי אויסגעדריקט? האָט דער איד אַ נאציאָנאלע קולטור? וואו איז זי, די ספּעציאל אידישע קולטור? מיי־נען זיי אפשר די אידישע ליטעראטור? זי איז געווען 18 הונדערט יאָהר אויסשליסליך אַ רעליגיעזע ליטעראטור און ניט מעהר. אמת, די רעליגיאָן אז געווען אַ גרויסער פּסיכאָלאָגישער פאקטאָר, וועלכער האָט געווירקט אויף די אידען אין אַ געוויסער ריכטונג און האָט זיי געהאַלטען פיעלע יאָהרען צוזאמען. איז דאָס דער זעלבער צעמענט, מיט וועלכען די נאציאָנאליסטען ווילען אונז צוזאמענצעמענטירען אַלס אַ נאציאָן אין צוואנציגסטען יאָהר־הונדערט? וואָס וועלען טאָן די הונדערטע טויזענדער רעפאָרמירטע יהודים, וועלכע האָבען אין דעם מענטעלע פון דער אידישער רעליגיאָן אריינגעשטופּט אַ חזירשען איוואָן? און וואָס וועלען טאָן די טויזענדער און טויזענדער סאָציאליסטען,

וועלכע וואקסען ווי אויף הויווען און מעהרען זיך און ווילען גאָט ניט וויסען פון רעליגיאָן? און וואָס וועלען מיר אַלטע אפיקורסים נעבעך טאָן? פארוואָס זאָלען מיר אין אונזער אויפגעקלערטער וועלט אָבגע־שניטען ווערען פון אונזער אייגענע נאַציאָן? איז דאָס ניט אַן עולה?

די פּראַקטיש־מאָראַלישע פּונקטען פון אידישען גלויבען צייכנען זיך ניט אָב בעזונדער פון דער קריסטליכער פּראַקטישער מאָראַל. און די רעליגיאָן אליין האָט ניט געקענט שאַפען אַ בעזאָנדערע אידישע פאָלקס־פּסיכיק, אַן אַנגעצייכענטען פּסיכישען טיפּ. דער איד איז ניט אַ פּראָדוקט פון אינטערנאַציאָנאַלען לעבען. די בעזאָנדערע גוטע פּסי־כישע און ניט גוטע פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע אייגענשאַפטען וואָס דער איד האָט, זיינען ניט געבוירען געוואָרען ביי איהם, דורך זיין נאַציאָנאַ־לען לעבען, פּערקערט, זיי זיינען ערשינען ביי איהם, ווייל ער האָט ניט געקענט לעבען מיט אַ נאַציאָנאַלען לעבען. די וואָס נעהמען דעם אידענס היינטיגע גייסטיגע אייגענשאַפטען און בויען פון איהר אַ נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגי, מישען צונויף אורזאַכען פון ערשיינונגען מיט רעזולטאַטען פון ערשיינונגען.

ערלויבט מיר ערקלערען, וואָס איך מיין דערמיט. לאָמיר, צום ביישפּיעל, נעהמען דעם דייטש, להבדיל אלפי הבדלות! דער דייטש האָט ליעב צו טרינקען ביער. דאָס איז ביי איהם ניט נאָר אַ פיזיאָלאָ־גישע בעדירפנים, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגישע אייגענשאַפט. קענען מיר זאָגען, אַז ווער עס טרינקט ביער איז אַ דייטש, און אַז די גאַנצע ביער ברויעריי צוזאַמענגענומען, דאָס איז די נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגי פונ'ם דייטשענטום? ניין! מיר וועלען זאָגען: די דייטשען האָבען אַ קאָלעק־טיווע פאָלקס־פּסיכאָלאָגי, ווייל זיי לעבען טויזענדער יאָהרען אין די טהאָלען פון רהיין און עלבא, אין די וועלדער פון טהורינגיע, אויף די בערג פון סאַקסאָניע און די אַלפּען פון באַווארִיע. זיי האָבען אַ נייגונג צו מילעטאַריזמוס, צו אַ שווערע מעטאַפיזישע אַרט פון דענקען, צו פּראַקטישע אונטערנעהמונגען, ראָמאַנטישע פּאָעזי און ערנסטע מוזיק. זיי פיהרען זייער היסטאָרישען לעבען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל יאָהרען, געפינען זיך ביי אַזעלכע און אַזעלכע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אומ־שטענדען, און דאָס אַלעס צוזאַמען האָט געשאַפען ביי זיי אויך אַ פּסיכישע אָדער אַ פּסיחאָ־פּאַטאָלאָגישע נייגונג צו זופען ביער. פון וואַ־נען און פון וואָס האָט געקענט געשאַפען ווערען אַ ספּעציעל אידישע

פסיכאָלאָגי? דער איד זיפצט, דער איד האָט ליעב א טרויעריגען וואָ־לאָך, ווי דער דייטש א גלאָז ביער, דער איד האָט מורא אז מען שלאָגט איהם — דאָס און אנדערע אזעלכע פריוואטנע און איינצעלנע ערשיי־נונגען, וועלכע זיינען פסיכישע רעזולטאטען פון דעם, וואָס ער האָט ניט קיין נאציאָנאַלע פסיכאָלאָגי, פון דעם מאכט מען די קאָלעקטיווע נשמה פון דער אידישער נאציאָן! אין דער הינזיכט זיינען די ציוניסטען פראַקטישער און לאָגישער. זיי וויסען, אז א פאָלקס פסיכאָלאָגי קען אויסוואקסען נאָר אויף א רעאַליסטישען באָדען... זיי וועקען יעצט ביים אידען נאציאָנאַלע געפיהלען און זאָגען צו, אז אין ציון וועט דאָס אידישע פאָלק אויסוואקסען אין א אידישע נאציאָן, מיט א אידישע פסיכיק, מיט א אידישער קולטור. די נאציאָנאַליסטען אָבער, וואָס ווילען מאכען א ספעציעלע אידישע נאציאָן אָהן א ספעציעלען אידישען באָ־דען, דערמאָנען אונז דעם רוסישען פאָמפאַדור, וועלכען דער גרויסער רוסישער סאטיריקער שצעדרין האָט געשילדערט. ער האָט ארויסגעגע־בען א בעפעהל, אז אין זיין מדינה זאָלען מענשען ניט טאָרען טרעטען אויף דער ערד, ניט זיצען אויף א שטוהל, ניט ליגען אויף א בעט, ניט צושפּארען זיך צו א וואנט. וואָס דען מעגען זיי? זיי מעגען הענ־גען אין דער לופטען... א שעהנע נאציאָן האָט זיך געקענט ענטוויקלען פון די מענשען פון אזא מדינה!...

לאָמיר בעסער זעהן וואָס הערט זיך מיט אונזער פראגע: קענען די אידען א מאָל ווערען א נאציאָן אָדער ניט?

קענען די אידען ווערען א נאציאָן?

ווי ווידערשפּרעכענד עס זאָלען ניט זיין די בעצייכנונגען פון די אומשטענדען, וואָס מאכען א נאציאָן, איין זאך איז געוויס, א נאציאָן מוז זיין און איז א שטארקע לאנג־דויערנדע אָרגאניזאציאָן. דער איד האָט ניט דיעזע פעהיגקייט, ער קען דיזאָרגאניזירען, אָבער ניט אָרגאני־זירען. זיין אייגענע אַלטע געשיכטע דערצעהלט אונז, אז נאָך אפילו דאָרט אין דערהיים איז ער געווען געגען אָרגאניזאציאָן און פאָלקס דיסציפּלין... זיי האָבען געבונטעוועט געגען משה'ן, געגען די נביאים, געגען זייערע קעניגע, געגען גאָט זאָגאר. איין מלוכה איז געווען וועניג אויף אזא שטיקעל לאנד ווי זיי האָבען פערנומען, זיי האָבען געדארפט האָבען א קעניגרייך פאר יהודה און א בעזונדערע קעניגרייך פאר ישראל.

די שטרעבונגען און די העכערע אידעאלען פון אידישען פאָלק זיינען שטענדיג געווען ניט נאציאָנאלע, נאָר אינטערנאציאָנאלע. זיי זיינען געגאנגען איינצונעהמען די פעלקער פון כנען, אום פאָפולער צו מאכען צווישען אלע פעלקער די גרויסקייט פון דעם איינציגען גאָט דעם בעשעפער.

די נביאים, די נאָבעלסטע פאָרשטעהער פון אידישען געדאנק און אידישען סענטימענט, האָבען אויסגעשפּראָכען די גרעסטע אינטער־נאציאָנאלע פּרינציפּען פון גערעכטיגקייט. די מעהר דענקענדע תלמודיסטען האָבען געטאָן דאָס זעלבע. צום ביישפּיעל, איין תנא ער־קלערט, פאר וואָס האָט גאָט געמאכט, אז די גאנצע מענשהייט זאָל שטאמען פון איין מענשען, אדם הראשון? ווייל ער האָט געוואָלט, אז קיין פאָלק זאָל ניט בעריהמען זיך, אז זיין פאָטער איז א גרעסערער מיוחס. אלע פעלקער האָבען איין פאָטער.

קיין פאָלק אין דער וועלט האָט ניט געשפּיעלט און וועט ניט שפּיעלען אזא גרויסע אינטערנאציאָנאלע ראָלע, ווי דאָס אידישע פאָלק. פערשיעדענע פעלקער האָבען געהאט נאציאָנאלע געטער און נא־ציאָנאלע רעליגאָנען, איז געקומען דער איד און האָט זיי געגעבען איין אינטערנאציאָנאלען גאָט און איין אינטערנאציאָנאלען גלויבען, וועל־כער האָט צוזאמענגעמישט און צוזאמענגעפלאָנטערט פיעלע פערשיע־דענע נאציאָנאליסטען. ווי פאנאטיש און אונוויסענד דער קריסט זאָל ניט זיין, ער וועט זיך יעצט שעהמען צו זאָגען, אז גאָט איז נאָר זיין נאציאָנאלער גאָט... דער גאָט, וואָס דער איד האָט איהם געגעבען, איז אן אינטערנאציאָנאלער, די מאָראל וואָס דער איד האָט איהם געגעבען, איז אן אינטערנאציאָנאלע...

פינסטערע און ביטערע היסטאָרישע אומשטענדען האָבען געמוזט פיהרען דעם אידען אלץ ווייטער און ווייטער צום קאָסמאָפּאָליטיזם. אין זיין פּראַקטישען לעבען האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט האנדעל, וואָס האָט אן אינטערנאציאָנאלען כאראקטער, מיט מוזיק, וועלכע איז די שפראך פון אלע פעלקער, מיט הומאניטארע סאָציאלע וויסענשאפ־טען, וועלכע בעהאנדלען קיינע נאציאָנאלע, נאָר שטענדיג אינטערנא־ציאָנאלע פּראָבלעמען און די אינטערעסען פון דער גאנצער מענש־הייט...

דער איד האָט זיך שטענדיג זעהר לייכט און זעהר גיך אריינ־

געפּאַסט אין דער ציוויליזיאַציאָן פון דעם פאָלק, וואו ער האָט געלעבט, און האָט איבערגענומען די שפּראַך פון דער נאַציאָן, מיט וועלכער ער האָט געוואָהנט צוזאַמען. נאָך דעם פּעריאָד פון די נביאים האָט דער איד ניט געהאַט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך. זיעבציג יאָהר גלות אין בבל זיינען געווען גענוג, ער זאָל אָנפאַנגען רעדען ביבליש, אראַמיש. איז ער געקומען אין בעריהרונג מיט די גריכען אין אַלעקסאַנדריען, איז זיין קולטור־שפּראַך געוואָרען גריכיש, אין רוים איז זיין שפּראַך געוואָרען לעטייניש. צווישען די אַראַבען איז זיין שפּראַך געוואָרען אַראַביש, צווישען שפּאַניער — שפּאַניש. די גרעסטע גאונים האָבען געשריבען אין דיזע שפּראַכען. אין דייטשלאַנד איז דעם אידענס מוטער־שפּראַך געוואָרען דייטש, און פון דעם סאַקסאַנישען דייטש איז געבאָרען געוואָרען די אידישע שפּראַך. דאָס אַלעס האָט פּאַסירט ביי אונגינסטיגע אומשטענדען און אין דער צייט, ווען די רעליגיאָן האָט געהאַט אַזאַ הערשענדע מאַכט איבערן גדאַנק און גייסט פונ׳ם אידען. שטעלט אייך פאָר, וויפיעל נאַציאָנאַליזמוס עס וועט בלייבען ביים אידען, ווען ער וועט בעפּרייט ווערען פון דעם וואָס האָט איהם געשמידעט צו דער געשטאָרבענער פערגאַנגענהייט און האָט איהם אָבגעשטויסען פון אַלעס, וואָס לעבט אין דער געגענוואַרט!...

מען זאָגט, עס עקזיסטירט אַן ערנסטע מיינונג, אַז דער אידישער זשאַרגאָן, אויף וועלכען עס רעדט די גרעסטע טהייל פון אידישען פאָלק, אַז דער זשאַרגאָן וועט זיין, אָדער איז שוין זאָגאר די שפּראַך, וועלכע האָט געשאַפען אַ ספּעציעל אידישע נאַציאָנאַלע קולטור, — דער זשאַרגאָן וועט פעראייניגען די אידען אין אַ גרויסע נאַציאָן. אייגענטליך, איך אַלס אַ זשאַרגאָן שרייבער האָב זיך גערארפט אליין געבען אַ קניפּ אין באַק און זאָגען: „יישר כחכם, ר׳ יענקיל! ענדליך דאָך דערלעבט, האַ?״ איך וויל זיך אָבער ניט איינרעדען קיין פויגעלעך אין בוזעם. געוויס, כל זמן מיליאָנען אידען רעדען און פערשטעהען נור אידיש, איז צו רעדען צו זיי און שרייבען פאַר זיי אין אידיש גראַדע אַזוי עהרענווירדיג און אַזוי ניצליך ווי צו שרייבען אין ענגליש אָדער פראַנצויזיש. דער זשאַרגאָן איז אַ מיטעל דורך וועלכען מיר קענען דעם הינטען־געבליבענעם אידען ארייַנפיהרען אין דעם גרויסען אינטערנאַציאָנאַלען שאַצקאַמער פון דער וועלט־קולטור. דער זשאַרגאָן האָט ניט געשאַפט און וועט ניט שאַפען ספּעציעל אידישע פאָרמען פון לי־

טעראַטור. די ביבעל, זאָגאַר דער תלמוד, איז אַ אידישע ליטעראַטור. דער זשאַרגאָן אָבער נעהמט פאָרמען פון דער וועלט־ליטעראַטור. פּרץ און מענדעל אַבראַמאָוויץ שרייבען וועגען אידען אין זשאַרגאָן, גראַדע ווי נאָומאָוו, טשיריקאָוו, יושקעוויטש, היינע און בערנע טוען דאָס אין אַנדערע שפּראַכען. די אידישע דראַמאַ, ווען זי האָט געוואָלט זיין אַ נאַציאָנאַלע, איז זי געווען אַ קאַריקאַטורע. און זי איז אַ דראַמאַ, מעהר אָדער ווייניגער, ווען זי נעהמט די דראַמאַטישע פאָרמען פון דער ליטעראַטור פון די אומות העולם.

איך פערשטעהע איבערהויפּט ניט, ווי אַזוי דאָס אידישע פאָלק וועט ווערען אַ נאַציאָן נור דורך אַ שפּראַך, און דורך אַזאַ שפּראַך? דורכ'ן זשאַרגאָן! נו, און וואָס וועלען טאָן די אידען, וואָס זייער מוטערשפּראַך איז דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, טערקיש, אַ. ז. וו.? און וואָס וועט איהר טאָן מיט די העברעאיסטען, וועלכע זאָגען, אַז די געזעצליכע אידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך איז לשון קודש? זיי אַלע, הייסט עס, וועלען ניט בעלאַנגען צו אונזער פאָלק. און וואָס וועלען טאָן די רוסישע אינטעליגענטען, וואָס פערשטעהן נור רוסיש? און וואָס וועלען טאָן מיליאָנען רוססישע אידען, וואָס וועלען זעהר גיך ווערען רוסישע בירגער און וועלען לערנען זייערע קינדער נאָר אין דער רוסישער שפּראַך? איהר וועט גרינדען פאַר זיי גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען, וואו דאָס לערנען וועט געהן אין אידיש. לאָז זיין עס איז מעגליך דאָס אַלעס אויסצופיהרען און עס איז כדאי. מיינט איהר ניט, אַז די אידען וועלען אַליין ניט וועלען זיין גראַדואירט פון זשאַרגאָנישע אוניווערזיטעטען? מיינט איהר, אַז די אידישע קינדער וועלען וואַרטען אויף אייערע זשאַרגאָנישע קורריקולומס? די קינדער, די נייע יונגע דורות וואַרטען ניט, זיי אינטערעסירען זיך זעהר ווייניג מיט די רעזולטאַטען פון דער היינטיגער דעבאַטע. הונדערט טויזענד קינדער אין אַמעריקאַ אַליין זיינען שוין אויף אייביג פערלאָרען פאַר דער אידישער שפּראַך און פאַר'ן אידישען פאָלק. די עלטערע דורות זאָגאַר אַמעריקאַניזירען זיך, בייטען זייער געשטאַלט און זייערע נעמען: זיי ראַזירען זיך ווי יענקים, קליידען זיך ווי גוים, קייען טשו־טאַבעקאַ און טיטולירען זיך מיט די נעמען דזשעפערסאָן, וואַשינגטאָן, מאַק־לאַוואי, מאַק־פאַרראַן, אַ. ז. וו., אין ניו הייווען האָב איך אַ גוטען פריינד, וועלכען

מען האָט גערופען קאַדנעווסקי. ווען ער, אַלס גרינער נאָך, האָט גע־
קויפט אַ הויז, האָט דער גוי ניט געקענט אויסלעגען זיין נאָמען און
האָט איהם געראַטהען רופען זיך קאָהן. איז ער, אַ ישראל, אַ פּשוט׳ער
ישראל געוואָרען קאָהן... זיינע זיהן האָבען ניט געוואָלט נעהמען אַ
פרעמדען נאָמען און האָבען זיך פון קאַדנעווסקי געמאַכט קאָדען. איצט
איז דער טאַטע קאָהן און די קינדער קאָדענס. פרעגען דאָך די גוים:
ווי קומט עס? איז דער תירוץ, זיי זיינען פון אַן אַנדער טאַטען —
איינינע קינדער זיינען געוואָרען שטיעפקינדער. דאָס אידישע פּאָלק
האָט שוין הונדערטע טויזענדע שטיעפקינדער, און איהר וועט זיי ניט
קענען אומקעהרען צוריק צוליעב דעם זשאַרגאָן. ווי ווייט מיר אַלע
זאָלען ניט זיין פון רעליגיאָן, מען זאָל אונז בעפעהלען צו ווערען אויס
אידען, וועלען מיר אַלע געהן אין גלות ניט ערניעדריגען זיך, ניט ווייל
די געפיהלען פון הייליגען גלויבען, אָדער די געפיהלען פון נאַציאָנאַ־
ליזמוס וועלען אונז צווינגען דאָס צו טאָן, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס
געפיהל פון אַ מ ע נ ש וועט פּראָטעסטירען אין אונז. ווען אָבער
מען וועט אונז וועלען צווינגען צו ווערען אַ אידישע נאַציאָן אָהן אַ
לאַנד און אָהן מאַטעריאַליסטישען געווינס, נאָר צוליעב אידישען זשאַר־
גאָן — וועלען די אידען אליין נאָר לאַכען דערפון. דער איד האָט יעצט
ניט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך און קען ניט האָבען. אַ פראַנצויז קען
בייטען זיין רעליגיאָן ווי ער וויל, ער בלייבט פראַנצויז. ווען אַ איד
שמד׳ט זיך אָבער און מען פרעגט איהם, איז ער אַ איד, זאָגט ער:
ניין! וואָהין־זשע איז אהינגעקומען זיין נאַציאָנאַליטעט?

דער איד איז צופיעל אריינגעמישט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער
וועלט, ער האָט אויפגענומען צו פיעל לשונות, ער איז געוואָרען דורך
זיין היסטאָרישען לעבען צו פיעל קאָסמאָפּאָליטיש, ער האָט געקראָגען
צו פיעל סימפּאַטי צו העכערע אוניווערסאַלע אידעען, עס זאָל יעצט
מעגליך זיין צו מאַכען פון איהם אַ נאַציאָנאַליסט. דער מאַסען־איד
געהט בלינדערהייט וואָהין די סיסטעם פון דעם אַלגעמיינעם סאָציאַלען
לעבען פיהרט איהם, און דער דענקענדער איד איז שוין לאַנג אריבער־
געוואַקסען איבער די איינגע, קליינליכע נאַציאָנאַלע דברים בטלים.
דער איד דענקט צו טיעף און ברייט, ער זאָל זיך קענען בעניגנען מיט
שמאָלע, פלאַטשיגע אידעען פון נאַציאָנאַליזמוס. מיין געעהרטער אָפּאָ־
נענט איז גאָר קיין איד ניט, ווען ער רעדט פון אידישען נאַציאָנאַליז־

מוס. ער איז אַ פאָלקאָמענער איד, ווען ער רעדט וועגען גרויסע אינ־טערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אוניווערסאַלע וועלט־אַנשויאונגען!

נאָר, לאָמיר אויף אַ מינוט צוגעבען, אַז מען קען מיט קינסטלע־רישע מיטלען מאַכען פון דעם אידישען פאָלק אַ שפּאָגעל נייע, אָרי־גינעלע נאַציאָן. דאַרף מען עס טאָן? איז דער פּראַקטישער שכל הישר דאַפיר? איז דער העכערער געדאַנק פון געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס ביי אונז האָט זיך אויסגעאַרבייט, ניט דאַגעגען? ד אַ ר ף ד אָ ס א י ד י ש ע פ אָ ל ק ו ו ע ר ע ן אַ נ אַ צ י אָ ן?

איך ערלויב מיר צו דענקען, אַז אין אונזער צייט אָנהויבען פלאַנ־צען נייע נאַציאָנאַלע טענדענצען און געפיהלען, הייסט רעגרעסירען און ניט פּראָגרעסירען. עס וואָלט אויסגעזעהן זעהר קאָמיש, ווען מיר וואָלטען זיך פאָרגעשטעלט דאַרווינען מיט זיין ענטוויקלונגס־טהעאָרי אַלס אַ נאַציאָנאַליסט, אָדער סאָקראַט, ספּינאָזא, קאַרל מאַרקס אַלס נאַציאָנאַליסטען. פאַר וואָס? ווייל יעדער פון זיי איז געוועזן אַ גרויסער דענקענדער מענש. אונזער אידעאַל פון דעם צוקינפטיגען מענש, מעג ער זיין טערק אָדער רוסע, איד אָדער דייטש — איז אַ גרויסער דענ־קענדער מענש. אַלס וואָס איז גרויס, נאָבעל און ערהאַבען טראָגט ניט אַ נאַציאָנאַלען, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער. די אידעע פון רעליגיאָן ביי די ציוויליזירטע פעלקער איז אינטערנאַציאָנאַליסטיש. עס איז ניטאָ שוין יעצט קיין נאַציאָנאַלע גערעכטיגקייט און נאַציאָ־נאַלע וואַרהייט, עס איז נאָר דאָ אַ מענשליכע גערעכטיגקייט און וואַר־הייט. עס איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע ציוויליזאַציאָן — די ציוויליזאַ־ציאָן איז אינטערנאַציאָנאַל. די וויסענשאַפט, די גרויסע ערציהערין פון דער מענשהייט, איז אינטערנאַציאָנאַל. די גרעסטע ווערקע פון לי־טעראַטור זיינען אינטערנאַציאָנאַל. זשעניאַליטעט קען ניט איינגע־שפּאַרט ווערען אין איינגע ראַמען פון נאַציאָנאַליטעט. די קלאַסיקער פון דער וועלט זיינען אינטערנאַציאָנאַלע שרייבער: דאַנטע, ראַבלע, סערוואַנטעס, שעקספּיר, מילטאָן און געטהע זיינען ניט נאַציאָנאַל. אין וועלכע קליידער זיי האָבען ניט געקליידעט זייערע העלדען, — די אידעען און טענדענץ פון זייער שרייבען איז געוועזן אינטערנאַציאָנאַ־ליסטיש. האַמלעט און דאָן קיכאָט, און פּאַנטאַגרועל און דער געפאַלע־נער מענש אין פאַוסט, זיינען מענשען, ניט נאַציאָנאַלע סוביעקטען.

אין אַכטצעהנטען יאָהר־הונדערט האָט געהערשט אין ליטעראַטור,

אין דער פילאָזאָפי און אין סאָציאַלען לעבען דער פרייער קאָסמאָפּאָ־ליטישער געדאַנק, איז דאָס געווען אַ יאָהרהונדערט פון גרויסען פּראָג־רעס און עמאַנסיפּאַציאָן. אין נייצעהנטער יאָהרהונדערט האָט זיך ער־וועקט דער געדאַנק פון נאַציאָנאַליזמוס, און דאָס האָט געפיהרט די מענשהייט צו רעגרעס און ערניעדריגונג. אַ נאַציאָנאַלער געדאַנק איז שטענדיג אַ רעאַקציאָנערער געדאַנק.

ווען די אידען זיינען געווען גערעכענט אַלס אַ נאַציאָן דורך זייער רעליגיאָן, האָט מען זיי ערניעדריגט, פּעראַכטעט, געשלאָגען, געפּייניגט — זייער איינציגער פּראָטעסט, זייער איינציגע טרויסט איז גע־ווען אין דער זעלבער מעטאַפיזישער אידעע, מיט וועלכע די היינטיגע נאַציאָנאַליסטען ווענדען זיך צו אונז, — זייער נחמה איז געווען אין אַ מעטאַפיזישען, אַבסטראַקטען געדאַנק פון נאַציאָנאַליזמוס. דער איד איז געבראַכט געוואָרען ביז אַזאַ מדרגה, אַז מען האָט געזאָגט וועגען איהם, אַז זיין איינציגע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפט בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט ניט געפיהלען פון ריטערליכע עהרע. דערפאַר דולדעט ער און שווייגט, ווען ער ווערט ענטעהרט. היינע און בערנע זיינען גע־ווען די ערשטע אידען, וועלכע האָבען מיט קוראַזש און העלדענמוטה געצויגען דעם ריטערליכען שווערט און האָבען בעשיצט אין דעם אידען די עהרע פון דעם מענשען! מיר האָבען פיעלע בעווייזע, און דער גלענ־צענדסטער פון זיי אַלע איז די טהעטיגקייט פונ׳ם אידישען „בונד” אין רוסלאַנד, אַז דער איד פערליערט זיין נאַציאָנאַלע אונריטערליכ־קייט און הויבט אָן צו ווערען מענש, וואָס פאָדערט מענשען־אַכטונג און מענשען־רעכטע. דאָס וואָס רופט ארויס דעם אידען צום פּראָטעסט און קאַמפּף איז ניט נאַציאָנאַלע געפיהלען, דאָס זיינען די געפיהלען פון אַ מענש! דער וואָס וויל מאַכען פון אַ מענש אַ נאַציאָנאַליסט, וויל שלעפּען דעם מענשען צוריק. ווען מען זאָל מיר הייסען ווערען אויס איד און אַסימילירען זיך מיט׳ן דייטש אָדער פראַנצויז, וועל איך בעסער שטאַרבען! קיינער און קיינעם דאַרף מען ניט אַסימילירען צוליעב וועמען אָדער צוליעב וואָס־עס־איז. דער פראַנצויז וועט ווערען ווענ־יגער פראַנצויז, וואָס מעהר מענש ער וועט ווערען. דער דייטש וועט ווערען ווענ־יגער דייטש, וואָס מעהר מענש ער וועט ווערען. און דאָס וועט געשעהען אליין פון זיך מיט יעדען פאָלק אונטער דעם איינפלוס פון גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אידעען און אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַ־

לען לעבען! דייטשלאַנד קען יעצט לייכט שלאָגען דעם פראַנצויז, אָבער די מענשען וואָס האָבען אינטערנאַציאָנאַלע פּרינציפּען וועלען דאָס ניט דערלאָזען! דער פראַנצויז קען שלאָגען שווייצערלאַנד, אינטערנאַציאָנאַלע רעכטע וועלען דאָס ניט דערלאָזען. דער מענש געהט! אַזוי ווי טייכען, מוזען זיך אַלע פעלקער אריינגיסען און פעראייניגען אין דעם גרויסען אָקעאַן, וואָס רופט זיך מענשהייט. דער אידישער בורזשואַ און דער אידישער ארבייטער זיינען אינטערנאַציאָנאַלע פּראָדוקטען. איהר מעגט צו זיי רעדען אויף זשאַרגאָן אָדער אויף טערקיש, זיי מוזען געהן מיט'ן וועג, מיט וועלכען די אַלגעמיינע סיסטעם פון סאָציאַלען לעבען פיהרט זיי. דער אַלגעמיינער אינטערעס פון אַלע מענשען, דער אינטער־נאַציאָנאַליזמוס, ראַטעט אוים די נאַציאָנאַלע עגאָאיסטישע און קליינ־ליכע אינטערעסען, און ווער עס מיינט, עס איז מעגליך צו פערפאָלגען אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסען און אין דערזעלבער צייט בלייבען אַ נאַציאָנאַליסט, ווידערשפּרעכט זיך אליין. אַן אינטערנאַציאָנאַלער נאַ־ציאָנאַליסט קלינגט אַזוי, גראַדע ווי מען זאָל זאָגען, פאַרעווער מילכיגער בלינטשיק, אָדער אַ מילכיגער ראָסעל־פלייש. מען קען ניט אין איין צייט זיין פּאַרעווע און פליישיג... נאַציאָנאַליזמוס איז אַ טויט־שונא פון אינטערנאַציאָנאַליזמוס.

מען קען יעצט ניט מאַכען פון מענשען אַ נאַציאָן. די צייט פון בילדען נאַציאָנען איז פאַראיבער אויף אייביג. נאָר בלעטער וואָס וואַק־סען אויף איין בוים זיינען אַ נאַציאָן, זיי זיינען אַלע גלייך, זיי האָבען איין אָבשטאַמונג, זיי רעדען איין שפּראַך, ווען דער ווינד וועהט אי־בער זיי, זיי נעהמען זיך פון איין קוואַל און לעבען אויף איין טערריטאָרי. די בלעטער זיינען אַ נאַציאָן, ווייל זיי האָבען ניט קיין סאָציאַלען לע־בען. זיי טוען ניט, זיי פּראָדוצירען ניט, זיי דענקען ניט, זיי פיהלען ניט. זיי האָבען ניט קיין קלאַסען און קיין קאָסטען. פון לעבעדיגע מענשען מאַכען אַזאַ עהנליכע און איינזאַרטיגע מאַסע איז אונמעגליך. דאָס סאָציאַלע לעבען האַרמאָנירט יעצט ניט מיט'ן וואָרט נאַציאָן. און פון אַלע פעלקער דער וועלט זיינען יעצט געוואָרען נור צוויי נאַ־ציאָנען, וועלכע וועלען אין דער צוקונפט ווערען נור איין נאַציאָן!

יאָ, נור צוויי נאַציאָנען האָבען מיר יעצט: דאָס איז מענש און אונמענש, אונטערדריקער און אונטערדריקטער, דער וואָס פּראָדוצירט און דער אומזיסטיגער פרעסער. דער קאַמפּף וואָס געהט יעצט אָן

צווישען דיעזע צוויי נאַציאָנען, וועט פריהער אָדער שפּעטער, ברענגען דערצו, אַז עס וועט נור בלייבען איין נאַציאָן, איין פאָלק, איין קעניגרייך, איין קולטור, איין ציוויליזאַציאָן, איין גרויסע פעראייניגונג, וועלכע וועט זיך רופען מיט'ן גרויסען היילינען נאָמען: מענשהייט!

פון דעם קריסטליכען היילינען דענים, דעם פּאַטראָן פון פּאַריז, דערצעהלט מען אַזאַ לעגענדע: ווען ער איז געקומען צו די אונגלויביגע פון פּאַריז פּרעדיגען דאָס נייע גלויבען, האָט מען איהם געהייסען שווייגען, ער האָט ניט געפאָלגט. האָט מען איהם געמאַרטערט און געפּלאָגט, ער האָט ניט געשוויגען, האָט מען איהם געהייסען אויפהייננען — ער האָט גערעדט הענגענדיג אויף דער תליה. מען האָט דערזעהן, עס איז שלעכט, האָט מען איהם געהייסען אָבשניידען דעם קאָפּ. סען־דענים האָט גענומען זיין אָבגעשניטענעם קאָפּ, איז געגאַנגען מיט איהם פינף מייל פון פּאַריז, וואו מען האָט איהם מקבר געווען. א קאַטוילי־שער קאַרדינאַל, וועלכער האָט דערצעהלט דיעזע געשיכטע צו אַ מאַר־קיזע, האָט איהר געפרעגט: מיינט איהר ניט, מאַדאַם, אַז דעם היי־ליגען דענים איז געווען זעהר שווער צו געהן אַזאַ מהלך מיט'ן קאָפּ אין דער האַנד? — ניין, האָט געענטפערט די מאַרקיזע, איהם זיינען נור שווער געווען די ערשטע עטליכע טריט, נאָכדעם ווי ער האָט נור גע־מאַכט די ערשטע טריט, איז ער שוין געגאַנגען און געגאַנגען...

עס גיבען מענשען, וועלכע מיינען, מען דאַרף דעם אידען אָב־שניידען זיין קלוגען, פּראַקטישען, דענקענדען קאָפּ, דעם קאָפּ, וועלכער האָט יאָהר־הונדערטע געדענקט און געפּרעדיגט אינטערנאַציאָנאַלע אי־דעען, און דאַן, ווען ער וועט בלייבען נור מיט די לירשע און ראָמאַנ־טישע געפיהלען פון זיין הארצען, וועט ער געהן ווייט, ווייט, מיט'ן קאָפּ אונטערן האַנד... יאַ! אויב ער וועט מאַכען די ערשטע עטליכע טריט, וועט איהם זיין זעהר גרינג צו דערגעהן אָהן אַ קאָפּ וואָהין איהר ווילט איהם פיהרען... איהר ווייסט דאָך אָבער, אַז קיין נסים טרע־פען זיך ניט און מיט'ן קאָפּ אין האַנד שפּאַציערט מען ניט... לאָזט איבער דעם אידען זיין אַלטען קאָפּ אויף די פּלייצעס! ער האָט צו לאַנג געלעבט נור מיט אַ קאָפּ־לעבען. מאַכט ניט דעם אידען מיט אַ קאָפּ ניעדריגער אום ער זאָל ווערען אַ „נאַציאָן" גלייך מיט אַלע נאַציאָנען. לאָזט איבער דעם קאָפּ וועלכער האָט יאָהר־הונדערטע געפּרעדיגט די־רעקט און אינדירעקט, געגען אַלעס, וואָס איז געווען ביי די פעלקער

גען די געוואָהנהייט צו דענקען, רעכנען, אַנאַליזירען און שטרעבען צו אַ קאָסמאָפּאָליטישען אינטערנאַציאָנאַלען אַלמענשליכען לעבען.

אנמערקונג. — דאָס איז וואָרט אין וואָרט דער פּאָרטראַג, וועלכען יעקב גאָרדין האָט געהאַלטען דעם 1טען יולי, 1905, אין טהאַליא טהעאַטער אין זיין דעבאַטע מיט דר. ח. זשיטלאָווסקי.



הענרי וואָרדסוואָרטה לאָנגפעלאָו.

.1

הענרי וואדסווארטה לאָנגעפלאָו, איז איינער פון די בעריהמטעס־טע, פּאָפּולערסטע און בעליעבטעסטע פּאָעטען פון אמעריקא. עס גיבט אין דער וועלט קיין געבילדעטער מענש, וועלכער האָט אם וועניגסטענס ניט געהערט דעם נאָמען פון דיעזען פּאָעט. זיינע בעסטע פּאָעמען זיי־נען איבערזעצט אויף אַלע שפּראַכען פון דער וועלט. אין דער דייטשער און אין דער רוסישער שפּראַך זיינען זיינע פּאָעמען איבערגעטראָגען געוואָרען דורך די גרעסטע פּאָעטען פון דיעזע לענדער. אין אמעריקא איז ער פערגעטערט. ער איז דער מוסטער פון פּאָעזי אין די אמעריקאַ־נישע שולען און איז אנערקענט אַלס דער איינציגער „אקאדעמישער" דיכטער אין אַלע ליטעראַרישע קרייזען פון אמעריקאַ.

מיר וועלען שפּעטער ערקלערען וואָס האָט איהם געמאַכט צום בעליעבטעסטען אמעריקאַנישען פּאָעט. דאָ ווילען מיר נאָך בעמערקען, אַז לאָנגפעלאָו קען אין קיין פאַל ניט בעטראַכט ווערען אַלס דער ג ר ע ס ט ע ר אמעריקאַנישער פּאָעט. אין אָריגינאַליטעט און אין קראַפט האָבען איהם פיעלע אמעריקאַנער פּאָעטען איבערטראָפען. אין דער צייט, ווען די סאָציאַלע וועלט אנשויאונגען פון לאָנגעפלאָו איז בעדעקט מיט א „ראָמאַנטישען נעבעל פון א לירישען מיסטיציזם", זיינען דאָ אין אמעריקאַ פּאָעטען, וועלכע האָבען געהאַט א בעשטימטע און פריי אויסגעשפּראָכענע שטעלונג צו דער געזעלשאַפט און צו דעם „איינצעלנעם"... אין דעם פּרט שטעלען מיר זאָגאר דעם וועניג בעקאַנטען קעין אָ׳דאָננעל (Kane O'Donnel) פיעל העכער פון לאָנגפעלאָו... און, אויב אונזער ראַטה האָט א בעדייטונג, וואָל־טען מיר אונזערע טאַלענטפאָלע אידישע פּאָעטען בעסער געראַטהען

איבערצוזעצען פאר די אידישע לעזער א׳דאנעל׳ס פאעמען: „דעם גע־זאנג פון אייזען״ און „דעם געזאנג פון שקלאפען״.

אן אמת׳ער גרויסער און אין דער זעלבער צייט אָריגינעלער און עכט אמעריקאנישער פּאָעט איז געווען עדגאר עללען פּאָ. דיעזער אונגליקליכער, פערקריפּעלטער דיכטער מעג גערעכענט ווערען אלס דער פּראָמעטעאוס פון דער אמעריקאנער פּאָעזי. א געשמידעטער צו דער בארג פון פּאַראורטהיילע, מיט א אינגערע וועלט, צופּיקטע פון שווארצע ראָבען, האָט ער דאָך ביז דער לעצטער מינוט ניט געשיידעט זיך פון דעם געטליכען פייער, וואָס ער האָט גערויבט פון די הימלען... ער איז געווען א פּאָעט מיט א שאַפענדען גייסט, מיט א ליידענשאַפט־ליכען פייער און מיט א אָריגינעלער קראַפט! ער איז געווען א שרעק־ליכער געגנער און א פיינד פון לאָנגפעלאָו. ער האָט לאָנגפעלאָו׳ן בעשול־דיגט אין פּלאַגיאַט, האָט בעוויזען, אז ער גבנ׳עט ביי די אַלטע פּאָע־טען... זיין האַס צו לאָנגעפלאָו׳ן איז ניט געווען א קרענקליכעס געפיהל, וואָס אן אונגליקליכער האָט געגען דעם, וואָס האָט גליק און ערפאָלג, (ניט פיעלע פּאָעטען האָבען געהאט אזא גליקליכען, רוהיגען ערפאָלג־רייכען לעבען, ווי לאָגפעלאָו), — ניין! דיעזער ווירקליך גרויסער פּאָעט האָט ניט געקענט ניט פערשטעהן, אז דער אונגעוועהנליכער ערפאָלג פון לאָנגפעלאָו ליגט ניט אין זיין גרויסקייט, נאָר אין זיין זיסקייט...

א גרויסער, מעכטיגער און אין דערזעלבער צייט אָריגינעלער אמע־ריקאַנישער פּאָעט איז געווען וואָלטער וויטמאַן. אין זיינע פּאָעזיען זעהט איהר די בלויע הימלען, וואָס ליגען איבער אמעריקא. איהר הערט דאָס רוישען פון דעם אטלאַנטישען און דעם שטילען אָקעאַן... איהר הערט דאָס ברויזען פון דעם „ניאַגראַ פּאַל״, איהר זעהט די סטעפּען און די פּרערי פון׳ם וויטען וועסט, איהר הערט דאָס ליעד פון מי־סיסיפּי... און איבער אַלעם הערט איהר די מעכטיגע שטימע פון א מענשען, און א דיכטער מיט א בעשטימטער אינדיווידואַליטעט... לאָנגעפלאָו איז ניט אָריגינעל, ווען ער בעלייכטעט און אילוסטרירט ערשיינונגען... ער האָט ניט קיין איינציגען אייגענעם געדאַנק, קיין זעלבסשטענדיגע מיינונג, קיין אונאבהיינגיגע וועלט־אנשויאונג. ער הזר׳ט איבר וואָס אייראָפּא זאָגט, אימיטירט אַנדערע דיכטער און זינגט זיסע ליעדער אויף אַלטע מאָטיווען. דאָס וואָס ער שילדערט און מאָהלט האָט אין זיך ווייניג פון דער אמעריקאַנישער נאַטור און פון דעם

אַמעריקאַנעם לעבען... אויב איהר זעהט ביי איהם אַמאָל יאַ אַ שטיקעלע אַמעריקאַנער הימעל, איז דאָס געווים פון צווישען די אָבגעשניטענע און סימעטרישע געפלאַנצטע בוימער פון אַ גוט קולטיווירטען פּאַרק... לעבען פּאַרק איז געווים דאַ אַ קאַפּעדראַלע קירכע מיט דונקעלע מיסטישע פענסטער, דורך וועלכע איהר קענט אריינקוקען און גאָר נישט ניט זעהן... פון דער קירכע גיסען זיך טרויעריגע זיסע טענער פון דעם אָרגעל... ווייט הערט זיך אַ שפּאַנישע סערענאַדע מיט די בעגלייטונג פון אַ מאַנדאָלינע און נאָך ווייטער שפּיעלט אַן איטאַליענער אויף אַ שאַרמאַנקע אַ זיסע אַריע פון אַן אַלטע „פערפאַהרענע" איטאַליענישע אָפּערע... און לאָנגעפעלאָו אַליין זיצט אין אַ דייטשען מאַנטעל, אין אַ פראַנצויזישען הוט מיט פּאַריזער האַנדשוהן, אין הויזען פון אַ „שפּאַנישען סטודענט" און לעזט דעם איטאַליענישען טעקסט פון דאַנטע'ס „געטליכע קאָמעדי"...

.2

הענרי וואַדסוואָרטה לאָנגעפעלאָו איז געבאָרען געוואָרען אין 1807־טען יאָהר אין דער שטאָדט פּאָרטלאַנד, שטאַט מעין. זיין פאָטער איז געווען אַ פערמעגליכער מענש, אַן אַדוואָקאַט און אַ קאָנגרעסמאַן און ער האָט געוואָלט פון זיין זוהן אויך מאַכען אַן אַדוואָקאַט און אַ פּאָליטיקער. דער יונגער לאָנגעפעלאָו האָט אָבער געהאַט אַנדערע נייגונגען... עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז די רייכע נאַטור, וועלכע האָט אומגעבען דעם צוקונפטיגען פּאָעט, האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק אויף זיין עמפּפינדליכע זעעלע... די שטאָדט פּאָרטלאַנד, וואו לאָנגפעלאָו האָט פערבראַכט זיין יוגענד, ליגט אויף אַ הויכען האַלב־אינזעל... די וואַסערען, וועלכע רינגלען אַרום די שטאָט, די אַלטע וועלדער, וועלכע ליגען ניט ווייט, — די שטילע פערדרעמעלטע גאַסען פון שטאָט, וועלכע זיינען בעשטאַנען מיט אַלע בוימער און וועלכע גיעבען פּאָרטלאַנד דעם נאָמען „וואַלד־שטאָט", — דאָס אַלעס האָט געווים גערעדט צו דער פאַנטאַזי פון דעם יונגען לאָנגפעלאָו און האָט ענטוויקעלט זיינע לירישע געפיהלע.

ער האָט געהאַט גוטע פעהיגקייטען צום לערנען און אַ גרויסע נייגונג צו ליטעראַטור און פרעמדע שפּראַכען. פון זיינע בריעף צו זיין פאָטער, ווען ער איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער „קאָלעדזש באָי“, זעהט מען, אַז ליטעראַטור און פּאָעזי אינטערעסירען איהם מעהר, ווי די פּראַקטיקע פון אַן אדוואָקאַט. ער בעט דעם פאָטער לאָזען איהם שטודירען שפּראַכען... ער האָט געענדיגט „קאָלעדזש“ ווען ער איז געווען קוים 18 יאָהר אַלט... אַ יונגער מאַן פון 21 יאָהר איז ער שוין געווען אַ „דאָקטאָר פון לאָא...“ שפּעטער איז ער געקרוינט געוואָרען מיט דאָקטאָרישע דיפּלאָמען פון פיעלע אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטען און ערוועהלט אַלס עהרען־מיטגליעד פון פיעלע אַקאַדעמיען... אין 1873טען יאָהר איז ער זאָגאַר ערוועהלט געוואָרען אַלס אַ מיטגליעד פון דער רוסישער אַקאַדעמיע דער וויסענשאַפט.

ווי ער האָט נאָר געענדיגט באודאָין קאָלעדזש, ניט אַכטענדיג דערויף וואָס ער איז נאָך געווען אַזוי יונג, האָבען איהם „טראַסטיס“ פון „קאָלעדזש“ פאָרגעלעגט צו בלייבען אַלס פּראָפעסאָר פון שפּראַכען. ער איז אָבער פריהער געפאָהרען קיין אייראָפּאַ ענדיגען זיין בילדונג. פיער מאָהל האָט ער געבייזט אין אייראָפּאַ, האָט בעזוכט אַלע גרויסע צענטערען פון אינטעליגענץ און האָט שטודירט די שעהנע שריפטען פון אַלע ציוויליזירטע לענדער און איז ווירקליך געוואָרען אַ גרויסער קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור. אַ בעזונדערען איינפלוס האָבען אויף איהם געהאַט די אַלטע דייטשע און שפּאַנישע באַלאַדען און לעגענדען פון די לאַנג פערגאַנגענע מיטעל־עלטערליכע צייטען. אין 1834טען יאָהר איז ער אויסערוועהלט געוואָרען אַלס פּראָפעסאָר פון מאָדערנע שפּראַכען אין האַרוואַרד קאָלעדזש, וואו ער איז פערבליבען ביז 1854טען יאָהר. פון דער צייט ביז זיין טויט האָט ער געלעבט רוהיג אין זיין שטילער רייך אויסגעשטאַטער היים. ער איז געווען צוויי מאָל פערהייראַט. זיין ערשטע פרוי איז געשטאָרבען ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן. זיין צווייטע פרוי איז געשטאָרבען מיט אַ שרעקליכען טויט—זי איז פערברענט געוואָרען... דאָס האָט געווים נאָך טיעפער געמאַכט זיינע לירישע געפיהלען. קיין שטורמס אָבער האָט ער אין זיין לעבען ניט איבערגעלעבט, אַלעס איז געגאַנגען רעגעלמעסיג און שטיל ווי אין אַ שעהנעם אָקטאָבער טאָג... די זונן פון ליידענשאַפט האָט איהם ניט געברענט, די וועלען פון רעבעליאָן האָ־

בען זיין לעבענס־שיפעל ניט אומגעוואָרפען, קיין דראמאטישע צוזאַמענשטויסונגען האָט ער אין זיין פּערזענליכען לעבען ניט דורכגעמאכט. ער האָט געלעבט ווי אַ גוטער טוגענדהאַפטער פיליסטער דאַרף לעבען. מיט גאָט האָט ער זיך ניט געקריגט און מיט די מעכטיגע ניט געהאַט קיין מחלוקות. ער האָט פאַר קיינע פּרינציפּען ניט געקעמפּפט, און האָט, נאַטירליך, קיין פּרינציפּיעלע געגנער און פריינד ניט געהאַט. ער איז געווען אַ בילד־שעהנער מענש מיט אַ וואונדערבאַרען קאָפּ, מיט זעהר אַ גוטען שטילען כאַראַקטער און איז געווען פון אַלעמען בעליעבט און געאַכטעט און ווען ער איז אין 1882 יאָהר געשטאָרבען, אַ זקן פון 75 יאָהר, האָט ניט נאָר אַמעריקאַ, גאַנץ אייראָפּאַ האָט איהם בעגלייטעט צו זיין אייביגער רוה מיט אויפריכטיגע געפיהלען פון סימפּאַטי און אַכטונג...

3.

לאָנגעפלאָו איז געווען אַ פלייסיגער אַרבייטער ביז זיין טויט און האָט פיעלעס געלייסטעט פאַר דער ליטעראַטור פון זיין לאַנד. ער האָט איבערזעצט פיעלע פּערלען פון פּאָעזי פון אַלע שפּראַכען דער וועלט. איבערהויפּט האָט ער זיך בעריהמט געמאַכט מיט דער איבערזעצונג פון דאַנטע'ס גרויסען ווערק „די געטליכע קאָמעדי". ער האָט געשריבען פּראָזע און נאָך מעהר פּאָעזי. ער האָט אויך געשריבען פיעלע דראַמען. זעהר אַ גרויסען פּלאַן האָט ער געהאַט אין זיין דראַמען, אין וועלכע ער האָט געוואָלט פאָרשטעלען די היסטאָרישע בעדייטונג פונ'ם קריסטענטהום... די אידעע פון די דראַמען איז גרויס און אייניגע פּלעצער אין דיעזע דראַמען זיינען שעהן, אָבער אין אַלגעמיין זיינען זיי שוואַך און ניט ביהנענמעסיג, ווי זיינע אַלע דראַמאַטישע ווערק. ער האָט געשריבען אָהן אַ צאָהל קליינע געדיכטע, וועלכע זיינען זיס ווי פרישער האָניג פון אַ ביהנשטאָק און ריהרענד ווי אַ קלאָהרע טרער פון אַ געליעבטע. פון זיינע גרויסע ווערק זיינען בעקאַנט „קאָורטשיפּ אָוו מיילס סטענדיש", „פּאַנדאָראַ'ס מאַסקע", די איינציגע פּאָעמאַ אין וועלכער דער פּאָעט הויבט זיך אויף ביז אַ סקעפּטיש־פילאָזאָפי־

שען געדאַנק; „טײלס אָף ע ווײסײד אינן" — אַלטע אײראָפּעאישע ערצעהלונגען איבערגעזונגען אויף אַ נײעם מאָטיװ, „יעוואַנגעלינאַ" — אַ פּאָעמע, װעלכע איז זעהר פּאָפּולער און וועלכע איז אביסעל עהנליך צו געטהע'ס „הערמאַן און דאָראָטהעא"; (צו געטהע'ס „ערקלערונג" איז עהנליך לאָנגפעלאָ'ס „רעק אָוו די העספּערוס"). זײן פּאָעמאַ „היאַוואַטהאַ" איז בעריהמט אין דער גאַנצער װעלט און איבערזעצט אין אַלע שפּראַכען. װעגען דער פּאָעמאַ האָט מען זעהר פיעל געשריבען. ערשטענס, האָט מען לאָנגפעלאָ'ן בעשולדיגט, אַז ער האָט אימיטירט און אויך פיעלעס גענומען פון דער פינישער מיטאָלאָגישער פּאָעמאַ „קאַלעוואַלאַ"... צװײטענס, מען האָט איבערצײגט, אַז ער האָט צוזאַמענגעמישט אין „היאַוואַטהאַ" לעגענדען פון פערשיעדענע אינדיאַנישע שבטים, װעלכע זײנען פײנדליך אײנע צו די אַנדערע און װעלכע האָבען געגענגעזעצטע מיטהאָלאָגישע אַנשויאונגען... ניט אַכטענדיג דערויף איז „היאַוואַטהאַ" אַ מערקווירדיג װערק. עס איז אײנע פון די בעסטע פּאָעמען פון לאָנגפעלאָ. עס האָט אַ גרויסען אינטערעס, װײל עס בעהאַנדעלט אַן אָריגינעלען עכט אַמעריקאַנישען מאַטעריאַל און עס האָט ניט פערלאָרען דורך די װאָס עס טראָגט דיזעלבע פאָרמע װי די סקאַנדינאַװישע „עדדאַ". פערקעהרט, עס גיט צו דער פּאָעמאַ דעם מאַיעסטעטישען כאַראַקטער פון אַ „נאַטירליכער" געטער געשיכטע... זײנע „פּאָעמס אָוו סלײװערי" (פּאָעמען פון שקלאַפערײ) זײנען זעהר שעהן און מוזיקאַליש, האָבען אָבער אַ קלײנעם סאָציאַלען װערט... זײ ענטהאַלטען אין זיך ניט קײן שטאַרקען פּראָטעסט, קײן פלוך אויף די װאָס פערשקלאַפּען זײערע מיטמענשען.. נײן! עס זײנען זיסע, קלינגענדע, לירישע ליעדער פון שקלאַפערײ...

זײנע בעסטע און מעהר אָריגינעלע קלײנע פּאָעמען, אין װעלכע עס שפּיעגעלט זיך נאָך אָב די אַמעריקאַנישע נאַטור, זײנען זײנע ערשטע יוגענד פּאָעזיען, װעלכע זײנען געדרוקט אונטער דעם נאָמען „װאָיסעס אָוו דהי נײט" (שטימען פון דער נאַכט). אין אײנע פון דיעזע פּאָעמע, װעלכע איז אין אַמעריקאַ בעקאַנט צו יעדען קינד און רופט זיך „ע פּסאַלם אָף לײף" דערגעהט דער פּאָעט ביז אַ געװיסען פּאַטהאָס, ער עררײכט אַ געװיסע מדרגה פון התלהבות און רופט אויס מיט מוטה:

*) In the World's broad field of battle,
In the bivouac of Life,
Be not like dumb, driven cattle!
Be a hero in the strife!

*) אין דער וועלטס גרויסע פעלד פון מלחמה,
אין דעם קריעגסלאַגער פונ'ם לעבען,
זיי ניט ווי שטומע געטריבענע בהמות!
זיי אַ העלד אין דיין שטרייט!

.4

פאַר וואָס איז לאָנגפעלאָו דער בעליעבטעסטער פּאָעט פון די אַמעריקאַנער? דער אַמעריקאַנער איז צובראָכען אויף צוויי בעזונדערע טהיילען: זיין פּראַקטישעס לעבען און זיין זעעלען-לעבען. אין זיין פּראַקטישען לעבען איז דער אַמעריקאַנער דראַמאַטיש, דאָס הייסט, טהעטיג, ער איז ליידענשאַפטליך, ענטהוזיאסטיש, ענערגיש, פול מיט מוטה און אונטערנעהמונגס גייסט, ער איז אונגעדולדיג, מאַטעריאַליסטיש, רעכענט נאָך אויף דער ווירקליכקייט, איז זעהר פלינק און פול מיט קוראַזש. דערזעלבער אַמעריקאַנער אין זיין זעעלען לעבען איז ליריש, סענטימענטאַל, לאַנגזאַם, געדולדיג, דער פייער פון זיינע אויגען איז אויסגעשלאָשען; ער רעדט שטיל, לאַכט אָהן הנאה, קוקט אָהן אַ ברעקעל ליידענשאַפט און ליעבט נאָר דאָס, וואָס איז גענען דער ווירקליכקייט, וואָס איז מיסטיש, אָדער אַם ווענינסטען ראָמאַנטיש. אַלס אַ רעאַקציאָן געגען דעם מאַרק-גערויש און דעם „הור-האַ" פון זיין פּראַקטישען לעבען, פאָדערט ער דעם שטילען רוהיגען טרויער פון ליריישע געפיהלען, דעם נעבעל פון ראָמאַנטיזמוס, וועלכער ציינט די וועלט ניט אַזוי ווי זי איז אין דער וואָכעדיגער ווירקליכקייט. לאָנגפעלאָו האָט געגעבען דעם אַמעריקאַנער גראַדע דאָס, וואָס ער האָט פון דער פּאָעזי געפאָדערט...

לאָנגפעלאָו זאָל ניט פערברייננגען אזוי פיעל יאָהרען אין אייראָ־פּא, וואָלט פון איהם געווים זיך ניט ענטוויקעלט אזא גרויסער גע־לערנטער און קענער פון ליטעראַטור, פון איהם וואָלט זיך אָבער פיע־לייכט אויסגעאַרבייט א מעכטיגער און זעלבסטשטענדיגער פּאָעט, וועל־כער וואָלט געזונגען דעם אַמעריקאַנער ניט וועגען דעם וואָס ער פער־לאַנגט, נאָר וועגען דעם, וואָס ער דאַרף פערלאַנגען. לאָנגפעלאָו איז גע־קומען קיין אייראָפּא פּונקט אין דער צייט, ווען דער קאַטוילישער מיסטיציזמוס און דער קריסטליכער ראָמאַנטיזמוס האָבען ארויסגעיאָגט פון דער ליטעראַרישער וועלט יעדע פּראָגרעסיווע אידעע. באיראָן און שעללי מיט זייערע מאַטעריאַליסטישע שטרעבונגען, מיט זייער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזי, מיט זייער אָבלאַכען פון די אַלטע ראָמאַנטי־שע געטער און אנערקענטע אויטאָריטעטען, — אזעלכע פּאָעטען זיינען דאַמאָלס ארויס פון דער מאָדע, אנשטאַט דער פּאָעזי וואָס האָט גע־פיהרט דעם פרייהייטס קאַמפּף אז געקומען די פריעדליכע צוועקלאָזע, פערטרוימטע ראָמאַנטיק, דאָס בייִנקעניש נאָך דעם פערגאַנגענעם, דאָס שטרעבען אינ'ם נעבעל פון אונוויסענהייט... לאָנגעפלאָו איז אריינגעכאַפּט געוואָרען אין דעם שטראָם...

אָבוואָהל לאָנגפעלאָו איז געווען א פרומער פּראָטעסטאַנט, אָבער איבער אַלע זיינע דיכטונגען שוועבט א קאַטוילישער גייסט... ער קוקט אויף דער וועלט דורך די פערשמירטע פענסטער פון אן אַלטע נאָך אין זעכצעהנטען יאָהר־הונדערט געבויטע קירכע. ער הערט ניט קיין אַנדערע מוזיק אויסער פון אָרגעל. ער זעהט מענשען נאָר אין פּאַנ־צירען און העלמען פון ריטער. לעבעדיגע מענשען, וועלכע ארבייטען, ליידען, קעמפּפען און שטרעבען — אזעלכע מענשען זעהט ער ניט. ער איז מאָראַליש, סענטימענטאַל, ראָמאַנטיש, אָבער ניט אָריגינעל און זעהר שוואַך. ער שילדערט קריסטליכע ענטזאַגונגען, ריטערליכען העראָאיזמוס, פרומע געדולדיגקייט און שטילע ליידען, אָהן פּראָטעסט זיינע טהעמען זיינען: אונמענשליכע איבערגעבענהייט, ענגעלשע ליע־בע און פּאַטהעטישע געפיהלען. ער האָט פיעל געזונגען פון דעם הע־ראָאיזמוס פון אונגעוועהנליכע מענשען; די העלדענטהאַטען פון דעם אַלטעגליכע מענשען זיינען איהם געבליבען אונבעקאַנט. ווען מען לעזט זיינע שעהנע, נאָבעלע, ווי זיסע מוזיק קליינגענדע געדיכטע מוז מען מאַנ־כעס מאָל מיט פערדרוס און צאָרן אויסשרייען: ווי גרוים דער פּאָעט

וואָלט געקענט זיין, ווען ער וואָלט פון זיין סוביעקטיווער איגער־ליכער וועלט ארוים אין דער גרויסער וואונדערבארער אויסערער וועלט!... ער איז אָבער געווען און איז זיין לעבען־לאַנג פערבליבען א ראָמאַנטישער טרוימער און אויף דער אויסערער וועלט האָט ער געקוקט דורך ראָמאַנטישע ברילען...

מיט א ראָמאַנטיש קריסטליכען בליק האָט דער פּאָעט אמאָל אויף א קוק געטאָן אויף דעם אַלטען אידישען בית עולם אין ניו פּאָרט. מיט ראָמאַנטישער ליעבע און קריסטליכען מיטלייד בעזינגט דער פּאָעט דעם בית עולם, אויף וועלכען ער זעהט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק... דאָס פאָלק פון דער אָבגעשטאָרבענער פערגאַנגענהייט... ער פערגלייכט די אידען מיט ישמעאלן און הגר'ן, וועלכע האָבען לאַנג געוואַנדעלט אין דער וויסטע און שרייט אויס מיט א ביטערן לירישען געפיהל

But ah! What once has been, shall be no more!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

And the dead nations never rise again.

א אידיש־דייטשע אמעריקאנערין מיט'ן נאָמען מיננע קלעער־בערג האָט אויף דער פּאָעמע געענטפערט לאָנגפעלאָו'ן מיט א גע־פיהלפאָלען שעהנעם שיר: זי זאָגט, דער איד האָט געוואַנדערט אין דער וויסטע לאַנג, אָבער ער לעבט און וועט לעבען.

„איך קען מיין קינד, מיין פאָלק ניט שטערבען זעהן"!
ניכט הגר ריעף עס, — זאָ האָט איין גאָט געשפּראָכען!
און פון דעם טאָדטען ליעס ער אויפשטעהען,
דעם שטאַם, דער נאָר געבייגט וואר, ניע געבראָכען!

און זי ענדיגט מיט פּאַטהאָס: עס קען זיין פיעלע פעלקער זיינען פערשוואונדען, די אידען אָבער

„וויר זינד ניכט טאָדט! ביים גראָסען גאָט, וויר לעבען!"...

לאָנגעפלאָו וועט אייביג פערבלייבען א בעליעבטער פּאָעט פאַר די, וואָס ווילען נאָר פיהלען און ניט דענקען. ער וועט בלייבען א איגטע־

רעסאַנטער פּאָעט פאַר אַלע, וועלכע ווילען לערנען די נאָבלע שעהנע פאָרמען פון פּאָעזי. ער וועט בלייבען א געאַכטעטער און בעליעבטער פּאָעט פאַר יונגע לייט, וועלכע האָבען נאָך ניט קיינע בעשטימטע שטרעבונגען און פאַר אַלטע לייט, וועלכע זוכען אין פּאָעזי טרויעריגע, זיסע רוהע... פאַר ריינע אונשולדיגע קינדער וועט ער בלייבען דער טייערסטער פריינד און זיסטער זינגער פיר אימער און אייביג...

וואו ליעגט די שולד?

א לעקטשור וועלכע איז געהאלטען געוואָרען ביי די גאָרדין ליטעראַרי סוירקעל.

איך שטעל מיר פאָר ווען אין רוסלאנד וואָלט געווען א שטאָט מיט אזוי פיעל צייטונגען וואָס וואָלטען אגיטירט פאר סאָציאַליסטישע קאנדידאטען, ווי דער פאַל איז אין ניו יאָרק, וואָלט ניט נור איין הילקוויט ערוועהלט געוואָרען נור אויך פיעלע אנ־דערע סאָציאַליסטען מיט איהם. דאָך דאָ אין אמעריקא וואו מען אר־בייט אזוי לאַנג אויף דעם סאָציאַליסטישען פעלד, מיט צייטונגען און פראָפּאַגאַנדע, געלינגט די גאַנצע צייט ניט צו ערוועהלען אפילו איין סאָציאַליסטישען קאנדידאַט, איין סאָציאַליסטישען בעאַמטען. גלאַט אזוי זיך איז עס דאָך געוויס ניט. ערגעץ מוז דאָך זיין פויל אין דעם לאַנדע דענעמאַרק.

אין טהעאַטער געהט אויך אָן א בעוועגונג, און די רעזולטאַטען זיינען די זעלבע. מען האָט געשריבען גוטע פּיעסען, געשפּיעלט גוטע פּיעסען און גוטע פּיעסען זיינען געווען ערפאָלגרייך. די צייטונגען ווי־לען יעצט אויך נאָר גוטע פּיעסען. דוקא גוטע פּיעסען. און איבער־הויפּט ווען א פּיעסע קומט פון רוסלאַנד איז זי אודאי גוט. דאָך דאָס אידישע טהעאַטער שפּרינגט יעצט צוריק, געהט ריקווערטס.

פאַרוואָס שפּרינגט דאָס אידישע טהעאַטער צוריק? די הויפּט אורזאַכע איז דאָס וואָס דאָס אידישע טהעאַטער האָט ניט קיין סיס־טעמע; ווערט ניט געפיהרט פון א לייטענדע האַנד. אונזערע טהעאַטער מענעדזשערס האָבען ניט קיין איבערצייגונג, קיין קינסטלערישען גע־שמאַק, אויסער געלד. ברייננגט שעקספּיר'ס א פּיעסע אריין געלד איז גוט ברייננגט לאַטיינער'ס א פּיעסע אריין געלד איז אויך גוט. מען שפּיעלט דעם „גנב" און מאַלקאַר'ס טייפעל. מען שפּיעלט די „גרינע מויד" און „ראָמעא און יוליע".

און אזוי ווי מיט דעם טהעאטער אזוי איז אויך מיט אונזער „בעוועגונג". עס האלט אין איין שפרינגען. איין טאג דאכט זיך, אז די סאציאלע רעוואלוציאן קומט באלד אן, און אין א פאר מאנאט ארום איז שוין אלעס גאר אנדערש, און אלע חלומות זיינען שוין צובראכען. די 15 יאהר וואס איך בין אין אמעריקא זעה איך אז די בעוועגונג געהט ניט צו א בעשטימטען ריכטיגען ציעל. גלייך ווי אין טהעאטער אזוי איז אויך אין דער בעוועגונג. מען טאפט אין דער פינסטער, איז ניט דער וועג, איז יענער וועג. מען „טאפטשעט" פראסט ווי אין לאטיינער'ס פיעסען.

איך גלויב אז די סאציאליסטישע צייטונגען מיינען אויפריכטיג, ווען זיי זאגען, זייט סאציאליסטען. אבער זאגען אליין איז גאר ניט. מען דארף טהאן. מען דארף אומענדערען די אומשטענדען, געבען נייע ליטעראטור, נייע גייסטיגע שפייז דעם פאלק, בעשאפען פאר איהם נייע האריזאנטען. דאס אלעס וועט ווירקען אויף דעם מענשענ'ס הארץ און מוח. ער וועט שוין דאן אליין ווערען א סאציאליסט.

די שוואכקייט פון דער אידישער סאציאליסטישער בעוועגונג איז דאס, וואס מיר האבען מענשען מיט פרינציפען. פרינציפען זיינען אבער ניט גענוג. פרינציפען זיינען מעהר ניט ווי מאסקעס, מעהר ניט ווי קאסטיומען. זיי זאגען גאר ניט פון זיין פסיכיקע, פון זיין אינערליכ־קייט, פון זיין נשמה. דאס זיינען דאגמען אבער זיי האבען גאר קיין שייכות ניט מיט דער זעעלע.

יעדער אמעריקאנער האט פרינציפען אבער ער האט ניט קיין אי־בערצייגונגען. יעדער פאליטישען, און יעדער קליינליכער ביזנעסמאן אפילו האט אויך פרינציפען, און דאס איז טאקע די צרה.

ווען א מענש האט געוויסע איבערצייגונגען און אויף דעם גרונד פון דיעזע איבערצייגונגען, ווערען אויפגעבויט פרינציפען איז דאס פון דער גרעסטער ווערטה. אויב אבער דער פאל איז ניט אזוי, דאן האט עס גאר קיין ווערטה ניט. שוואך איז דערפאר אלעס ביי אונז, ווייל עס פעהלט איבערצייגונג.

מען רעדט נור פון פרינציפען. פון פרינציפען קען מען אבער זיך לייכט אבזאגען. עס ווענדעט זיך נור ווי עס פאסט איינעם. מיט אי־בערצייגונג איז עס אבער אנדערש, זיינען אבער קיין איבערצייגונגען ניטא.

די זעלבע זאַך איז מיט דער דראַמאַ. ניט דאָס האָט אַ ווערטה, וואָס עס זיינען דאָ אינטעליגענטע מענשען, וועלבע האָבען פּרינציפּען, אַז מען זאָל שפּיעלען גוטע פּיעסען. דיזע פּרינציפּען־מענשען געהען אליין אין מיינערס און אין אַנדערע אַזוי ביליגע טהעאַטערע. וואָס מיר דאַרפען האָבען איז געבילדעטע מענשען, מיט איבערצייגונגען, מענשען וועלכע וואָלטען קיין פּוסטע זאַכען ניט געדולדעט.

און ווען עס וואָלטען געווען מענשען מיט איבערצייגונגען, וואָל־טען גוטע פּיעסען געשפּיעלט געוואָרען, וואָלטען הילקוויט און אַנדערע ערוועהלט געוואָרען.

די היגע אַגיטאַציאָן פאַר גוטע ליטעראַטור און פאַר דעם סאָציאַ־ליזם דערמאָהנט מיר אָן אַ געשיכטע ווען איך בין נאָך געווען אַ חדר־אינגעל:

אונזער מלמד איז מיאוס געוואָרען דער חדר און דער קנעלען מיט אונז, פלעגט ער זיך בעסער אַוועקגעהן אין בית־המדרש, דערצעהלען דאָרט מעשות און מיט אונז פלעגט ער אפילו ניט אָנהויבען לערנען.

מיר וויעדער אין חדר, פלעגען אין דער צייט איבערקעהרען וועל־טען און ניט אַ קוק טאָן אפילו אין דער גמרא. ער האָט אונז גענאַרט און מיר האָבען איהם גענאַרט. די איינציגע צייט ווען אונזער רבי פלעגט ווערען ערנסט פלעגט זיין ווען עמיצענס פאָטער פלעגט דאַר־פען קומען פערהערען זיין קינד, דאַן פלעגט ער אָנהויבען אַרבייטען, פּעטש פלעגען פליהען, אָבער די גמרא פלעגען מיר סיי ווי סיי ניט קענען. וואָס קען מען טאָן אין מינוט?

מיט די היגע סאָציאַליסטישע לעהרער איז אויך ווי מיט יענעם מלמד. זיי זיינען פויל געוואָרען צו לערנען מיט די תלמידים. אַ גאַנצען יאָהר גיבען זיי זיך אָב מיט וואָס איהר ווילט נור, נור ניט מיט סאָציאַ־ליסטישע אַרבייט. נור פאַר עלעקשאָן ווערען זיי בעגייסטערט, מען האַקט די גמרא פון סאָציאַליזמוס, נור עלעקטען עלעקטעד מען קיינעם ניט. די תלמידים פיהלען אַז דער רבי איז ניט אויפריכטיג. נור דאַן קען דער רבי האָבען אַ ווירקונג, קען ער רעספּעקטירט ווערען ווען ער מיינט ערנסט, ווען ער אָפּפערט זיך פאַר זיין גלויבען. דער רבי דאַרף אליין אויך ניט אויפהערען צו לערנען אַלץ מעהר און מעהר דעם גע־גענשטאַנד וואָס ער וויל לערנען אַנדערע. אַז ניט מאַכען זיינע רייד

ניט קיין ווירקונג און דער אָדער די וואָס דאַרפען ערוועהלט ווערען, ווערען ניט ערוועהלט.

ווען דער אידישער טהעאַטער וואָלט געפיהרט געוואָרען פון א לייטענדע האַנד ווען נור ליטעראַרישע פיעסען וואָלטען געשפּיעלט גע־וואָרען, וואָלט דער טהעאַטער געהאַט א גרויסע ערציהונגס ווערטה.

ליטעראַטור אין אַלגעמיין האָט די גרעסטע ערציהונגס־קראַפט. מען קען לערנען יאָהרען לאַנג מאַטהעמאַטיקס, און דאָס וועט ניט אָנ־הויבען ווירקען אויף דעם כאַראַקטער פון דעם מענשען, אויף זיין זעעלע. ליטעראַטור אָבער מאַכט א געוואַלדיגע ווירקונג. מען קען דאָס זעהן, אפילו ביי קינדער, קליינע קינדער, וועלכע לייענען „דעטעקטיוו סטאָ־ריז" האָבען נור איין הויפּט וואונש — צו ווערען דעטעקטיווס.

א מענש וועלכער לעזט וויסענשאַפט, איז ניט קיין געבילדעטער מענש. נור פון ליטעראַטור קען מען ווערען געבילדעט. איהר קענט אַלעס לעזען וואָס די וויסענשאַפט שרייבט, אויסגעפינען אין דער לי־טעראַטור, איהר קענט נור קיין ספּעציאַליסט אין דעם פאַך ניט ווע־רען.

עס זיינען דאָ ראָמאַנען וועגען די הימלען, וועגען וואָס עס טוט זיך אונטערן ים און קורץ עס זיינען אפילו דאָ ראָמאַנען וואָס ערקלעה־רען מוזיק. ד'אַנונציאַ ערקלעהרט און גיט צו פערשטעהן וואַגנער'ס בעריהמטע אָפּערא טריסטיאַן און אסאָלדע, בעסער ווי וועלכער עס איז קריטיקער האָט דאָס געטאָן. ליטעראַטור לעזען — איז די בעסטע וועג ווי אָבצושעצען קונסט.

נור לעזען מאַכט נאָך ניט אַזא גרויסע ווירקונג ווי זעהן אויף דער ביהנע. ווען איינעמס פאַנטאַזי איז ניט קיין געפּלינגעלטע, קען ער די בילדער ביים לעזען ניט זעהן אַזוי גוט ווי אין טהעאַטער, אויף דער ביהנע. דער טהעאַטער קען מאַכען פערשיעדענע מענשען פון פערשיע־דענע קלאַסען צו א סאָציאַלע איינינקייט. ווען פערשיעדענע מענשען וואָלטען א צייט לאַנג געגאַנגען אין טהעאַטער, און מען וואָלט פאַר זיי אויפגעפיהרט פּיעסען מיט א בעשטימטע ריכטונג דאַן וואָלטען דיעזע מענשען געקראָגען די זעלבע אנשויאונגען. מיר האָבען אָבער דאָס ניט, ווייל מיר האָבען דערווייל נאָך ניט די לייטענדע פיהרער און די געלד־מיטלען.

אין אידישען טהעאַטער ווייס מען קיין מאָל ניט פון שאַנדע.

מען ווייס נור פון א גוטע איינגענעהמע. אבער אום געלד צו מאכען דארף מען דאך האבען פון וואס צו עקספלואטירען. און מען כאפט וואס עס איז. פאלט דורך לאטיינער'ס א פיעסע, נו קלעהרען אונזערע געבילדעטע מענעדזשערס, לאמיר פרובירען שפיעלען „ראמעא און יוליע" אדער „דער קויפמאן פון ווענעדיג".

מען שפיעלט ניט וואס עס איז גוט, נור על פי צופאל. אבער ווען עס וואלט געווען א לייטענדער גייסט אין אונזער פרעסע, וואלט הילק־ וויט עלעקטעד געווארען, און ווען הילקוויט וואלט עלעקטעד געווארען, וואלט לאטיינער ניט געהאט קיין פלאץ אויף דער אידישער ביהנע.

וואס דארפען מיר האבען אז סיי אין טהעאטער און סיי אין דער בעוועגונג זאל אלעס אומגעענדערט ווערען צום בעסערען? מיר דארפען האבען א מאן מיט א שטארקע געניטע האנד, א מאן מיט איבערציי־ גונגען.

מען דארף געהן אויף איין וועג, צו איין בעשטימטען ציעל. מען דארף ניט ארייננארען די לעזער אדער די טהעאטער־געהער דורך פער־ שיעדענע אונעהרליכע מיטלען. דאס פערטומעלט און פערמישט נור די מחות. אין די צייטונגען וואנקט די ליטעראטור־קריטיק ווי עס וואנקט דער סאציאליזמוס: שעקספיר אדער איבסען איז טאקע גוט אבער לאטיינער'ס ליעדלעך דארף מען אויך געהן הערען.

מען דארף האבען מענשען מיט איבערצייגונגען. לאמיר האפען אז זיי וועלען קומען.

אלט- און ניי-גריכענלאנד.*

1.

וואס א מענש פון דער ציוויליזירטער אייראפא אינטעריסירט זיך ניט מיט דער געשיכטע פון אלט גריכענלאנד, איז עס גלייך ווי א מענש וויל ניט זיין בעקאנט מיט זיין אייגענער מוטער. די אייראפעאישע ציוויליזאציאן מיט איהרע פערשיעדענע אבטהיילונגען פון וויסענשאפט, מיט איהר פילאזאפי און פאעזי, קונסט און קענטעניס, זיינען געבוירען הויפטזעכליך אויף'ן אלט-גריכישען באדען, האבען זיך ענטוויקעלט פון די פארמע, וועלכע זיי האבען עמפפאנגען אין גריכענלאנד, וואו זיי זיינען געבוירען געווארען. די איצטיגע בעריהמטע אייראפייעשע ציוויליזירטע פעלקער זיינען נאך אויף דער וועלט ניט געוועזן, אדער האב נאך געפיהרט נאך א לעבען פון ווילדע אונוויסענדע ברואים, וועהרענד די גריכען האבען שוין געהאט פאליטישע איינריכטונגען, גרויסע געזעצגעבער, סאציאלע אינסטיטוטען, דענקער, פאעטען, פילאזאפען און קינסטלער.

דאס אלטע גריכענלאנד איז לאנג געפאלען אונטער דעם דרוק פון פערשיעדענע היסטארישע אומשטענדען. דארט, וואו עס איז א מאל געשטאנען דער וואונדערבארער טעמפעל פון דעלפי, שטעהט איצט א שווייגען שטאל פון א בויער. דארט וואו די גרויסע גריכישע פילאזאפען האבען אמאל בעקאנט געמאכט זייערע פלייסיגע תלמידים מיט פערשיעדענע וועלט-אנשויאונגען, שטעהט איצט א דייטשע ביער-האלע. אבער דעם איינפלוס וואס אלט-גריכענלאנד האט געמאכט אויף דער ציוויליזירטער וועלט, די גייסטיגע רייכטימער, וועלכע די אייראפייעשע פעלקער האבען פון איהר געקראגען בירושה — דאס וועט קיין מאל ניט אבשטארבען, קיין מאל ניט פערלארען געהן.

די נאַטור אַליין האָט פּערזאָרגט די גליקליכע גריכען, אַז זיי זאָלען קענען אַם בעסטען פּיזיש און מאָראַליש זיך ענטוויקלען. אַ האַלב אינזעל, וואָס פּערנעהמט דעם דרום מזרח זייט פון אייראָפּאַ, אַרומגע־רינגעלט פון ימים און שעהנע צויבערישע אינזלען, בלויע הימלען; אַ ווארימען קלימאַט, ווייט די באַלקאַנישע בערג, וועלכע רעדען אַזוי פיעל צו דער פאַנטאַזי, אַ פעסט לאַנד פאַר אַקערבוי, רייכע וויינגערט־נער, איילבערטען און אַנדערע פּרוכטען.

און ווי שעהן, קרעפטיג און רייך עס איז געווען די נאַטור אַרום זיי, אַזוי שעהן און וואונדערבאַר איז געווען זייער לעבען. ווי קלאָר עס זיינען געווען די בלויע הימלען איבער זיי, אַזוי פריעדליך און לעבענס־פאָל זיינען געווען זייערע שטרעבונגען. ווי רוישענד און בעוועגונגס־פאָל עס זיינען געווען די וועלען פון די ימים אַרום זיי, אַזוי מעכטיג און פערשיעדען זיינען געווען זייערע געדאַנקען. ווי פאַנטאַסטיש עס האָבען אויסגעוויזען אין דעם נעבעל די הויכע בערג פון דער ווייטענס, אַזוי פאַנטאַסטיש און וואונדערבאַר זיינען געווען זייערע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. זיי זיינען געווען פול מיט לעבען, האָבען געטראַכט נור פון'ם לעבען און האָבען נאָר געדענקט, ווי אַזוי דאָס לעבען צו מאַכען בעסער און שעהנער.

זייערע געטער זיינען ניט געווען קיין בייזע, פינסטערע דעספּאָ־טען, וועלכע זאָגען אַז מען דאַרף גאָר ניט לעבען, אַז דער מענש איז אַ גאָר נישט, אַ טפה סרוחה, אַ חרס הנשבר, — זייערע געטער זיינען אַליין געווען לעבעדיגע, מעכטיגע מענשען, זיי האָבען געפּיהרט אַ לע־בען נאָך דעם אידעאַל, וועלכען דעם גריכ'ס קולטור, גייסט און כאַראַק־טער האָבען בעשאַפען. זייערע געטער זיינען געווען געזונטע מענשען און זייער אידעאַל פון אַ מענשען איז געווען אַ לעבעדיגער גאָט. די גע־טער האָבען געהאַט ווייבער, האָבען ליעב געהאַט פערגעניגען און פרייד, האָבען געאַכטעט וויסענשאַפט און קונסט, האָבען געעהרט פיזישע קראַפט, האָבען געשטעלט הויך די בעדייטונג פון מוזיק און געזאַנג. זייערע געטער זיינען אַליין געווען אַטלעטען, זינגער, מוזיקער, פּאָעטען. דער גאָט אָרפעיוס איז אומגעגאַנגען איבער דער וועלט און האָט די שלעכטע מענשען בעסער געמאַכט מיט זיין מוזיק, האָט זיי געבילדעט און געלערנט ווי מען דאַרף לעבען אויף דער וועלט.

דער גאָט פון געזאַנג, מוזיק און פּאָעזי איז געווען דער שעהנער,

מעכטיגער אפאלאָן. יעדער אָבטהיילונג פון קונסט האָט געהאט אַ בעזונדערע געטין־בעשיצערין. קליאָ איז געוועזן די מוזע פון היסטאָרי, מעלפּאָמענא —די מוזע פון טראגעדי, טערפּסיחאָראָ — פון טענץ, טהאליאַ — די מוזע פון פריילינבע קאָמעדי און זאָ ווייטער. אַלע געטער מיט'ן הויפּט גאָט יופּיטער פלעגען זיך אָפּט פערזאמלען אויפ'ן בארג אָלימפּוס וואו די אַלע מוזען פלעגען זיך אמוזירען מיט אַלע קונס־טען.

גראדע ווי זייערע געטער, אזוי האָבען אויך די גריכען אַליין גע־ליעבט און געאַכטעט אַלע מוזען. זייערע יום טובים זיינען געפּיהרט געוועזן נאָך דעם כאראקטער פון דעם גאָט, וועמען דער יום טוב איז געוועזן געווידמעט. איז דאָס געוועזן דער גאָט פון פריהלינג, האָט מען דעם יום טוב געפייערט מיט בלומען און שעהנע פרוכטען; איז דאָכ געוועזן דער גאָט פון וויין, האָט מען זיך לוסטיג געמאכט, פערקליידעט, זיך, געמאכט שפּאַס; איז דאָס געוועזן, דער גאָט פון קראפט, האָט מען געוויזען בריהשקייט אין פיזישע גבורה, אין כח, אין פלינקייט, איז דאָס געוועזן דער גאָט פון פּאָעזי, האָבען פּאָעטען אויף גרויסע אָפענע פּלעצער פאר'ן פּאָלק געפיהרט אַ קאַמפּף אין פּאָעזי, רעדנערס אין אָראַטאָר קונסט, מוזיקער אין זייער פאך... דאָס פּאָלק איז געוועזן דער העכסטער טריבונאל און קריטיקער, די זיעגער האָט מען געקרוינט מיט קראנצען פון לאָרבער־בלעטער.

איינינע פון זייערע לעגענדען זיינען זעהר עהנליך צו מאנכע פון דער אידישער מעשה בראשית. אזוי ווי ביי די אידען האָבען די בני אלהים געזינדיגט מיט אדם'ס טעכטער און זיינען געוואָרען נפילים, זיינען אויך ביי די גריכען געוועזן האַלבע געטער... זיי האָבען אויך אַ לעגענדע פון אַ מבול, וואָס האָט פערפלייצט די גאַנצע וועלט. דער מענש איז ביי זיי בעשאַפען געוואָרען ווי ביי די אידען די מוטער חוה, פון דער מוטער'ס ביינער... די זונן איז דער פּאָטער פון דער וועלט און די ערד איז די מוטער. די שטיינער זיינען גערעכענט געוועזן אַלס די ביינער פון דער ערד — דער מוטער פון דער וועלט און פון דיעזע „ביינער” איז בעשאַפען געוואָרען דער מענש.

אזוי ווי אַלע פעלקער האָבען זיי געדענקט פון די פראגען פון לעבען און טויט. זיי האָבען אויך ניט געוואָלט גלויבען, אז מיט דעם מענשען'ס טויט ענדיגט זיך פאר איהם אַלעס. אונטער דער ערד

האט זייער פאנטאזי בעשאפען א וועלט פון פריינר, א ליכטיגען גן עדן, עליזיום, פאר גוטע, און א גיהנום, א פינסטערען טארטאר פאר שלעכ־טע. אהער פלעגט אן אלטער, שלעכטער גייסט, חאראן אריבערפיה־רען די נשמות אין א קליין שיפעל. דער טייך, וועלכען די נשמות פלעגען דארפען אריבער שווימען, האט זיך גערופען לעטא. ווי נאר די נשמה איז אריבערגעשוואומען דעם טייך, אזוי האט זי פערגעסען אלעס, וואס איז פריהער געווען.

אין זייער געמיינשאפטליכען לעבען האבען די גריכען זיך אם מייסטען געהאלטען ביי דעמאקראטישע פרינציפען. די שטעט און פראווינצען וואס האבען געהאט מלכים, האבען דאך ניט געוואלט זיין אונטערדריקט אונטער א דעספאטישע מאכט, און אויב קעניגע אדער אריסטאקראטען האבען געוואלט דאס פאלק אונטערדריקען, פלעגט באלד אויסברעכען א רעוואלוציאן. זייערע גרויסע אראטארס און זייע־רע פאעטען האבען גערעדט און געזונגען צום פאלק פון פרייהייט און פאטריאטיזמוס. זייערע גרויסע געזעצגעבער ליקורג און סאלאן האבען געטאן אלעס. אום צו געבען דעם פאלק די מעגליכקייט צו לעבען וואס בעסער עקאנאמיש, ענטוויקלען דעם גייסט און קערפער און זיין גע־בילדעט. (ליקורג, צום ביישפיעל, האט צוגענומען דאס לאנד ביי אלע פריוואט אייגענטהימער און האט עס צוטהיילט צווישען פאלק).

אין ספארטא און אין אטהען זיינען געווען געגרינדעט שולען פאר אלע קינדער. אין ספארטא האט מען מעהר אויפמערקזאמקייט גע־שענקט דער פיזישער ענטוויקלונג, אין אטהען האט מען מעהר געזארגט פאר בילדונג. די גרויסע געזעץ־געבער האבען געזארגט, אז די ביל־דונג זאל זיין צוטריטליך פאר יעדען. מוזיק, פאעזי, גימנאסטיק, די לעהרע פון שעהן רעדען — אלעס האט דאס פאלק געהאט אומזיסט. די גרויסע פילאזאפען, די טאלאנטפאלע רעדנערס, די פעהיגסטע פאע־טען האבען געלערענט יעדען. די טהעאטערע זיינען געווען אפען פאר׳ן פאלק. ווען מען האט אנגעהויבען צו נעהמען פאר א זיטץ אין טהעא־טער געלד, האט מען איינגעפיהרט אין אטהען א געזעץ, אז יעדער איינציגער, וואס וויל געהן אין טהעאטער, קריגט פון דער רעגיערונג געלד דארויף (Theorikon). אויסער דעם האבען די גריכען גע־זארגט, אז זייערע שטעדט זאלען זיין בעציערט מיט די שעהנסטע טעמפלען, מיט די פיינסטע געביידעס, מיט די וואונדערבארסטע סטא־

טוען, מיט די שעהנסטע בילדער. איז עס אַ וואונדער, אַז אין אַזאַ לאַנד זיינען אויסגעוואַקסען אַזוי פיעל זשעניאַלע פּאָעטען, אַזעלכע בעריהמטע היסטאָריקער, די גרעסטע דראַמאַטורגען פון דער וועלט, די ערשטע סקולפּטאָרען. די געטליכע פילאָזאָפען פּיטאַגאָראַס, סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעל און הונדערטע אַנדערע, וועמעס גייסט הערשט נאָך ביז יעצט איבער אַלע דענקענדע מענשען, און וועלכע האָבען געלעגט די ערשטע פונדאַמענט־שטיינער פון יעדער וויסענשאַפט, וואָס איז יעצט אַזוי מעכטיג און רייך. דער גריך אין אַלט־גריכענלאַנד האָט געהאַט אַלע מיטלען צו קריגען קענטניס, צו בילדען זיין גייסט, צו ענטוויקלען זיינע עסטעטישע געפיהלע, צו מאַכען שטאַרק זיין קערפּער, צו מאַכען ערהאַבען זיינע אידעאַלען און שטרעבונגען.

אָבער ניט נור מיט *ערהאַבענע אידעאַלען* האָט דער אַלטער גריך געלעבט, ער איז געווען געשיקט, בראַוו און האָט געהאַט אַן אונטערנעהמונגס גייסט. די וואַסערען, וועלכע האָבען ארומגערינגעלט זיין לאַנד האָבען איהם געוויזען וועגען צו אַנדערע לענדער. ער איז פון אַ לאַנד אַרבייטער געוואָרען אַ קאָלאָניזאַטאָר. ער האָט בעהערשט אַלע אינזלען לעבען איטאַליען און לעבען אַזיען, איז אַריבערגעשוואומען דעם שווארצען מעער, האָט געגרינדעט קאָלאָניעס, דאָרט וואו איצט איז אַדעס, אַקערמאַן, קרים, איז געווען לעבען דניעפּר און דניעסטער, האָט דערצעהלט וואָס ער האָט געזעהן און פערשריבען ווי אַזוי די אונציוויליזירטע וועלט האָט דאַמאָלט געלעבט אויף דער וועלט. זיי זיינען געווען די גרעסטע קאָלאָניזאַטאָרס אין זייער צייט, זיי זיינען אויך געווען די גרעסטע היסטאָריקער.

אַלט גריכענלאַנד איז געווען די מוטער פון אונזער ציוויליזאַציאָן: זי האָט אונז איבערגעלאָזט אַ רייכע ירושה, זי האָט פאַר אונז געעפענט די טהירען צום פילאָזאָפישען דענקען, צו נאַטור־וויסענשאַפט, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, פּאָעזי, דראַמאַ, אַרכיטעקטור, סקולפּטור און מעדיצין. דיעזע אַלטע מוטער איז לאַנג געשטאָרבען, אָבער האָבען איהר בילד פאַר די אויגען דאַרף יעדער דאַנקבאַרער און דענקענדען מענש.

2.

אלט גריכענלאנד איז געווען צוטיילט אויף פיעלע קליינע שטאאטען, וואו אם מייסטען האבען געהערשט די פרינציפען פון דעמאקראטיזמוס. ליידער האבען די גריכען, אזוי ווי אלע פעלקער, זעהר אפט געמוזט שווער קעמפפען פאר זייער אונאבהענגיגקייט און פרייהייט. א בלוטיגער קאמפף איז שטענדיג געפיהרט געווארען צווישען די בעזונדערע שטאאטען, וועגען דעם ווער געהער דער כבוד געדעכענט צו ווערען פאר דעם ערשטען שטאאט אין גריכענלאנד, פאר דעם פארשטעהער פון גאנצען פאלק. דאס האט געפיהרט צו מלחמות און קריעג צווישען איינע פון די גריכישע שטאאטען מיט די אנדערע. אבער נאך ערגער איז געווען דאס, וואס אין די שטאאטען גופא, האבען זיך געבילדעט פערשיעדענע קלאסען, וועלכע האבען געקעמפפט איינע מיט די אנדערע. ביי זיך אין דער היים, איז ניט געווען קיין שלום. דער „דעמאס", דאס הייסט: דאס פאלק האט געהאט אייגענע, אינערליכע פיינדע, מיט וועלכע ער האט געדארפט פיעל קעמפפען פאר זיינע רעכטע און זיין פרייהייט. עס האט זיך מיט קליינע אונטערברעכונגען כמעט שטענדיג געצויגען א קריעג אין דרויסען און ביי זיך אין דער היים. און דיעזע קריעג, מחלוקות און קלאסענקעמפפע האבען ענדליך אויסערוועהלט דעם אונטערגאנג און ניעדערפאל פון גריכענלאנד.

דער „דעמאס" האט בעקעמפפט די אריסטאקראטי פון לאנד; די אריסטאקראטי ווידער פלעגט בעזיעגען א „דעמאגאג", איינעם פון די אריסטאקראטי, וועלכער איז צוליעב וועלכער עס איז אורזאכע ניט צופריעדען מיט זיין קלאס. דיעזער דעמאגאג פלעגט מיט דער הילפע פון פאלק אבנעהמען ביי דער אריסטאקראטי די מאכט און פלעגט אליין ווערען א הערשער געגען דעם ווילען פון פאלק. דיעזע אוזורפאטארס האבען זיך גערופען טיראנען. טיראן הייסט אין גריכיש א הערר. דאס ווארט „טיראן" איז געווארען א שענדליכער נאמען נור דאן, ווען דאס פאלק האט זיך בעקאנט געמאכט מיט דער גרויזאמקייט און די ניעדערטרעכטיגקייט פון די הערשער. געגען דיעזע טיראנען פלעגט ענדליך אויפשטעהן דאס פאלק און אויף א לאנגע צייט פלעגען הערשען אין לאנד די דעמאקראטישע פרינציפען פון גערעכ-

טיגקייט און פּאָליטישע גלייכהייט. מיט איין וואָרט אין גריכענלאַנד איז פאָרגעקומען דערזעלבער היסטאָרישער פּראָצעס ווי אין אנדערע לענדער: די אַריסטאָקראַטיע האָט אונטערדריקט די דעמאָקראַטיע: די טיראַניי האָט אונטערוואָרפען אונטער זיך די אַריסטאָקראַטיע און ענדליך האָט די דעמאָקראַטיע בעזיעגט די טיראַניי. (וועבערס אַלגע־מיינע געשיכטע).

די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך געבילדעט הויפּטזעכליך פון רייכע לאַנד־בעזיצער. אין די ערשטע פּאַטריאַרכאַלע צייטען איז ניט געוועזען קיין גרויסער אונטערשיעד צווישען די גוטבעזיצער און זייערע אַר־בייטער, פּאַסטוכער און בויערן. פון האַנדלען מיט סחורות, פון געלד אַלס אַ פערמיטלער אין אָבוועקסלונג מיט פּראָדוקטען האָט מען ניט געוואוסט. אַלע בעדירפניסע האָבען די גריכען בעפריעדיגט דורך אייגענע היימישע מיטלען. די פּראָסטע מענשען האָבען געאַרבייט און די „הערען״ האָבען זיי בעזאָרגט מיט אַלעם נויטיגעס, האָבען גע־צאָהלט פאַר זיי צינזען און בעשיצט זיי פון פרעמדע שונאים. די אַריסטאָקראַטען זיינען געווען די אנשי מלחמה, זיי זיינען אויך געווען די איינציגע, וואָס האָבען געהאַט צייט צו לערנען און בילדען זיך.

ווי אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען דער האַנדעל, געלד איז ערשיענען, נייע קאָלאָניעס האָבען זיך געגרינדעט אויף פער־שיעדענע אינזלען, — האָט זיך באַלד געבילדעט אַ דריטער קלאַס מענשען: קויפלייטע, הענדלער, שיפער, מאַטראָזען. דיעזע מענשען האָבען זיך בעזעצט ביי די ברעגען פון ים, און פיעל שטעדט זיינען אויסגעוואַקסען. די פּאַטריאַרכאַלע פאָרמען האָבען זיך איבערגעביטען, נייע בעדערפניסע זיינען ארויסגערופען געוואָרען אין לעבען, נייע מענ־שען זיינען געקומען, וועלכע האָבען געזוכט צו רעפאָרמירען די אַלטע פאָרמען פון סאָציאַלען לעבען. אין אָנפאַנג זיינען די אַריסטאָקראַטען געווען צופריעדען מיט דעם, וואָס נייע קאָלאָניען האָבען זיך געגרינ־דעט. ערשטענס האָט מען איהם געקענט אוועקשיקען די אונרוהיגע פּראָטעסטאַנטען, די אַלע עלעמענטען, וועלכע האָבען געשטרעבט צו אומענדערען דאָס לעבען פון דער אַלטער געזעלשאַפט. צווייטענס, האָבען זיי דורך זיי געקראָגען נייע מערק, וואו זיי האָבען געקענט פערקויפען די פּראָדוקטען פון זייערע פּלאַנטאַציעס. עס איז שוין אָבער געווען שפּעט, ווען די אַריסטאָקראַטען האָבען זיך געכאַפּט, אז

פון די קאָלאָניען קומט זייער מפּלה. אין די ניי־געגרינדעטע קאָלאָניען האָבען זיך געקענט פריי אויסארבייטען אַנדערע פּאָליטישע און סאָ־ציאַלע פאָרמען; אונאבהענגיגע, זעלבשטענדיגע עלעמענטען האָבען זיך ענטוויקעלט, עלעמענטען, וועלכע האָבען געקענט ניט נור קעמפ־פען, נאָר אויך בעזיעגען די העכערע הערשענדע קלאַסען. יעדער גרי־כישער שטאַאט איז נור דאַן געוועזען מעכטיג, נור דאַן האָט ער בעזיעגט זיינע פיינדע, נור דאַן האָבען דאָרט געבילדעט די וויסענשאַפט, קונסט און פּאָעזי, ווען דאָס פאָלק האָט אליין געהערשט איבער זיך. און אַטהען איז געוועזען דערפאַר דער ערשטער שטאַאט אין גריכענלאַנד, ווייל דאָרט האָבען מעכטיגער ווי אירגענד וואו געהערשט די פּרינציפּען פון דער־מאָקראַטיזמוס.

זיין די ערשטע אין גריכענלאַנד האָט אויך געוואָלט ספּאַרטא. די אַריסטאָקראַטען פון אַטהען זיינען ווי פּערדעטהער געגאַנגען צו הילפע צו די הערשער און אוזורפּאַטאָרס פון ספּאַרטא און פון אַנדע־רע גריכישע שטאַאטען. אונענדליכע מלחמות, קריעג און מחלוקות, אינערע אונאָרדנונגען, פערפאָלגונגען פון אַזיאַטישע הערשער האָבען אָבגעשוואַכט די גריכען; האַנדעלס־לייט און מענשען וואָס ווילען נאָר לעבען אַ גוטען טאָג, האָבען פערנומען דעם פּלאַץ פון די אַמאָליגע וואהרע פּאַטריאָטען, פאָלקס־קעמפּפער און העלדען; פערשיעדענע פּאַרטייען און קלאַסען האָבען געריסען גריכענלאַנד אויף שטיקער. דער־מיט האָט זיך בענוצט דער פעהיגער און חיטרער קעניג פון מאַקעדאָ־ניען, פיליפּ. מיט אינטריגען, מיט רמאות, מיט דעם וואָס ער האָט אונטערגעקויפט די טיראַנען און פיהרער פון פיעלע גריכישע לענדער און מיט זעהר קלוג־געפיהרטע מלחמות, איז איהם געלונגען איינצו־נעהמען גאַנץ גריכענלאַנד, פעראייניגען אַלע שטאַאטען און אונטער־ווארפען זיי אונטער דער מאַכט פון אַזאַ קליין לאַנד ווי מאַקעדאָניען. דאָס איז געשעהן בייגאַהע 338 יאָהר פאַר כריסטוס.

3.

אַלט־גריכענלאַנד האָט אָבגעלעבט איהר אייגענעם פּאָליטישען לעבען. זי איז געשטאָרבען ביי זיך אין דער היים און די מעכטיגע היס־

טאַרישע געזעטצע האָבען איהר בעפוילען צו געהן און בעזיעגען די גאַנצע וועלט. מאַקעדאָניען, א קליינע, יונגע קעניגרייך, וועלכע האָט פריהער אויך גענעהרט זיך מיט דער גריכישער ליטעראַטור און וויסענשאַפט, — מאַקעדאָניען האָט איינגעשלונגען גאַנץ גריכענלאַנד, אום צו פערשפרייטען די גריכישע ציוויליזאַציאָן איבער דער גאַנצער וועלט.

דעם קעניג פיליפ׳ס זוהן, דער וועלט בעריהמטער פעלדהערר און העלד אלכסנדר מוקדון, האָט איינגענומען כמעט די גאַנצע וועלט.. אָבער ניט ער, ניט זיינע גריכישע סאָלדאַטען זיינען געווען די זיעגער. מיט אלכסנדר מוקדון איז געגאַנגען דער ריכטיגער וועלט-בעזיעגער, מיט איהם איז געגאַנגען זיין גרויסער לעהרער אַריסטאָטעל. ניט די גריכישע געוועהר, די גריכישע ציוויליזאַציאָן האָט בעזיעגט די וועלט. אין אזיען, אין מצרים, אומעדום וואו אלכסנדר׳ס ארמיי האָט מאַרשירט, האָבען אויך מאַרשטירט די גריכישע פילאָזאָפי און פּאָעזי. די העלעניזמוס האָט געמאַכט דעם גרעסטען איינדרוק אויף דער גאַנצער וועלט, די גריכישע שפּראַך איז געוואָרען די ליטעראַרישע שפּראַך פון אלע פעלקער. זאָגאַר די אָבגעזאָנדערטע אידען האָבען אָנגעהויבען צו לערנען די גריכישע תורה; גריכישע נעמען און גריכישע טערמינען געהען אַריבער אין דער אידישער ליטעראַטור און אין אידישען לעבען. פון אלכסנדר׳ען מיט זיינע גענעראַלען, מיט זיינע זיעגען, בלייבט נור אַן אָנדענקעניס, און גריכישע פילאָזאָפישע שוהלען גרינדען זיך אין דער גאַנצער וועלט. גריכענלאַנד לעבט ניט מעהר אין דער היים, זי לעבט אין דער גרויסער וועלט. דער צענטער פון גריכישע ציוויליזאַציאָן טראָגט זיך אַריבער קיין עגיפּטען, דעם פּלאַץ פון דער בעריהמטער שטאָט אטהען פערנעהמט די אויפבליהענדע שטאָט אלעקסאַנדריע. דאָ הערט מען די פּאָרטרעגע פון פילאָזאָפען אויף די אָפענע פּלעטצער, דאָ הערט מען דעקלאַמאַציאָנען פון גריכישע פּאָעטען, דאָ גרינדען זיך די גרעסטע ביבליאָטעקען אין דער וועלט.

דאָס גרויסע קעניגרייך פון אלכסנדר מוקדון, וועלכעס צופאַלט זיך נאָך זיין טויט אויף פיער גרויסע שטאַאטען, ווערט ענדליך איינגענומען פון די מעכטיגע און זיעגרייכע רוימער. די עגאָאיסטישע רוימער אנערקענען דעם פּראַכט און גלאַנץ פון דער גריכישער ציוויליזאַציאָן, אָבער געפינען, אז דער איינציגער פּלאַץ פאַר איהר איז דער גרויסער

רוים. זיי רואינירען גאָר אין גאַנצען דאָס אַלטע גריכענלאַנד, פיהרען אריבער קיין רוים די גריכישע פילאָזאָפען און פּאָעטען, טראָגען אריבער קיין רוים איהרע שעהנסטע סטאַטוען און פּראָדוקטען פון דער קונסט, נעהמען איבער ביי די גריכען זייערע געטער און זייערע לעגענדען, און שטאָלצירען דערמיט, וואָס זיי זיינען איצט די ערשטע ציוויליזירטע נאַציאָן און דאָס אַלע איבריגע פעלקער זיינען באַרבאַרען.

אין דיעזער היסטאָרישער עפּאָכע איז זעהר טרויריג די לאַגע פון גריכענלאַנד. איהרע רייכע פּאָרט־שטעט שטעהען פּעראָרעמט, איהרע בליהענדע אינזלען — איינזאַם און טויט, די שעהנע טעמפּלען — פּוסט, די פּרעכטיגע געביידען ווערען רואינירט, די פערבליבענע פילאָזאָפישע שולען האָבען וועניג תלמידים, די פּאָרומס און די פּלעצער וואו עס זיינען פּאָרגעקומען פערזאַמלונגען און שפּיעלען, זיינען מיינסטענס לעער. די גריכען האָבען זיך צוזעעט און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אין אַלע רוימישע פּראָווינצען און ניי־עראָבערטע לענדער בעזעטצען זיי זיך אין איין צייט מיט די אידען, וועלכע ווערען אויך צו דער זעלבער צייט צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. די גריכען, וועלכע זיינען נאָר עד היום בעקאַנט אַלס די ערגסטע אידען־פיינד, האָבען געפיהלט א שנאה געגען אידען נאָך אין יענע אַלטע צייטען. עס איז געווען ניט נור דערפאַר, וואָס די אידען זיינען געווען זייערע געפעהרליכע קאָנקורענטען אין דער קאָמערציאַלער וועלט, — עס איז געווען אויך דערפאַר, וואָס די אידישע ציוויליזאַציאָן איז געווען דער געפעהרליכסטער פיינד און געגנער פון דער גריכישער ציוויליזאַציאָן. די אידען האָבען מיט פעראַכטונג בעטראַכט זייערע „מענשישע געטער”, זייערע טהעאַטערע, זייערע „זינדיגע” שטרעבונגען צום לעבען. די גריכישע ציוויליזאַציאָן האָט געזוכט וואָס העכער צו שטעלען דעם מענשען און ווי מעגליך מאַכען איהם גרעסער; די אידישע, פערקעהרט, האָט געצוואונגען צו שטעלען דעם מענשען וואָס ניעדריגער און ווי מעגליך מאַכען איהם קלענער. די גריכען האָבען געזאָגט: דער מענש דאַרף אַלעס; דער איד האָט געזאָגט. דער מענש דאַרף גאָר נישט...

אין אַלעקסאַנדריע, און אין די אַלע שטעט פון פּאַלעסטינע, וואו די גריכען האָבען געוואוינט, פלעגען זעהר אָפט אויסברעכען בלוטיגע

שטרייטען צווישען די גריכען און די אידען. דאמאלס זיינען די אידען ניט געווען אזעלכע אנגעשראקענע, שוואכע און הילפלאזע מענשען, ווי איצט — זיי פלעגען בעגעגנען זייערע פיינד מיט געוועהר אין האנד. דאך האבען די אידען געהאט פיעל צרות פון די גריכען און פיעלע קרבנות זיינען געפאלען אויף דעם מזבח פון דיעזען מענשען-האס, די גריכען האט זיך דאמאלס נאך ניט גע'חלומ'ט אפילו אז עס ועט קומען אן אידעל, וועלכער וועט מאכען א תל פון דאס אלטע גריכענ-לאנד, וועט בעזיעגען זייער ציוויליזאציאן, וועט פערניכטען זייערע פילאזאפישע שוהלען און אלע מאנומענטען דער קונסט. זיי האט זיך ניט גע'חלומ'ט, אז עס איז בעשערט אז זיי אליין, מיט זייער רייכער גריכישער שפראך, זאלען העלפען דעם אידעל בעזיעגען די גאנצע וועלט.

די אידישע זיעבציג זקנים, וועלכע האבען איבערגעזעצט די אי-דישע תורה אויף דער גריכישער שפראך, האבען געגעבען דעם ערשטען שטויס דער גריכישער ציוויליזאציאן, האבען פארבערייטעט די היידען-וועלט פאר די אידעען פון די אידישע וועלט אנשויאונגען און האבען געמאכט א וועג פאר דעם אידישען טישלער, וועלכער איז געקומען און האט בעזיעגט די גאנצע וועלט, האט אויסגעמעקט פון אלעמענ'ס זכרון דעם רוהם פון דער אלט-גריכישער וועלט. זיינע תלמידים זיינען געקומען אין גריכענלאנד, האבען געזאגט מוסר, דארט וואו די פילאזא-פען האבען געהאלטען זייערע לעקציאנען; האבען ארונטערגעשמיסען די שטאלצע געטער פון זייערע פיעדעסטאלען און האבען פון זייערע מוטהיגע קאנקורענטען געמאכט שוואכע, אונמוטהיגע בעלי תשובות.

דאס קריסטענטהום האט זעהר ערניעדריגט גריכענלאנד, דאס זעלבע קריסטענטהום האט אבער אויך געהאלפען, גריכענלאנד אויפ-לעבען אין אן אנדער פארמע. נאך פיעלע יאהרען אין וועלכע גריכענ-לאנד האט זיך געוואלגערט אין שטויב און אין אש, נאך דעם אלע-מען וואס זי איז אויסגעשטאנען פון די פאנאטישע אנהענגער פון דעם נייעם גלויבען, איז איהר ווידער אנגעקומען די עהרע צו שפיעלען א וויכטיגע ראלע אין דער וועלט געשיכטע. — עס איז ערשיענען די וויזאנטישע אימפעריע. דאס גרויסע רוימישע קעניגרייך האט זיך צושפאלטען אויף צוויי טהייל, צוזאמען מיט איהר האט זיך אויך צו-שפאלטען די כריסטליכע קירכע, און אין גריכענלאנד איז אויפגעבויט

געוואָרען א נייער גריכישער שטאאט — וויזאנטיע. דער אימפּעראַ־טאָר קאָנסטאַנטין און זיינע נאָכפאָלגער האָבען געגרינדעט א ניי רייך. קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט פערנומען דעם פּלאָץ פון רוים אין פּאָליטישען זינן, דעם פּלאַץ פון ירושלים אין רעליגיעזען זינן, און דעם פּלאַטץ פון אטהען, אלס צענטער פון וויסענשאַפט און ליטעראַטור.

די ערשטע צייטען איז די וויזאנטישע אימפּעריע געווען זעהר מעכ־טיג, אָבער דאָס אַלטע גריכענלאנד האָט שוין קיין מאָל מעהר ניט אויפגעבליהט. די אַלטע גריכישע שפּראך איז געוואָרען א זשארגאָן פון גריכיש־מאַקעדאָניש, קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט נאָך מעהר פערשטארקט דעם טריאומף פון דעם אידישען טישלערס וועלט אנשויאונג און האָט אין גאנצען אויסגעראָטט אַלעס, וואָס האָט געקענט דערמאָנען אָן די אַלטע „קלאַסישע" יאָהרען. א קרייץ, א הילצערנעם הייליג בילד האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון די קינסטלערישע סטאַטועו פון אפּאלאָן און ווענוס. קירכען־שריפטען האָבען פערנומען דעם פּלאַץ פון פילאָ־זאָפישע טראַקטאטען. ווענינ גוטע טעג האָט דאָס נייע אויפגעלעבטע גריכענלאנד געזעהן. פריהער האָט זי געליטען פון דעם קאמפף, וועל־כער האָט זיך געפיהרט אין לאנד צווישען די היידען און קריסטען. נאָכדעם האָט זיך געצויגען אָן אונענדליכער שטרייט צווישען ער־שיעדענע קריסטליכע סעקטען, נאָכדעם האָט זי געליטען פון פרעמדע שונאים. די ווילדע גאָטהען האָבען זי געפּלינדערט, די טעמפּעלהעררען מיט די קרייציגער האָבען זי געריבט, סלאַווישע פעלקער האָבען איהר פיעל צרות אָנגעטאָן. ביז ענדליך האָט זיך א שווארצער וואָלקען פער־צויגען איבער גאנץ מזרח זייט פון אייראָפּא און די וויזאנטישע אימ־פּעריע איז אריינגעפאלען אין די הענד פון די טאפּפערע און גרויזאַמע טערקען. אויף דעם פּלאַץ פונ'ם קרייץ האָט זיך ערהויבען די האַלבע לבנה און אנשטאָט דער וויזאנטישער אימפּעריע איז געגרינדעט גע־וואָרען דאָס אטאמאנישע קעניגרייך.

4.

קאָנסטאנטינאָפּאָל איז געפאלען אין 1453 יאָהר. דער הערשער פון די טערקען, אָטאמאן, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט בעזיעגט

די וויזאַנטישע איםפּעראַטאָרען. זיינע נאָכפאָלגער סוליימאַן און אמוראט האָבען ביסלעכוויז איינגענומען וויזאַנטיע, ביז אמוראטען איז געלונגען צונעהמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דאָס אטאַמאַנישע קעניגרייך איז ערשיענען. פון דער צייט אָן איז גריכענלאַנד אין גאַנצען אַראָבגעפאלען און אונטערדריקט געוואָרען. מען האָט אין אייראָפּאַ געהערט פון גריכענלאַנד נאָר ווען עס פלעגען אָנקומען שפּעטיגע נאַכריכטען וועגען דעם, ווי די מאחאמעדאַנער אונטערדריקען זיי, הרגנען זיי אוים טויזענדערוויז, בערויבען זיי, טרייבען זיי ארוים פון זייערע שטעט און דערפער, צווינגען זיי צו ענטזאגען זיך פון זייער גלויבען. ביז'ן אכטצעהנטען יאָהר הונדערט האָט זיך אזוי געצויגען דער ביטערער לעבען פון די גריכען, זיי זיינען געוועזן פערשמידט אין די קייטען פון שקלאַפעריי, זיי האָבען געטראָגען אויף זיך אַ שווערען יאָך פון אַ באַרבאַרישער מאַכט, זיי זיינען געוועזן אונטערדריקט און פערפאָלגט. דאָס אטאַמאַנישע קעניגרייך איז געוועזן זעהר שטאַרק און די אייראָפּייאישע מעכטע האָבען מורא געהאט אָנצונעהמען זיך פאַר די גריכען.

אין 1711 יאָהר האָט דער רוסישער קייזער פּעטער זיך געוואָלט אָננעהמען פאַר די גריכען, אָבער די טערקען האָבען איהם בעזיעגט. יעקאַטערינאַ די צווייטע האָט אונטער דעם איינפלוס פון וואָלטער'ן בעשלאָסען צו בעפרייען גריכענלאַנד און זי האָט געשיקט דעם רוסישען פלאָט קיין באָספאָר. אויך דיעזע עקספּעדיציע האָט זיך געענדיגט מיט גאָר נישט. רוסלאַנד'ס סימפּאַטי צו די גריכען איז ניט שטאַרק געפעלען געוועזן די אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער, וועלכע האָבען פערשטאַנען דאָס רוסלאַנד וויל געהן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ניט צוליעב די גריכען, נאָר צוליעב זיך, און זיי האָבען איהר געשטערט. די גריכען האָבען געשמאַכטעט אונטער זייער שווערען יאָך, מיט געדולד, אָהן אַ שום פּראָטעסט ביז דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. דיעזע גרויסע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט איינגעהויכט אַ נשמה פון לעבען אין אַלע טויטע, וועלכע האָט אויפגעוועקט אַלע פערשקלאַפטע, דיעזע רעוואָלוציאָן האָט אויך אויפגעמונטערט די אונטערדריקטע, ניעדערגעשלאָגענע גריכען. געהיימע פּאָליטישע געזעלשאַפטען האָבען זיך געגרינדעט אין פיעלע פלעצער און די שקלאַפען האָבען זיך אָנגעהויבען פּאָרצובערייטען צום קאַמפף.

אין 1821 יאָהר זיינען די גריכען אָפען ארויסגעטראָטען געגען זייערע אונטערדריקער. זיי האָבען זיך געשלאָגען ווי העלדען, האָבען ערקלערט זייער לאנד פאר א פרייע רעפובליק און אַלס פרעזידענט איז אויסערוועהלט געוואָרען איינער פון די פאגאריאטס (קעמפפער פאר פרייהייט) מאווראָקאָרדאטאס. עס האָבען זיך אָבער באלד גע־פונען אנדערע פארטייען, וועלכע זיינען ניט געווען צופריעדען מיט דעם פרעזידענט און די גריכען האָבען אָנגעפאנגען א בלוטיגען שטרייט צווישען זיך אליין. עס האָט אָבער ניט לאנג געדויערט און די אמת'ע פאטריאָטען האָבען ווידער פעראייניגט אלע קרעפטע צו קעמפפען געגען די מאהאמעדאנער. דער קאמפף איז געווען געפיהרט מיט גרויס בריהשקייט און האָט געדויערט ביז 1827טען יאָהר, ווען ענגלאנד איז אָפען ארוים גריכענלאנד צו הילפע.

דען אָכצעהנטען יאנואר 1828 יאָהר איז אויסערוועהלט געוואָרען צום פרעזידענט פון גריכענלאנד אויף זיעבען יאָהר, א געוויסער קאפאָ־דיסטריאס, וועלכער האָט פריהער געדיענט אין רוסלאנד. קאפאָדיסט־ריאס האָט געהאלטען פאר רוסלאנד און האָט געוואָלט רעגיערען אין דער נייער, יונגער רעפובליק אויף'ן רוסישען שטייגער: מיט'ן קנוט און נאגאיקע. דאָס פאָלק איז אויפגעשטאנען געגען איהם, און דעם נײַנצעהנטען אָקטאָבער 1831 יאָהר ער ערמאָרדעט געוואָרען. דאן האָבען די אייראָפייעשע מעכטע ערקלערט, דאָס גריכענלאנד דארף ניט זיין קיין רעפובליק און האָבען זי געמאכט פאר א מאָנארכי. אלס קעניג האָבען זיי אָנגעשטעלט פרינץ אָטטאָ פון באווריען. די גריכען וועלכע האָבען אזוי בראוו געקעמפפט פאר זייער פאטערלאנד, וועלכע האָבען אזוי טייער בעצאָהלט פאר זייער פרייהייט, האָבען געמוזט אנשטאָט דעם טערקישען יאָך, טראָגען אויף זיך דעם יאָך פון א דייטשען פרינץ, וועלכער האָט פערפלייצט גריכענלאנד מיט באווריער דייטשען. די דייטשען זיינען געוואָרען די פאקטישע רעגיערער פון לאנד, און די וואהרע פאטריאָטען האָבען עס ניט געקענט ערדולדען. אין 1843 יאָהר האָט אויסגעבראָכען א רעוואָלוציאָן. אָטטאָ האָט זיך איבערגעשראָקען און האָט צוגעזאָגט צו זיין גוט און פרום; ער האָט אָבער זיינע פערשפרעכונגען ניט ערפילט און אין 1862 יאָהר האָט אויסגעבראָכען א נייע רעוואָלוציאָן און דער קעניג אָטטאָ איז אנט־לאָפען צוריק קיין באווריע. נאָך איהם איז געווען אויסערוועהלט אלס

קעניג פון גריכענלאנד דער פרינץ וויליאם פון שלעזוינג־האלשטיין, דער זוהן פון דעם דענעמארקער קעניג. ער האט אנגענומען דעם גריכיש־קאטוילישען גלויבען און איז אין 1863 יאהר, אונטער דעם נאמען געארג דער ערשטער, געווארען דער קעניג פון גריכענלאנד.

די היינטיגע גריכען זיינען זעהר וויים פון די אלטע גריכען. זייער שפראך איז געגען דער קלאסישער אלטער שפראך, ווי אידיש־זשארגאן געגען דער שפראך פון געטהע און שילער. זיי האבען יעצט ניט קיין גרויסע פילאזאפען, קיין זשעניאלע פאעטען, קיין וועלט־בעריהמטע דראמאטורגען, קיין טאלאנטפאלע קינסטלער. הענדלער און קרעמער האבען פערנומען דעם פלאץ פון האמער'ן, סאפאקלען, פלאטא'ן, אריסטאטעלען! דער גריך אליין איז אפשר גאר קיין גריך ניט אין זיינע אדערן פליסט איצט אי טערקישע, אי אלבאנישע, אי מאקעדאנישע בלוט. דאך איז דער גריך זעהר שטאלץ מיט דער שעהנער פערגאנגענהייט פון זיין פאטערלאנד; ער היט אב, ווי די אויגען אין קאפ, אלץ וואס קען דיענען אלס סימן פון די פערגאנגענע בעריהמטע יאהרען. די הויפטשטאט פון גריכענלאנד איז ווידער די בעריהמטע אטהען. איינינע אלטע טעמפלען און געביידעס זיינען טהיילווייז נאך געבליבען, פיעלע נייע געביידעס, מייסטענס אין דעם אלטען סטיל, זיינען אויפגעבויט געווארען. זיי האבען ווידער אן אקראפאלים (סיטי האל) ווי פערצייטען, האבען א אוניווערזיטעט אין אטהען, א וויסענשאפטליכע אקאדעמי, א נאציאנאלע־ביבליאטעק, האבען צייטונגען און זשורנאלען, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען אין דער ניי־גריכישער שפראך און האבען גוטע האפנונגען זיך צו ענטוויקלען און גענצליך זיך צו בעפרייען. עלעקטריק־„קארס" און סטים־„קארס" לויפען אום דארט, וואו אמאל איז געווען דער יאגד־פלאטץ פון דער געטין דיאנע, און וואו אמאל האבען די גרויסע אראטארס און פאעטען גערעדט און געזונגען צום פאלק און פאר'ן פאלק. מיט פערגניגען קוקען זיך די גריכען ארום צוריק, אבער ווי זיס עס זאל זיי ניט זיין זייער ארומקוקען זיך צוריק, זיי וועלען דאך מוזען, זיי וועלען געצוואונגען זיין צו געהן פארווערטס... די פערגאנגענהייט איז נור גוט דערמיט, וואס זי לערענט ווי צו געהן פארווערטס...